STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04040

GESHIKHTE FUN DER MAYREV-EYROPEYISHER LITERATUR

V. M. Friche

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דעם פאָרזיצער פון [illegible]

„מאָרגן-פרייהייט" פרעס-קאָמיטעט

מיסטער קאָרטשאָווסקי – [illegible]

פאַר דער גוטער [illegible] אין [illegible]

אין דעם [illegible] פון 1944

[illegible] פאַר דער „מאָרגן-פרייהייט"

[illegible]

פאַר דער „מאָרגן-פרייהייט" [illegible]

געשיכטע פון דער מערב-אייראָפּעישער ליטעראַטור

ל. בוגעלמאַן

„מאָרגן-פרייהייט" [illegible], ראָטשעסטער

ניו יאָרק

ו. מ. פריטשע

געשיכטע פון דער מערב=אייראפעאישער ליטעראטור

מיט 25 בילדער

יידיש: ד. ב. מאלקין

פארלאג „קולטור=ליגע“,ווארשע

Printed in Poland

W. M. Frycze — Dzieje literatury zachodnio-europejskiej

Spółdz. Wydawn. „Kultur-Liga"
Warszawa, 1931

געדרוקט אין 1000 עקזעמפּלאַרן

Druk. Sz. Sikora i I. Milner
Warszawa, Nowolipki 6

אַ ר יי נ פ י ר

אין דער לעצטער צייט באַמערקט זיך, סיי אין מערב־אייראָפּע, סיי אויך ביי אונז אין רוסלאַנד, אַן עקשנותדיקע שטרעבונג צו שטודירן ליטעראַרישע ווערק אין ריכטונגען מחוץ פון זייערע געזעלשאַפטלעכע ראַמען, אין וועלכע זיי זענען אַנטשטאַנען און האָבן זיך אַנטוויקלט. ווערק פון קינסטלערישער שאַפונג ווערן באַטראַכט און אָפּגעשאַצט אומאָפּהענגיק פון דער סאָציאַלער סביבה, וועלכע האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט איר חותם, און פון די סאָציאַלע כּוחות, וועלכע האָבן זיך מיט זיי באַנוצט, ווי מיט קאַמף־כּלי־זין. געוויסע פאָרשער (די פילאָלאָגן) קאָנצענטרירן זייער אויפמערקזאַמקייט, הויפּטזאַכלעך, אויף דער צונויפזאַמלונג פון פאַקטישן מאַטעריאַל, אויף דער פאַרעפנטלעכונג פון מאַנוסקריפּטן, אויף דער ריין ווערטלעכער אויסטייטשונג פון די טעקסטן — און אין בעסטן פאַל פּרוּוון זיי אויפקלערן די ליטעראַרישע ווירקונג פון איין שרייבער אויפן אַנדערן, פון איין ריכטונג אויף דער אַנדערער. אַנדערע, ווידער, (די עסטעטן־מאָדערניסטן) שטרעבן צו דערפירן די ליטעראַטור־געשיכטע צו אַ פּשוטער גאַלעריע פון שרייבער־פּאָרטרעטן, באַגרעניצנדיק זיך דערביי אויסשליסלעך מיט אַן עסטעטישן אַנאַליז פון זייערע ווערק און באַמיענדיק זיך באַצומאַכן זייער קינסטלערישע מאַניער.

אין בּיידע פאַלן באַטראַכטן די פאָרשער זייער קעגנשטאַנד גיכער פון אַ פאָרמעלן, איידער פון אַ רעאַלן שטאַנדפּונקט. און אונטער די אומבאַוועגלעכע און פאַרגליווערטע ווערטער און בילדער זעען זיי נישט יענץ לעבעדיקע לעבן, וואָס איז פול מיט סתּירות און קאַמף, דאָס לעבן, וואָס האָט אויף דער וועלט געבראַכט די דאָזיקע ווערטער און בילדער.

אַזאַ מין פילאָלאָגישע און עסטעטישע באַציאונג צו דער ליטעראַטור-געשיכטע קומט שטאַרק צונוץ די הערשנדיקע קלאַסן, ווייל זי ווערט אַזויאַרום פאַרוואַנדלט אין אַ נישט-געפערלעכער רעגיסטראַציע פון אָפּגעזונדערטע ריין-ליטעראַרישע פאַקטן אָדער אין אַ ריי אומשולדיקע סקיצן פון דער פאָרטרעטן-מאָלעריי.

אין קעגנזאַץ צו דידאַקטיקע פאָרשער, וועלכע פאַסן-צו די וויסנשאַפט צו די באַדערפענישן פון די קאָמאַנדירנדיקע גרופעס, האַלטן מיר זיך ביי דער איבערצייגונג, אַז ליטעראַרישע ווערק און ריכטונגען זענען אויפן ענגסטן אופן פאַרבונדן מיטן סאָציאַל-עקאָנאָמישן לעבן פון די פעלקער, אַז זיי זענען-איבער דאָסדאָזיקע סאָציאַל-עקאָנאָמישע לעבן אויף אַ שפּראַך פון ספּעציעלע סימבאָלישע צייכנס, דאָס הייסט פון קינסטלערישע בילדער. מיט אַנדערע ווערטער, די ליטעראַרישע געשיכטע און די סאָציאַלע געשיכטע זענען בלויז צוויי זייטן פון איינאונדעמזעלבן פּראָצעס, נעמלעך: פונם קאַמף מיט די סטיכישע כּוחות פון דער נאַטור, וואָס עס פירט די מענטשלעכע געזעלשאַפט, וועלכע איז צעטיילט אויף קלאַסן, — און דעריבער ווערט די ערשטע פאַרשטענדלעך נאָר דאַן, ווען מ'שטודירט זי אין אַן ענגן צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנדערער.

אין קעגנזאַץ צום געוויינלעכן שטאַנדפּונקט, וועלכער טיילט די ליטעראַטור-געשיכטע אויף באַזונדערע פּעריאָדן אָפּהענגיק פון די פאָרמעלע באַזונדערקייטן פון די זיך-בייטנדיקע ליטעראַרישע ריכטונגען (כאָטש פּראַקטיש ווערט דידאָזיקע טיילונג נישט דערפירט ביזן סוף), האָבן מיר אייגעפונען פאַר ריכטיקער זי פונאַנדערצעטיילן אויף פּעריאָדן אָפּהענגיק פון דער הערשנדיקער פאָרם פון ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט.

די שטימונגען און אידעען און, ווייטער, די מעטאָדן פון דער קינסטלערישער שאַפונג פון מענטשן פון אַ באַשטימטער עפּאָכע הענגען קודם-כּל אָפּ פון דער דורך זיי דערגרייכטער הויך פון דער טעכנישער און עקאָנאָמישער קולטור, און זיי בייטן זיך, ווען די מענטשן גייען איבער צו אַ נייער פאָרם פון שאַפן די נויטיקע זאַכן צום לעבן, צו אַ נייעם מין עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן. דער מענטש, וועלכער האָט געלעבט אין די באַדינגונגען פון דער נאַטוראַלער ווירטשאַפט, ווען די ערד איז געווען דער הויפּט-מקור פון דער עקזיסטענץ, און די פּראָדוקטן זענען געשאַפן געוואָרן אויסשליסלעך

פאַרן אייגענעם געברויך, האָט געפּילט און געדענקט, און במילא אויך געשאַפן אַנדערש, ווי דער מענטש, וועלכער איז אַהערגעשטעלט געוואָרן אין דער סביבה פון דער פליבקער האַנדל-שטאָט מיט אַן אַנטוויקלטן אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל, און דער לעצטער, ווידער, פילט און דענקט און שאַפט אַנדערש, ווי דער מענטש פון דער עפּאָכע פון דער גרויסער אינדוסטריע, ווען סחורות ווערן פּראָדוצירט מאַסנהאַפט אויף אַ מאַשינאַלן וועג פאַר דעם אומענדלעך-גרויסן וועלט-מאַרק.

דאָסדאָזיקע טוישן זיך פון די קעגנזייטיקע פאָרמען פון דער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט איז דער ערשטער פאַקטאָר, מיט וועלכן מען מוז אומבאַדינגט זיך רעכענען ביי דער דערקלערונג פון אַ ליטעראַרישער עוואָלוציע, ווייל אָט-דער פאַקטאָר שאַפט יענע פּסיכאָלאָגישע באַזונדערקייטן, וועלכע זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע מענטשן פון דער באַטרעפנדיקער עפּאָכע, און וועלכע שיידן אונטער זייער אינערלעכע וועלט און זייערע שאַפונגס-מעטאָדן פון די מענטשן פון אַנדערע עפּאָכעס און אַזויאַרום ווערט דאָס טוישן זיך פון די ווירטשאַפטלעכע פאָרמען איינע פון די סיבות, וועלכע זענען גורם צו דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון די ליטעראַרישע ריכטונגען און סטילן.

אָבער אויך אין די ראַמען פון איינאונדעמזעלבן עקאָנאָמישן סיסטעם צייכנט זיך אויס די ליטעראַטור מיט אַ פאַרשיידנאַרטיקייט פון די אין איר פאַראייביקטע אידעען און בילדער, דאָס איז דערפאַר, ווייל אין דער אויסבילדונג פון דעם סיסטעם באַטייליקן זיך און עס באַנוצן זיך מיט אים לטובת זייערע אינטערעסן די סאַמע פאַרשיידנסטע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט. ביי דער דערקלערונג פון ליטעראַרישע דערשיינונגען מוז מען אַחוץ מיט דעם עקאָנאָמישן פאַקטאָר, ד. ה. מיט דעם טוישן זיך פון די פּראָדוקציע-פאָרמען, זיך אויך רעכענען מיטן סאָציאַלן פאַקטאָר, ד. ה. מיטן קאַמף צווישן די קלאַסן. ביי אַזאַ סאָציאָלאָגישן מעטאָד פון באַטראַכטן ליטעראַטור ווערט זי אַפט פאַרוואַנדלט אין אַ באַשטאַנדטייל פון אַ מער ברייטערער וויסנשאַפט, נעמלעך: פון דער סאָציאַל-עקאָנאָמישער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

כאָטש ביים איבערגעבן דעם מאַטעריאַל איז אויסגעקומען צו שטרעבן צו אַ שטאַרקער בצימצומדיקייט, מיינען מיר, פונדעסטוועגן,

אַז דער גרונט-געדאַנק פון אונזער ווערק וועט אַרויסקומען גענוג קלאָר, געמלעך, אַז די ליטעראַרישע ריכטונגען, וועלכע פאַרבייטן אייגענע די אַנדערע, שטעלן מיט זיך פאָר נישט מער, ווי סימבאָלישע סימנים, וועלכע באַצייכענען אויף אַ ספּעציעלער שפּראַך דעם איבערגאַנג פון דער מענטשהייט פון איין פאָרם פון ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט צו אַ צווייטער, צו אַ העכערער פאָרם. דערדאָזיקער איבערגאַנג קומט פאָר ביי אַן אומאויפהערלעכן קאַמף פון די קלאַסן פאַר זייער עקזיסטענץ און מאַכט.

די עפּאָכע פֿון דער נאַטוראַלער ווירטשאַפֿט

I.

די תּקופֿה פֿון מיטלאַלטער איז באַקאַנט אין דער עקאָנאָמישער היגזיכט מיט דער הערשאַפֿט פֿון דער נאַטוראַלער ווירטשאַפֿט. פּראָדוקטן זענען געשאַפֿן געוואָרן כּמעט אויסשליסלעך פֿאַרן אייגענעם געברויך און נישט לשם אויסטויש. די ערד איז געווען דער הויפּט־מקור פֿון עקזיסטענץ פֿון די אייראָפּעאישע געזעלשאַפֿטן. די ערדאַרבעט איז געווען די הערשנדיקע פֿאָרם פֿון ווירטשאַפֿטלעכער טעטיקייט. דער מיטלאַלטערלעכער מענטש איז געווען פֿולשטענדיק אָפּהענגיק פֿון די סטיכישע כּוחות פֿון דער נאַטור. צו יעדער צייט האָט אַ טריקעניש אָדער אַ האָגל געקענט פֿאַרניכטן אַלע זיינע פֿאַרזייאונגען און צוזאַמען דערמיט זיין גאַנצן וואוילשטאַנד. די שטענדיקע אָפּהענגיקייט פֿון דער גרויזאַמער סטיכיע האָט אַרויסגערופֿן ביים מיטלאַלטערלעכן מענטש אַ געפֿיל פֿון גוואַלדיקער הילפֿלאָזיקייט, און דאָסדאָזיקע געפֿיל פֿלעגט זיך נאָך פֿאַרשטאַרקן אַ דאַנק די אָפֿטע אָנפֿאַלן פֿון פֿרעמדלענדישע שונאים, אַ דאַנק די אומאויפֿהערלעכע אינערלעכע בונטן און אַ דאַנק דער שליטה פֿון כּלערליי עפּידעמישע קראַנקהייטן. אָט אָ דאָס אַלץ פֿלעגט צווינגען דעם מיטלאַלטערלעכן מענטש, ער זאָל תּמיד ווענדן זיינע בליקן צו די הימלען. ער האָט דערוואַרט הילף נישט פֿון זיך אַליין, נישט פֿון זיין אייגענער דערפֿינדערישקייט און געשיקטקייט, נאָר פֿון אַ גאָטהייט און פֿון כּלערליי אַנדערע געהיימנישפֿולע יענעוועלטיקע כּוחות (פֿון דער בתולה מאַריא, פֿון די הייליקע א. א. וו.). ער האָט אויפֿריכטיק געגלויבט, אַז דער נאַטירלעכער גאַנג פֿון די געשעענישן קען געענדערט ווערן דורך אַן אַריינמישונג פֿון הימלישע ווילנס. ער האָט געלעבט פֿון קינדוויז אָן ביזן קבֿר אין אַן אַטמאָספֿער פֿון ניסים. אַ נס איז ביי אים אין די אויגן געווען עפּעס אַזאַ

פשוטע און נאַטירלעכע זאַך, ווי ביי אונז אַ נאַטור-געזעץ. דער נס פלעגט אויסהיילן דעם מיטלאַלטערלעכן מענטש פון אַ קרענק, פלעגט אים ראַטעווען פון אַ געפאַר, פלעגט אים אַרויספירן אויפן ריכטיקן וועג. דאָסדאָזיקע גלויבן אין נס זעט זיך אַרויס פון יעדער שורה אינם בוך פונעם ציסטערציאַנער מאָנאַך צ ע ז אַ ר ה י י ס ט ע ר ב אַ כ ע ר „שמועסן וועגן ניסים" (dialogi miraculorum), וואו עס איז אויפגעוויזן מיט אַ גאַנצער ריי ביישפילן די אַריינמישונג אינם מענטשלעכן לעבן פון אומדערגרייכבאַרע און אומבאַזיגבאַרע יענעוועלטיקע כוחות.

דערדאָזיקער גרונט-שטריך אין דער פסיכאָלאָגיע פונעם מיטלאַלטערלעכן מענטש, וועלכער איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך זיין הילפלאָזיקייט אינם קאַמף פאַר עקזיסטענץ, האָט זיך אויך אָפגעשפיגלט אין דער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור, צוגעבנדיק איר אַ לעגענדאַרן, וואונדערלעכן קאָלאָריט. די מלחמה-לעגענדע, די גייסטיק-מאָראַלישע פאָעמע, דער ריטערלעכער ראָמאַן — ווי פאַרשידנאַרטיק ס'זאָלן נישט זיין אָט די אַלע ליטעראַרישע זשאַנרען, איז פאַראַן ביי זיי איין געמיינזאַמער שטריך: די באַוועלטיקונג פונעם וואונדערלעך-פאַנטאַסטישן עלעמענט איבער דער נאַטירלעכער צוזאַמענקייטלונג פון געשעענישן, די אַריינמישונג פון פאַרקערפערטע און פאַרגעטלעכטע כוחות פון יענער וועלט אין געשעפטן פון ד ע ר וועלט. אין דער העלדן-לעגענדע וועגן ראָלאַנדן לאָזן זיך אַראָפ מלאכים פון הימל, כדי אַוועקצוטראָגן די נשמה פונעם געהרגעטן העלד אין די ליכטיקע טעמפלען פון גן-עדן אַריין, אָדער כדי צו וואָרענען דעם קעניג וועגן דער געפאַר, וואָס עס דראָט די קריסטן; און ווען מענטשן ווייסן נישט ווער ס'איז גערעכט און ווער ס'איז שולדיק, — אָרדנען זיי איין אַ „געטלעכן משפט" (אַ דועל), דייענדיק אַבסאָלוט זיכער, אַז גאָט וועט אַנטפלעקן דעם אמת, וועלכער איז פון זיי גופא פאַרבאָרגן. אין די ריטערלעכע ראָמאַנען קומען פאָר די סאַמע אומגלויבלעכע געשעענישן, וועלכע זעען אָבער אויס סיי פאַר די העלדן, סיי פאַר די לעזער, אַלס גאַנץ געוויינלעכע דערשיינונגען: דער ריטער שעפט אָן אַ ביסל וואַסער פון אַ פאָנטאַן און ס'הויבט זיך פלוצלינג אויף אַ הוראַגאַן (דער ראָמאַן וועגן דעם ריטער מיטן לייב), ער קומט צו פאָרן אין אַ געהיימנישפולן שלאָס און זעט, ווי די שאַך-פיגורן באַוועגן זיך אַליין פון איין אָרט אויפן אַנדערן אויפן שאַך-ברעטל (פערסיפאַל), ער טרינקט אויס אַ צויבערהאַפטן געטראַנק — און פלוצלינג פאַר-

ליבע ער זיך אין דער ערשטער פרוי, אויף וועלכער ער גיט אַ קוק (טריסטאַן און איזאָלדאַ). די גרעסטע פּאָעטישע שאַפונג פון דער מיטלאַלטערלעכער תקופה, „דאַנטעס געטלעכע קאָמעדיע“, איז אינגאַנצן געבויט אויף אַ נס: דער דיכטער וואָלט אויף אייביק פאַרזונקען אין זינד, ווען עס וואָלט נישט אַראָפּגעקומען פון הימל זיין געליבטע פון די קינדערישע יאָרן, בעאַטריטשע, און זי וואָלט נישט געבעטן דעם אייבערשטן... פון דער שאָטנוועלט, דעם זינגער ווירגיל, ער זאָל באַווייזן דעם זינדיקער, נאָך ביים לעבן, דעם גיהנום און דעם לייטערונגס־פייער...

דער מיטלאַלטערלעכער מענטש, זייענדיק צוגעוואוינט פון קינדווייז אָן צו לעבן מער אין אַ וועלט פון אויסטראַכטענישן, איידער אין דער מלוכה פון דער ווירקלעכקייט, איז געווען אַ טרוימער, און נישט קיין רעאַליסט. ער האָט מער געגלויבט דערין, וואָס ער האָט געזעען אין חלום, איידער אין דעם, וואָס ער האָט דערלערנט אויף דער וואָר. דאָס לעבן איז ביי אים אין די אויגן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרביילויפנדיקער זעונג, אין אַ שטענדיקן טרוים.

דערדאָזיקער צווייטער פּסיכאָלאָגישער שטריך, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם מיטלאַלטערלעכן מענטש, האָט אויך צוגעגעבן אַן אייגנאַרטיקן קאָליר דער ליטעראַטור פון דערדאָזיקער עפּאָכע. זי איז פול מיט „זעאונגען“ און מיט „חלומות“. אינעם ליד וועגן ראָלאַנדן, אינעם ראָמאַן וועגן אַלעקסאַנדער מוקדען, אין די ווערק פונעם גרעסטן מיטלאַלטערלעכן דיכטער, דאַנטע, שפּילן חלומות אַ קאָלאָסאַלע ראָל — און דידאָזיקע חלומות האָבן געווייגלעך אַ נביאותדיקן כאַראַקטער. עס איז אַנטשטאַנען אַ גאַנצע ליטעראַטור מיט „זעאונגען“, מיט דערציילונגען וועגן דעם, וויאַזוי עמעצן איז געלונגען צו דערזעען אין חלום די סודות פון יענער וועלט (די זעאונג פון אַפּאָסטאָל פּאַאולוס, פון טונדאַלן, פּאַטריקן). אַזאַ מין „זעאונג“ איז אויך די גראַנדיעזסטע מיטלאַלטערלעכע פּאָעמע, די „געטלעכע קאָמעדיע“ — פון דאַנטע.

לעבנדיק מער אין אַ וועלט פון טרוים און אויסטראַכטענישן האָט זיך דער מיטלאַלטערלעכער מענטש באַצויגן צו דער ווירקלעכקייט און צו די מענטשן, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט, אָן אַ באַזונדער אינטערעס און אָן אַ באַזונדער ליבע. דאָס לעבן און די קעגנשטאַנדן האָבן פאַר אים געהאַט אַ באַדייטונג נישט פאַר זיך גופא,

באַר בלויז אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זיי האָבן פונאַנדערגעעפנט אַ פערספעקטיוו אין אַן אַנדערער, שענערער און דויערהאַפטיקערער וועלט.
די געשעענישן און די מענטשן פלעגן אין די אויגן פונם מיטלאַלטערלעכן מענטש באַקומען בלויז אַ סימבאָלישן כאַראַקטער, אַ כאַראַקטער פון געהיימנישפולע צייכנס, וועמעס זין מ'דאַרף נאָך באַשיידן. און אָט־דער אייגנאַרטיקער שטריך פון דער מיטלאַלטערלעכער פסיכאָלאָגיע האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אין דער ליטעראַטור, די פּאָעזיע פון דעמדאָזיקן פּעריאָד איז אינגאַנצן איבערגעפולט מיט סימבאָלן און אַלעגאָריעס. די פרוי איז נישט געווען פּשוט אַ פרוי, נאָר אָדער די פאַרקערפּערונג פון אַ מלאך — אַזוי האָבן זי באַזונגען די טרובאַדורן און דאַנטע — אָדער דאַקעגן די פאַרקערפּערונג פון אַ טייוול — אַזוי האָט זי געשילדערט די מאָנאַכישע ליטעראַטור. ווען דאַנטע פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פינצטערן וואַלד און ער באַגעגנט דאָרט אַ פּאַנטערע, אַ וואָלף און אַ לייב, באַדייטן דאָ די געשילדערטע געגנשטאַנדן אַ סך מער איידער עס זאָגן וועגן דעם די ווערטער, דערפאַר ווייל דער פינצטערער וואַלד איז אַ סימבאָל פון זינד, און די חיות זענען סימבאָלן פון ליידנשאַפטלעכקייט, גיריקייט און גאווה. אויב דער ריטער פּערסיפאַל ווערט דער היטער פונם בעכער פון הייליקן גראַל, האַנדלט זיך דאָן נישט אַזוי פיל וועגן יענעם בעכער, אין וועלכן יוסף פון ראַמאַ האָט צונויפגעקליבן דאָס בלוט פון געקרייציקטן קריסטוס, ווי וועגן אַ סימבאָל פון נשמהדיקער ריינקייט און אומבאַפלעקטקייט. אויב דער פּאָעט לענגלען, דער מחבר פון „די זעאונגען פון פּעטרוס דעם אַקערער", זעט אין חלום אַ פּלאַץ, פול מיט אַן עולם, וואָס פאַרגעסט מכוח זיין באַגער עולה־רגל צו זיין צום קעניגרייך פון אמת — און דערלויבט זיך מיטגעריסן צו ווערן מיט די זיסע רייד פון דער שיינהייט מ י ד, — באַטייט אָט די גאַנצע טיראַדע אַ סך מער, איידער עס אַנטהאַלטן אין זיך די ווערטער, — זי באַדייט, נעמלעך, אַז אַלע קלאַסן פון דער ענגלישער געזעלשאַפט האָבן פאַרגעסן דעם „געטלעכן אמת" צוליב „גיריקייט" און „גייציקייט".

די הילפלאָזיקייט פונם מיטלאַלטערלעכן מענטש אין קאַמף מיט די סטיכישע כוחות פון דער נאַטור האָט, אַזויאַרום, אַרויפגעלייגט אַ ספּעציעלן חותם אויף זיין פסיכיק און, ממילא, אויף זיין גייסטיקער שאַפונג. אין דיינע קינסטלערישע מעטאָדן האָט ער אַריינגעבראַכט די זעלבע אייגנשאַפטן, וועלכע האָבן כאַראַקטעריזירט זיין מאַניער צו

דענקען און צו פילן: די באַװעלטיקונג פונעם פ אַ נ ט אַ ס ט י ש ן עלעמענט, דעם גלויבן אין נ ס און די נטיה צו אַ ל ע ג אָ ר י ע ס.

II.

אויב אין דער עקאָנאָמישער הינזיכט װערט די מיטלאַלטערלע־
כע תקופה (דאָ רעדט זיך װעגן עלפטן, צװעלפטן און דרייצענטן יאָר־
הונדערט) כאַראַקטעריזירט דורך דער הערשאַפט פון דער נאַטוראַלער
װירטשאַפט, איז זי אין דער סאָציאַלער הינזיכט כאַראַקטעריסטיש מיט
דער הערשאַפט פון דער מיליטעריש־פריצישער אַריסטאָקראַטיע. די
פעאָדאַלע אָרדנונג האָט צוזאַמענגעבונדן די גרעסערע און די שװאַ־
כערע פריצים אין אַ נעץ פון קעגנזייטיקע התחייבותן. איין טייל האָט
זיך מתחייב געװען צו פאַרטיידיקן, דער צװייטער — צו דינען. איין
טייל פריצים האָט זיך גערופן — סיזערנס, דער צװייטער — װאַסאַלן.
אָט־אָ דאָס גאַנצע קאָמפּליצירטע סיסטעם פון די באַדנדיקע און פער־
זענלעכע פאַרהעלטענישן צװישן די פריצים — מלחמה־האַלטערס האָט
זיך געהאַלטן אויף איין געפיל: אויף קעגנזייטיקער געטרייִשאַפט.
צוגלייך מיט מלחמהדיקער העלדישקייט האָט זיך דעריבער אַבסאָלוטע
איבערגעגעבנקייט גערעכנט אַלס אַ גרונטלעכע מעלה פונעם פעאָדאַל.

די מיליטערישע אַריסטאָקראַטיע האָט אַרויפגעלייגט דעם חותם
פון איר גייסט אויף דער גאַנצער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור. צו
איר דינסט זענען געשטאַנען פּאָעטן און זינגערס (טרוװערן, טרובאַ־
דורן, מינעזינגערס, מיניסטרעלן), װעלכע זענען, מערסטנטייל, אַרויס־
געקומען פון די רייען פונם הערשנדיקן קלאַס, הויפּטזאַכלעך פון זיי־
נע פּאַראָרימטע שיכטן. דער עלטסטער און פּאָפּולערסטער מין פון
דער פעאָדאַלער פּאָעזיע איז געװען די העלדן־לעגענדע, די פּאָעמע
װעגן מלחמהדיקע נצחונות, Shanson de geste. אין די פריסטע
פון דידאַקטישע לידער זעען מיר, געװיינלעך, דעם פעאָדאַל אין גע־
שטאַלט פון אַ רויבער, אונטערצינדער און חילול־הקודשניק, פאַר
װעמען ס'איז נישטאָ קיין גרעסער פאַרגעניגן, װי פאַרגיסן בלוט, פּיי־
ניקן די קרבנות און שיקן אַ שטאָלצן אַרויסרוף צום סאַמע הימל.
אַזאַ איז ראַאול דע קאַמברע, דער העלד פון איינער פון די עלטסטע
מלחמה־לעגענדעס. ער רייסט זיך חוצפּהדיק אַריין אין פרעמדע גע־

בימן, פאַרברענט אויף אַש פרויען־קלויסטערס, זעצט זיך אַוועק צו דער סעודה מיט העגס, פון וועלכע ס'גייט נאָך אויף דער דאַמף פון בלוט, שעפנדיק פאַרגעניגן פון די קרעכצן פון די שטאַרבנדיקע, ער לייגט זיך שלאָפן אין קירכע פאַרן אַלטאַר, און זיינע פאַלקן זעצט ער אַוועק אויפן גאָלדענעם ציילעם.

דערדאָזיקער טיפ פון אַ בלוטדורשטיקן באַרבאַר־מערדער ווערט פאַרביטן אין אַ שפעטערדיקן פעריאָד (עלפטער יאָרהונדערט), ווען עס האָט זיך אונטער דער השפעה פון דער קירכע ענדגילטיק אויפגעשטעלט דער אינסטיטוט פון ריטערטום, דורך דער פיגור פון אַ געטרייען דינער פון זיין סעניאָר (אָדער סיזערן) און אַ שטאָלצן פאַרטיידיקער פונם קריסטלעכן גלויבן.

דער טיפישסטער ריטער־וואַסאַל איז ראָלאַנד, דער העלד פון אַ פאָעמע, וועלכע שילדערט, ווי די סאַראַצינער צעשלאָגן קאַרל דעם גרויסנס אַריערגאַרד אין ראָנסעוואַליער פעלזן־ווינקל. טיילן פון דערדאָזיקער לעגענדע האָט, אגב אורחא, געזונגען דער זינגער טיילעפער פאַר דער קאַמפאַניע פונם נאָרמאַנישן דעראָבערער פון ענגלאַנד, ווילהעלם, אינם טאָג פון דער העסטינער שלאַכט.

דאָס ליד וועגן ראָלאַנדן — איז אַ הימן צו געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט, צו דער גרעסטער מעלה פונם פעאָדאַלן קלאַס. דאָסדאָזיקע ליד איז דורך און דורך אַדורכגעזאַפט מיט דידאָזיקע געפילן. אויפן פאָן דערהייבט זיך די גראַנדיעזע פיגור פונם „גרוי־בערדיקן" קאַרל, דעם „שפייזער" פון דער ריטערשער קאָמפאַניע, ער איז גיכער אַ סימבאָל, איידער אַ לעבעדיקער, ער איז דער אידעאַל פונם „גרויסן העלד", וועמענס „אָרנטלעכקייט" און „באַרמהאַרציקייט" ס'איז אוממעגלעך צו באַשרייבן. דער גרויסער קאַרל איז דאָ אויף דער ערד בלויז אַ וואַסאַל, וועלכער איז מחויב מיט גלויבן און אמת צו דינען גאָט, צו פאַרטיידיקן און צו פאַרשפרייטן דאָס קריסטנטום. זיין נצחון איבער די מאַאורן פייערט ער מיטן קריסטיקן אין סאַראַגאָסאַ הונדערט טויזנט מוזולמענער, און ווען ער קערט זיך צוריק אום אין זיין היימישן אַכען, באַווייזט זיך צו אים אין חלום דער מלאך גבריאל און אין גאָטס נאָמען הייסט ער אים גיין העלפן די קריסטן אין „בירישן" לאַנד. פונקט ווי די געטריישאַפט צו דער קירכע — איז דער ערשטער חוב פונם הערשער, אַזוי איז די איבערגעגעבנקייט צום הערשער־„שפייזער" — דער ערשטער חוב פונם וואַסאַל.

ס'איז מחויב יעדער ריטער פאַר זיין סעניאָר
ליידן היץ און ליידן קעלט און צרות ליידן.
ער דאַרף נישט זשאַלעווען דאָס בלוט זיינס און נישט זיין
קערפער.

אין דידאַקטישע ווערטער, ראָלאַנדס, — איז פאַראַן די גאַנצע מאָראַל פון דער מיליטערישער אַריסטאָקראַטיע. אויב געטריישאַפט צום סעניאָר — איז די הויפט־פליכט פונם ריטער, איז זיין גרעסטער פאַרברעכן — פאַראַט. דעם איבערגעגעבענעם וואַסאַל ראָלאַנד, וועלכער האָט איינגענומען פאַר קאַרלען אַ האַלבע וועלט און איז געשטאָרבן פאַר אים אויפן שלאַכטפעלד, ווערט אַקעגנגעשטעלט אין דער פּאָעמע זיין קאָנקורענט האַנעלאָן, וועלכער פאַרקויפט, אויס קנאה צו אים, דאָס מיליטער פון די פראַנקן צו די מאַאורן און וועלכער ענדיקט מיט אַ שענדלעכן טויט אויף דער תליה.

אַזוי ווי דער וואַסאַל איז מחויב ביזן לעצטן טראָפּן בלוט צו דינען זיין סיזערן, אַזוי האַלט ווידער פון איר זייט די פרוי פאַר איר מאָראַלישער פליכט צו זיין געטריי ביזן קבר איר אויסדערוויילטן. ווען קאַרל קערט זיך אום צוריק פון זיין מאַרש אַהיים קיין אַכען, קומט אים אַרויס אַנטקעגן ראָלאַנדס כלה, אָדאַ. אויף איר פראַגע, וואו איז ראָלאַנד, גיט דער קעניג אַן אויסמיידנדיקע תשובה און לייגט איר פאָר פאַר אַ מאַן זיין אייגענעם זון, דעם יורש־עצר. אָנשטויסנדיק זיך, וואָס עס האָט פּאַסירט, זאָגט אָדאַ, בלייך ווערנדיק, אַז נאָכן טויט פון אַזאַ ריטער קאָן זי שוין מער מיט קיינעם נישט התונה האָבן און זי פאַלט אַנידער אַ טויטע ביי די פיס פונם „גרוי־בערדיקן" קאַרל.

געטרייישאַפט צו גאָט, געטרייישאַפט צום סעניאָר, געטרייישאַפט צום מאַן — אָט דאָס איז דער לייטמאָטיוו פון דער פּאָעמע וועגן ראָלאַנדן (עלפטער יאָרהונדערט).

מלחמה־נצחונות — זענען איינע פון די הויפּט־טעמעס נישט נאָר בלויז פון דער פעאָדאַלער פּאָעמע, נאָר אויך פון דער פעאָדאַלער ליריק. לכבוד דער מלחמה פלעגן די פּאָעטן־ריטערס מחבר זיין באַגייסטערטע לידער. אַזוי רופט אויס איין (אומבאַקאַנטער) פּאָעט אין זיין „סירווענט", געווידמעט דער ליבונג פון דער מלחמה: „נישט עסן, נישט טרינקען, נישט אַ זיסער שלאָף פרייען נישט אַזוי מיין

האַרץ, ווי דער רוף: פאָרויס, אין קאַמף. פון אַלע זייטן טראָגן זיך געשרייען: העלפט. גרויס און קליין, אַלע וואַלגערן זיך אין גרוב אָדער אויפן גראָז. אין אַ קופּע טויטע גופים שטעקן שטיקלעך פון די שפּיזן און שמאַטקעס פון די פענער". דער שלום, דאַקעגן, מאַכט אָן דעם פּאָעט-ריטער אַ מרה-שחורה. שלום איז גוט בלויז דערמיט, — רופט אויס בערטראַן דע באָרן אין איינס פון זיינע לידער, — וואָס ער לערנט נאָך מער צו שעצן די הייסע געראַנגלען. און בלוס-פאַרגיסנדיקע צוזאַמענשטויסן, „די צייט פון שלאַכטן, טומלען, אומגליקן".

די פרייע צייט, וואָס איז פאַרבליבן פון דער מלחמה, האָט דער פעאָדאַלער קלאַס געפּאַטערט אויף ליבע. לכתחילה האָט דאָסדאָזיקע געפיל געטראָגן אַ גראָב-ליידנשאַפטלעכן כאַראַקטער. איינער פון די ערשטע פּראָוואַנסאַלער פּאָעטן-מלחמה-האַלטערס, הילי עם דע פּואַטיע פלעגט אַרומפאָרן, ווי עס גיט איבער זיינער אַן אַלטער ביאָגראַף, איבערן גאַנצן לאַנד מיטן ציל „אַראָפּצופירן פון וועג וואָס מער פרויען". לכתחילה איז אין די באַציונגען פונם פעאָדאַל צו דער פרוי נישט געווען קיין שום דערהויבענער און באַגייסטערטער מאָמענט. אַזוי, למשל, עצהט אַן אַנדערער פּראָוואַנסאַלער פּאָעט, גראַף ראַמבאָ אַראַנזש, מ'זאָל אויספּאַטשן אַ פרוי, וועלכע ענטפערט מיט אַן אָפּזאָג, ווען מ'שטייט-צו צו איר. ווען עס האָט זיך דערנאָך איינגעשטעלט דער אינסטיטוט פון ריטערטום, האָבן זיך די באַציונגען צווישן די געשלעכטער אין דער סביבה פונם הערשנדיקן קלאַס באַדייטנד געענדערט. די אָפּהענגיקייט פונם ריטער פון זיין סעניאָר האָט זיך אויך אַריבערגעטראָגן אויפן געביט פון די געשלעכטלעכע פאַרהעלטנישן. דער ריטער פלעגט זיך אויסקלויבן אַ „דאַמע", וועלכער ער איז געווען מחויב צו דינען מיט גלויבן און אמת, פּונקט ווי ער האָט געדינט דעם סיזערן אָדער דער קירכע. דאָס געפיל, וואָס ער האָט צו איר געשפּירט, איז גיכער געווען ענלעך צו געטרייער אונטערטאַנשאַפט, איידער צו אַ ליידנשאַפט. דאָס איז געווען נישט קיין ווירקלעכע ליבע, נאָר אַ כיטרע-קלוג שפּיל אין ליבע. אַמאָל פלעגט דער ריטער פּראָקלאַמירן אַלס די דאַמע פון זיין האַרץ אַזאַ פרוי, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געזעען, אָפטמאָל אויך אַזעלכע, וועלכע האָט עקזיסטירט בלויז אין זיין אייגענער פאַנטאַזיע, און אָפט איז עס געווען נישט קיין ערדישע פרוי, נאָר די בתולה מאַריאַ.

אַזוי האָט דער ריטער זשאָפּרואַ רודעל זיך פֿאַרליבט אין
דער טריפּאָליסער פּרינצעסין, מיט וועלכער ער האָט זיך אין דער
ווירקלעכקייט קיינמאָל נישט באַגעגנט, וועגן וועלכערס שיינקייט אָבער
ער האָט זיך אַ סך אָנגעהערט פֿון די עולי-רגל, וואָס האָבן זיך אומ-
געקערט פֿון אַנטיאָכיע: פֿון איר כּבֿוד וועגן האָט ער מחבר געווען
זיינע טרוימערישע לידער וועגן אַ „ווייטער ליבע". די נצחונות, וועל-
כע דער ריטער פֿלעגט אָפּהאַלטן כּדי צו גרויסן דערמיט זיין דאַמע,
פֿלעגן אָפֿט טראָגן אַ גאַנץ משונהדיקן, כּמעט אַ קאַריקאַטורישן כאַ-
ראַקטער. אַזוי פֿלעגט דער דייטשישער ריטער-פּאָעט אולריך פֿאָן
ליכטענשטיין אַרומפֿאָרן איבערן לאַנד אין אַ קאָסטיום פֿון דער
געטין ווענעראַ, אַרויסרופֿנדיק צום קאַמף אַלע אָנגעטראָפֿענע ריטערס;
ער האָט אויך אַוועקגעשיקט צו זיין דאַמע זיינס אַן אָפּגעהאַקטן פֿינ-
גער איינגעפּאַקט אין אַ שאַכטעלע א. א. וו. אַ ריין-מוחדיקן, אויסגע-
טראַכטן כאַראַקטער האָט געטראָגן די ליבע אויך אין דער לירישער
דיכטונג פֿונעם פֿעאָדאַלן קלאַס. די העכסטע אַנטוויקלונג האָט די
עראָטישע ליריק דערגרייכט אין דרום-פֿראַנקרייך, אין פּראָוואַנס, אין
דער שאַפֿונג פֿון די טרובאַדורן. די מערהייט פֿון דידאָזיקע פּאָעטן
האָט געשטאַמט פֿון די פֿאַראָרימטע שיכטן פֿון דער אַריסטאָקראַטיע
און זיי האָבן געפֿונען אין דער פּראָפֿעסיע פֿון אַ פּאָעט אַ מקור פֿון
חיונה.

די אַלטע ביאָגראַפֿיעס פֿון די פּראָוואַנסאַלער טרובאַדורן פֿאַר-
צייכענען אָפֿט, אַז אַזאַ און אַזאַ ריטער איז געוואָרן אַ פּאָעט, ווייל
ער האָט נישט געקאָנט לעבן „ריטערלעך" (non se poc mantener
por cavalier e se fe jonglars). אין דעם פֿעאָדאַלן שלאָס, וואוהין
ער פֿלעגט אָנקומען אויף אַ שטעלע, פֿלעגט ער דאַרפֿן אויספֿירן אַ
טאָפּלטע פֿליכט. אין ספּעציעלע פּאָליטישע לידער (סירווענטן) פֿלעגט
ער פֿאַרטיידיקן די אינטערעסן און די פֿלענער פֿון זיין באַלעבאָס, ער
פֿלעגט אָנפֿאַלן אויף זיינע שונאים, און גלייכצייטיק דערמיט פֿלעגט
ער דאַרפֿן באַזינגען אין ליבע-לידער אָדער אין קאַנסאָנען די שיינ-
קייט פֿון זיין האַרנטע — די באַלעבאָסטע פֿונעם שלאָס. די אומדער-
גרייכבאַרקייט פֿון דער לעצטער האָט נישט געגעבן דעם דיכטער קיין
רעכט צו האָפֿן אויף קעגנזייטיקייט, מער ווי אַ גוט וואָרט און אַ לייט-
זעליקע באַגריסונג האָט ער נישט געקאָנט פֿון איר פֿאַרלאַנגען, דאָס
העכסטע גליק איז פֿאַר אים געווען די מעגלעכקייט פֿון זעען זי

פּנים-אל-פּנים און זי באַזינגען. די פּאָעטן-ריטערס זענען, אַזוי-אַרום, געווען באַלקאַרכעדיקע פּלאַטאָניקער. אויב אין די אַלטע ביאָגראַפּיעס פון די פּראָוואַנסאַלער טרובאַדורן רעדט זיך אַמאָל וועגן אַ ראָמאַן, וואָס איז פּאָרגעקומען צווישן אַ באַלעבאָסטע און איר פּאָעט, איז אין דער מערהייט פאַלן טראָגן אַזעלכע ידיעות אַ לעגענדאַרן כאַראַקטער און זיי באַזירן זיך אויף אַ נישט-ריכטיקער, צופיל בוכשטאַבלעכער אויסטייטשונג פון מליצהדיקע אויסדרוקן פונעם זינגער. דער מוחדיקער כאַראַקטער פון דער ריטערלעכער ליבע ווייזט זיך אויך אַרויס אין דעם, וואָס די פּאָעטן פלעגן זיך אַריינלאָזן איינע מיט די אַנדערע אין וויכוחים מכּוח די אָדער יענע פראַגן פון לײַדנשאַפט, — אַזעלכע פּאָלעמיש-אַבסטראַקטע לידער האָבן געהייסן טענסאָנען, — און דעם דערמאָנטן מוחדיקן כאַראַקטער פון דער ליבע קאָן מען אויך זען דורכדעם, וואָס די ליבע גופא איז געווען אַריינגעקוועטשט אין אַ גאַנצן קאָדעקס פון כּללים און דעטאַלן — דאָס איז געווען אַן אמתע וויסנשאַפט, די „פריידיקע וויסנשאַפט" (gay saver), ווי עס פלעגן זי אָנרופן די טרובאַדורן אַליין... די פעאָדאַלע ליריק האָט אויף אַזאַ אופן פאַרוואַנדלט די כּרוי אין אַן אומדערגרייכבאַר, כמעט נישט-ערדיש וועזן, פאַר וועלכן מ'קאָן זיך נאָר בוקן, ווי פאַר דער בתולה מאַריאַ, און דאָס געפיל, וואָס ווערט דורך דער פרוי אַרויסגערופן ביים מאַן, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַבסטראַקטע, גייסטיקע אָדער ספּיריטואַליסטישע לײַדנשאַפט.

אין דרייצענטן יאָרהונדערט, ווען די פעאָדאַלע אָרדנונג איז געוואָרן אַרומגעגראָבן פון אַלע זייטן דורך די נייע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, און די עצם-פעאָדאַלע געזעלשאַפט האָט אַלץ מער דערגרייכט אַ מצב פון ירידה, האָבן די ביז נישט לאַנג נאָך הערשנדיקע פאָרמען: די פּאָעמע און דער קאַנסאָן — אָפּגעטרעטן זייער אָרט פאַר אַ נייעם זשאַנר: פאַרן ריטערלעכן ראָמאַן.

די מערהייט פון דידאַקטיקע ראָמאַנען (צום אָנהויב אין פערזן) האָט גרופּירט די געשעענישן אַרום דעם לעגענדאַרישן ברעטאָנישן קעניג אַרטור, פּונקט ווי די מלחמהדיקע לעגענדעס האָבן זיך קאָנצענטרירט געוויינלעך אַרום קאַרל דעם גרויסן. זיי זענען אײַבערפולט מיט גאַנץ איינפאַרביקע און אָפט מיט אומגעלומפּערטע פּאַסירונגען און נצחונות, מיט אַן אומענדלעכער קייט פון דועלן פון די ריטערס, מיט שלאַכטן מיט ריזן און ליליפּוטן, מיט ליבע-פּאַסירונגען

און מיט כּלערליי מופתים (די ראָמאַנען וועגן דעם ריטער מיטן לייב,
וועגן לאַנצילאָטן, וועגן טריסטאַן און איזאָלדאַ, וועגן מערלינען).
שפּעטער, ווען עס זענען אונטער דער השפּעה פון די קרייצצוגן אַנט-
שטאַנען די האַלב-מאָנאַכישע ברודערשאַפטן פון ריטערס (די טעמפּ-
ליערן, די יאָאַניטן) איז דער העלד פונעם ריטערלעכן ראָמאַן געוואָרן
שוין נישט דער מלחמה-האַלטער-אַוואַנטוריסט, נאָר דער גאָט-זוכער,
וועלכער רייניקט אָפּ זיין נשמה פון זינד, וועלכער קעמפט קעגן די
פאַרפירונגען פון דער וועלט, וועלכער זאָגט זיך אָפּ פון די עולם-
הזהדיקע הבלים, „פון די מלחמה-שפּילן און די ריטערלעכע נצחונות“
אין נאָמען פון דער גייסטיק-מאָראַלישער פאַרפולקאָמענונג (פּערסיפאַל).
אַ גרויסן אָפּגאַנג האָבן אויך געהאַט ראָמאַנען מיט סיוזשעטן פונעם
אַנטיקן לעבן: וועגן אייננעמען פון טראָיאַ, וועגן די מלחמה-צוגן פון
אַלעקסאַנדער מוקדען, אין וועלכע דאָס גריכישע לעבן איז תמיד גע-
שילדערט לויטן מוסטער פון די פעאָדאַלע פאַרהעלטענישן און מנהגים.
די ריטערלעכע ראָמאַנען זענען געווען זייער שטאַרק פּאָפּולער נאָך
אַסאַך צייט נאָכדעם, ווי די פעאָדאַלע געזעלשאַפט איז זיך צע-
פאַלן אין שטויב און איר אָרט האָבן פאַרנומען אַנדערע קלאַסן און
מענטשן.

די מיליטערישע אַריסטאָקראַטיע האָט זיך באַצויגן צו אַנדע-
רע סאָציאַלע גרופּעס מיט אַ נישט-פאַרבאָרגענער פאַראַכטונג און
מיט אַ בעל-גאווהדיקער שנאה. אין איינעם פון זיינע „סירווענטן“
פּאָעט בערטראַן דע-באָרן דער אַריסטאָקראַטיע אונטערצודריקן און
צו באַגזלענען די פויערים, וועלכע לעבן ווי „חזירים“, אַנישט —
וועלן זיי נישט זיין געהאָרכזאַם, און ער שטעלט זיך אויך שאַרף
אַנטקעגן די רייכע שטאָטלייט, וועלכע האָבן די העזה צו קעמפן מיט
די איידעלע ריטערס, ער רופט אָן זיי, די שטאָטלייט, „אָפּנאַרערס“
און „פּראָצענטניקעס“, וועלכע לייקענען אין גאָט, און אָנערקענען
נישט, נישט קיין „גערעכטיקייט“, נישט קיין „אָרנטלעכקייט“.

III.

אויב די פּאָעזיע פונעם פּעאָדאַלן קלאַס האָט אידעאַליזירט דעם טיפּ פון אַ ריטער־מלחמה־האַלטער און דאַמען־פאַרגעטערער, האָבן די זינגער פון פויערישן לעבן אים אַנטקעגנגעשטעלט אַ בילד פון אַן אַרבעטזאַמען אַקערער, דעם שפּייזער פון דער וועלט.

אין צוויי מיטלאַלטערלעכע פּאָעמעס איז באַזונדערס גוט אויסגעדריקט דערדאָזיקער אַפּאָטעאָז פון דער פויערישער אַרבעט.

אין דער פּאָעמע פון דעם דייטשישן מחבר פון דרייצעטן יאָרהונדערט ווערנהער (גערטנער) „דער פויער העלמברעכט" זעען מיר פאַר זיך אַ דאָרפישן בחור, וועלכער ליידט פון זיין נידעריקן מצב — אים ציט אינסטינקטיוו צום „חויף". דער פאָטער טענהט מיט אים איין און דערוויזט אים, אַז ס'איז נישטאָ קיין בכבודיקערע באַשעפטיקונג, ווי „גראָבן די ערד און אַקערן דאָס פעלד". אַז ווען עס וואָלט נישט עקזיסטירט דער פויער, וואָלטן אויך נישט געקאָנט עקזיסטירן די מעכטיקע קעניגן און די הערלעכע דאַמען. אויף אַלע אַרגומענטן פון דעם אַלטן ענטפערט דער בחור, אַז ער וויל אַרומפאָרן איבער דער גאַנצער וועלט און דעריבער זאָל ער זיך זוכן אַן אַנדערן זון, וועלכער וועט מסכים זיין „זיך צו עסקן ביים אַקער". דער יונגער העלמברעכט פאַרלאָזט זיין היימיש דאָרף, ער טרעט אַריין אין אַ באַנדע גזלנים־ריטערס און באַרויבט צוזאַמען מיט זיי סוחרים און פויערים. פאַר זיינע אָפּגעהאַלטענע נצחונות גיבן אים די חברים אַ צונאָמען „דער איינשלינגער פון דערפער". נאָך אַ רייע גזלנישע נצחונות פאַלט העלמברעכט אַריין אין די הענט פון דער יוסטיץ, מ'נעמט אים אַרויס די אויגן און מ'לאָזט אים אָפּ אויף אַלע פיר עקן וועלט. ער קומט צוריק אַ היים אַ בעטלער, ער שטרעקט אויס די האַנט נאָך אַ נדבה, אָבער דער פאָטער פאַרטרייבט אים מיט חוזק פון זיך. אין וואַלד שטויסט ער זיך אָן אויף פויערים, וואָס האָבן האַלץ און ווען זיי דערקענען אין אים דעם פריערדיקן רויבער און אונטערצינדער, הענגען זיי אים אויף אויף אַ בוים.

ווערנהערס פּאָעמע, וועלכע שטעלט שאַרף אַנטקעגן דאָס האָרעפּאַשנע לעבן פונעם פויער לגבי דעם פּאַראַזיטיזם פון די ריטערס־גזלנים,

איז געווען גוואַלדיק פּאָפּולער צווישן דער דאָרפישער באַפעלקערונג
פון דרום־דייטשלאַנד: ווי ס'איז צו זעען פון איינער אַן אַלטער (גע־
גראַמטער) כראָניק האָבן די פּויערים געקענט אויף אויסנווייניק די
רעדעס פונעם אַלטן העלמברעכט וועגן דער הייליקייט פון דער פּויע־
רישער אַרבעט.

אַ פּאָעטישער אַפּאָטעאָז פונעם פּויערטום איז אויך די אַנטשטאַ־
נענע אינדערמיט פון פערצענטן יאָרהונדערט, — נישט לאַנג פאַרן
פּויערישן אויפשטאַנד אין ענגלאַנד, — פּאָעמע פון ווי ל י אַ ם ל ע נ ג־
ל ע נ ד: „די זעאונג פון פּעטרוס דעם אַקערער".

דער מחבר דערציילט, ווי ער איז איינמאָל אַנטשלאָפן געוואָרן
צופוסנס פון אַ גרין בערגל און ער האָט אין חלום דערזעען אַ פלאַך,
אײנגאַנצן באַשאָטן מיט עולם. דאָרטן זענען געווען מענטשן פון אַלע
באַרופן און שיכטן. דאָס זענען געווען עולה־רגלניקעס, וועלכע האָבן
געפּילגערט צום קעניגרייך פון אמת. פּלוצלינג האָט זיך אויפן פלאַך
באַוויזן אַ פּרעכטיק מיידל — ג י ר י ק י י ט, אין באַגלייטונג פון איר
חתן — אָ פּ נ אַ ר. די עולה־רגלניקעס, פאַרגעסנדיק וועגן דעם ציל
פון זייער וועג, פאַרייניקן זיך שנעל צו דער חתונה־פּראָצעסיע.
עס טראָגן זיך פונאַנדער געלעכטערס און שפּאַסערייען. יעדערער
טראַכט נאָר וועגן זיינע אייגענע עגאָאיסטישע הנאהס, מ'זאָל קאָנען
װאָס פריילעכער דורכלעבן דאָס לעבן. אָבער אָט באַוויזט זיך אויפן
פלאַך אַ ייִנגל — ג ע וו י ס ן, און ער בעט זיך ביי די פאַרזאַמלטע
מיט אַ הייסע רעדע, זיי זאָלן זיך נישט אונטערגעבן די זיסע רייד
פון דער שיינהייט, ווייל טאַקע זי — ג י ר י ק י י ט — ברענגט אונטער
די געזעלשאַפט, זייענדיק צווישן מענטשן מחלוקת און שנאה. דאַן זע־
נען זיך די עולה־רגלניקעס עפנטלעך מתוודה אין זייערע זינד און זיי באַ־
גייען זייער וועג צום קעניגרייך פון אמת, אָבער זיי ווייסן נישט דעם וועג.
וועט זיי אַוועקפירן אַהין? ערשט זיי דערזעען, ווי עס גייט אַרי־
בערגעבויגן איבערן אַקער אַן אָרימער פּויער, פּעטרוס דער אַקערער.
אַזוי מאַרשירט ער יאָר־יערלעך מיט זיינע אָקסן, אַן אייביקער עולה־
רגלניק. אַרום אים לאַכן די רייכע, ס'יום־טובן די גליקלעכע, עס
שלאָפן די פוילע. בלויז ער איינער איז פאַרבליבן ערלעך און גוט
אין דער סביבה פון אַלגעמיינעם עגאָאיזם און לחלוטינדיקע לײדיק־
גייערישקייט. בלויז ער איינער ווייסט, וואו עס ליגט דער וועג צום קעניג־
רייך פון אמת. פּעטרוס איז גערן מסכים מיטצוהעלפן די עולה־רגל־

ניקעס. ער ווענדעט זיך צו אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט מיט אַן עצה, זיי זאָלן לעבן נישט יעדערער פאַר זיך, נאָר איינער פאַרן אַנדערן. דעמאָלט וועלן פאַרשווינדן קנאה־שנאה, אויף דער ערד וועט אָנהויבן געוועלטיקן גאָטס קעניגרייך, דאָס „קעניגרייך פון אמת". זאָלן די מלחמה־האַלטערס באַשיצן דעם אַקערער פון שונאים און חיות, זאָלן די סוחרים שיקן אָרימע קינדער אין די שולעס אַריין און חתונה־מאַכן אָרימע יתומות, און די דאָרפישע אַרבעטער זאָלן זיך באַגנוגענען מיט זייער באַשיידענעם גורל און נישט פאַרלאַנגען צו פיל. באַזונדערס אויפריכטיק און ענערגיש קלינגט פעטרוסעס רעדע, וועלכע איז געווענדעט צו די פריצים: „לעבט אין איינקלאַנג מיט דער גערעכטיקייט — זאָגט ער צו זיי — אויף יענער וועלט וועט דאָך זיין שווער צו דערקענען ווער ס'איז אַ פריץ און ווער — אַ פויער. אמת טאַקע אויף ד ע ר וועלט זענען די פויערים אייערע אונטערטעניקע, — אָבער ווער ווייסט, אויף יענער וועלט וועלן זיי אפשר זוכה זיין צו אַ גרעסערן שכר, ווי איר".

לענגלענדס פאָעמע, כאָטש זי איז אַדורכגעדרונגען מיט אַ קאָנסערוואַטיוון און נישט מיט קיין רעוואָלוציאָנערן גייסט, איז פונדעסטוועגן געווען זייער שטאַרק פאָפולער צווישן די ענגלישע פויערים, וועלכע האָבן געמאַכט אין יאָר 1383 אונטער דער אָנפירונג פון מ ו אַ ט ט יי ל אָ ר אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן זייערע האַרן, און אויף איר פלעגט זיך ליב האָבן צו שטיצן דער באַקאַנטער אַגיטאַטאָר „דער משוגענער גלח פון קענט", ד ז ש אָ ן ב אָ ל, וועלכער האָט באַגייסטערט די פויערים צום בונט מיט זיינע פלאַמיקע רעדעס וועגן דער אַלגעמיינער גלייכהייט פון מענטשן, וועלכע שטאַמען דאָך אַלע פון אדם מיט חווהן.

IV.

אויב די פעאָדאַלע פאָעזיע האָט אידעאַליזירט דעם מלחמה־האַלטער, וועלכער איז פאַרנומען מיט יאָגן זיך נאָך פאַסירונגען און מיט דינען דער דאַמע פון זיין האַרץ, אויב די דאָרפישע ליטעראַטור האָט אַרויסגערוקט דעם אַקערער, וועלכער שפּייזט דורך זיין האָרעוואַניע די גאַנצע וועלט, פלעגט די קירכע זיי אַנטקעגנשטעלן אַ טיפּ פון אַן אַסקעט־קעמפער, פון אַ הייליקן מאָנאַך. אין די מיטלאַלטערלעכע

צייטן פלעגט דער קלער אויספילן מער־ווייניקער די זעלביקע ראָל, וועלכע איז שפעטער אויסגעפאַלן אויפן גורל פון דער אינטעליגענץ: ער פלעגט דערציִען און באַלערן די מענטשן. דעם געדאַנק וועגן אַן אומבאַדינגטער אָפהענגיקייט פונעם מענטש פון יענעוועלטיקע כּוחות, וועלכער איז געלעגן אין יסוד פון דער וועלטאַנשויאונג פון דער עפאָכע פון נאַטוראַלער ווירטשאַפט, האָט די קאַטוילישע קירכע פאָרמולירט, ווי אַן אומבאַדינגטע העכערע מדרגה, אויף וועלכער עס געפינט זיך דאָס לעבן נאָכן טויט לגבי דעם ערדישן לעבן. ווען די קירכע איז אַליין געוואָרן די אייגנטימערין פון גאָר גרויסע ערדשטחים און זי האָט אָנגעהויבן קאָנקורירן מיט וועלטלעכע הערשער און פריצים, האָט דידאָזיקע לערע וועגן לעבן נאָכן טויט איר געגעבן די מעגלעכקייט אָנצושרעקן און צו האַלטן אין צוים די נישט־געהאָרכזאַמע קאָנקורענטן און קנעכט. פאַר דער פאַרשפרייטונג פון איר אַסקעטישער לערע, האָט זיך שוין זייער פרי באַנוצט די קירכע אויך מיט אַזאַ מעכטיק געווער, ווי עס איז די ליטעראַטור. די מאָנאַכן און די מאָנאַכינס פלעגן שרייבן לעגענד'עס, מאָראַליזאַטאָרישע דערציילונגען, היסטאָרישע כראָניקעס און זעאונגען, וועלכע זענען געווען אַדורכגעדרונגען אַלץ מיט דעמזעלבן איינאַרטיקן געדאַנק וועגן דער פאַרגענגלעכקייט און זינדיקייט פונעם ערדישן עמק־הבכא, וועגן דער אומבאַגרעניצטער מאַכט פון דער גאָטהייט, די שטרענגע און שאַרפע משפטערין פון די מענטשלעכע מעשים.

די מאָנאַכישע ליטעראַטור פלעגט באַזונדערס גערן זיך אָפשטעלן אויף דער שילדערונג פון אַ מענטש, וועלכער איז נכשל געוואָרן אין אַ זינד און דערנאָך קויפט ער אויס זיין פאַרבלענדניש דורך לאַנגיעריקע, פרייוויליקע ליידן.

אין דער דראַמע פון דער דייטשישער מאָנאַכין ג ר אָ ס וו י ט ע פונעם קלויסטער האַנדערסהיים (צענטער יאָרהונדערט) „דאָס פאַלן און דאָס תשובה־טון פון מאַריען", זעען מיר, ווי עס דערציט זיך אַ יונג מיידל דורך צוויי בעלי־תשובה, אברהם און אפרים, ווייט פון די פאַרפירענישן פון דער וועלט, אין אַ שטילער, אָפגעזונדערטער צעלע, צו אַ „ריין־שלימותדיק לעבן", אַלס „קריסטוסעס אַ כּלה". דער זקן אפרים ווייזט איר אויף, אַז אויב זי וועט פאַרבלייבן אַ מיידל, וועט זי „געפעלן ווערן די מלאכים" און נאָכן טויט וועט זי זיך דערהויבן צו די הימלען, וואו דער געטלעכער זון וועט זי מקרב זיין און ער

וועט זי אַריינפירן אין דער וועלט פון אייביקן ליכט... מאַריאַ גיט אַ וואָרט „זיך אָפּצוזאָגן פון זיך אַליין", „צו פאַראַכטן אַלדאָס ערדישע". איינמאָל ביינאַכט קריגט זיך אַריין צו איר אין צעלע, אין געשטאַלט פון אַ מאַנאַך, עפּעס אַן אומבאַקאַנטער מענטש און זי ווערט באַזיגט פון זיינע ווערטער און גיט זיך אָפּ זיין ליבע. פאַרצווייפלט־ווערנדיק אין דער מעגלעכקייט צו פאַרגלעטן איר שולד, פאַרלאָזט מאַריאַ איר צעלע און טרעט אַריין אין אַ שאַנדהויז. אברהם לאָזט זיך תיכף אַרויס זי אויסזוכן און אונטער דער ווירקונג פון זיינע ווערטער האָט זי אויפריכטיק חרטה אויף איר פאַלן. ווען זי קערט זיך אום צוריק אין איר שטילער צעלע אַריין, זייענדיק איבערגעפולט מיטן באַגער אויסצוקויפן איר זינד דורך אומדערטרעגלעכע ליידן, באַגריסט זי דער זקן אפרים מיט די ווערטער, אַז דער הימל פרייט זיך מיט דער תשובה פון אַ זינדיקן מער, ווי מיט דער געטריישאַפט פון אַ צדיק.

צוזאַמען מיט תשובה־טוענדיקע בעל־עבירהס האָט די מאָנאַכישע ליטעראַטור מיט אַ באַזונדער חשק געשילדערט די הייליקע אַסקעטן, מענטשן נישט פון ד ע ר וועלט, ווי למשל דעם הייליקן אַלעקסי, דעם העלד פון אַן אַלטער פראַנצויזישער רעליגיעזער פּאָעמע, דער זון פון רייכע רוימישע פּאַטריציער, וועלכער רייסט איבער מיט זיינע עלטערן, פאַרלאָזט די יונגע פרוי אַ נאַכט נאָך דער חתונה און איז זיך מתבודד אין אַ מדבר, אָפּגעבנדיק זיך דאָרטן שווערע פּרוון פון זעלבסטפאַרלייקענונג.

באַזונדערס פּילצאָליק איז געווען די מאָנאַכישע „זעאונגען"־ליטעראַטור, וועלכע האָט געהאַט אַ ציל צו וואָרענען דעם מענטש, ער זאָל זיך נישט לאָזן פאַרשלעפּן פון די עולם־הזהדיקע הבלים, כּדי אים צו ראַטעווען אַזויאַרום פון די גיהנומדיקע מאַטערנישן.

אין „טונדאַלס זעאונג" באַווייזט אַ מלאך טונדאַלן אין חלום דעם גיהנומדיקן אָפּגרונט, וואו די זינדיקע קומען אָפּ שרעקלעכע שטראָפן צווישן פייער, אייז און שוועבלדיקע טייכן, וואו עס הערשן שרעקלעכע פאַרזעעניש, וועלכע פרעסן אויף די נשמות פון די פאַרמשפטע, און וואו לוציפער ליגט אויף אַ פייערדיקן אויוון און דרייענדיק זיך פון ווייטיק פון איין זייט אויף דער אַנדערער, גיט ער יעדעס מאָל אַ כאַפּ מיט זיינע הונדערט הענט טויזנט נשמות און ער שטיקט זיי מיט אַ שרעקלעכער קראַפט. דער מחבר שילדערט מיט עפּעס אַ מין קרענקלעכער הנאה די מאַטערנישן פון די פאַרמשפטע

און, כדי זיי זאָלן נאָך טיפער ליידן, — ut magis doleant — צווינגט ער זיי צום אָנהויב אַ קוק צו טון אויף דער צופרידנקייט פון די אויסדערוויילטע, און דערנאָך ערשט וואַרפט ער זיי אַריין אין אַ ים פון טרויער און טרערן.

ציטנוויין פלעגט זיך די קירכע באַנוצן מיט אַזעלכע „זעאונגען" נישט אַזוי כדי צו וואָרענען די מענטשן פון זינד, ווי צוליב ערדישע פּאָליטישע צילן.

אַזוי, למשל, ווערט דערציילט אין דער זעאונג פון א י נ ק מ אַ ר ד י י מ ע ר, ווי איינער פון קאַרל דעם פּליכעוואַטנס אונטערטאַנען זעט, ווי עס מאַטערט זיך אין גיהנום דער קעניג, וועלכער בעט דעם דיטער, ער זאָל מודיע זיין אויף דער ערד, אַז אים איז באַשטימט געוואָרן אַ שטראָף דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געפאָלגט די עצות פון עם ביסקופּ אינקמאַר.

אַמאָל זענען אַזעלכע זעאונגען אויסן נאָך געמיינערע עגאָאיס-טישע צילן, ווערנדיק עפּעס אַ מין פאַרמאַסקירטער שאַנטאַזש. אין איינער אַזאַ זעאונג, למשל, טרעפט אָן גראַף ה ו ג אָ פ ו ן ט אָ ס ק אַ ן אין וואַלד טייוולאָנים, וועלכע לייגן אַרויף אויף אַ קאַוואַדלע עפּעס אַ זינדיקן און זיי קלאַפּן איבער אים מיט שווערגעוויכטיקע האַמערס: דער אומבאַקאַנטער מענטש איז מודיע דעם גראַף, אַז ער ליידט די-דאָזיקע יסורים דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געבויט קיין קירכעס און קיין קלויסטערס און ער עצהט אים, כדי אויסצומיידן אַן ענלעכע שטראָף, זיך וואָס גיכער נעמען פאַר דערדאָזיקער גאָט-צו-פרידנשטעלנדיקער אַרבעט.

בשעת די ליטעראַטן פון דער קירכע האָבן געשילדערט אין זייערע ווערק בילדער פון תשובה-טוענדיקע זינדיקערס, פון הייליקע קעמפּערס און פון גיהנומדיקע יסורים, האָבן די געלערנטע (די פּאַ-טערס) פון דער קירכע געשאַפן אַ ספּעציעלע וויסנשאַפט — די סכאָ-לאַסטיק, וועלכע האָט געשטרעבט צו באַרעכטיקן מיט פילאָזאָפישע באַהויפּטונגען די דאָגמעס פון דער קאַטוילישער רעליגיע. די וועלט-לעכע וויסנשאַפט און באַזונדערס די פילאָזאָפיע פון אַריסטאָטעלעס האָט אין דער אינטערפּרעטאַציע פון די אַראַבישע קאָמענטאַטאָרן גע-דאַרפט אויספירן בלויז אַ באַדינענדיקע ראָל, זי איז פּראָקלאַמירט גע-וואָרן אַלס „די באַדינערין פון דער טעאָלאָגיע". דער גרעסטער דענק-מאָל פון דער קאַטוילישער וויסנשאַפט וועגן גאָט איז דאָס נישט-פאַר-

ענדיקטע ווערק פונעם הייליקן טאָמאַס אַקווינאַט: „די טעאָלאָגישע זאַמלונג" (Summa Thelogiae). אויב די סכאָלאַסטיק האָט געדינט אַלס אַ מין וויסנשאַפטלעכער פונדאַמענט פאַר דער גאָט-דערקענטניש, איז איר פאַעטישע הויך געווען די מיסטיק, דאָס באַגייסטערטע אָוועקלאָזן זיך פונעם גייסט אינם שויס אַריין פון דער אייביקער גאָטהייט. פונקט ווי טאָמאַס אַקווינאַט איז געווען דער גרעסטער סכאָלאַסטיקער, איז דער הייליקער באָנאַווענטוראַ געווען דער גרעסטער מיסטיקער פון דער קאַטוילישער קירכע. יעדע אָפּנייגונג פון די טעקסטן פונעם הייליקן שריפט, יעדע אַרויסווייזונג פון פרייען דענקען האָט זיך גערעכנט פאַר אַן אומפאַרגעבבאַרע אפיקורסות און איז שטרענג באַשטראָפט געוואָרן. מיט די אפיקורסים פלעגט זיך די קירכע אומברחמנותדיק אָפּרעכענען, ווי למשל, מיטן ראַציאָנאַליסט אַבעליאַר, און אויב די אפיקורסות פלעגט אַרומכאַפּן גאַנצע געגנטן גאַנצע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, פלעגט די קירכע פּרעדיקן קעגן זיי קרייצצוגן, זי פלעגט זיי אויסשטעלן אויף אויסראָטונג און פאַרניכטונג (די אפיקורסות פון דאַלמאַטינאַ, די אפיקורסות פון די אַלביגאָיער).

V.

דער גרעסטער פאָרשטייער פון דער מיטלאַלטערלעכער פּעאָדאַל-מאָנאַכישער קולטור איז געווען דער איטאַליענישער דיכטער דאַנטע אַליגיערי. אין זיין וועלטאַנשויאונג און שאַפונג פלעכטן זיך עפּעס מאָדנע דורך אַריסטאָקראַטישע שטימונגען און אַסקעטישע אידעאַלן.

אין זיין יוגנטלעך ווערק „דאָס נייע לעבן" האָט דאַנטע דערציילט אין אַ ריי סאָנעטן, און אין זייער פאַרבינדנדיקן פּראָזאַאישן קאָמענטאַר, וועגן זיין ליבע צו עפּעס אַ פּרעכטיק מיידל, וועלכע ער רופט אָן בעאַטריטשע, ד. ה. די, וואָס שענקט צופרידנקייט. באַקאַנטשיאַס באַהויפּטונג, אַז דאַסדאָזיקע מיידל איז געווען די טאָכטער פון פאָלקאָ פּאָרטינאַרי און שפּעטער די פרוי פון סימאָנע דעמיבאַרדי, איז אויף גאָרנישט באַגרינדעט. דער גאַנצער ראָמאַן איז אויסבעהאַלטן אין אַזאַ אומבאַשטימטן און געהיימנישפולן סטיל, אַז מ'קאָן

אפילו ספקן, צי האָט דאַנטע בכלל ליב געהאַט עפּעס אַן ערדישע פרוי, אַ פרוי פון פלייש און בלוט. שוין אין זעכצענטן יאָרהונדערט איז אַנטשטאַנען אַ געדאַנק, אַז בעאַטריטשע איז נישט מער ווי אַן אַבסטראַקטער סימבאָל (קריסטאָף לאַנדינאָ). און דערדאָזיקער געדאַנק האָט זיך דערנאָך נישט איינמאָל איבערגעחזרט אין ניינצענטן יאָרהונ־דערט, דערביי האָבן געאַיסע געלערנטע געזעען אין דער העלדין פון „דאָס נייע לעבן" די פאַרקערפּערונג פון דער קאַטוילישער טעאָלאָגיע (פּערעס), אַנדערע — דעם סימבאָל פון דער אימפּעראַטאָרישער מאַכט (ראָזעטי), און צום לעצט, דריטע, ווידער, — די פאַרקערפּערונג פון דער אייביקער ווייבלעכקייט (באַרטאָלי, רעניער). אויפן גאַנצן יוגנט־לעכן ראָמאַן פון דאַנטען ליגט אַ חותם פון עפּעס נישט־ערדישעס. אַלדאָס רעאַלע איז גרינטלעך פאַרטושט. אַלדאָס וואָכעדיקע איז איינ־געהילט אין אַ שלייער פון געהיימנישפולקייט. ס'איז נישטאָ דאָרטן קיין שום אָנווייזונגען אויף דעם אָרט, וואו די האַנדלונג קומט פאָר. ס'איז נישט באַוואוסט, ווער איז עס געווען דאָס מיידל, וואָס האָט אויפגעוועקט ביים דיכטער די געפילן, ווער זענען אירע עלטערן, צי איז זי אַ פאַרהייראַטע אפשר. אומעטום רייסן זיך אַריין אין לעבן חלום־זעאונגען. די עצם־ליבע פונעם דיכטער איז פרעמד פון יעטוועדן קערפּערלעכן עלעמענט. זי איז אינגאַנצן געוועבט פון טרוים און פאַר־געטערונג. דאָס גרעסטע גליק פאַר אים איז צו באַקומען פון דער ליבער אַ לייטזעליקן גרוס, און ער קאָן צו־זיך נישט קומען פון ליידן, ווען זי זאָגט אים אָפּ דערין. די ליבע האָט אויפן דיכטער די סאַמע דערהויבנסטע מאָראַלישע ווירקונג. זי רייניקט אויס זיין האַרץ פון אַלע פעלערן, זי רייסט אים אָפּ פון אַלדאָס געמיינע, זי באַוועגט אים מוחל צו זיין די שונאים, זי פּירט אים צו גוטע מעשים און זי לענקט זיין געדאַנק צו די הימלען. בעאַטריטשע ווערט אומבאַמערקבאַר פאַר־וואַנדלט אין די אויגן פונעם דיכטער אין אַ מלאך, און נאָך איר טויט גיט ער זיך אַ וואָרט זי צו באַזינגען אַזוי, ווי קיין פרוי איז נאָך קיינמאָל נישט באַזונגען געוואָרן.

אין דאַנטעס „דאָס נייע לעבן" האָט די פעאָדאַלע ליבע געפונען איר בולטסטן און פאָעטישסטן אויסדרוק.

אין די יאָרן פון רייפקייט האָט דאַנטע גענומען אַ לעבהאַפטן אַנטייל אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון זיין היימשטאָט פלאָרענץ, אינם קאַמף פון די פּאָליטישע פּאַרטייען, פון די גוועלפן (דעמאָקראַטן)

מיט די גיבעלינען (אַריסטאָקראַטן). ער איז פאַרטריבן געוואָרן פון פלאָרענץ און דאָס גאַנצע רעשט לעבן האָט ער פאַרבראַכט אין וואָגלענישן, געפינענדיק פאַר זיך אַ צייטווייליקן מקום־מקלט ביי זיינע פאַרטיי־חברים אין וועראָנאַ און ראַווענאַ. געהערנדיק לויט זיין אָפּשטאַמונג צו דער דעמאָקראַטישער פאַרטיי, איז דאַנטע שפּעטער אַריבערגעגאַנגען אינם לאַגער פון די גיבעלינען און ביזן סוף פון זיין לעבן האָט ער געפירט זייער פּאָליטישן פּראָגראַם. זיינע פּאָליטישע אידעאַלן האָט דאַנטע איבערגעגעבן אינעם טראַקטאַט: „וועגן דער מאָנאַרכיע". ווי די גאַנצע אַריסטאָקראַטישע פאַרטיי אין איטאַליע, האָט ער געבויט די וועלט אויף די יסודות פון צווייהערשאַפט. דער ערדישער רעגירער דאַרף זיין דער גערמאַנאָ־רוימישער אימפּעראַטאָר, דער גייסטיקער סצעפּטער דאַרף זיך געפינען אין די הענט פונעם פויפּסט. אַזוי באַלייכטן דעם מענטש צוויי „זונען" דעם וועג — איינע ווייזט אים דעם וועג צו ערדיש גליק, און די צווייטע — צו הימלישער צופרידנקייט. האַלטנדיק זיך ביי דערדאָזיקער טעאָריע פון „צוויי זונען", איז דאַנטע געווען אַ שאַרפער קעגנער פון די דעצענטראַליזאַטאָרישע שטרעבונגען פון די שטאָטישע קאָמונעס און פון דער וועלטלעכער פּאָליטיק פון די רוימישע כּוהן־גדולס. ווען אין איטאַליע האָט זיך אַריינגעריסן דער גערמאַנישער אימפּעראַטאָר היינריך דער זיבעטער, האָט אים דאַנטע באַגריסט אַלס דעם רעטער פון לאַנד, אָבער אָט דערדאָזיקער לעצטער פּרווו צו שאַפן אין איטאַליע אַן אימפּעריע האָט געליטן אַ דורכפאַל: צוזאַמען מיטן טויט פון היינריכן האָבן די אַריסטאָקראַטישע פאַרטיי און דאַנטעס פּאָליטיק פאַרלוירן יעטוועדן באָדן פון אונטער די פיס.

לויט זיינע רעליגיעז־פילאָזאָפישע אַנשויאונגען איז דאַנטע נישט תמיד געשטאַנען אויף דער הויך פון דער מיטלאַלטערלעכער אַסקעטישער וועלטאַנשויאונג. אדרבה, עס ביי אים געווען אַ פּעריאָד, ווען ער האָט זיך מיט לייב און לעבן אָפּגעגעבן עולם־הזה, ווען ער האָט זיך מיטן גאַנצן האַרץ צוגעבונדן צו „פאַרשווינדנדיקע זאַכן", cosa, che non duri aeternamente. דאָס איז געווען תיכּף נאָכן טויט פון בעאַטריטשע און פאַרן טויט פון היינריך דעם זיבעטן. אין דעמדאָזיקן פּעריאָד האָט זיך דאַנטע זייער שטאַרק באַטייליקט אינם פּאָליטישן לעבן פון לאַנד, ער האָט חתונה געהאַט מיט דזשעמאַ דאָנאַטי, ער איז געווען אינגאַנצן אַריינגעטון אין דער שטודירונג פון דער

וועלטלעכער וויסנשאַפט. זיין געליבטע איז געוואָרן די „פילאָזאָפיע" „די טאָכטער פונעם האַר פון דער וועלט". זיין ליבע צו איר האָט ער באַזונגען אין די קאַנסאָנען פון דער "סעודה" און אין דעם פּראָזאַאישן קאָמענטאַר, וואָס איז צו זיי צוגעגעבן. אין דידאַקטישע לידער באַווייזט זיך שוין דאַנטע ביז אַ געוויסער מדרגה אַלס אַ נייער מענטש. אויף אים האָט ווי עפּעס אַ ווייע געטון די לופט פון דער געבוירנדיקער אין איטאַליע שטאָטישער קולטור — פון דער ניכטערער און רעאַליסטישער. דאַנטע איז, אמת, מסכּים, אַז דער מענטשלעכער שכל איז באַגרעניצט און קאָן נישט משיג זיין די אייביקע סודות פונעם זיין. אָבער — באַמערקט ער אינם קאָמענטאַר צו די קאַנסאָנען פון דער „סעודה" — לפי זיין „טבע" שטרעבט גאָר נישט דער מענטש צו דערקענען די טראַנסצענדענטאַלע וועלט (Quello da noi naturalmente non è desidevato) און ער באַגנוגנט זיך פולשטענדיק מיט יענעם באַגרעניצטן וויסן, וואָס עס גיט אים דער שכל, דערפאַר ווייל ער געפינט דערין דאָס „אמתדיקע גליק" (la verace felicita).

אַזוי האָט דאַנטע אָפּגעוואָרפן מיט איין, אַ ביסל ביטולדיקן, מאַך מיט דער האַנט יענע גאַנצע טראַנסצענדענטאַלע וועלט פון די געהיימנישן נאָכן טויט, וועלכע איז פאַרן מיטלאַלטערלעכן אַסקעט געווען טייערער איידער דער גאַנצער ערדישער קיום. דאַנטע איז, נאַטירלעך, אויך אין דעמדאָזיקן פּעריאָד פון זיין לעבן נישט געווען קיין אַפּיקורס, ווי עס האָבן אים געהאַלטן עטלעכע פאָרשער (וויטע און זיין שולע), ער האָט זיך נישט אָפּגעקערט פון די דאָגמעס פון דער קאַטוילישער רעליגיע, און ער האָט צאָרנדיק פּראָטעסטירט קעגן די מאַטעריאַליסטן, וועלכע האָבן געלייקנט אין השארת־הנפש... פונדעסטוועגן, ווען ער האָט געשריבן זיינע קאַנסאָנען, וועלכע האָבן באַזונגען זיין ליבע צו דער פילאָזאָפיע, איז ער דאַן געווען נענטער צו דער נייער קולטור פון די שטעט, ווי צו דער קולטור פון מיטלאַלטער. דאַנטע איז נישט לאַנג געשטאַנען אויפן באָדן פון אַזאַ ניכטערן און לעבנספריידיקן רעאַליזם. אויף די עלטערע יאָרן האָט ער זיך אומגעקערט צו דער אַסקעטישער וועלטאַנשויאונג פון דער קאַטוילישער קירכע. אַזוי איז אַנטשטאַנען „די געטלעכע קאָמעדיע", אַ פּאָעמע, וועלכע באַשטייט פון דריי טיילן: „גיהנום", „לייטערונגס־פייער" און „גן־עדן". זי רופט זיך „קאָמעדיע" דערפאַר, ווייל זי הויבט זיך אָן טרויעריק און

נעפּלדיק און פֿאַרענדיקס זיך מיט אַ באַרויקנדיקן און ליכטיקן אַקאָרד. דעם עפּיטעט „געטלעכע" האָבן צוגעגעבן די באַגײַסטערטע שפּעטערדיקע דורות. „די געטלעכע קאָמעדיע" איז אָנגעטאָן אין אַ לבֿוש פֿון „זעאונגען". „אינמיטן לעבן" האָט דער דיכטער פֿאַרבלאָנדזשעט אינם געדיכטן וואַלד פֿון זינד. די געליבטע פֿון די קינדערישע יאָרן וויל אים ראַטעווען. בעט דעם רוימישן פּאָעט ווירגיל, ער זאָל אַדורכפֿירן דעם דיכטער דורך אַלע קרײַזן פֿונעם גיהנום און פֿון לײַטערונגס-פֿײַער. דאַנטע זעט די יסורים פֿון די פֿאַרמשפּטע און בהדרגהדיק רײַניקט ער אָפּ זײַן נשמה פֿון אַלע זיבן עולם-הזהדיקע זינד. אינם ערדישן גן-עדן באַגעגנט אים בעאַטריטשע און זי נעמט אָן זײַן ווידוי, נאָך וועלכן זיי הויבן זיך אויף אין די ליכטיקע הויכן פֿון די הימלען, צו גאָטס כּסא-הכּבֿוד, צו די פֿיס פֿון יענער ליבע, וועלכע אַנטהאַלט אין זיך און באַשאַפֿט דורך זיך אַלץ.

אָנגעטאָן אין אַ לבֿוש פֿון „זעאונגען" איז „די געטלעכע קאָמעדיע" אָנגעשריבן אין דעם כאַראַקטעריסטישן פֿאַרן מיטלאַלטערלעכן שאַפֿן אַלעגאָרישן סטיל. די געשילדערטע דורכן דיכטער פֿיגורן זענען צומגרעסטנטייל — סימבאָלן. בעאַטריטשע איז נישט בלויז די געליבטע פֿון די קינדער-יאָרן, נאָר אויך די פֿאַרקערפּערונג פֿון דער טעאָלאָגיע, ווירגיל איז נישט בלויז דער מחבר פֿון דער ענעאידע, נאָר אויך די פֿאַרקערפּערונג פֿון דער וועלטלעכער וויסנשאַפֿט א. אַ. וו. די גאַנצע פּאָעמע שילדערט נישט בלויז דאַנטעס אַרומגיין דורך די מאַטערנישן, נאָר זי גיט אויך איבער בלשון סגי-נהור די גײַסטיק-מאָראַלישע צוריקאויפֿלעבונג פֿון אַ מענטש, וועלכער איז פֿאַרזונקען אין זינד.

די מיטלאַלטערלעכע לויט דער פֿאָרם „געטלעכע קאָמעדיע" איז לויט איר גײַסט דורכגעדרונגען מיטן מיטלאַלטערלעכן אַסקעטיזם. דאַנטע פֿאַראורטײַלט איצטער שטרענג זײַן גאַנצע פֿאַרגאַנגענהייט, ווען ער האָט אָפּגעגעבן זײַן האַרץ צו „פֿאַרשווינדנדיקע זאַכן", ווײַל „די אמתדיקע ליבע ‚sosa, che non duri aeternamente, דאַרף זײַן געווידמעט צו גאָט", און יענער, „וועלכער פֿאַרגעסט אָן איר, פֿאַרמשפּט זיך אַליין אויף אייביקע לײַדן" (גן עדן, XV). איצטער דאַכטן זיך אים אויס אַלס „משוגעים" די מענטשן, וועלכע אָנשטאָט צו טראַכטן וועגן די יענעוועלטיקע סודות, שטודירן זיי יוריספּרודענץ און מעדיצין, שטרעבן זיי צו מאַכט אָדער זיי פֿאַרנעמען

זיך מיט אַ מלאכה (גן־עדן XI). איצטער זעען אויס ביי אים אין די אויגן נישטיק אַלע „סילאָגיזמען“ פון דער וועלטלעכער וויסנשאַפט, וועלכע צווינגט דעם מענטש „צו קלאַפן מיט די פליגלען אָן דער ערד“, אָנשטאָט דעם, ער זאָל זיך דערהויבן צו די הימלען. דאָס גאַנצע עולם־הזהדיק לעבן שטעלט זיך אים איצט פאָר אַלס אַ קרום־אויגיקע, מיאוסע מכשפה, וואָס איר גוף גיט פון זיך אַרויס שלעכטע ריחות (לייטערונגס־פייער XIX).

דאַנטע האָט אויסגענוצט זיין „געטלעכע קאָמעדיע“ נישט בלויז צו דעם, ער זאָל דורך איר פּאַראַייביקן זיין צוריקקער צו דער אַסקעטישער וועלטאָנשויאונג פון דער קאַטוילישער קירכע, ער האָט זי אויך אויסגענוצט אין די אינטערעסן פון זיין פּאָליטישער פּאַרטיי, אַוועקשיקנדיק אין גיהנום אַריין זיינע פּאַרטייאישע קעגנער, די גוועלפן־דעמאָקראַטן און די פּויפּסטן־דעראָבערער, אַרויפלייגנדיק די סאַמע שרעקלעכסטע שטראָף אויף ברוטוסן און קאַסיאָן, וועלכע האָבן געמאַכט אַן אַטענטאַט אויף דער הייליקער רוימישער אימפּעריע דורך דער דערמאָרדונג פון צעזאַרן, און איינקוואַרטירנדיק אין גן־עדן הייגריך דעם זיבעטן, די פּאָליטישע פאָן פון דער גיבעלינישער פּאַרטיי.

דער גרויסער שעפער פון דער „געטלעכער קאָמעדיע“ איז געוועזן דער לעצטער באַדייטנדיקער פאָרשטייער פון דער פעאָדאַל־מאָנאַכישער קולטור, אויף וועלכער עס האָט זיך שוין דערהויבן דער מאָרגנשטערן פון אַן אַנדער לעבן, און די שטראַלן פון דעמדאָזיקן נייעם לעבן זענען אויף אַן אויגנבליק אַריינגעפאַלן אויך אין זיין שטרענגער נשמה אַריין, וועלכע איז געווען געווענדעט צו די „ווייסע שטערן“.

דאָס געבוירנווערן פון דער שטאָטישער קולטור

I.

אָנהייבנדיק פונעם פערצענטן יאָרהונדערט ווערט די נאַטוראַלע ווירטשאַפט ביסלעכווייז פאַרביטן דורך דער געלט-ווירטשאַפט. דאָס שווערגעוויכט פונעם קולטורעלן לעבן גייט אַריבער פונעם פעאָדאַלן שלאָס צו דער בריהשער האַנדל-שטאָט. אין איין ריי מיטן פריץ — מלחמה-האַלטער און נאָך העכער פון אים ווערט אַוועקגעשטעלט דער שטאָטמאַן, דער סוחר און דער באַלמעלאָכע. אין די רייכווערנדיקע שטעט בילדן זיך אויס אומבאַמערקבאַר נייע שטימונגען, אידעאַלן און טיפּן, עס ווערט רייף אַ נייע קולטור.

זייענדיק אָפּהענגיק מערער פון דער אייגענער איניציאַטיוו, פון דער אייגענער דערפינדערישקייט און אונטערנעמערישקייט, זייענדיק מאַטעריעל פאַרזאָרגטער, האָט דער שטאָטמאַן אויפגעהערט צו ווענדן כסדר זיינע אויגן צו יענער וועלט, צו די ווייטע, אומבאַוואוסטע און שרעקלעכע הימלען. דאָס ערדישע לעבן מיט זיינע הנאהס און איפּ-רעגונגען, מיט זיין קאַמף און מיט זיינע אַנטוישונגען האָט זיך אים אויסגעוויזן אַלס צוציענדיקער און אינטערעסאַנטער איידער די מלוכה נאָכן טויט. די קלויסטערדיקע אידעאַלן פון אָפּזאָגן זיך פון תענוגי עולם-הזה און פון תעניתים האָבן אָפּגעטרעטן זייער אָרט דער דורשט נאָך פאַרגעניגנס און קאָמפאָרט; די מרה-שחורהדיקייט און טרויער ווערן פאַרביטן דורך אַ מונטערער לעבנספריידיקייט. אין די אויגן פונעם שטאָטמאַן האָט די קירכע פאַרלוירן איר פריערדיקן אָרעאָל, די גלחים און די מאָנאַכן האָבן זיך אים אויסגעוויזן אַלס שעדלעכע פּאַראַזיטן. פון אַ מיסטיקער און אַסקעט איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעאַליסט און עפּיקורעער. געשיקטקייט און פלינקייט, דאָס קאָ-נען זיך אַרויסקריגן פון אַ שווערער לאַגע דורך אַ בריהשן וויץ און

דאַנטע



סערוואַנטעס

אַ שאַרף וואָרט, דאָס קאָנען דערגרייכן פאַר זיך דעם געשטעלטן ציל דורך אַ נישט-שוואַכער-ווערנדיקע ענערגיע — אָט דאָס זענען די מעלות, וועלכע עס האָט געשעצט מער פאַר אַלץ דער שטאָטמאַן. אָנערקענענדיק זיך אַלס וואַקסנדיקע עקאָנאָמישע קראַפט, ווען עס געהערט די צוקונפט, האָט דער שטאָטמאַן נישט געגלויבט אין דער בכורה פונעם פעאָדאַל, ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן זיינע פאַרוועלעכצן, ער האָט נישט געהאַט קיין גרויס דרך-ארץ פאַר זיין יחוסדיקייט. פאַר אים האָבן נישט עקזיסטירט קיין שום אַנדערע סאָציאַלע בכורהס, אַחוץ יענע, וועלכע זענען אַ רעזולטאַט פון די אייגענע פעאיקייטן און פון דער אייגענער טאַלענטירטקייט. ער האָט פּראָטעסטירט קעגן דער שטאַנדן-אָפּגעשלאָסנקייט אין נאָמען פון גלייכהייט פון די שטאַנדן.

אָט דידאָזיקע אַלע שטריכן, וועלכע זענען אייגנשאַפטלעך פאַר דער פסיכאָלאָגיע און וועלטאָנשויאונג פונעם שטאָטמאַן, האָבן זיך אויף אַ געוויסן אויפן אָפּגעשפּיגלט אין זיין ליטעראַטור.

די שרייבער-שטאָטלייט זענען קודם-כל געווען רעאַליסטן. זיי האָבן ליב געהאַט און שטודירט דאָס אַרומיקע לעבן און די מענטשן אַזוי ווי יענע זענען עס געווען אין דערווירקלעכקייט. די קעגנשטאַנדן און פערזאָנען, וועלכע זיי האָבן געשילדערט, האָבן פאַר זיי געהאַט אַ באַדייטונג פאַר זיך אַליין, און נישט ווי רמזימדיקע אָנצוהערענישן אויף עפּעס אַן אַנדערע עולם-הבאדיקע אָדער אַבסטראַקטע וועלט; זיי זענען פאַר זיי געווען דאָס, וואָס זיי האָבן געזעען אין זיי ביי דער ערשטער באַטראַכטונג, און נישט עפּעס סימבאָלן, וועלכע מ'דאַרף נאָך ערשט פונאַנדערשיפרירן. שילדערנדיק דאָס לעבן אַזוי ווי עס איז, אין זיין גאַנצער פולקייט און פאַרשיידנאַרטיקייט, מיט זיינע לעכערלעכע און טרויעריקע זייטן, אויסמיידנדיק אויסטראַכטענישן און אַלעגאָריעס, פלעגן די שרייבער-שטאָטלייט צוזאַמען דערמיט אונטערוואַרפן אונטער אַ מער-ווייניקער שאַרפער קריטיק די הויפּט-יסודות פון דער אַלטער קולטור, די גאַווהדיקע פּרעטענזיעס פון די פעאָדאַלן און די אַסקעטישע אידעאַלן פון די מאָנאַכן.

אויב דער קינסטלערישער סטיל פון דער פעאָדאַל-מאָנאַכישער ליטעראַטור קאָן ווערן באַצייכנט אַלס פאַנטאַסטישער סימבאָליזם, פאַרדינט דאַן דער קינסטלערישער סטיל פון דער שטאָטישער ליטעראַטור אַבסאָלוט אויפן נאָמען — קריטישער רעאַליזם.

די שרייבער-שטאָטלייט האָבן אויסגעאַרבעט נישט בלויז

קינסטלערישע מעטאָדן, וועלכע האָבן אָנטשפּראָכן דער פּסיכאָלאָגיע פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, נאָר זיי האָבן אויך געשאַפן נייע ליטע־ראַרישע זשאַנרען. די פּאָעמע מיט אַ מלחמהדיקן אָדער גייסטיק־מאָראַ־לישן אינהאַלט און דער קאַנסאָן, וואָס האָט באַזונגען די ליבע, טרעטן איצטער אָפּ זייער אָרט פאַר דער דערציילונג־פאַבולע און נאָוועלע. די פּראָזע טריאומפירט איבער דער פּאָעזיע.

דערדאָזיקער נייער רעאַליסטישער סטיל האָט זיך נישט מיטאַ־מאָל איינגעשטעלט אין דער נייער ליטעראַטור. די ביידע גרעסטע פּאָעטן פון פערצענטן יאָרהונדערט — פון דער איבערברוך־עפּאָכע, ווען די שטאָטישע ציוויליזאַציע האָט ביסלעכווייז דורכגעשלאָגן איין מויער נאָך דער אַנדערער אין דער פעאָדאַל־אַסקעטישער פעסטונג — דער איטאַ־ליענער באָקאַטשיאָ און דער ענגלענדער טשאָסער — האָבן אָנגעהויבן זייער ליטעראַרישע טעטיקייט אַלס פּאָרזעצער פונעם אַלטן סטיל, פון דער אַלטער קינסטלערישער טראַדיציע.

אין זיין פּאַסטאָראַל „אַמעטאָ" דערציילט באָקאַטשיאָ, ווי דער פּאַסטוך אַמעטאָ — אַ גראָבער און אַ פּרימיטיווער — ווערט ביסלעכ־ווייז מאָראַליש אומגעוואַנדלט אונטער דער השפעה פון זיין באַקאַנט־שאַפט מיט נימפעס, דערביי זענען די לעצטע בלויז אַלעגאָרישע שיל־דערונגען פון פאַרשיידענע מעלות־טובות. אין זיין פּאָעמע „דאָס הויז פון ליבע" גיט איבער טשאָסער אין דער פאָרם פון זעאונגען, ווי ער האָט אין חלום באַזוכט אַ הערלעכן פּאַלאַץ, וואו פּלערליי סימבאָלן האָבן פּאַראייביקט די גרויסע אויפטוען און שאַפונגען פון מענטשן.

שפּעטער האָבן זיך די ביידע דיכטער אָפּגעזאָגט פונעם פאַנטאַס־טישן סימבאָליזם פון דער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור און זיי זע־נען אַרויף אויפן וועג פון ברייטער און לעבנספרייידיקער רעאַליסטי־שער שאַפונג.

II.

באָקאַטשיאָס „דעקאַמעראָן" איז דער ערשטער דענקמאָל, וואָס שפּיגלט אָפּ אין זיך די עקאָנאָמישע און ליטעראַרישע רעוואָלוציע, וועל־כע איז פאָרגעקומען אין פערצענטן יאָרהונדערט. דאָס בוך באַשטייט פון הונדערט נאָוועלן, אַנדערע טרויעריקע, אַנדערע פריילעכע, וועלכע ווערן דערציילט דורך צען יונגע מענטשן, מיידלעך און יונגעלייט, אין אַ

פּרעכטיקער ווילע, בעת די הפסקות צווישן די שפּילן, טענץ און סעודה-
לעך, וואָס קומען פאָר בשעת דער מגפה, וועלכע האָט געהערשט אין פּלאָ-
רענץ אין יאָר 1348. צווישן דידאָזיקע נאָוועלן טראָגט בלויז אַ נישטי-
קע צאָל אַ פאַנטאַסטישן כאַראַקטער — די מערהייט נאָוועלן גיבן איבער
אין אַ פּשוטער, רעאַליסטישער איבערדערציילונג געשעענישן פון דער
קעגנוואַרט און פון דער פאַרגאַנגענהייט. ווי שפּאַסיק און אָפט אַפילו
פּוסטלעך ס׳זאָלן נישט זיין די איבערגעגעבענע אַנעקדאָטן — טראָגט
דאָס גאַנצע בוך פונדעסטוועגן עפּעס אַ פּראָגראַמאַטישן כאַראַקטער.

„דעקאַמעראָן" איז אַדורכגעדרונגען קודם-כּל מיט אַ דעמאָקראַ-
טישן גייסט. דאָס איז אַ פּראָטעסט קעגן דער שטאַנדן-אָפּגעשלאָסנקייט,
קעגן די פעאָדאַלע פאָראורטיילן.

אין איין נאָוועלע ווערט דערציילט וועגן דעם, ווי די טאָכטער
פון דעם סאַלערנער הערצאָג גיסמאָנדאַ האָט ליב-געקריגן דעם פּאָטערס
אַ דינער, אַ יחוסלאָזן יונגמאַן, און ווען דער פּאָטער קומט אַריין אין
גרימצאָרן, נעמט זי אים אויפווייזן, אַז „אַלע נשמות זענען באַשאַפן גע-
וואָרן דורך איין באַשעפער" און „זיי באַזיצן דיזעלביקע אייגנשאַפטן און
מעלות". לכתחילה האָט זיך אַלס אַ „מיוחס" גערעכנט דער, ווער ס׳איז
געווען אַ „בעסערער", און ערשט שפּעטער האָבן מענטשן פאַרביטן
דאָסדאָזיקע געזעץ פון דער „נאַטור" אויף דעם יחוס פון אָפּשטאַמונג.
גיסמאָנדאַ שטרעבט טאַקע צוריקצוויפצושטעלן דאָס פאַרגעסענע אַלטע
„געזעץ". „קוק זיך אַרום צווישן דיינע פּריצים — זאָגט זי צום פּאָ-
טער — טראַכט זיך אַריין אין זייער לעבן און אין זייערע מנהגים, און
דערנאָך פאַרגלייך זיי מיט דעם מענטש, וועלכן איך האָב ליב-געקריגן,
און אויב דו וועסט נאָר וועלן אורטיילן אָן אויפרעגונג, וועסטו אים אָנ-
רופן — דער מיוחסדיקסטער, און דיינע פּריצים — יחוסלאָזע".

„דעקאַמעראָן" שטעלט מיט זיך פאָר נישט בלויז אַ פאַרמאַסקירטן
פּראָטעסט קעגן פעאָדאַליזם, נאָר אויך קעגן קלער, באַזונדערס קעגן די
מאָנאַכן, וועלכע שטרעבן בלויז צו „תענוגים און רייכקייטן", — „אָנגע-
פּרעסטע מיט בליענדיקע פּנימער" גייען זיי אַרום „ווי די הענער, אויפ-
געהויבן דעם קאַם, און שטאָלץ אַרויסגערוקט די ברוסט", און זייערע
צעלעס זענען ענלעך צו „דראָגעריע-און פּערפום-געשעפטן". זייענדיק
אַליין פאַרזונקען ביז איבער די אויערן אין זינד, מאַכן די מאָנאַכן אַן
אָנשטעל, ווי זיי וואָלטן געווען די באַלעבאַטים פון גן-עדן און זיי טיילן
אין אים פונאַנדער פּלעצער אָפּהענגיק דערפון, וויפל מ׳באַצאָלט זיי.

„דעקאַמעראָן" מאַכט אַן איבערראַשונג נישט בלויז פון די סאָציאַלע, נאָר אויך פון די מאָראַלישע ווערטן.

דאָס איז אַ יובלענדיקער, פול מיט חוזק און פאַרריסנקייט, אינטערעסאַנטער און אָנצערעמאָניעדיקער קרייצצוג קעגן דעם אַסקעטיזם. די דערציילערס, מיידלעך און בחורים, קערן זיך כסדר אום צום געדאַנק, אַז „נישט קלוג" זענען די מענער און פרויען, וועלכע מיינען, אַז ווי באַלד אַ מענטש האָט אָנגעטון די גלחישע טאָגע איז ער שוין „פרעמד פון אַלדאָס עולם-הזהדיקס", און דער מחבר אַליין איילט זיי צוהילף מיט דער דערקלערונג, אַז דער, ווער עס וויל „זיך אַנטקעגנשטעלן די נאַטור-געזעצן", דאַרף באַזיצן „צו-גרויסע כוחות"; אַז „די, וועלכע פרוּוון זיך עס צו טון, איז נישט בלויז, וואָס זייער מי איז בחינם, נאָר דאָס ברענגט זיי אַהוצדעם אַ גרויסן שאָדן". אין אַ גאַנצער ריי לעכערלעכע, אָפט אומאָנשטענדיקע נאָוועלן אַנטפּלעקן די דערציילערס די גאַנצע גרעניצלאָזע צביעות פון די מאָנאַכן, וועלכע פרעדיקן מיט ווערטער צוריקגעהאַלטנקייט, און פאַקטיש זענען זיי די סאַמע איבערגעגעבנסטע דינער פון דער געטין ווענעראַ. אַנטקעגן דער אַסקעטישער וועלטאָנשויאונג פון דער קירכע שטעלט „דעקאַמעראָן" אַוועק די טעאָריע פון „רעהאַביליטאַציע פון לייב". זאָל טאַקע זיין, אַז די ליבע קאָן זיך אַמאָל דערהויבן ביז אַ גרעניצלאָזער געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט (גריזעלדאַ, ליזאַ), ביז אַ ריטערלעכן דינען צו דער דאַמע (פעדעריגאָ דעלי אַלבעריגי), ביז אַ ריין-גייסטיקער ליידנשאַפט (דזשערבינאָ), — ליגט אַלץ אין איר יסוד אַ ריין-פיזיאָלאָגישער אינסטינקט, אַ געזעצלעכער, פונקט ווי יעדער אינסטינקט, דערפאַר ווייל מענטשן ווערן געבוירן נישט פון „שטיין" און „אייזן", נאָר פון „פלייש און בלוט", און אַנטקעגן די באַפעלן פון דער „נאַטור", אַנטקעגן דער שטימע פון לעבן און פון דער יוגנט, קאָן מען נישט אומבאַשטראָפט אַנטקעגנווירקן.

באַקאַטשיאָס „דעקאַמעראָן" איז אויך דורכגעדרונגען מיט אַ גוואַלדיקער לעבנספרייליקייט. עס הערט זיך אין אים דאָס געזונטע געלעכטער פון מענטשן, וועלכע לעבן אין אַ מאַטעריעלן וואוילשטאַנד, וועלכע האָבן זיך באַפרייט פונעם יאָך פון די פינצטערע זעאונגען און תשובה-טועכישן, פון מענטשן, וועלכע לייגן אַסאַך האָפענונגען אויף זייער איינפאַלערישקייט און דערפינדערישקייט, ענערגיע און אונטערנעמערישקייט. עס פילט זיך אין אים אַן [אומאויסשעפּבאַרע לעבנספריידיקייט פון מענטשן, וועלכע קאָנען שעצן דעם ערדישן קיום און

װעלכע קאָנען פון אים הנאה האָבן; פון מענטשן, װעלכע זענען אָן אַ שיעור פֿאַרליבט אין אַ שאַרף װערטל, אין אַ קלוגן ענטפער, אין אַ פרײלעכן שפּאַס.

כּמעט אַ האַלב יאָרהונדערט נאָך „דעקאַמעראָן" (1393 יאָר), אונטער זײַן אָנספּקדיקער השפּעה, האָט דער ענגלענדער ד ז ש ע פ ר י ט ש אָ ס ע ר אָנגעשריבן זײַנע „קענטערבערישע דערצײלונגען".

אינעם גאַסטהויז פונעם שענקער האַרי בײַל האָבן זיך צונויפגעקליבן נײַנאונצוואַנציק עולה-רגלניקעס, װעלכע גײען אין קענטערבערער קאַטעדראַלע זיך בוקן צו די רעליקװיעס פון הײליקן טאָמאַס בעקעט. לויטן שענקערס עצה איז באַשלאָסן געװאָרן זיך צו פֿאַרקירצן דעם װעג מיט מעשׂות. טשאָסערס בוך פֿאַלט זיך אַזױאַרום פונאַנדער אויף צװײ טײלן, אויף אַ „פּראָלאָג", אין װעלכן עס װערן באַשריבן די עולה-רגלניקעס, און אויף זײערע דערצײלונגען, װעלכע זענען, הויפּטזאַכלעך, גענומען פון פראַנצויזישע פֿאַבלאָס און פון איטאַליענישע נאָװעלן. דעם גרעסטן קינסטלערישן װערט האָט דער פּראָלאָג — ער איז אַ מוסטער פון רעאַליסטישער מאָלערײ. עס װערן אַרויסגעבראַכט אַלע קלאַסן פון דער ענגלישער געזעלשאַפט. דאָ זעען מיר אַ ריטער, װעלכער איז אָקאָרשט צוריקגעקומען פון מלחמה-צוג און ער לאָזט זיך תּיכּף אַװעק עולה-רגל זײַן; זײַן זון, אַ יונגער מלחמה-האַלטער, װעלכער האָט שױן באַװיזן זיך אויסצוצײכענען מיט נצחונות לכּבוד דער דאַמע פון זײַן האַרץ; אַ רײַכן פריץ (פראַנקלין), אַן עפּיקורעער און מכניס-אורח; אַ פעטן בענעדיקטינער, מיט אַן אויסגעפּאַשעטן קערפּער, אַ שטאַרקן ליבהאָבער פון יאַגד, און אַ פּריאָרין פון אַ פרױען-קלױסטער, װעלכע זעט גיכער אויס װי אַ װעלטלעכע דאַמע מיט פֿאָרװאָרפלאָזע מאַניערן. באַלד נאָך די פֿאָרשטײער פון דער פעאָדאַלער אַריסטאָקראַטיע (די װעלטלעכע און רעליגיעזע) גײען די פֿאָרשטײער פון דאָרף — אַ רײַכער מילנער, אַ גוטער פויער, װעלכער איז גרייט אומזיסט צו אַקערן און שנײַדן פאַר אַן אָרימען שכן, און אַ דאָרפישער גלח, אַן אידעאַלער גײַסטיקער פּאַסטער, װעלכער לעבט אינגאַנצן פאַר זײַן פּאַראַפיע. און פון די רײען פונעם פעאָדאַל-אַגראַרישן ענגלאַנד שנײַדן זיך אײגנאַרטיק אַרויס די טיפּן פון די שטאָטלײַט — אַ סוחר אין אַ פלאַמאַנדרישן באָברענעם הוט, װעלכער איז אַרײַנגעטון אין טראַכטן מכּוח דער גרויס פון זײַנע רװחים, אַ קאַפּיטאַן פון אַ האַנדלס-שיף, אַ מענטש מיט אַ נישט-איבער-קלײַבעריש געװיסן פון אַ פּיראַט, און, צומלעצט, מײַסטערס פון באַל-

מעלאָכישע צעכן, אַ סטאָליער און אַ וועבער, אַ טאַפּעצירער און אַ פּאַרבער, אויסגעפּוצטע אין עסיק און אין האָניק, „אָנגעזויענע בירגער, וועלכע זענען ראוי צו זיצן אין פּאַרלאַמענט, אונטערן באַלדאַכין“, דערפאַר, וואָס זיי פאַרמאָגן אַ „נישקשהדיק פאַרמעגן“.

אָט דידאָזיקע גאַנצע פאַרשיידנאַרטיקע קאָמפּאַניע גרופּירט זיך אַרום דעם שענקער האַרי בייל, דעם אייגנטלעכן העלד פון די „קענטערבערער דערציילונגען“, טשאָסערס ליבלינג.

האַרי בייל איז אַ טיפּישער שטאָטמאַן. ער איז אינגאַנצן — ענערגיע און אונטערנעמערישקייט. זיין דעוויז איז: „קיינמאָל נישט מרה־שחורהנען“. ער קוקט קרום אויף די גראָבע מאָנאַכן, וועלכע רוקן זיך צו צום בייטל פונעם בירגער, און זיי זענען לגמרי נישט ענלעך אויף „פּאַסטערס“ אָדער אויף „קערפּערלאָזע גייסטער“.

האַרי בייל איז די פאַרקערפּערטע לעבנספרייידיקייט. ער האָט נישט ליב זיך מתודה צו זיין און צו וויינען, צו דערמאָנען אַלטע זינד. אַנטקעגן דעם טרויער פאַרמאָגט ער צוויי אויסגעצייכנטע מיטלען — אויסטרינקען אַ גלאָז שוימיקן על און אויסהערן אַ פריילעכינקע מעשה. האַרי איז אַן איבערצייגטער שונא פון דער אַריסטאָקראַטישער ליטעראַטור מיט איר הויך־מליצהדיקן סטיל, מיט אירע „טערמינען, פיגורן און בילדער“. אַזאַ סטיל פּאַסט אפשר בלויז אויף אַ ביטע, וואָס מ׳שרייבט צום קעניג. אַ שרייבער דאַרף קודם־כל זיין קלאָר און פּינקטלעך, כדי „אַלע זאָלן אים קענען פאַרשטיין“. די דרך־אגב־געוואָרפענע באַמערקונגען פון האַרי בייל האָבן אַנטהאַלטן די גאַנצע נייע עסטעטיק — דעם פּראָגראַם פון דעם ליטעראַרישן רעאַליזם, וועלכער האָט זיך געהאַלטן אין שאַפן אין דער שטאָטישער סביבה און וועלכער האָט בהדרגהדיק אַרויסגעשטופּט דעם פאַנטאַסטישן און אַלעגאָרישן סטיל פון דער מיטלאַלטערלעכער פּאָעזיע.

צווישן די עולה־רגלניקעס, וועלכע גייען זיך בוקן צו די רעליקוויעס פון הייליקן בעקעט אין דער קענטערבערער קאַטעדראַלע, געפינט זיך אויך טשאָסער אַליין און ווען עס קומט אָן זיין ריי, דערציילט ער אַ געשיכטע מיטן ריטער טאָפּאַז, וועלכער האָט מלחמה געהאַלטן מיט ריזן צוליב זיין דאַמע — די קעניגין פון די פעיעס. — אונטער דעם אָפּלאַכנדיקן בליק פונעם שטאָטמאַן איז די מיליטערישע אַריסטאָקראַטיע פאַרוואַנדלט געוואָרן אומבאַמערקבאַר אין אַ קאַריקאַטור.

אויב באָקאַטשיאָס „דעקאַמעראָן“ און טשאָסערס „קענטענבערער

דערציילונגען" שטעלן מיט זיך פאָר די טאַלענטפולסטע מוסטערן פון דער נייער רעאַליסטישער ליטעראַטור, האָט זיך אָבער די אָפּאָזיציאָנעלע שטימונג פון די שטאָטלייט לגבי דער פעאָדאַל־מאָנאַרכישער וועלט פולער ווי אומעטום אויסגעדריקט אין דעם קאָלעקטיוון ווערק פון אַסאַך שרייבערס „אַ ראָמאַן וועגן אַ פוקס" (צוועלפטער־פערצענטער יאָרהונדערט), אין וועלכן עס ווערן דערציילט די פאַרלויפענישן פון אַ כיטרען פוקס, וועלכער האָט געירשנט דעם טראָן נאָכן טויט פון לייב.

„אינגאַנצן גענומען שטעלט מיט זיך פאָר דער „ראָמאַן וועגן אַ פוקס" די ביטערסטע סאַטירע אויף דער גאַנצער מיטלאַלטערלעכער לעבנסאָרדנונג — באַמערקט פראָפ. סטאָראָזשענקאָ — ריטערשאַפט, וואַנדערונגען איבער די הייליקע ערטער, געטלעכע משפּטים, מאָנאַכישע אָרדענס, צומלעצט, דער פויפּסט גופא — דאָס אַלץ ווערט אויסגעלאַכט. איבער אַלעמען טריאומפירט די כיטרעקייט, וועלכע איז פאַרקערפּערט אינעם פוקס. דער ראָמאַן וועגן אַ פוקס באַצייכנט מיט זיך דעם פונאַנדערפאַל פון דער פעאָדאַלער וועלט מיט אירע זיטן און אינסטיטוציעס און דעם אָנקום פון דער נייער צייט — די עפּאָכע פון דער בורזשואַזיע, ווען כיטרעקייט און געשיקטקייט וועלן רעגירן מיט דער וועלט, ווען מיט אַלגעמיינע כּוחות פון דער קעניגלעכער מאַכט פון איין זייט, און פון דער בורזשואַזיע — פון דער אַנדערער, וועט דעם פעאָדאַליזם געגעבן ווערן אַ קלאַפּ, פון וועלכן ער וועט שוין מער קיינמאָל צו זיך נישט קומען..."

די עפּאָכע פון דער הערשאַפט פונעם האַנדלס-קאַפּיטאַל

1.

אינעם פופצעגטן און זעכצעגטן יאָרהונדערט האָט די געלט-ווירט-שאַפט באַוועלטיקט, אײנס נאָך ס'אַנדערע, אַלע מערב-אײראָפּעאישע לענ-דער. דער באַלעבאָס פון לעבן איז געוואָרן דער האַנדל- און פינאַנץ-קאַפּיטאַל. דער העלד פון דער צייט איז געווען דער „קעניגלעכער סוחר", וועמענס שיפן „זענען צעשפּרייט איבער אַלע לענדער פון דער וועלט" („דער ווענעדיקער סוחר" אַנטאָניאָ ביי שעקספּירן).

דער האַנדלס-קאַפּיטאַל האָט מעכטיק איבערגעבויט דאָס גאַנצע לעבן.

דער סוחר קאָן זיך שוין נישט צופרידנשטעלן מיט יענעם באַגרע-ניצטן טעטיקייט-פעלד, וואָס האָט צופרידנגעשטעלט דעם באַלמעלאָכע און דעם פויער. אים איז נויטיק די גאַנצע וועלט, כדי צו פונאַנדער-וויקלען זיינע כוחות. ער איז פאַרנומען מיט אייביקע זוכענישן פון מערק. צוליב אים הויבן אָן די רייזנדערס זייערע ים-רייזעס אַרום דער וועלט, צוליב אים מאַכן זיי זייערע געאָגראַפישע אַנטדעקונגען. אַ דאַנק זיי, ווידער, האָט זיך דער האָריזאָנט פונעם מערב-אײראָפּעער זייער שטאַרק אויסגעברייטערט.

די קאָמערציעלע קאָנקורענץ האָט שנעל פונאַנדערגעטיילט אײראָ-פּע אויף אַ ריי נאַציאָנאַלע מלוכות, וועלכע פלעגן אַריינטרעטן איינע מיט די אַנדערע אין אַ קאַמף צוליב מערק. באַלד נאָך דער עפּאָכע פון די געאָגראַפישע אַנטדעקונגען הויבט זיך אָן די תקופה פון אומצאָליקע קאָמערציעלע מלחמות. צוליב דער דעראָבערונג פון נייע מערק און צוליבן איינהאַלטן אונטער דער אייגענער מאַכט די אַלטע האָט זיך דער האַנדלס-קאַפּיטאַל געגוויטיקט אין אַ באַוואָפנטער קראַפט און אין מוטי-קע מיליטער-פירער. אומעטום אין אײראָפּע אַנטשטייען שטאַרקע צענ-

פראַליזירטע מיליטערישע מאָנאַרכיעס און טיראַניעס (אין איטאַליע). צווישן די הערשערס און די סוחרים שטעלן זיך איין באַלד פון אָנהייב פרייַנטלעכע באַציאונגען. די פינאַנסיסטן און די סוחרים באָרגן די מאָנאַרכן געלט, וואָס איז זיי נייטיק אויף אויפצוהאַלטן די אַרמיי און דעם הויף, די הערשערס שטעלן צו די סוחרים זייערע סאָלדאַטן אויף איינצונעמען און צו פאַרטיידיקן די מערק. ס'איז שווער צו זאָגן, ווער ס'איז אין פופצעטן און באַזונדערס אין זעכצעטן יאָרהונדערט געווען דער רעגירער פון דער וועלט — די מאָנאַרכן צי די קאַפּיטאַליסטן. אין איטאַליע האָט זיך די מאַכט געפונען אין די הענט אָדער פון דער סוחרישער אָליגאַרכיע (ווי אין ווענעדיק) אָדער פון די באַנקירן (ווי אין פלאָרענץ). אין דייטשלאַנד האָט געהאַט צו זאָגן איבער די גורלות פון דער מלוכה די אַאוגסבורגער האַנדלס-פירמע פון די פוגערס.

דער האַנדלס-קאַפּיטאַל האָט איבערגעבויט דעם גאַנצן לעבנס-סדר.

אויף וויפל אין דער עפּאָכע פון דער נאַטוראַלער ווירטשאַפט האָט זיך דאָס לעבן אויסגעצייכנט מיט פאַמעלעכקייט און אומבאַוועגלעכקייט אויף אַזוי פיל האָט עס איצטער אָנגעהויבן קלאַפּן מיט אַ שנעלן טעמפּאָ. דידאָזיקע פיבערהאַפטיקייט פונעם נייעם לעבן האָט זיך באַזונדערס געוואָרפן אין די אויגן אין יענע לענדער, וואו, — ווי למשל אין דייטשלאַנד — די עקאָנאָמישע איבערקערעניש איז פאָרגעקומען אָן אַ לענגערער פאָרבאַרייטונג. ס. פ ר אַ נ ק, דער מחבר פון דער „דייטשישער כראָניק" קאָן זיך גאָר נישט אָפּוואונדערן, פאַרוואָס מענטשן האָבן פּלוצלונג אָנגעהויבן טייער צו האַלטן די צייט, פונקט ווי צייט וואָלט געווען — געלט. אין זיין ליבגעזאַנג צו דער שטאָט נירנבערג שטרייכט אונטער מיט אַנטציקונג דער דיכטער ק. צ ע ל ט ע ס, אַז אין דער שטאָט קלאַפּן אויס זייגערס אויף פיר טורעמס יעדע פערטל שעה.

דער האַנדלס-קאַפּיטאַל האָט די מענטשן געמאַכט נישט בלויז טעטיקער, נאָר אויך עגאָאיסטישער. ל ו ט ע ר, ע ר אַ ז ם ר אָ ט ע ר ד אַ מ ע ר א. א. קלאָגן זיך כסדר דערויף, וואָס אייגנליבע און גיריקייט האָבן אָנגעשטעקט אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט, פאַרשאַרפנדיק, פון איין זייט, די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן די קלאַסן און מענטשן, האָט דער האַנדלס-קאַפּיטאַל, פון דער אַנדערער זייט, — אַ ביסל ווייכער געמאַכט די ראַסן-פיינטשאַפט. אין די צייטן פון מיטלאַלטער, אין דער עפּאָכע פון דער נאַטוראַלער ווירטשאַפט, האָבן די יידן אַרויסגערופן צו זיך אַן אַלגעמיינע שנאה. איצטער זענען אויך די קריסטן געוואָרן יידן.

אויב דער שעקספּירישער סוחר פון ווענעדיק האַלט פאַר אַ חרפה פאַר זיך אָפּצוגעבן געלט אויף פּראָצענט, איז ער געווען אין דער הינזיכט עפּעס אַ מין פענאָמען. אין דער ווירקלעכקייט האָבן די קאַפּיטאַליסטן באַקומען און גענומען אַ וואוכערישן פּראָצענט. אַזוי האָבן די אַנטוועראַפּענער סוחרים, וועלכע האָבן געבאָרגט געלט קאַרל דעם פינפטן, אויף מלחמה צו האַלטן מיט די שפּאַנישע קאָמונעס, אַנשטאָט 110.000 ליוור אים געגעבן בלויז 70 טויזנט, איינהאַלטנדיק די איבעריקע 40 טויזנט אויפן חשבון פון פּראָצענט. אין דער אַטמאָספער פון קאָמערציעלע ספּעקולאַציעס און בערזע-פּירער האָט געדאַרפט פונאַנדערפאַלן די וואַנט, וועלכע האָט אָפּגעטיילט די יידן פון די קריסטן. אין די איטאַליענישע שטעט שאַפט זיך אַ באַקאַנטע נאָוועלע, וועלכע ווערט אויך דערציילט דורך באָקאַטשיאָ און וועלכע איז דערנאָך געוואָרן דער יסוד פאַר לעסינגס „נתן דער חכם", אַ נאָוועלע וועגן „דריי רינגען", — וואָס דער זין אירער איז, אַז, אין תוך גענומען, זענען אַלע רעליגיעס: די קריסטלעכע, די מוסולמענישע און די יידישע, — גלייכווערטיק, ווי זע־נען אין דערזעלבער מאָס שלעכט.

אין דער ליטעראַטור פון דערדאָזיקער עפּאָכע הויבט אָן צוזאַ־מען מיטן סוחר-קריסט אויפצוטויכן די פיגור פונעם ייד-פּראָצענטניק (מאַרלאָ'ס מאַלטער ייד, שעקספּירס שיילאָק) און ביי דעם גאַנצן בירושה־איבערגעגעבענעם אַנטיסעמיטיזם ליגט אים איינער פון די מתּבּרים אַריין אין מויל אַריין אַ דעקלאַראַציע פון יידישע רעכט, די פאַרטיי־דיקונג פון גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן (שעקספּיר).

דער האַנדלס-קאַפּיטאַל איז לויט זיין עצם וועזן אַ גישט-זיכער און גישט פעסט רייכטום.

„שיפן זענען דאָך בלויז ברעטער — זאָגט שיילאָק — און מאַט־ראָזן זענען נאָר מענטשן. און אויף דער וועלט זענען פאַראַן יבשה־שטשורעס און וואַסער-שטשורעס, און אויך יבשה-גנבים און וואַסער־גנבים. נו, און אַחוצדעם זענען נאָך געפערלעך כוואַליעס, ווינטן און פעלזן". דידאָזיקע אומזיכערהייט פון רייכטום האָט געמאַכט דעם מענטש פון פופצענטן און זעכצענטן יאָרהונדערט זייער שטאַרק אָבער־גלויבעריש. ער האָט אויפגעהערט צו גלויבן אין גאָט און אין הייליקע אין אַזאַ מאָס, ווי ס'האָט געגלויבט דער מענטש פון דער עפּאָכע פון דער נאַטוראַלער ווירטשאַפט, דערפאַר אָבער האָט ער נאָך שטאַרקער געגלויבט אין דער מעכטיקייט פונעם גורל, אין דער געטין פאָרטונאַ.

אין דער אַסטראָלאָגיע. אין איטאַליע, וואו דער האַנדל איז געווען אַנט־וויקלט נאָך פון פערצענטן יאָרהונדערט אָן, איז כמעט אין יעדער שטאָט געווען אַ שטערנזעער, צו וועמען דער מאַגיסטראַט פלעגט זיך ווענדן אין אַלע ערנסטע פאַלן פון לעבן. אין די אוניווערזיטעטן האָבן די פּראָפעסאָרן געעפנט ספּעציעלע קורסן פאַר אַסטראָלאָגיע; בעת די קאַרנאַוואַל־פּראָצעסיעס פלעגט זיך צווישן אַנדערע אַלעגאָרישע פיגורן אומבאַדינגט באַווייזן אויך די פיגור פון דער קאַפּריזנער געטין פאָר־טונאַ; די ליטעראַטור איז איבערפולט מיט דעקלאַמאַציעס וועגן דער פאַרשווינדלעכקייט און אומזיכערקייט פון באַרימטקייט, רייכטום און גליק. מ׳קאָן ברענגען נישט ווייניק דאָקומענטן אויף אויפצוקלערן דעם אינער־לעכן צוזאַמענהאַנג צווישן דעם קאָמערציעלער טעטיקייט פון די מענטשן אין זעכצעטן יאָרהונדערט און זייער נטיה צו אַבערגלויבנס, זייער פאַרגעטערן די אַסטראָלאָגיע.

איינער אַ האַנדלס־אַגענט פון אַ גרויס האַנדלסהויז אין נירנבערג, קריסטאָף קורץ, שרייבט צו זיין פּרינציפּאַל, אַז ער איז פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. ער שטייט אויף פיר אַ זייגער פאַרטאָג. עס האַנדלט זיך דערין, וואָס ער שטודירט אַסטראָלאָגיע, די פריערדיקע אַסטראָלאָגן קאָן מען נישט געטרויען, דערפאַר ווייל זיי האָבן געשריבן זייער אויבנאויפיק. „אָט צוליב וואָס — שרייבט ער — איך דערשלאָג זיך אַליין צו מיינע נעזעצן און כּללים און איך זוך אַ באַשטעטיקונג אין די געשיכטעס״. אריינטועענדיק זיך בכן אין קאָמפּליצירטע אַסטראָלאָגישע אויסרעכענונ־גען און זייענדיק צופרידן פון זייער רעזולטאַט, עצהט דער אַגענט דער פירמע צו „ריזיקירן״ מיט די בשמים, ווייל עס קאָן זיין דערביי אַ „גוט פאַרדינסט״. דערדאָזיקער אַבערגלויבערישער פּחד, וועלכער איז אַרויסגערופן דורך דער ריזיקע, באַאומרואיקט אויך די גוטע פריינט פונעם ווענעדיגער סוחר אַנטאָניאָ ביי שעקספּירן, וועלכע האָבן בדעה, ביז זיינע שיפן וועלן זיך אומקערן בשלום אַהיים, זיך צו פאַרנעמען מיט פּלערליי סתם־שמועסערייען.

אָבער ווי אומזיכער ס׳זאָל נישט זיין דאָס רייכטום פונעם „קע־ניגלעכן סוחר״, האָט עס פאַרשפּרייט אַרום און אַרום אין דער סביבה פון דער בורזשואַזיע און אינטעליגענץ אַ דורשט נאָך פאַרגעניגנס און קאָמפאָרט. „הנאה־האָבן״ ווערט דער לאָזונג פונעם דור. איינער פון די ראַדיקאַלע שרייבער פון פופצנטן יאָרהונדערט, דער איטאַליענער לאָ רענציוס וואַלאַ, שרייבט זיין אַפּאָלאָגיע אין דער פאָרם

פון אַ גאַנץ בוך, וואָס איז באַטיטלט „וועגן הנאה-האָבן“. אין די קאַרנאַוואַל-לידלעך, וועלכע פלעגן געזונגען ווערן אין די איטאַליענישע שטעט אין דער צייט פון די קאַרנאַוואַל-פייערונגען, קלינגט תמיד אַ פריידיקער הימן צום לעבן. „פרייט זיך, ווייל קיינער קאָן נישט זיין זיכער מיטן מאָרגנדיקן טאָג“ — האָט געזונגען דער הערשער פון פלאָרענץ, לאָרענצאָ דער אויסגעצייכנטער.

די הערשנדיקע שטימונג אין דער פּאָעזיע ווערט די גרעניצלאָזע לעבנספריידיקייט, די ליידנשאַפט צום שפּאַס און געלעכטער, פּונקט ווי דאָס גאַנצע לעבן וואָלט געוואָרן אַ יום-טוב.

דידאַקטיק נישט-איינגעהאַלטענע פריילעכקייט, דאָסדאָזיקע געלעכטער, וואָס ווייסט נישט פון קיין צוימען, דרינגט דורך, ווי אַ זון-שטראַל דורך די פּאָעמעס פון אַריאָסטאָ (דער צאָרנדיקער ראָלאַנד) און פולטשי (דער ריז מאָרגאַנטע), דורך עראַזמוס „אַ לויב דער נאַרישקייט“, דורך ראַבלעס ראָמאַן וועגן די קייסערס-ריזן האַרגאַנטיואַ און פּאַנטאַגריעל, און עס פלאַקערט נאָכאַמאָל אויף, איידער עס וועט אויף לאַנג אָפּשטאַרבן, אין די גלענצנדיקע קאָמעדיעס פון שעקספּירן, וועלכע בליצן מיט שאַרפזין און לעבנספרייד. („ווי איר ווילט זיך“; „די צוועלפטע נאַכט“; „אַ סך טומל צוליב גאָרנישט“).

II.

אין דערזעלבער מאָס, ווי עס איז קאָמפּליצירט געוואָרן דאָס האַנדלס-לעבן, ווערנדיק אינטערנאַציאָנאַל, אין דערזעלבער מאָס, ווי עס זענען געשאַפן געוואָרן צענטראַליזירטע ביוראָקראַטישע מלוכות, — איז אַלץ מער געוואַקסן די נאָכפראַגע אויף געניטע דירעקטאָרן און אָנגעשטעלטע פון גרויסע אונטערנעמונגען, אויף פעאיקע קאַנצעלאַריסטן און גוטע יוריסטן, ידענים פון רוימישן און קאַנאָנישן רעכט, אויף הויף-היסטאָריאָגראַפן, אויף פאָלקסרעדנערס, אויף סטיליסטן-סעקרעטאַרן.

אַזוי איז אַנטשטאַנען אין פופצענטן און זעכצענטן יאָרהונדערט אַ נייע סאָציאַלע גרופּע — די אַלשטאַנדיקע אינטעליגענץ, וועלכע איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „הומאַניסטן“.

די פסיכאָלאָגיע פון דערדאָזיקער נייער און זייער איינפלוסרייכער גרופּע האָט זיך אויסגעבילדעט אונטער דער ווירקונג פון איר סאָציאַלן

מצב. איבערגייענדיק פון איין אָרט אויפן אַנדערן, דינענדיק היינט דער רעפּובליק, און צומאָרגנס — דעם מאָנאַרך, זענען די הומאַניסטן געווען קאָסמאָפּאָליטן, זיי האָבן זיך געפילט היימיש אומעטום, וואו מ'האָט גוט באַצאָלט. זייענדיק געצוואונגען אויסצופירן די סאַמע פאַרשיידנאַרטיקסטע פליכטן, שרייבן און רעדן וועגן טויזנטער פאַרשיידענע טעמעס, האָבן זיי זיך באַמיט צו ווערן ענציקלאָפּעדיסטן. די מאַטעריעלע אָפּהענגיקייט האָט זיי געמאַכט פאַר חונפים און קריכערס, און די נאָענטקייט צום הויף האָט אין זיי אויפגעוועקט אומבאַגרעניצטע אַפּעטיטן. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט אויסצודריקן געפילן, וועלכע זיי האָבן אַליין נישט געפילט, זיי פלעגן זאָרגפעלטיק באַאַרבעטן די פאָרם פון זייערע ווערק, וועלכע איז ביי זיי אין די אויגן געווען וויכטיקער פאַרן אינהאַלט, זיי פלעגן פאַרקויפן זייער פעדער דעם, ווער ס'האָט מער געצאָלט, אָפּט פלעגן זיי זיך נישט שעמען אָפּן אויסצופּרעסן געשאַנקען און מתנות, און זיי פלעגן זיך תמיד אַרומקריגן צווישן זיך צוליב אַ גוט באַצאָלט ערטעלע, נישט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר מחלוקתן און רכילות.

דידאָזיקע נייע „וועלטלעכע" אינטעליגענץ, אַ באַוואָפנטע מיט מער פאַרפולקאָמטע ידיעות און מעטאָדן, האָט אָנגעהויבן אַ זיגרייכן מלחמה־צוג קעגן די אַלטמאָדישע פּראָפעסאָרן און מאַגיסטרען, קעגן די מיטלאַלטערלעכע סכאָלאַסטיקער און טעאָלאָגן. דער אומוויסנדער געלערנטער פון אַלטן שניט, וועלכער איז געווען אַריינגעטון איבער די אויערן אין פאָרמאַליסטישע פראַגן און מעטאַפיזישע אַבסטראַקציעס — איז די „באַליבטע" פיגור פון דער הומאַניסטישער ליטעראַטור. דער בולטסטער דענקמאָל פאַר דערדאָזיקער מלחמה פון דער נייער אינטעליגענץ קעגן דער אַלטער, זענען די „בריוו פון פינצטערע מענטשן", וועלכע זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אַ קרייזל פון דייטשישע הומאַניסטן: דאָ איז פאַראַן אַ גאַנצע קאָמפּאַניע אַלטמאָדישע געלערנטע, וועלכע שרייבן זיך דורך מיט אַ קעלנער פּראָפעסאָר, — דידאָזיקע קאָמפּאַניע ווייזט געננוג אָפן אַרויס, צוזאַמען מיט אירע שמוציקלעכע ליבע־סודות, איר האָפנונגלאָזע אַמעראַצעס.

פאַר די באַדערפנישן פון דער נייער בורזשואַזער געזעלשאַפט און דער הויף־סביבה האָבן די הומאַניסטן געשאַפן אַ נייע וויסנשאַפט, אַ וועלטלעכע, אַ הומאַניטאַרע, אויפגעבויט אויף גריכישע און רוימישע מוסטערן; זיי פלעגן צונויפקלייבן מאַנוסקריפּטן פון אַנטישע אויטאָרן; זיי פלעגן שטודירן די אַלטערטימלעכע היסטאָריע, פּאָעזיע און אַרכעאָ־

לאָגיע; זיי פֿלעגן זיך פֿאַרטיפֿן אין פֿאָרשונגען פֿון דער יודאַישער ליטעראַטור; זיי פֿלעגן אַרומדרייניקן די טעקסטן פֿון הייליקן שריפֿט. אַזוי־אַרום זענען די הומאַניסטן געוואָרן די באַשאַפֿער פֿון דער פֿילאָלאָגישער וויסנשאַפֿט. פֿאַר אַסאַך פֿון זיי זענען די קלאַסישע שריפֿטשטעלער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן פֿון אַ מיטל פֿאַר זעלבסטבילדונג אין אַ זעלבסטציל און זיי האָבן זיך באַמיט נאָכצומאַכן נישט בלויז זייער מאַניער פֿון דענקען און פֿילן, נאָר אויך זייער מאַניער פֿון אויסדריקן זיך. צוגלייך מיטן הומאַניסט־אויפֿקלערער שאַפֿט זיך, אַזוי־אַרום, זיין קאַריקאַטורעלע שאָטנגעשטאַלט — דער טיפּ פֿון אַ פּעדאַנט, וועלכער פֿלעכט דורך זיינע רייד מיט לאַטיינישע ווערטלעך און מיט פֿאַר די האָר אַרויסגעשלעפּטע ציטאַטן פֿון די קלאַסיקער. אַ חוץ דאָס אַנטישע אַלטערטום האָבן די הומאַניסטן, באַזונדערס אין ענגלאַנד, שטודירט אויך די נאַטור, זיי האָבן אויסגעפֿונען נייע מעטאָדן פֿאַר איר אויספֿאָרשונג, זיי האָבן אַוועקגעלייגט דעם יסוד פֿאַר דער נאַטורוויסנשאַפֿט און פֿאַר דעם פּאָזיטיוון מעטאָד.

די הומאַניסטן זענען אַחוצדעם געווען פֿאַרנומען מיט דער אויסאַרבעטונג פֿון אַ נייער פּעדאַגאָגישער טעאָריע, וואָס איר גרונט־געדאַנק איז באַשטאַנען אין דער אַלזייטיקער אַנטוויקלונג פֿון אַלע אין דער מענטשלעכער נאַטור פֿאַראַנענע פֿעאיקייטן און אין דעם אָנשוילעכן, קעגנשטאַנדלעכן, און נישט ווערטערדיקן לערנמעטאָד פֿון דער יוגנט (ווע ד ז ש י אָ, ווע ר ד ז ש ע ר י אָ, ע ר אַ ז ם ר אָ ט ע ר ד אַ מ ע ר).

די נייע וועלטלעכע אינטעליגענץ האָט זיך באַצויגן צו דער רעליגיע גלייכגילטיק. זי האָט נישט געהאַט דאַקעגן אַמאָל אַ לאַך צו טון פֿון די דאָגמעס און ריטואַלן פֿון דער קירכע, זי פֿלעגט ליב־האָבן צו פּאַראָדירן איר לערע און אירע סימבאָלן. אַזוי זעען מיר, ווי דער איטאַליענישער דיכטער ל ו א י ד ז ש י פּ ו ל ט ש י, דער מחבר פֿון דער פּאָעמע „דער ריז מאָרגאַנטע”, צווינגט איינעם פֿון זיינע העלדן, — מאַרגוטע (איינער פֿון די פּראָטאָטיפּן פֿון שעקספּירישן פֿאָלסטאַף), — פּאַטעטיש אויסצורופֿן: „איך גלויב אין געשטאָפּטע הינער, אין אַלדאָס געבראָטנס און געקאָכטס, אין ביר, און ווען קיין ביר איז נישטאָ — אין קוואַס, נאָר בעסער שאַרפֿער איידער זיסער, אָבער מער פֿאַר אַלץ גלייב איך אין גוטן וויין א. א. וו.” ס'רוב האָבן די הומאַניסטן געפּרעדיקט, פּונקט ווי ע ר אַ ז ם, אַ דאָגמעלאָזן מאָראַליזם, אין וועלכן די קריסטלעכע שטימונגען (האָב ליב דיין נאָענטן) זענען געווען אַדורכ־

געמישט מיט אוטיליטאַרע פּרינציפּן. צו די טעאָלאָגישע דיספּוטן האָבן זיי זיך באַצויגן מיט אַ סקעפּטישער איראָניע, ווי צו עפּעס קינדערישעס און נאַאיווס, און ווען עס איז זיי אויסגעקומען אויסצוקלייבן צווישן דער קאַטוילישער קירכע און צווישן דער רעפאָרמערישער באַוועגונג, האָבן זיי, מיט ווייניקע אויסנאַמען, בעסער אויסגעשטרעקט אַ האַנט צום פּויפּסט און זיי פּלעגן אפילו אויסדריקן, פּונקט ווי עראַזם, זייער גרייט־קייט אים אַ קוש צו טון אין פוס.

לויט זייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען זענען די הומאַניסטן צום־גרעסטנטייל געווען מאָנאַרכיסטן. זייער אידעאַל איז געווען — אַן אויפ־געקלערטער הערשער, אַ פרידלעכער און ברייטהאַרציקער, אַ פּאַרזאָר־גער פון די וויסנשאַפטן און קונסטן, אַזאַ, וואָס איז מקרב צו זיך די בעסטע כּוחות פון דער אינטעליגענץ אַלס עצהגעבערס און מיניסטאָרן (עראַזם: אַ בריוו צו פראַנציסק דעם ערשטן, און דער טראַקטאַט וועגן מלחמה; קאַסטיליאָנע: דער הויפמאַן; מאָרוס: די אוטאָפּיע).

צומלעצט, לויט זייערע סאָציאַלע איבערצייגונגען זענען די הומאַ־ניסטן געווען בורזשואַזע דעמאָקראַטן. זיי פלעגן זיך אַנטקעגנשטעלן קעגן די אַריסטאָקראַטישע פּריווילעגיעס, האַלטנדיק די מאָראַלישע הע־כערקייט פאַר דעם איינציקן סימן פון אמתדיקן אַריסטאָקראַטיזם (פּאַדשיאַ: וועגן דעם אַדל), אָבער נאָכמער פאַר דעם פעאָדאַלן אַדל פלעגן זיי פאַראַכטן דעם אַמעראַצישן המון, זיי האָבן געזען אין אים אַ נידעריקערע ראַסע און זיי זענען געווען זייער ווייט פון דער אידעע פון פּאָלקהערשאַפט. דאָס וואָרט דעמאָקראַטיע האָבן זיי אויסגעטייטשט אין דעם זין, ווי ס'האָט עס שפּעטער צוגעגעבן נאַפּאָלעאָן דער ערשטער: דעמאָקראַטיע — דאָס איז קאַריערע, וואָס איז צוטריטלעך פאַר אַלעמען.

דאָס גרעסטע קינסטלערישע ווערק, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער סביבה פון דער הומאַניסטישער אינטעליגענץ איז ראַבלע׳ס ראָמאַן וועגן האַרגאַנטיואַ און פּאַנטאַגריעל. אין דעמדאָזיקן ראָמאַן זענען אין גראָטעסקישע בילדער פאַראייביקט די איינרעדענישן און האָפענונגען, די אידעאַלן און אַנטוישונגען פון דערדאָזיקער סאָציאַלער גרופּע.

דער אוטאָפּישער קייסער גראַנגאָזיע לאַדט איין אַלס דערציערס פאַר זיין זון, דעם פּרינץ האַרגאַנטיואַ, לכתחילה צוויי אַלטמאָדישע סכאָלאַסטיקער, טובאַל אָליפאָרנוס און ברידע, וועלכע פאַרברויכן פינף

יאָר מיט דריי חדשים אויף אויסצולערנען דאָס יינגל אַלף-בית, און
אַכצן יאָר מיט עלף חדשים מיט דריי וואָכן, אויף אָנצושטאָפּן אים מיט
פאַרשיידענערליי סכאָלאַסטישע חכמות. וואָס מער האַרגאַנטיואַ לערנט
זיך, אַלץ נאַרישער ווערט ער. דאַן רופט דער קייסער אַ דערציער פון
נייעם שניט, פּאָנאָקראַטן, וועלכער פאַרבייט דאָס חזרן און די פאָרמאַ-
ליסטיק אויף אַ האַרמאָנישער אַנטוויקלונג פון אַלע קערפּערלעכע און
גייסטיקע פעאיקייטן פונעם פרינץ, דורך אַן אָנשוילעכע לערע פון אַלע
וויסנשאַפטן, באָטאַניק, אַסטראָנאָמיע א. א. וו. און דורכן לייענען פון
די אַלטערטימלעכע קלאַסיקער. אַזאַ הומאַנישע דערציאונג גיט שפּעטער
אויף האַרגאַנטיואַ זיין זון פּאַנטאַגריעל. ביידע קייסאָרים אָרדנען איין
אויף אַ נייעם אופן דאָס גאַנצע לעבן פון אוטאָפּישן לאַנד. ביידע זענען
זיי דעקלאַרירטע פיינט פון אַ מלחמהדיקער פּאָליטיק און פון דעראָבע-
רערישע אַמביציעס און העכער פאַר אַלץ שטעלן זיי דעם שלום און די
שטילקייט. זיי פרייען זיך, וואָס עס זענען שוין אַדורך די ציטן פון די
צעזאַרס און די אַלעקסאַנדערס און זיי שטיצן זיך אויף דער עוואַנ-
געליע, וועלכע פאַרבאָט די קייסאָרים איינצונעמען פרעמדע לענדער,
וואָרים זייער חוב איז איינצואָרדנען ווי געהעריק דעם גורל פון זייערע
אונטערטאַנען. די תּלמידים פון די הומאַניסטן, ביידע הערשערס פון
דער אוטאָפּישער מלוכה זענען ברייטהאַרציקע פאַרזאָרגערס פון די
וויסנשאַפטן און קונסטן. זיי זענען באַגייסטערט דערפון, וואָס ס'איז
אָנגעקומען אַ צייט, ווען עס „האָט אויפגעלעבט די וויסנשאַפט": „מ'שטו-
דירט ווידער די גריכישע, לאַטיינישע און כאַלדייאישע שפּראַכן", „די
וועלט איז ווידער פול געוואָרן מיט גרויסע געלערנטע און מיט רייכע
ביבליאָטעקן". כּדי די נייע אינטעליגענץ זאָל האָבן אַ רואיק לעבן, שטעלן
אויף די אוטאָפּישע קייסאָרים אַ פּרעכטיקן פּאַלאַץ — טעלעמאַ, — וואו,
אַ באַפרייטע פון מאַטעריעלע דאגות, פונעם שווערן קאַמף פאַר דער
עקזיסטענץ, זאָל זי, דידאָזיקע אינטעליגענץ, זיך קאָנען אָפּגעבן, לעבנ-
דיק אין קאָמפאָרט און צווישן ביכער, דער שטודירונג פון דער נאַטור
און פון די קלאַסישע שרייבער. פון דעם קרייז פון די טעלעמיטן קלייבן
די הערשערס שפּעטער אויס זייערע ראַטגעבער און מיניסטאָרן. פאַר-
שפּרייטנדיק אויבן און אונטן די נייע הומאַניסטישע וועלטאַנשויאונג,
— enseignement du bien et salubrement vivre, וועט די אינ-
טעליגענץ — gens sçavants du roialme — אָפּהאַלטן די הערשנ-
דיקע קלאַסן פון עקספּלואַטירן די פּראָדוצירערס, און די פּראָדוצירערס

וועט זי אָפּהאַלטן פון בונטאַרישע אַרויסטרעטונגען, אַזויאַרום וועט פאַרשטאַרקט ווערן דער פרידן און וואוילשטאַנד אינעם לאַנד.

אַן אויפגעקלערטער מאָנאַרך, וואָס רעגירט איבער זיינע אונטער־טאַנען האַנט ביי האַנט מיט די געלערנטע און דיכטער — אָט אָ דאָס איז געווען דער סאָציאַל־פּאָליטישער אידעאַל פון דער הומאַניסטישער אינטעליגענץ.

דער טרוים פון די הומאַניסטן איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעפאָרמיסטישע באַוועגונג. די געזעל־שאַפט האָט זיך צעשפּאָלטן אויף קאַטאָליקן און פּראָטעסטאַנטן. דאָס רואיקע שטודירן די אַנטישע שריפטשטעלער האָט אָפּגעטרעטן דעם פּלאַץ פאַר הייסע טעאָלאָגישע דיספּוטן און בלוטפאַרגיסנדיקע צוזאַ־מענשטויסן.

די הערשערס איז שוין נישט געלעגן אין קאָפּ צו זיין די פּאַר־זאָרגערס פון די קענערס פון דער גריכישער פּאָעזיע און רוימישער היסטאָריע. די הומאַניסטן האָבן זיך געפילט איינזאַם און פרעמד אין דערדאָזיקער געענדערטער סביבה.

ראַבלעס ראָמאַן, וועלכער הויבט זיך אָן אין אַ זייער פריילעכער שטימונג, ביים הילכן פון אַ האָמעריש געלעכטער, ענדיקט זיך מיט אַ מעלאַנכאָלישן אַקאָרד. די טעלעמיטן לאָזן זיך אַוועק אין אַן אויס־שפּירונג־עקסקורסיע מיטן ציל זיך קלאָר צו מאַכן די זאַכלאַגע, אומע־טום זעען זיי די הערשאַפט פון ווילדע פאָראורטיילן, שחיטות פון די פויפּסט־אָנהענגער (קאַטאָליקן) און פויפּסט־קעגנער (פּראָטעסטאַנטן), מיט צער דערוויסן זיי זיך, אַז זייער קאָמפּאַניע ווערט אַלץ קלענער און, ווען נאָך לאַנגע וואָגלענישן איבערן שטורמישן אָקעאַן פון לעבן, ביי אַן אומרואיק וועטער, קומען זיי צו פאָרן צו דער נביאות פונם „הייליקן פלעשל", געוואויר ווערן דעם אמת, זאָגט זיי די כּהנטע באַקביליק: „פאַר־קלענערט אייערע פאַרלאַנגען".

די הומאַניסטישע אינטעליגענץ האָט געמוזט, צוליב די געענדער־טע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, דעמיסיאָנירן, איבערגעבנדיק איר אידעאַלן די „אויפקלערער" פון אַכצענטן יאָרהונדערט.

III.

די געלט־ווירטשאַפט האָט, אַריינרייסנדיק זיך אינעם היים־לעבן פולשטענדיק געענדערט דאָס אויסזען פון דער לאַגע פון דער פרוי ביי די הערשנדיקע קלאַסן. אין דער עפּאָכע פון דער נאַטוראַלער ווירטשאַפט איז די פרוי געווען קודם־כל אַ באַלעבאָסטע, וועלכע האָט אויסגעפירט אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער הויז־אַרבעט, וועלכע האָט אין די פיר ווענט פון איר קליין מלוכהלע געשאַפן אַ באַדייטנדיקן טייל פון די פראָדוקטן און לעבנסמיטלען. מיט דער אַנטוויקלונג פון דער געלט־ווירטשאַפט האָט זי געקאָנט דאָס אַלץ איינקויפן מחוץ פון איר הויז. באַפרייט ווערנדיק פון דער הויז־אַרבעט, האָט די פרוי פון די מאַטעריעל־פאַרזאָרגטע קלאַסן זיך דערפילט אַלס „מענטש". אָנשטאָט דעם, זי זאָל נייען און וועבן, קאָכן און בראָטן, האָט זי זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט ליטעראַטור, וויסנשאַפט, קונסט. די פרויען פון פופצעטן און זעכצעטן יאָרהונדערט האָבן זיך אָפט אויסגעצייכנט מיט זייערע סאָלידע און פאַרשיידנאַרטיקע ידיעות, זיי האָבן געקענט לייענען גריכיש און לאַטייניש, זיי האָבן שטודירט מעדיצין און פיזיאָלאָגיע. אַזעלכע דאַמעס, ווי לעדי פעמבראָק, און לעדי גרעי אין ענגלאַנד, איזאָטאַ נאָגאַראָלי און טאַרקוויניאַ מאָלצאַ אין איטאַליע, מאַרגאַריטאַ אַנגולעם אין פראַנקרייך האָבן אין געלערנטקייט געקאָנט ביישטיין אַנטקעגן אַסאַך מענער. עטלעכע פון זיי האָבן אויך איבערגעלאָזט באַמערקבאַרע שפורן אין דער ליטעראַטור־געשיכטע, ווי מאַרגאַריטאַ אַנגולעם, די אויטאָרין פון אַ זאַמלונג נאָוועלן (אין גייסט פון „דעקאַמעראָן") מיטן טיטל: „העפטאַמעראָן". אין איטאַליע האָבן פרויען אפילו געדינט אין מיליטער אַלס אָפיצירן, ווי פענטיצעליאַ מאַלאַטעסטאַ. אויב אין די איטאַליענישע פאָעמעס פון זעכצעטן יאָרהונדערט (אַריאָסטאָ, טאַסאָ) טרעטן אַרויס שטאָלצע און גלענצנדע מלחמה־האַלטעדינס — אַמאַזאָנקעס, קומט דאָ נישט צום אויסדרוק בלויז אַ קלאַסישע דערינערונג, נאָר עס שפיגלט זיך אָפ דאָס בשעתודיקע לעבן. היות ווי די פרוי פון די הערשנדיקע קלאַסן האָט פאַרנומען אין פופצעטן און זעכצעטן יאָרהונדערט אין דער געזעלשאַפט אַזאַ זעלבשטענדיק און בכבודיק אָרט, איז קיין וואונדער נישט, וואָס די ליטעראַטור פון דערדאָזיקער עפאָכע

קערט זיך נישט איינמאָל אום צום געדאַנק וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פון די געשלעכטער. אינעם בוך פונעם איטאַליענער, גראַף קאַסטיליאָנע: „וועגן הויפמאַן", — ווייזט אויף איינער פון די אָראַטאָרס, שטיצנדיק זיך אויף געשיכטלעכע ביישפילן, אַז די פרוי שיידט זיך מיט גאָרנישט אונטער פונעם מאַן, זי שפילט אינעם קולטורעלן לעבן פון דער מענטשהייט פונקט אַזאַ אָנגעזעענע ראָל, ווי ער, און זי דאַרף דעריבער באַקומען פונקט אַזאַ פילזייטיקע בילדונג, ווי ער. די דייטשישע הומאַניסטן, די פריאָרין פונעם קלויסטער פון דער הייליקער קלאַראַ, כאַריטאַס פירקהיימער האָט געבראַכט אַ ראיה פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די געשלעכטער דערפון, וואָס גאָט האָט פונקט אַזוי באַשאַפן די פרוי, ווי דעם מאַן, און ס'איז שווער משער צו זיין, אַז איינע פון זיינע הענט זאָל זיין „קירצער און קאַרגער" פון דער אַנדערער. שילדערנדיק אין זיין אוטאָפיע די אידעאַלע געזעלשאַפט, שטרייכט טאָמאַס מאָרוס מיט אַ כיוון אונטער, אַז אין די אוניווערזיטעטן פלעגן זיין פרויען נישט בלויז אַלס צוהערערינס, נאָר אויך אַלס לעקטאָרינס.

צוזאַמען מיט דער לאַגע פון דער פרוי אין דער פאַמיליע האָבן זיך אין פופצנטן און אין זעכצנטן יאָרהונדערט אויך באַדייטנד געענדערט די אָנשויאונגען אויף דער עצם-פאַמיליע, אויף דער הייראַט. אַלס העכסטער אידעאַל פון אַ פרוי איז שוין נישט געווען די פאַמיליענפרוי, נאָר די געליבטע. פונקט ווי אַמאָל אין גריכנלאַנד, אַנטוויקלט זיך איצטער ברייט, באַזונדערס אין איטאַליע, דער העטעריזם. די קורטיזאַנעס — זייער אַסאַך אין צאָל — פאַרמאָגן איצט אַ געוואַלטיקע אַכטונג און איינפלוס, אויב אין די גוטע אַלטע צייטן פלעגט מען זיי אָנרופן בעל-עבירהניצעס (peccatrici), טיטולירט מען זיי איצטער „הויפדאַמעס" (cortegiane). עס פירן מיט זיי ליבעס פויפסטן און קעניגן, דיכטער באַזינגען זיי און קינסטלער מאָלן זיי. געוויסע פון זיי, ווי טוליאַ אַראַגאָנאַ אָדער די בעל-תשובהדיקע מאַגדאַלענאַ — וועראָניקאַ פראַנקאָ, האָבן געשריבן נישט קיין שלעכטע לידער. די געשלעכטלעכע פאַרהעלטנישן אין פופצנטן און זעכצנטן יאָרהונדערט האָבן זיך בכלל אויסגעצייכנט מיט אַ גרויסער פרייקייט און אומאָנשטענדיקייט. לאַאורענטיוס וואַלאַ האָט אויפגעוויזן אין זיין טראַקטאַט „וועגן הנאה-האָבן" די בעסערקייט פון פאָליגאַמיע, און די ענגלישע דראַמאַטורגן פון זעכצנטן יאָרהונדערט (באַזונדערס פאָרד)

האָבן אפילו געשילדערט געשלעכטלעכע ליבע צווישן נאָענטסטע קרובים, למשל, צווישן אַ ברודער מיט אַ שוועסטער.

דער געשאַפענער דורך די עקאָנאָמישע באַדינגונגען טיפ פון אַן „עמאַנציפירטער פרוי" איז זיגרייך אַריינגעטרעטן אויך אין דער פאָעזיע, באַשיינענדיק זי מיט זיין לעבנספריידיקייט, מיט זיין געלעכטער און שאַרפזין. דערדאַזיקער טיפ פון אַ יונגער אַריסטאָקראַטקע, וועלכע באַזיצט עטלעכע שפראַכן, אַ באַלעזענע אין דער ליטעראַטור, וועלכע שיט מיט פאַרגלייכן און גלייכווערטלעך, אַ פאַרריסענע און אָפלאַכנדיקע, אַן ענערגישע און קריגערישע, אַ פרייע אין אירע אויסדרוקן און אַ זעלבשטענדיקע אין אירע האַנדלונגען, איז מיטן גרעסטן גלאַנץ געשילדערט דורך שעקספירן אין דער געשטאַלט פון ראָזאַלינדאַ (ווי אייך געפעלט), בעאַטריטשע (אַסאַך טומל צוליב גאָרנישט) און פאָרציאַ (דער סוחר פון ווענעדיג).

IV.

די עקאָנאָמישע איבערקערעניש, וועלכע איז פאָרגעקומען אין פופצענטן און זעכצענטן יאָרהונדערט האָט באַדייטנד איבערגעענדערט די פיזיאָנאָמיע פון דער אַלטער געזעלשאַפט. אונטער דער ווירקונג פון דעם אַנטוויקלט-געוואָרענעם קאַפיטאַליזם איז די לאַגע פון דעם ווייניק ערד באַזיצנדיקן פריצנטום געוואָרן אַן אומזיכערע. זיי זענען נישט געווען בכוח זיך צוצופאַסן צו די נייע לעבנסבאַדינגונגען, דאָס ריטערטום האָט געהונגערט און גענומען זינקען. אין ענגלאַנד זענען די אָרים-געוואָרענע פריצים געוואָרן אָדער פיראַטן, וועלכע פלעגן אַרומפאָרן איבערן אָקעאַן און באַרויבן די באַפעלקערונג אין די ניי-אַנטדעקטע לענדער, אָדער זיי פלעגן זיך יאָגן נאָך רייכע כלות פונעם בירגערטום (ווי פענטאָן אין שעקספירס „ווינדזאָרער פריינדינס"). אין שפאַניע פלעגן די אָרימע הידאַלגאָס אָדער פירן אַ לעבן פון ליידיק-גייערישע פאַראַזיטן, אַרומוואַנדערנדיק פון אָרט צו אָרט אָן קיין שום באַגאַזש (ווי דער ריטער אין דעם ראָמאַן לאַסאַריליאָ דע טאָרמעס), אָדער זיי פלעגן זיך נעמען צו פאַכן, גאָרנישט קיין ריטערלעכע (ווי דאָן כואַן אין דער פיעסע פון לאָפע דע וועגאַ: די בלומען פון דאָן כואַן", וועלכער פלעגט אויסאַרבעטן קינסטלעכע בלומען). אין דייטש-

לאַנד פלעגט דאָס ווייניק־ערד־באַזיצנדיקע פּריצנטום, געדריקט ווערנדיק דורך די גרויסע גוטסבאַזיצערס און דורך די רייכע שטאָטלייט, פון פאַרצווייפלונג אַרויסרופן אומזיניקע אויפשטאַנדן, טרוימענדיק צוריקצודרייען דאָס ראָד פון דער געשיכטע (ווי סיקינגען און גוטען).

די שיינע ליטעראַטור פון דערדאָזיקער עפּאָכע (זעכצנטער און אָנהויב פון זיבעצנטן יאָרהונדערט) האָט פאַראייביקט דורך אומשטערבלעכע פאָרטרעטן דעם טיפּ פונעם פאַראָרימטן ריטער. שעקספּיר באַשאַפט פאָלסטאַפן (הײנריך דער פערטער, ערשטער און צווייטער טייל; די ווינדזאָרער פריינדינס), סערוואַנטעס — דאָן קישאָטן.

פאָלסטאַף — לויט זיין אָפּשטאַמונג אַן אַדלמאַן — רופט זיך, לויט די רייד פון זיין כוסע־חבר פּאָינס, אַזוי אָפּט אָן ריטער, פּונקט ווי ער וואָלט געווען „אַ קרוב מיט די קעניגן“. אים פאַרפאָלגט תמיד אַ קעשענע־סוכאָטע, וועלכע די הלוואות „פאַרגיסן נאָר אַביסל, אָבער זיי היילן נישט אויס“. אונטערן אויסרייד פון חתונה־האָבן באַשווינדלט פאָלסטאַף אָן קונצן די לייכטגלויביקע באַלעבאָסטעס אָדער ער אָרדנט פשוט איין עקספּראָפּריאַציעס אויפן ברייטן שליאַך. ער וואָלט געוואָלט לעבן אין אַזאַ מדינה, וואו „די פאַרזשאַווערטע קייטן פונעם זיידע געזעץ זאָלן מער נישט פענטען די העלדישע יונגען“. ער האָפט מיט אַן אמת, אַז אויב אויפן טראָן וועט אַרויף זיין „פריינט“, פּרינץ גאַל, וועט ער דערלויבן אומבאַשטראָפבאַר צו גנבענען און גזלענען. פאָלסטאַף גלויבט נישט אין קיין שום אידעען, גוטע מעשים האַלט ער פאַר אַ שטות, און ערע — פאַר אַ פּוסט וואָרט. ער פאַרשטייט אויסגעצייכנט, אַז ער איז געזונקען, נאָר אין זיין ירידה איז שולדיק נישט ער, נאָר „די פאַרקויפטע נשמה פון דער נייער צייט“, ווען „גוטס איז געפאַלן אין פּרייז“, ווען „פאַר אַן אמתן העלדישן יונג איז פאַרבליבן בלויז אַרומצודרייען בערן, און חכמים — דאַרפן זיך פאַרדינגען אַלס באַדינערס אין די שענקען“, וואָרום „אַלע אַנדערע מעלות, וועלכע זענען אייגנשאַפטלעך פאַר אַ מענטש, זענען אין איצטיקע שלעכטע צייטן נישט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי“.

דאָן־קישאָט איז דער אַבסאָלוטער קעגנזאַץ פון פאָלסטאַפן.

אַ פאַראָרימטער פּראָווינציעלער הידאַלגאָ, פאַרלאָזט ער זיין היימיש דאָרף און ער פאָרט צוריק אויפלעבן דעם אַלטן ריטערלעכן מנהג. ער קלייבט זיך אויס אַ דאַמע, לכבוד וועלכער ער וועט אָפּהאַלטן נצחונות, ער לאַדט איין אַ נושא־כלים, וועלכער וועט אים באַ־

גלייטן אין זיינע וואָגלענישן און, אַרויפֿזעצנדיק זיך אויפֿן פֿערד אין פֿולער באַוואָפֿענונג, לאָזט ער זיך אַוועק פֿאַרטיידיקן די אונטערדריקטע און באַשטראָפֿן די אונטערדריקער. אָבער ביי אים קומט אַלץ אַרויס נישט גוט און אומגעלומפּערט. אַנשטאָט נוצן ברענגט ער נאָר שאָדן, אַמאָל זיך, אָפֿטער, אָבער, אַנדערע. ער באַפֿרייט אַ פּאַסטוך פֿון די קלעפּ פֿון זיין באַלעבאָס, און שפּעטער שלאָגט דער באַלעבאָס נאָך שטאַרקער זיין פּאַסטוכל. ער וואַרפֿט זיך אויף אַ לוויה-פּראָצעסיע, אָננעמענדיק זי פֿאַר אַ באַנדע גנבים, און דער אין גאָרנישט שולדיקער ליצענציאַט, וועמען ער האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿונעם מול, צעבריכט זיך אַ פֿוס. די בירגער שאָקלען זיך אָפּ פֿונעם געפֿערלעכן און זיך צוטשעפּענדיקן פֿאַרטיידיקער, אַ באַגעגעניש מיט אים האַלטן זיי פֿאַר דאָס גרעסטע בייז און זיי בעטן גאָט „ער זאָל באַשטראָפֿן און פֿאַרניכטן זיין באַרמהאַרציקייט צוזאַמען מיט אַלע ריטערס, וועלכע זענען ווען-עס-איז געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט". נישט איינמאָל קומט אויך אויס דעם ריטער-פֿילאַנטראָפּ אַליין צו באַצאָלן מיט אונטערגעהאַקטע זייטן און מיט אויסגעליידיקטע קעשענעס צוליב זיין גוט האַרץ און אַלטרואיסטישער התלהבות. און פֿונדעסטוועגן גיט ער זיך נישט אונטער. לעבנדיק אין דער וועלט פֿון דער ווייטער פֿאַרגאַנגענהייט, נישט באַמערקנדיק די ווירקלעכקייט, וועלכע האָט זיך געענדערט ביז נישט צום דערקענען, נעמט אָן דאָן-קישאָט ווינטמילן פֿאַר גיגאַנטן, פֿאַרוואָרפֿענע גאַסטהייזער — אַלס שלעסער, פֿאַרשיקטע פֿאַרברעכערס — אַלס אומגערעכט אונטערדריקטע אַריסטאָקראַטן. ער איז אַזוי טיף פֿאַרבלענדט מיט די גלענצנדיקע בילדער פֿונעם פֿעאָדאַלן אַלטערטום, אַז ער גיט זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג דערפֿון, אַז די דאַמע פֿון זיין האַרץ — דולצינעאַ — איז פּשוט אַ גראָבע דאָרפֿישע פּויערטע, זיין נושא-כּלים — סאַנטשאָ פּאַנסאַ — אַן אומוויסנדער פּויערל, אַ פֿלוט און אַ פֿרעסער, זיין פֿערד — ראָזינאַנטע — אַ גאָר געוויינלעכע אויסגעמאָגערטע קליאַטשע, און אַז ער אַליין איז אַ האַלב-משוגענער אומגליקלעכער, אַ שאָטן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, וועלכע איז אָפּגעשטאָרבן אויף אייביק, אַן „עכאָ פֿון די ריטערלעכע ראָמאַנען".

ווערנדיק אונטערדריקט דורך די נייע קלאַסן, פֿלעגן די ווייניק-ערד-באַזיצנדיקע פּריצים נאַטירלעך ווענדן זייערע בליקן צוריק, זיי פֿלעגן טרוימען וועגן דער רעסטאַווראַציע, דער ווידעראויפֿלעבונג פֿונעם ווייטן אַלטערטום. דער דייטשישער ריטער און הומאַניסט א ו ל ר י ך

פאָן הוטען איז געווען דער סאַמע שטאַרקסטער אַפּאָלאָגעט פון דער „גוטער אַלטער צייט“.

אין זיינע שמועסן (אין דער לאַטיינישער שפּראַך) פלעגט הוטען שאַרף אָנפאַלן אויף דער „פאַרקויפטער נייער צייט“ (פונקט ווי פאַלסטאַף), ווען די באַלעבאַטים און האַרן פון לעבן זענען געוואָרן די סוחרים. פון דער ווייטער פרעמד ברענגען זיי מיט זיך זיסוואַרג און זיידנס, זיי געוווינען צו די באַפעלקערונג צו לוקסוס און אויסגעאיידלטקייט. בשעת מיר ווייסן, אַז אונזערע אבות האָבן געלעבט פשוט, זיי פלעגן זיך דערנערן מיט האָבער-גריץ און פלעגן זיך קליידן אינעם וואָל פון זייערע שעפסן, — זעען מיר, ווי איצט ציען זיך די מענטשן אויף ווייכע פוך-קישעלעך, זיי שרייבן אויס פון איטאַליע טייערע שטאָפן און זיי פרעסן זיך איבער מיט כלערליי גאַסטראָנאָמישע מאכלים. צוזאַמען מיט די אויסלענדישע סחורות האָבן די סוחרים מיטגעבראַכט מיט זיך אויך אַ נייע מאָראַל, וועלכע איז זיך שאַרף פונאַנדערגעגאַנגען מיט די אָנזאָגן פון די אַלטע צייטן, אַ מאָראַל פון עגאָאיזם און זעלבסטבאַפרידיקונג, אַ קולט פון רייך-ווערן, אויסגערעכנטקייט און כיטרעקייט. פאַר די גרויסע קאַפּיטאַליסטן, וועלכע זענען איצטער די טאָן-געבערס אינעם לעבן, איז נישטאָ קיין שום הייליקע זאַך אויף דער חעלט, זיי הויבן אויף הפקרדיק די פּרייזן אויף סחורות, זיי באַשווינדלען דעם קונה און זיי ברענגען-אונטער די קליינע קאָנקורענטן. אַ גרויס פאַרדינסט איז פאַר זיי וויכטיקער ווי די טובה פונעם פאָטערלאַנד, און זיי שעמען זיך נישט צו באָרגן געלט דעם פויפסט, צו ווערן פאַרעטערס.

אַנטקעגן דער פינצטערער קעגנוואַרט שטעלט הוטען אַוועק די „ליכטיקע“ פאַרגאַנגענהייט. דעמאָלט זענען נאָך נישט געווען קיין שטעט אויף דער דייטשישער ערד. אויף אַ ווייטן, אָפּגערוקטן אײנס פון דעם אַנדערן, שטח זענען געשטאַנען אָפּגעזונדערטע הייזער-הויפלעך. אַלץ, וואָס איז געווען נייטיק צום לעבן האָבן די אייגנטימער געפונען ביי זיך אינדערהיים. פון חיהשע פעלן פלעגן זיי נייען זייערע מלבושים, זייער שפּייז איז געוואַקסן אויפן היימישן פעלד. אין די-דאָזיקע איינזאַמע הויפן פלעגן נאָך קיין סוחרים נישט אַריינקוקן. קיינער פלעגט נישט כיטרעווען און קיינער פלעגט נישט אָפּנאַרן. גאָלד און געלד זענען נאָך נישט גענוצט געוואָרן. די יוריסטן פלעגן נאָך נישט אָפּאַרבעטן זייערע טונקעלע געשעפטלעך. דאָס רעכט האָט נישט

גערוט אין די פּאַרמעטענע פּאָליאַנטן, נאָר אויפֿן שפּיץ פֿונעם שפּיז, די זיכן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אָרנטלעכקייט, אָפֿנהאַרציקייט און ריינקייט. „דאָס איז געווען די בעסטע צייט אין דער געשיכטע פֿון דייטשישן פֿאָלק“, — שרייט אויס הוטען און ער רופֿט די געזעלשאַפֿט צוריק צו די צייטן פֿון דער נאַטוראַלער ווירטשאַפֿט, צו דער גוטער פֿאַרגאַנגענהייט“.

V.

די אַנטוויקלונג פֿונעם האַנדל און פֿון קאַפּיטאַל האָט זיך געלייגט שווער נישט בלויז אויף דעם וויניק־ערד־באַזיצנדיקן פּריצנטום, נאָר אויך אויפֿן פּויערטום.

אויב אין די מיטלאַלטערלעכע צייטן פֿלעגן דעם פּויער באַשווינדלען בלויז די קעניגן און די פּריצים, איז איצט פֿאַר אים דערשינען נאָך איין אומדערבאַרמדיקער שונא — דער קאַפּיטאַל.

אין דייטשלאַנד האָבן די פּויערים, אין פֿופֿצנטן און זעכצנטן יאָרהונדערט, נישט איינמאָל אָנגעגעבן אָנקלאַגעס צום סיים פֿון דער אימפּעריע אויף די בירגערס, בעטנדיק מ׳זאָל זיי פֿאַרבאָטן זיך צו פֿאַרנעמען מיט וואוכעריי. אין די דערפֿער פֿלעגן זיך אַלץ אָפֿטער פֿונאַנדערטראָגן רופֿן צו אַן אָפֿענעם בונט. דער פּרעדיקער הײלער פֿאָן קייזערסבערג האָט זיך געווענדעט צו זיינע צוהערער פּשוט מיט אַ רוף צו נעמען העק און צו גיין אין די הייזער פֿון די גבירים, וואו ס׳איז פֿאַראַן אַסאַך ברויט. אין דער ליטעראַטור פֿלעגן אַלץ אָפֿטער אַרויסטרעטן די אידעאָלאָגן פֿונעם דאָרף, וועלכע פֿלעגן באַזינגען די האַרמאָניע און די באַדייטונג פֿונעם פּויער. אין זיין „מעשה וועגן פּוילער“ האָט האַנס ראָזענפּליט דערקלערט, אַז אין „טראָפּן שווייס, וואָס פֿאַלט פֿון פּויערס פּנים“ איז טייערער פֿאַר אַלע ווערק פֿון דער „קונסט און וויסנשאַפֿט“; אין זיין „לויב צום פּויער“ שילדערט ער דעם פּויער, ווי עפּעס אַ מין „גאָטס וואונדער“, ווי עפּעס אַ לייבלעכן ברודער פֿון קריסטוסן, וועלכער האַלט אויף צוזאַמען מיט אים אויף זיינע פּלייצעס דעם וועלט־בנין — „פֿאַר אַ פּויער וואָלט אַפֿילו דער אימפּעראַטאָר אַליין זיך געדאַרפֿט בוקן“, פּונקט ווי פֿאַר די דייטשישע פּריצים, אַזוי האָט זיך אויך פֿאַר די דייטשישע פּויערים

פאָרם פון דער ווידעראויפגעלעבטער פאַרגאַנגענהייט, ווי אַ לאַנד אָן שטעט, אָן האַנדל און אָן קאַפּיטאַל.

אינמיטן רעכטן ברען פון פויערישן אויפשטאַנד איז אַרויסגעטרעטן דער פירער פון די טיראָלער בויערן, מיכאַעל הייסמאַיער, מיט אַ פּראָיעקט פון רעאָרגאַניזירן דייטשלאַנד אויף נייע, ריכטיקער, אויף אַלטע יסודות. ס'זענען פאַרשוואונדן די גרויסע שטעט און די פעאָדאַלע שלעסער. אויף דער גאַנצער ערד זעט מען בלויז פרידלעכע, בליענדיקע דערפער, וועלכע זענען אַרומגערינגלט מיט לאָנקעס און פעלדער, קיין האַנדל איז נישטאָ. יענע געציילטע פּראָדוקטן, וואָס די פויערים קאָנען נישט אַליין פּראָדוצירן, באַקומען זיי לויטן ריכטיקן, און נישט לויט אַן אויפגעשרויפטן פּרייז, אויף אַ נישט-גרויסן פּלאַץ, וועלכער איז פאַרנומען מיט געוועלבער. „און ווי עס וועט נאָר פאַרשווינדן דער האַנדל — האָט הייסמאַיער געשריבן — וועט קיין מענטש נישט אָפּנאַרן דעם אַנדערן, און עס וועט אָנהייבן לעבן אַ נייע לעבן דאָס האָרעפּאַשנע פאָלק". קיינער וועט נישט זיין נישט „העכער", נישט „בעסער" פאַר אַנדערע. עס וועלן פאַרגעסן ווערן „מחלוקתן און פיינטשאַפט". מענטשן וועלן ווידער ווערן „ברידער".

אַ שווערן קריזיס האָט אין זעכצעטן יאָרהונדערט איבערגעלעבט אויך דאָס ענגלישע פויערטום. די פּריצים זענען איבערגעגאַנגען פון תבואה-ווירטשאַפט צו פּיצוכט אויף ברייטע קאַפּיטאַליסטישע יסודות. נויטיקנדיק זיך פאַר זייערע סטאַדעס אין ברייטע פּאַשע-פעלדער, פלעגן זיי פאַרכאַפּן די געמיינדישע לאָנקעס און זיי פלעגן אַזוי שטאַרק העכערן דעם אַרענדע-אָפּצאָל, אַז די פּערמערס פלעגן ווילנדיק — נישט-ווילנדיק פאַרלאָזן די איינגעזעסענע ערטער און אַזויאַרום פאַרוואַנדלט ווערן אין אַרומשלעפּערס און גנבים, פאַרענדיקנדיק דאָס לעבן אויף דער תליה. די פון געדולד אַרויסגעבראַכטע פויערים האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד אונטער דער אָנפירערשאַפט פון ר. קעט, אָבער מ'האָט זיי צעקלאַפּט. אַזוי „האָבן די שאָף אויפגעגעסן די מענטשן".

אונטער דער ווירקונג פון דערדאָזיקער סאָציאַלער קאַטאַסטראָפע האָט טאָמאַס מאָרוס אָנגעשריבן זיין „אוטאָפּיע". דער ריינזנדער ראַפאַעל גיטלאָדי דערציילט וועגן די אָרדנונגען, וועלכע עקזיסטירן אויפן אינזל „אוטאָפּיאַ", וועלכעס ער זאָל מכלומרשט האָבן געזען. (אוטאָפּיע — דאָס הייסט אַ לאַנד, וואָס געפינט זיך אין ערגעץ נישט). די סאָציאַלע אָרדנונג פונעם אינזל שטעלט מיט זיך פאָר דעם אַבסאָלוטן

היפּוך פונעם מאָדערנעם ענגלאַנד, וואו „דער קאַפּיטאַליסט און גוטבאַזיצער, וועלכע טוען גאָרנישט אָדער וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט אומנוציקע זאַכן, לעבן זיך אויסגעצייכנט, בעת דער האָרעפּאַשניק, וועלכער אַרבעט ביז בלוטיקן שווייס, וועלכער שאַפט פּראָדוקטן, אָן וועלכע מ'קאָן נישט עקזיסטירן, פירט אַזאַ עלנט לעבן, וואָס אויב מ'זאָל פאַרגלייכן, וועט מען זען, אַז דאָס לעבן פון אַ חיה איז שוין אַ גליקלעכערס".

אויפן אינזל אוטאָפּיאַ איז נישטאָ קיין פּריוואַט-אייגנטום אויף ערד, דערפאַר ווייל דאָרטן, וואו דאָס איז יאָ פאַראַן, קאָן נישט זיין נישט קיין „גליק", נישט קיין „גערעכטיקייט". די ערד, וואָס געהערט צו דער גאַנצער געמיינדע, ווערט אָפּגעגעבן חלקימווייז אויף אַ צען-יערלעכער באַנוצונג. נאָך דער פאַרענדיקונג פון דעמדאָזיקן טערמין גייט דער אַרבעטער אַריבער אויף אַ נייעם שטח, כדי ער זאָל תמיד געדענקען, אַז די ערד געהערט צו אַלעמען אין אַלגעמיין, און צו קיינעם נישט באַזונדער. יעדער אוטאָפּיער פירט אויס אַ חוץ די פעלד-אַרבעטן, נאָך עפּעס אַן אַלגעמיין-נוצלעכע אַרבעט. דער האַנדל איז אויפן שטרענגסטן אופן פאַרבאָטן. דאָס באַנוצן זיך מיט געלט איז אינגאַנצן אומבאַקאַנט.

מאָרוסעס „אוטאָפּיע" לעבט אויף, אַזוי אַרום, דאָס אַלטע, פאַרקאַפּיטאַליסטישע ענגלאַנד, וואָס האָט נאָר געוואוסט פון ערדאַרבעט און האַנטווערקעריי. כדי צו כאַראַקטעריזירן די אָרדנונגען אויפן אידעאַלן אינזל באַנוצט זיך מאָרוס בכלל אָפּט מיט שטריכן גענומענע פון דער פאַרגאַנגענהייט: רעדנדיק וועגן געזעלשאַפטלעכע עסהייזער און שפּיטאָלן, האָט ער אין זינען די פּראַקטיק פון די מיטלאַלטערלעכע קאַטוילישע קלויסטערס. די גאַנצע אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַניזאַציע פונעם אוטאָפּישן אינזל טראָגט אַ פּאַטריאַרכאַלישן פאַמיליענדיקן כאַראַקטער.

כאָטש געוויסע איינצלהייטן פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אויפן אינזל אוטאָפּיע טראָגן אונז אַריבער מיט לעבעדיקע פאַרבן אין זעכצענטן יאָרהונדערט אַריין — למשל, דאָס בכבודיקע אָרט, וואָס עס פאַרנעמט די אינטעליגענץ, וועלכע איז באַפרייט פון דער נויטווענדיקייט צו טון פיזישע אַרבעט, די גלייכבאַרעכטיקונג פון פרויען, די הויכע אָפּשאַצונג פון די קלאַסישע שרייבערס; און אַנדערע איינצלהייטן, ווידער, טראָגן אונז אַריבער אין דער ווייטער צוקונפט אַריין, ווי למשל, דאָס נישט עקזיסטירן פון פּריוואַט-אייגנטום, פון מלחמה, פון אַן אָפּי-

ציעלער רעליגיע. — פונדעסטוועגן שטעלט מיט זיך פאַר מאָרוכעס אוטאָפּיע, אין תּוך גענומען, אַן אידעאַליזירונג פון די פּאַטריאַרכאַליש-פּשוטע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן, וועלכע זענען צעשטערט געוואָרן דורך דער אַריינדרינגונג פונעם פינאַנץ-קאַפּיטאַל אין ענגלישן לעבן.

VI.

די חרוב-מאַכונג פונעם דאָרף האָט אַריינגעוואָרפן אין שטאָט אַריין אַ מאַסע ערדלאָזע פּויערים און באַלמעלאָכעס, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייער באַשעפטיקונג. דאָ אין די שטעט האָבן זיי צוזאַמענגעשטעלט אַ גאַנצע אַרמיי אַרבעטסלאָזע. נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייטן ערלעך צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט, האָבן זיי זיך אַריינגעלאָזן אין כּלערליי שווינדלעריִען און אָדער זיי פלעגן דערגרייכן דורך פאַרשיידענערליי פאַלשע וועגן, מאַטעריעלן וואוילשטאַנד, אָדער זיי פלעגן אַראָפּזינקען אין שטאָטישן „אָפּגרונט" אַריין.

די שפּאַנישע שטעט פון זעכצעטן און זיבעצעטן יאָרהונדערט זענען באַזונדערס רייך געווען אין אַזעלכע אַרומשלעפּערס און גנבימלעך, וועלכע האָבן דאָ באַקומען דעם צונאָמען פּיקאַראָ (picaro). דער טיפּ פונעם פּלוט רייסט זיך זיגרייך אַריין אויך אין דער שיינער ליטעראַטור, ער רופט אַפילו אַרויס צום לעבן אַ ספּעציעלן טיפּ ראָמאַן „די פּלוטישע דערציילונג" (novella picareza).

די קייט פון דידאַקטיקע העלדן פון דער גאַס, פון דידאַקטיקע ריטערס פונעם אָפּגרונט, עפנט אויף לאַסאַריליאָ פונעם טייך טאָרמעס, אַ זון פון אַ מילנער (דער מחבר פון דער דערציילונג איז אומבאַקאַנט; געוויינלעך שרייבט מען זי צו, כאָטש אָן קיין שום יסוד, דאָן ד. אורטאַלאָ דע מענדאָסאַ). נאָך דעם מאַנס טויט קלייבט זיך לאַסאַריליאָס מוטער אַריבער קיין סאַלאַמאַנקאַ, וואו זי שלאָגט זיך דורך מיט דער חיונה דורכן גרייטן מיטאָגן פאַר סטודענטן. נישט זייענדיק בכּוח אויסצוהאַלטן דעם זון, לאָזט זי אים אַוועק מיט אַ בלינדן בעטלער אַלס זיין באַגלייטער. פון דעמדאָזיקן מאָמענט הויבן זיך אָן די ביטערע פּאַסירונגען פאַרן קליינעם לאַסאַריליאָ, וועלכער גייט איבער פון איין באַלעבאָס צום אַנדערן, און אָפט בלייבט ער אויך איבער אינ-

גאַנצן אָן אַ באַלעבאָס. נאָך לאַנגע וואַגלענישן, וועלכע זענען פול מיט מאַטערנישן און הונגער, גיט דאָס גליק אַ שמייכל צו לאַסאַריליאָן און ער קומט אָן אויף אַ „קרוין־שטעלע“. ער באַקומט אַ פּאָסטן פון אַ שטאָטישן אויסרופער, וואָס שרייט אויס אין די גאַסן וועגן די פאַרשטייענדיקע ליציטאַציעס, וועגן פאַרפאַלענע חפצים א. אַ. וו. אינעם פריאָר פון דער קירכע געפינט ער פאַר זיך אַ גוטן אַפּוטרופּוס, וועלכער מאַכט אים חתונה מיט זיינער אַ דינסט. די אָנצוהערענישן פון די שכנים מכוח דעם, אַז זיין פרוי „גרייט צו דאָס בעט“ פונקט ווי פריער פאַרן אַפּוטרופּוס, רודערן ווייניק אויף לאַסאַריליאָן. „איינאָרדנענדיק זיך אויסגעצייכנט זאַלבעדריט“, האָט ער אָנגעהויבן לעבן מיט זיין הימל“ און ער האָט זיך געפילט אויפן זיבעטן הימל“.

אויב די ציטירטע דערציילונג שילדערט דעם „פולן וואוילשטאַנד פון די picaro, שילדערט סערוואַנטעסעס דערציילונג „רינקאָנעט און קאָרטאַדיליאָ“ די וועלט פון געוועזענעם מענטש פונעם סעווילער „אָפּגרונט“.

אַ באַנדע שווינדלערס האָט איינגעאָרדנט עפּעס אַ מין „קאָנגרעגאַציע“ מיטן דעוויז „דינען דעם נאָענטן און גאָט“. דעם ערשטן טייל פון פּראָגראַם פירן זיי אויס דורכדעם, וואָס פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל פירן זיי דורך מאָרדן, פונקט ווי די איטאַליענישע bravi. דעם צווייטן טייל — דורכדעם, וואָס פאַר אַ טייל פונעם אָנגעראַבעוועטן געלט קויפן זיי אייל פאַר דער איקאָנע; וואָס זיי טשעפּן נישט קיין פרויען, וועלכע הייסן מאַריאַ; און אין די פרייטיקס האַלטן זיי זיך אָפּ פון גנבענען. יעדערער וואָס טרעט ערשט אַריין אין דער „ברודערשאַפט“ איז מחויב אין די יאָרן פון זיין „שילערשאַפט“ אויספירן די צוםמערסטן שווערערע אַרבעט. דאָס גאַנצע רויב רעכנט זיך אַלס אַלגעמיין אייגנטום און עס ווערט איבערגעגעבן דעם אַטאַמאַן, וועלכער טיילט פונאַנדער דעם ריינעם ריווח אויף גלייכע חלקים צווישן אַלע מיטגלידער פון דער „קאָנגרעגאַציע“. פרויען געניסן פון דיזעלביקע רעכט, וואָס די מענער, יידן זענען גלייך מיט קריסטן. אין דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער קאָנגרעגאַציע טרעטן אַריין די העלדן פון דער דערציילונג, — וועלכע טרעפן זיך צופעליק אין אַ קרעטשמע, — בריהס אויף דרייען בעת קאָרטן־שפּיל: אַ זון פון אַ פאַרקויפער פון אינדולגענציעס, רינקאָן, און אַ זון פון אַ דאָרפישן שניידער, קאָרטאַדאַ. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס צווישן דער באַנדע האָבןביידע באַלד

פאַרנומען אַן אָנגעזועען אָרט, פאַלט רינקאָנעט אַריין אין עפעס אַ פאַרצווייפלטער שטימונג און ער וויל עצהנען זיין חבר, ער זאָל אַוועקוואַרפן „אַזאַ אומרואיקן און שענדלעכן לעבנשטייגער". ווער ווייסט, קאָן זיין, אַז רינקאָנעטס פאַרצווייפלטע שטימונג איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם אומשטאַנד, וואָס די געשעפטן פון דער קאָנגרעגאַציע גייען אַלץ ערגער און ס'איז נישט ווייט די צייט, ווען צוליבן מאַנגל אין באַשטעלונגען אויף מאָרדן וועלן די ריטערס פון „אָפגרונט" מוזן פאַרמאַכן זייער קרעמל.

VII.

פונקט ווי אין דער פאָעזיע פון דאַנטע, דעם גרעסטן מיטלאַלטערלעכן פאָעט, ווערט אידעאַליזירט דאָס אַלטע פעאָדאַל-מאָנאַכישע, און נישט דאָס נייע געבוירנווערנדיקע שטאָטישע לעבן, אַזוי ווערט אויך אין דער דיכטונג פון שעקספירן, דעם גרעסטן דיכטער פון זעכצעטן יאָרהונדערט, אידעאַליזירט די אָפגעלעבטע מיליטעריש-גוטבאַזיצערישע, און נישט די נייע קאָמערציעלע קולטור.

אין דער קאָמעדיע „דער סוחר פון ווענעדיג" שטעלט שעקספיר צוזאַמען שיילאָקן, אַנטאָניאָן און פאָרציאַ. שיילאָק, אַ פאָרשטייער פונעם וואוכערערישן קאַפיטאַל, איינגאַנצן אַן אַריינגעטועענער אין דער פאַרגרעסערונג פון זיין קאַפיטאַל צוליב קאַפיטאַל, איז זייער אַ קאַרגער און האַרטער מענטש, ער האָט נישט ליב קיין מענטשן און האָט פיינט די קונסט. אַ מער העכערן טיפ מענטש שטעלט מיט זיך פאָר דער סוחר אַנטאָניאָ, אַ פאָרשטייער פונעם האַנדלס-קאַפיטאַל, אַ ברייטהאַרציקער און גרויסמוטיקער, אַ מוסטערהאַפטער פריינט. אָבער אויף זיין פנים ליגן שטענדיק שאָטנס פון אומעט און מעלאַנכאָליע. עפעס ווי ער וואָלט נישט געשפירט אונטער זיך קיין באָדן און ער איז נישט זיכער מיט זיין אייגענעם גורל. אמת, אַנטאָניאָ לייקנט, אַז זיין טרויער זאָל האָבן אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם אומשטאַנד, וואָס זיינע רייכטימער שווימען אַרום איבער די כוואַליעס פונעם אָקעאַן, אויף אומזיכערע שיפן, אָבער די פריינט זיינע זענען גערעכט, דערקלערנדיק זיין טרויער גראָד מיט דערדאָזיקער סיבה: יעדנפאַלס איז ער אַ מענטש אַ נישט-באַפרידיקטער און אַ נישט זיכערער. דאַקעגן, די רייכע גוטבאַזיצערין פאָרציאַ

איז פול מיט רואיקייט און לעבנספריידיקייט, מיט שאַרפזין און ענערגיע. זי איז אַ טיפּ פון אַן אידעאַלן מענטש. צוזאַמענשטעלנדיק דידאַזיקע פאַרשטייער פון דריי פאַרשיידענע פאָרמען פון באַזיץ און רייכטום, האָט שעקספּיר געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז די האַרמאָנישסטע און ליריקסטע פּסיכיק בילדעט זיך אויס, לויט זיין מיינונג, אויפן באָדן פון גרויסן אומבאַוועגלעכן ערד-אייגנטום, וואָס גייט איבער דורך אַ לאַנגער ריי דורות פון די אבות צו די אייניקלעך.

לויט זיין אָנשויאונג איז שעקספּיר געווען אַן אַריסטאָקראַט-אינדיווידואַליסט. אין זיינע אויגן איז זיך די וועלט פונאַנדערגעפאַלן אויף צוויי קעגנזעצלעכע העלפטן: אויף האַרן און המון. בעת דער קלאַס פון די באַזיצנדיקע גיט אַרויס פון זיך העלדן פאַר אַן ערנסט שוישפּיל, — העלדן, וועלכע פאַרמאָגן אָדער אַן איידעלן כאַראַקטער, אָדער גרויסע ליידנשאַפטן, — קאָן דער המון געבן בלויז מאַטעריאַל פאַר אַ פריילעכן פאַרס, אין וועלכן עס באַטייליקן זיך שיכּורים, נאַרעלעך און קונצנמאַכערס. שעקספּיר האָט אין איינצלנע גרויסע פערזענלעכקייטן פונעם הערשנדיקן קלאַס, און נישט אין די פאַלקסמאַסן, געזען דעם אמתדיקן שעפער פון דער געשיכטע: דעם גלענצנדיקן זיג ביי האַזענקור, וועלכן ס'האָבן אין דער ווירקלעכקייט אָפּגעהאַלטן די יאָמענס (אַ קלאַס פון זעלבשטענדיקע פויערים-פּערמערס), שרייבט ער צו אויסשליסלעך דעם טאַלענט און דער העלדישקייט פון היינריך דעם פינפטן (היינריך דער פינפטער).

שעקספּיר האָט זיך באַצויגן זייער שטאַרק נעגאַטיוו צו כּלערליי פאָלקס-באַוועגונגען, וועלכע האָבן זיך געפּרוּווט אונטערצוגראָבן די הערשאַפט פון דער יחוסדיקער אַריסטאָקראַטיע. אינעם צווייטן טייל פון היינריך דעם זעקסטן האָט ער געשילדערט די פויערים, וועלכע האָבן זיך אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דזשעק קעד צעבונטעוועט קעגן דעם סאָציאַלן יאָך און קעגן דער פּאָליטישער שלימזלדיקייט פונעם הערשנדיקן קלאַס, ווי עפּעס שיכּורע ווילדע און נאַראָנים. מיט דערזעלביקער שנאה האָט ער זיך אויך באַצויגן צו דער בורזשואַזיע (צו די פּוריטאַנער), וועלכע האָט באַשטריטן די מאַכט ביי דער אַריסטאָקראַטיע, כאָטש מיט איר, מיט דער אַריסטאָקראַטיע, האָט ער זיך געהאַט זיינע באַזונדערע חשבונות, וואָרים זי איז געווען אַ הייסע קעגנערין פון דער טעאַטראַלישער קונסט.

אין שעקספּירס ווערק שיינען אויף נאָכאַמאָל, פאַרן אַוועקגיין

אינעם הושך פון דער פאַרגאַנגענהייט, מיט אַן אויסערגעוויינלעכן גלאַנץ דער לעבנשטייגער און די זיטן פון דער מיליטערישער אַריסטאָקראַטיע.

מלחמה — דאָס איז די הויפּט-באַשעפטיקונג פון דער געזעלשאַפט, וועלכע טרעט אַרויס אין זיינע דראַמעס, אַ מלחמה-האַלטער, וועלכער איז באַשאָנקען פון דער נאַטור מיט מוט און דרייסטקייט, — דאָס איז די צענטראַלע פיגור פון דערדאָזיקער געזעלשאַפט (הענרי פערסי אין „היינריך דעם פערטן", מאַקבעט, אָטעלאָ, קאָריאָלאַן, אַנטאָניִ). אפילו אין שלום-צייט הערט זיך אויף די גאַסן פון די שטעט דאָס געקלאַפּעריי פון שווערדן, עס טראָגן זיך פונאַנדער אַרויסרופן, עס גיסט זיך בלוט (ראָמעאָ און יוליאַ). אין צייטן, פרייע פון מיליטערישע אונטערנעמונגען בייט זיך דאָס בילד, טראָגנדיק ווייטער דעמזעלביקן חותם פון דער אַריסטאָקראַטישער קולטור. דאָס אָרט פונעם מיליטערישן לאַגער אָדער פונעם באַפעסטיקטן שלאָס פאַרנעמט אַ פּרעכטיקע ווילע אָדער אַן עלעגאַנטער פּאַלאַץ, וואָס געפינט זיך אין אַ שאָטנדיקן פּאַרק, און וואו עס געפינען זיך: אַ פילצאָליקער און טומלדיקער באַדינער-עולם, יאַגד-הינט פון אַלע ראַסעס, חונפים-וויצלערס און דער אומפאַרמיידלעכער לץ. די מענער און פרויען, אָנגעטון אין פאַרביקע קאָסטיומען, לעבנספריידיקע און פריילעכע, יאָגן זיך איבער איינע די אַנדערע אין שאַרפזיניקייט (בעאַטריטשע און בענעדיקט אין „אַסאַך טומל צוליב גאָרנישט") אָדער זיי גיבן זיך אָפּ ליבע-תענוגים (הערצאָג, אָליוויאַ און וויאָלאַ אין דער „צוועלפטער נאַכט"), אָדער זיי זונדערן זיך אָפּ אין קילן וואַלד, וואו זיי פאַרברענגען די צייט אין פריילעכע סעודהלעך, אין זינגען און אין ווערטער-שפּילערייען („ווי איר געפעלט"). בלויז זעלטן טרעפט, אַז צווישן די לאַכנדיקע און צופרידענע פּערזאָנען פון דערדאָזיקער לעבנספריידיקער און ליידיקגייערישער אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט זאָרגלאָז הנאה פון לעבן, בליצט דורך, כדי תיכף צו פאַרשווינדן, די מעלאַנכאָלישע פיזיאָנאָמיע פונעם אַנטוישטן הומאָריסט, וועלכער וואַרפט פאַרבייגייענדיק אַריין אינעם טומל און געלעכטער פון פריילעכן קאַרנאַוואַל דעם איראָנישן געדאַנק וועגן דעם, אַז דאָס לעבן איז בלויז אַ טעאַטער, און די מענטשן זענען נישט מער, ווי אַקטיאָרן (זשאַק אין „ווי איר געפעלט").

אין שעקספּירס ווערק לעבט-אויף צוזאַמען דערמיט אויך די אַלטע וועלט פון די נאַאיווע פאָלקס-גלויבונגען. איבער די גאַלעריעס פון די קעניגלעכע הויפן גייען אַרום ביינאַכט געקומענע פון יענער וועלט

(דער שאָטן פֿון האַמלעטס פֿאָטער), אינעם סטעפּ קלײַבן זיך צונויף אין אַ קרײַזל נבֿיאות־זאָגנדיקע מכשפֿות כּדי צו דערצײלן אײנע די אַנדערע וועגן זײערע פּאַסירונגען („מאַקבעט“), אויף מיט לבֿנה־שײַן פֿאַרגאָסענע פּאָליאַנעס שטיפֿן אַרום קלײנינקע עלפֿן („דער חלום אין יאַנס נאַכט“), און איבער פֿאַרכּישופֿטע אינזלען טראָגט זיך דער זשעני אַכיעל, אָנפּילנדיק די לופֿט מיט מוזיק און געזאַנג („שטורעם“).

אין זײַנע ערשטע פּיעסעס פֿלעגט שעקספּיר נאָך שילדערן די דאָזיקע אַלטע אַריסטאָקראַטישע וועלט אַלס אַ פֿעסטע און דעריבער אַ לעבנספֿרײדיקע, — אַלס אַ גרויסן זאָרגלאָזן יום־טובֿ. דער אומגעלונגענער אויפֿשטאַנד און די טויטונג פֿון גראַף עסעקס, אײנער פֿון די לעצטע אומאָפּהענגיקע פֿעאָדאַלן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן די נײַע געזעלשאַפֿטלעכע כּוחות, זענען געווען פֿאַר שעקספּירן אַ טרויעריקער רמז דערויף, אַז די דאָזיקע אַלטע וועלט איז פֿאַראורטײלט אויף אונטערגאַנג. פֿון יענער צײַט אָן פֿאַרשווינדט פֿון זײַן דיכטונג די לעבנספֿרײדיקײט און דאָס געלעכטער, און זי הילט זיך אײַן אין אַ שוואַרצן טרויער־שלײער. די געוויינלעכע טעמע פֿון זײַן שאַפֿן ווערט איצטער אָדער דער אונטערגאַנג פֿון די אײדעלע, דערהויבענע נאַטורן, וועלכע געפֿינען זיך אין אַ קלײנלעכער און שפלער וועלט (האַמלעט און אָפֿעליאַ, דעזדעמאָנאַ), אָדער דער זיג פֿון דורכשניטלעכקײטן, פֿון מענטשן מעסיקע און זאַכלעכע איבער געניאַלע און גראַנדיעזע כאַראַקטערן (אָקטאַוויוס און אַנטאָני, מאַלקאָלם און מאַקבעט). שעקספּירן דאַכט זיך אויס, אַז ס׳קומט אָן עפּעס אַ מין כאַאָס און וועלט־אָפּשטאַרבונג, און אַז עס הויבט אָן געוועלטיקן אַ האָפֿנונגסלאָזע אַנאַרכיע. די דאָזיקע שטימונג פֿון וועלט־אונטערגאַנג איז צומבעסטן דורך אים איבערגעגעבן אין „קעניג ליר“, וואָס פֿאַרן עפּיגראַף פֿון דער דאָזיקער פּיעסע האָט מען געקאָנט נעמען די ווערטער פֿונעם זקן גלאָסטער: „די ליבע ווערט אָפּגעקילט, די פֿרײַנטשאַפֿט פֿאַלט, ברידער קריגן זיך, אין די שטעט איז אַ צערודערונג, אין לאַנד איז אַן אומאָרדנונג, אין די פּאַלאַצן הערשט פֿאַראַט און עס צעפֿאַלן זיך אַפֿילו די בלוט־באַנדן, וואָס בינדן צונויף קינדער מיט עלטערן“.

אויפֿן אָרט פֿון דער אַלטער, גלאַנצנדיקער און שײַנענדיקער אַריסטאָקראַטישער וועלט, האָט זיך אַוועקגעשטעלט די נײַע בורזשואַזע געזעלשאַפֿט, אַ גרויע און פּראָזאַאישע. די צײַט פֿון באַדײַטנדיקע פּערזענלעכקײטן און גרויסע לײדנשאַפֿטן איז פֿאַרשוואונדן, ס׳איז אָנגעקומען די

שעקספּיר

מאָליער

הערשאַפט פון דער „מערהייט, פונעם המון. יחוס, קראַפט, טאַלענט האָבן געמוזט פאַרטושט ווערן פאַר דער אַלמעכטיקייט פון גאָלד. אויף וויפיל שעקספיר האָט ליב געהאַט די אַלטע וועלט אַפילו מיט אירע נעגאַטיווע זייטן, אויף אַזויפיל האָט ער פיינט געהאַט די נייע, אַפילו מיט אירע פּאָזיטיווע דערשיינונגען.

די ענגלישע בורזשואַזיע איז אַרויפגעטרעטן אויף דער סצענע אונטער אַ רעליגיעזער פאָן, מיט דער פּרעדיקונג פון אַ מאָראַלישער באַנייאונג. אונטער דערדאָזיקער אויסערלעכער אָרנטלעכקייט האָט שעקספיר געזען נישט עפּעס אַנדערש, ווי צביעות און אָפּנאַרעריי. אין דער פּיעסע „דער סוף קרוינט די גאַנצע זאַך" לייגט ער אַריין צום לץ אין מויל אַ גאַנצע קייט מיט שטעכווערטלעך אויפן אַדרעס פון די פּוריטאַנער, וועלכע טוען אָן אַ „מאַנטל פון הכנעה אויף זייער שוואַרצע טאָגע פון גאווה", און אין דער פּיעסע „מידה כנגד מידה" באַווייזט ער דורך איר העלד אַנדזשעלאָ, וועלכער רייניקט אָפּ די שטאָט ווין פון דער מאָראַלישער זומפּיקייט און צוזאַמען דערמיט נוצט ער אויס זיין אַנגעזעען אָרט, אויף צו באַפרידיקן זיינע תאוות, אַז אַ פּוריטאַנער, וועלכער איז פאַר דער וועלט „אַ באַשיידענער, ערלעכער, שטרענגער", איז אינדערעמתן „דער מיאוסטער גנב פון אַלע גנבים אין דער וועלט". די ענגלישע בורזשואַזיע האָט געשטרעבט אין פּאָליטישער הינזיכט צו פאַרבייטן דעם פּרינציפּ פון זעלבסטהערשונג פונעם איינצלנעם אויפן פּרינציפּ פון פאָלקסהערשאַפט. שעקספּיר האָט קיינמאָל נישט מיטגעפילט מיט דער קאָנסטיטוציאָנעלער רעגירונגס-פאָרם. אין דער פּיעסע „קעניג דזשאָן" האָט ער מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט וועגן דער גרעסטער געשעעניש אין דער צייט פון זיין רעגירן, וועלכע האָט געלייגט דעם יסוד פאַר דער מלוכהשער אויפבויאונג פון ענגלאַנד, וועגן דעם פרייהייטן-דאָקומענט. ווען דער קעניג דזשעיקאָב דער ערשטער איז אַריינגעטרעטן אין אַ קאַמף מיטן פּאַרלאַמענט, האָט שעקספּיר געוואָרפן דער בורזשואַזיע אין פּנים אַריין זיין פּאָליטישן מאַניפעסט, וועלכער הייסט „קאָריאָלאַן".

קאָריאָלאַן — איז אַן אָפענער שונא פון דער דעמאָקראַטיע. ער געפינט נישט גענוג גראָבע און זידלענדיקע ווערטער, אויף צו שטעמפּלען דעם המון, דאָסדאָזיקע „שמוציקע און פאַרשטונקענע" געזינדל, דידאָזיקע „סטאַדע גענז אין מענטשלעכער קליידונג", דידאָזיקע „הינט", די וויניקער זיכערע, פון „הייסע קוילן אויפן אייז און פון אַ האָגל אין אַ

וניקן טאָג", וועלכע זענען ראוי בלויז דערויף, צו „פאַרשטעלן דעם אמת". ער איז שוין בעסער גרייט, מ'זאָל אים אַראָפּוואַרפן פון אַ באַרגשפּיץ אָדער מ'זאָל פון אים די הויט אַראָפּציען, איידער ער זאָל זאָגן דער מאַסע „איין גוט וואָרט". קאָריאָלאַן איז אַן איבערצייגטער קעגנער פון דער באַטייליקונג פון פאָלק אין דער רעגירונג, דערפאַר ווייל אויב „די מאַכט וועט זיך פונאַנדערפאַלן אויף צוויי", וועט דאָס לאַנד „דערפירט ווערן צו אַ מצב פון נישטיקייט", דערפאַר ווייל דאָרטן וואו „יחוס, ראַנג און קלוגשאַפט זענען אָנמעכטיק לגבי דער שרייערישער מערהייט, דאָרטן איז נישטאָ קיין וועגן פאַר אַ פאַרשטאַנדיק רעגירן, דאָרטן איז נישטאָ קיין אָרדנונג". ווען קאָריאָלאַן, זיך אונטערגעבנדיק דער בקשה פון דינע פריינט, שטעלט אַרויס זיין קאַנדידאַטור אַלס קאָנסול און צוליב דעמדאָזיקן ציל גייט ער אַרום צו די וויילערס, ליידט ער יסורים נישט צום איבערגעבן און, באַקומענדיק עטלעכע שטימען, שרייט ער אויס צאָרנדיק, אַז ס'איז בעסער צו שטאַרבן אַ הונגער־טויט, איידער אויסצובעטלען אַ מתנה, אויף וועלכער ער האָט סיי־ווי־סיי רעכט צוליב זיינע פאַרדינסטן. די ליידנשאַפטלעכע שנאה צו דער הערשאַפט פון דער „מערהייט" צווינגט קאָריאָלאַנען צו פאַראַטן זיין היימישע שטאָט און איבערצוגיין צו דער מחנה פון אירע שונאים.

די ענגלישע בורזשואַזיע האָט געשטרעבט נישט בלויז צו דער באַזייטיקונג פון דער זעלבסטהערשערישער מאַכט, נאָר אויך צו דער אויסגלייכונג פון די שטאַנדן, צו בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג. שעקספּיר פּראָטעסטירט קעגן דערדאָזיקער גלייכבאַרעכטיקונג, אַריינלייגנדיק אין מויל פון אוליסן, אין דער טראַגיקאָמעדיע „טראָאיל און קרעסידאַ", אַ לאַנגע רעדע אויף דער טעמע וועגן דעם, אַז „אונטערטעניקייט איז די נשמה פון אַלץ" און אַז דאָרטן, וואו זי איז נישטאָ, הויבט אָן הערשן אַ „כאַאָס": „אָן איר גייען מיר, מיינענדיק צו גיין פאָרויס, טריט נאָך טריט צוריק".

אָבער נאָך טיפער, ווי די רעליגיעזע צביעות און דאָס פּאָליטישע פּראָגראַם פון דער בורזשואַזיע האָט שעקספּיר פיינט געהאַט יענעם קאַפּיטאַל, וועלכער האָט געבילדעט דעם יסוד פון איר עקאָנאָמישער מאַכט.

אויב קאָריאָלאַן פאַרלאָזט רוים, נישט זייענדיק בכוח שלום צו מאַכן מיט דער הערשאַפט פון דער מערהייט, גייט טימאָן אַוועק פון אַטען, וועלכע איז אָנגעשטעקט מיט דער פאַרגעטערונג פונעם געלט.

אינעם גאָלד זעט ער יענעם כּוח, וואָס וועט חרוב מאַכן די אַלטע אָרד־נונג, וועלכע האָט זיך געהאַלטן אויף דער איידלקייט פון דער אָפּשטאַ־מונג און אויף דער מיט איר ענג־פאַרבונדענער איידלקייט פון דער נשמה.

דערדאָזיקער „גלאַנציקער פּלוט" — זאָגט טימאָן נביאות — וועט צווינ־גען די מענטשן אַרומצורינגלען מיט כּיבודים און מיט קניבוקענישן מערדערס, אַרויפזעצנדיק זיי הויך אויף די בענק פון די סענאַטאָרן", „ער וועט געבן אַ לאַנג־אָפּגעלעבטער אלמנה — חתנים", „ער וועט צונויפ־בינדן און צעשטערן צוזאָגענישן". אויב קאַריאָלאַן איז געוואָרן אַ פאַר־רעטער, איז טימאָן געוואָרן — אַ מיזאַנטראָפּ. לעבנדיק אין וואַלדיקער אָפּגעזונדערטקייט, טראַכט ער בלויז וועגן איין זאַך — וועגן נקמה נעמען פון דערדאָזיקער שענדלעכער געזעלשאַפט פון גאָלד־פאַר־געטערער.

ווען ער דערוויסט זיך, אַז אַלקיוויאַד גייט מלחמה־האַלטן מיט אַטען, בעט ער אים, ער זאָל זיך נישט דערבאַרעמען אפילו אויף זקנים, ווייל „אַלע זענען זיי פּראַצענטניקעס" און געבנדיק אַ מעגלעכקייט די גזלנים, וועלכע זענען געקומען אים באַראַבעווען, צוצוקריגן זיך צו דער שטאָט, עצהט ער זיי, זיי זאָלן דאָרטן באַראַבעווען די געשעפטן, סיי די מענטשן, דערפאַר ווייל אַלע, ווען זיי וועלן נאָר באַגעגענען, זענען „רויבערס", און „וואָס זיי זאָלן נישט צוגנבענען, וועלן זיי דאָס האָבן געגנבעט ביי גנבים".

דאָ זעען מיר, ווי דורכן מויל פונעם אַטענער מיזאַנטראָפּ הויבט שעקספּיר אויף פּרודאָנס טעזע: „אייגנטום איז גנבה", באַנוצנדיק פונ־דעסטוועגן דידאָזיקע טעזע בלויז אין באַצוג צום בורזשואַזן, און נישט צום פעאָדאַלן אייגנטום.

אין זיין לעצטער פּיעסע „שטורעם" — אין דערדאָזיקער צוואה פאַר די קומענדיקע דורות — האָט שעקספּיר נאָכאַמאָל פאָרמולירט זיין אַריסטאָקראַטישע וועלטאָנשויאונג אין צוויי קלאָרע קינסטלערישע ביל־דער, וועלכע האָבן שפּעטער באַוואויגן רענאַנען אָנצושרייבן די פאָר־זעצונג פון דערדאָזיקער דראַמע.

דער הערצאָג פּראָספּעראָ שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַזונדערן טיפּ פון אַ העכערער ראַסע, אַ טרעגער פון דער אַריסטאָקראַטישער קולטור. ער איז גרויסמוטיק, גוט און קלוג, ווי אַ מכשף הערשט ער איבער דער נאַטור, וועמענס סודות ער האָט משיג געווען און וועמענס

כּוחות ער האָט געמאַכט אונטערטעניק צו זיך. קאַליבאַן, אַ האַלבּ־חיה — האַלבּ־מענטש, פאַרקערפּערט אין זיך די נידעריקערע ראַסע, די פּסיכאָלאָגיע פונעם המון; ער איז אַ בעל־מקנא, אַ בעל־תּאווהניק, אַ נקמה־נעמער און אַ פּחדן. פּראָספּעראָ האָט זיך באַמיט צו ציוויליזירן דעמדאָזיקן זון פונעם שלעכטן גייסט און פון אַ מכשפה, ער האָט אים אויסגעלערנט רעדן, ער האָט אַנטוויקלט זיין שׂכל, אָבער קאַליבאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן פּעאיק בלויז אויף צו זיין אַ קנעכט. אַזאַ איז, לויט שעקספּירס מיינונג, די קעגנזייטיקע פאַרהעלטניש צווישן די שעפער פון דער קולטור — די האַרן און צווישן די נידעריקערע קלאַסן, וועלכע זענען מחויב צו זיין אונטערטעניק צו זיי.

ביים סוף פון דער פּיעסע פאַרלאָזט דער הערצאָג פּראָספּעראָ דעם אינזל, אויף וועלכן ער האָט געוועלטיקט, און ער פאַרגראָבט אין דער ערד דעם אייזערנעם סצעפּטער, מיט וועלכנס הילף ער פלעגט אַרויסרופן די כּישופדיקע זעאונגען. דער הערצאָג פּראָספּעראָ, וועלכער גיט זיך אָן אין דעמיסיע — דאָס איז נישט בלויז שעקספּיר, וועלכער זעגנט זיך מיט דער קונסט און מיטן פּובּליקום, דאָס איז די גאַנצע אַלטע אַריסטאָקראַטישע וועלט מיט איר גלאַנץ און מיט איר פּאָעזיע, וועלכע איז געווען אַזוי טייער דעם דיכטער און וועלכע האָט פאַר זייַנע אויגן געצאַנקט און איז אויסגעלאָשן געוואָרן אונטערן דרוק פון דעם גרויען און אייַנטאָניקן לעבן פון דער דעמאָקראַטיע.

VIII.

פון די גרויע עקאָנאָמישע אומרוען אין פופצעטן און זעכצעטן יאָרהונדערט איז די קעניגלעכע מאַכט אַרויסגעקומען אַ קרעפטיקע און מעכטיקע. די אייראָפּעאישע מאָנאַרכן איילן זיך אַרומצורינגלען מיט קאָמפּאָרטאַבעלע און רייכע הויפן. דאָס פּריצנטום פליסט מאַסנווייז אין די הויפּטשטעט אַריין און טרעט אַריין אויף שטעלעס צום קעניג. די פעאָדאַלן ווערן ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין הויפלייט. אין די קעניגלעכע הויפן בילדן זיך אויס אייגנאַרטיקע זיטן און מנהגים, — אַן אויסגעאיידלטע וועלטלעכע קולטור. דער קולט פון אַ זעלבּסהערשערישן מאָנאַרך און די אַריסטאָקראַטיזאַציע פון לעבן — אָט דאָס זענען די גרונט־שטריכן פון דער הויפישער קולטור.

איטאַליע, וועלכע איז געווען פונאַנדערגעטיילט אויף אַ מאַסע קליינע זעלבשטענדיקע אַבסאָלוטיסטישע פירשטנטומס, הויבט אָן די ערשטע צו גיין אויף דעמדאָזיקן וועג. זי ווערט דאָס קלאַסישע לאַנד פון סאַלאָנען, פונקט ווי פריער איז זי געווען דאָס געבורט־לאַנד פונעם הומאַניזם. דאָ שרייבט גראַף קאַסטיליאָנע זיין, אויף אַלע אייראָפּע־אישע הויפּט־שפּראַכן איבערזעצטע, בוך „וועגן הויפמאַן”, אין וועלכן ס'ווערן באַשריבן שמועסן, וואָס קומען פאָר אינעם הויף פון אורבינישן הערצאָג גווידאָבאַלדאָ און זיין „געטלעכער” פרוי עליזאַבעט, און אין וועלכן עס איז, אגב אורחא, אָנגעצייכנט דער פּאָרטרעט פון זיין אידע־אַלן קייזערלעכן הויפמאַן, אַ פּילזייטיק געבילדעטן, אַ גאַלאַנטן, וועלכער קאָן אויף אַ וועלטלעכן אופן פּלוידערן וועגן ליטעראַטור און קונסט, שפּילן אויף פאַרשיידענע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, און איז דערצו אַ געשיקטער טענצער און פעכטער. „כּל־זמן עס וועלן עקזיסטירן הויפן און פירשטן — האָט געשריבן ט אַ ס אָ — כּל־זמן דאַמען און הערן וועלן זיך צונויפזאַמלען לשם שמועסן, כּל־זמן העלדישקייט און גאַלאַנטקייט וועלן נישט פאַרשווינדן פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד, — אַזוי לאַנג וועט דער נאָמען קאַסטיליאָנע געריִמט ווערן אומעטום”.

דער הויפמאַן (cortegiano) האָט געזעען זיין מיסיע דערין, ער זאָל זעלבסטלאָז דינען זיין הערשער. צוזאַמענשטעלנדיק די זיטן פון פערצענטן און זעכצענטן יאָרהונדערט באַמערקט טאַסאָ, אַז דער פריער־דיקער בירגער האָט געדינט צו דער רעפּובליק, האָפנדיק צו דערגרייכן אין איר אַן אָנגעזען געזעלשאַפטלעך אָרט, און דער ציל פון זיינע שטרע־בונגען איז געווען די פרייהייט פונעם פאָטערלאַנד, און דער איצטיקער הויפמאַן דינט צום מאָנאַרך, זאָרגנדיק בלויז וועגן זיין באַרימטקייט און רעפּוטאַציע (מאַלפּיליאָס דיאַלאָג). „דער קעניג — שטעלט־פעסט טאַסאָ אויף אַן אַנדער אָרט — איז דאָס בילד און דאָס געשטאַלט פון גאָט אויף דער ערד”. „ווער עס האָט די חוצפה זיך אים אַנטקעגנצושטעלן מיט וואָרט אָדער טאַט, פאַרדינט פונקט אַזאַ שטראָף, ווי דער, וואָס לייקנט אין קריסטוסן”.

אין דער סביבה פון די הויפישע זיטן און פונעם סאַלאָ־נישן עטיקעט האָט די הויפישע אַריסטאָקראַטיע קינסטלעך מחיה־מתים געווען דעם לעבנשטייגער און די אידעאַלן פונעם פעאָ־דאַליזם.

די גאַנגבאַרע טעמעס פון די וועלטלעכע שמועסן זענען געווען דיספוטן וועגן ליבע, די אַמאָל זייער פאַרשפּרייטע צווישן די פּראָ־וואַנסאַלישע טרובאַדורן, דערביי איז די ליבע אויך איצט טראַקטירט געוואָרן אין דעמזעלבן דערהויבן־ספּיריטואַליסטישן גייסט: איצטער פלעגט דידאַקטישע טעאָריע פון נישט ערדישער ליבע פאַרפעסטיקט ווערן דורך נייע אַרגומענטן, גענומענע ביי פּלאַטאָנען. עס איז אַנטשטאַנען אַ גאַנצעברייטע ליטעראַטור וועגן פּלאַטאָנישער ליבע („דער הויפמאַן" פון קאַסטיליאָנע; די „אַזאָלאַנער שמועסן" פון ב ע מ ר אָ; ט אַ ס אָ ס דיאַלאָג וועגן שיינקייט א. אַ. וו.). צוזאַמען מיט די שטימונגען און אידעען פון דער פריערדיקער עפּאָכע לעבן ווידער אויף אויך די מיטלאַלטערלעכע פאָרמען פון ליטעראַרישער שאַפונג. די דיכטערס נעמען זיך פונדאָסניי צו שרייבן ריטערלעכע פּאָעמעס, אין וועלכע עס טויכן אויף די פיגורן פון קאַרל דעם גרויסן און פון ראָלאַנדן, ריטערס שלאָגן זיך מיט ריזן, עס טרעטן אַרויס כּישופמאַכערינס, און עס קומען פאָר כּלערליי ניסים. אויב פ ו ל ט ש י (דער ריז מאָרגאַנטע) און אַ ר י אָ ס ט אָ (דער דערצערנטער ראָלאַנד) שילדערן נאָך דאָס אײדעלע ריטערטום, אין גײעג גאָר טשעקאַווע פאַסירונגען, מיט אַ נישט פאַרבאָרגענער איראָניע — אַזוי, למשל, זען מיר אין אַריאָסטאָס פּאָעמע, ווי דער ריטער אַסטאָלפאָ לאָזט זיך אַוועק אויף דער לבנה, כּדי צוריק אומצוקערן ראָלאַנדן זיין פאַרלוירענעם שׂכל און ער געפינט אים, דעם שׂכל, צווישן אַ קופּע גלעזער, אין דעם סאַמע מיניאַטורישסטן פון זיי — איז ט אַ ס אָ דאַקעגן, אין זיין „באַפרייטן ירושלים", אינגאַנצן אַדורכגעדרונגען מיט אַ יראת־הכּבוד צו די קרייצטרעגער פון גאָטפריד בולאָנער און אין דער פּערזאָן פונעם הויפּט־העלד רינאַלדאָ שילדערט ער אַן אידעאַלן טיפּ פון אַ קריסט — מלחמה־האַלטער, וועלכער זאָגט זיך אָפּ פון ערדישער ליבע (צו דער כּישופמאַכערין אַרמידאַ) אין נאָמען פון דעם אומאייגננוציקן דינען צו דעם האַר גאָט. זייער גאַנגבאַר זענען אויך געווען צווישן דעם וועלטלעכן פּובליקום די פּאַסטוכישע ראָמאַנען און דראַמעס („אַרקאַדיאַ" פון ס אַ נ אַ צ אַ ר אָ, „אַמינטאַ" פון ט אַ ס אָ), אין וועלכע עס פלעגט געשילדערט ווערן דער אידילישער לעבנשטייגער פון די פּשוטע דאָרפלייט, אַן אָנגענעמער קאָנטראַסט צום אויסגעאיידלטן הויפישן לעבן, כאָטש אונטער דער פּעדער פון די סאַלאָנישע דיכטער פלעגן די פּאַסטוכער און פּאַסטוכקעס אומבאַמערקבאַר פאַרוואַנדלט ווערן אין דעמזעלביקן וועלטלעכן פּובליקום מיט זיינע עלעגאַנטע רייד און מיט זיין סענטי־

מענטשלעכער מאַטקייט. אין דער סאָלאַנישער סביבה, וועלכע איז געווען פאַרנומען מיט פלירט און ליבע־שפּילערייען, איז, פאַרשטייט זיך, באַזונדערס גרויס געווען די נאָכפראַגע אויף ליבע־לידיק. און דער איטאַליענישער ביכער־מאַרק איז געווען פשוט פאַרפלייצט מיט סאָנעטן און קאַנסאָנען מיט אַן עראָטישן אינהאַלט אין מאָדישן פּלאַטאָנישן גייסט. פונקט ווי די גאַנצע הויפישע אַריסטאָקראַטיע האָט געדאַרפט קנעכטיש דינען דעם הערשער, אַזוי איז אויך געווען זיין דינער — דער דיכטער. ס'איז געגוג אָנצוווייזן אויף טאַסאָן. דער פּראַרער הערצאָג אַלפאָנסאָ דער צווייטער האָט דערנערט און געקליידט דעם גרויסן דיכטער, וועלכער איז, פון זיין זייט, ווידער, געווען מחויב צו באַזינגען אין סאָנעטן דעם הערצאָגס צוויי שוועסטער עלעאָנאָרא און לוקרעציאַ, אָפּרופנדיק זיך אויף די נישטיקסטע געשעענישן אין זייער לעבן, און דעם הערצאָג אַליין האָט ער באַזונגען אין דער פּאָעמע „דאָס באַפרייטע ירושלים״, וואָס אירע העלדן, רינאַלדאָ און אַרמידאַ, זענען די ערשטע אבות פון דער דינאַסטיע עסטע, פונעם פּעראַרער פירשטלעכן הויז. דידאַקטיקע אָפּהענגיקייט פונעם מאָנאַרך־מעצענאַט האָט זיך געלייגט מיט אַ גוואַלדיקער שווערקייט אויף די פּלייצעס פונעם דיכטער, זי האָט אים געמאַכט פאַר אַן אויסערגעוויינלעך נערוועאישן און פאַרדאַכטערישן און זי האָט פאַרוואַנדלט דאָס גאַנצע לעבן זיינס אין איין כסדרדיקער טראַגעדיע.

די זיטן און די מנהגים, די שפּראַך און די ליטעראַטור פון דעם איטאַליענישן סאַלאָן האָבן אין זעכצענטן יאָרהונדערט איבערגעוואַנדערט קיין ענגלאַנד. זיי האָבן געפונען פאַר זיך אַ היים אינעם הויף פון עליזאַבעטאַ. מורא־האָבנדיק פאַר איר שלעכטער באַציאונג זענען די דיכטער געצוואונגען געווען צו באַזינגען די קעניגין, ווי דאָס האָט געטון ספּענסער אין זיין פּאָעמע „די קעניגין פון די פעיעס״, וואו דורך דער געשטאַלט פון גלאָריאַנאַ, די קעניגין פון באַרימטקייט, וועלכע שיקט אירע ריטערס זיך צו ראַנגלען מיט פאַרשיידנאַרטיקע שלעכטע מידות, איז געשילדערט די קעניגין — „יונגפרוי״. אפילו שעקספּיר, וועלכער האָט נישט ליב געהאַט עליזאַבעטן, איז געווען געצוואונגען צו רויכערן לכבוד איר ווייַרויך אין דער קאָמעדיע „דער חלום אין יאַנס נאַכט״. כדי צו ווייַלן דאָס וועלטלעכע פּובליקום האָבן ליליַ, גרין און לאָדזש געשריבן זייערע סאַלאָנישע ראָמאַנען מיט אַן עראָטישן אינהאַלט, אין אַ געקינסטלטן מאָדישן סטיל, וועלכער האָט

באַקומען, לויט ליליס העלד, דעם נאָמען „עאופוריזם״. עס האָט זיך שטאַרק פונאַנדערגעבליט די ליבע־ליריק אין דער גענומענער פון איטאַליע פאָרם פונעם סאָנעט (ד ר אַ י ט אָ ן , גראַף ס ע ר ע י , ש ע ק ס פ י ר). פון אַ גוואַלדיקער פּאָפּולאַריטעט האָט גענאָסן ס י ד ־ נ ע י ס פּאַסטוכשער ראָמאַן „אַרקאַדיאַ״.

אין זיבעצטן יאָרהונדערט טריאומפירט די סאַלאָניש־הויפישע קול־טור אויך אין פראַנקרייך.

די אַריסטאָקראַטיע, אַ צעבראָכענע און אַ באַזיגטע, קלייבט זיך ביסלעכווייז אַריבער צום הויף און דאָ ווערן די פעאָדאַלן — מלחמה־האַלטערס אומבאַמערקבאַר פאַרוואַנדלט אין גאַלאַנטע און אויסגעאיידלטע קאַוואַלערן.

די פעאָדאַלע וועלט הויבט נאָך צום לעצטן מאָל אויף איר שטימע אין קאָ ר נ ע ל ס ערשטער דראַמע „ציד״. דאָס איז אַ הימן צו מלחמה־נצחונות. אין צענטער פון דער דראַמע איז אַוועקגעשטעלט די שלאַכט פון דאָן ראָדריגאָ מיט די מאַאורן. דאָס איז אויך אַ הימן צו דער פעאָדאַלער ערע. ווען דאָן ראָדריגאָ קומט אויס אויסצוקלייבן צווישן דער ליבע צו כימענען און דער נויטווענדיקייט צו דערהרגענען איר פאָטער, וועלכער האָט באַליידיקט זיין אייגענעם פאָטער, איז ער נאָך אַ קורצן איבערלייגן זיך מקריב מיט דער ל י ב ע צוליב דער ע ר ע. ווען כימענאַ דאַרף אויסקלייבן צווישן איר ליידנשאַפט צו ראָדריגאָן און דער פליכט אים צו דערהרגענען אַלס שטראָף פאַר דער דערמאָר־דונג פון איר פאָטער, איז נאָך אַ קורצער ווײַלע פון וואַקלען זיך, זאָגט זי זיך אָפּ פון דער ליבע צוליב דער ערע. ווען די יורש־עצרטע פאַרליבט זיך אינעם פראָסטן ריטער ציד, זאָגט זי זיך מיט אַ ווייטיק אין האַרץ אָפּ פון אים, ווייל די ערע שטערט איר צו פאַרבינדן איר גורל מיט אַ מענטש, וועלכער שטייט נידעריקער פון איר אויפן סאָציאַלן לייטער.

קאָרנעלס דראַמע איז דאָס שוואַנען־געזאַנג פון די פעאָדאַלע זייטן. העכער פאַר די שטאָלצע און אומאָפּהענגיקע (ווען־עס־איז) ריטערס שטעלט זיך דער קעניג. בלויז געציילטע, ווי דאָן האָמעס, דער פאָטער פון כימענאַ, בונטעווען זיך אָפּן קעגן מאָנאַרך. די איבעריקע האָבן אָן שום פּרעטענזיעס זיך אונטערגעגעבן זיין מאַכט. דאָן־דיעגאָ, דער פאָטער פון ראָדריגאָ, שטעלט פעסט, אַז אַן אונטערטאַן האָט נישט קיין רעכט צו קריטיקירן די האַנדלונג פונעם מאָנאַרך, דאָן־אַריאַס דערקלערט, אַז

דער הערשער איז נישט מחויב אָפצוגעבן קיין דין־וחשבון וועגן זיינע מעשים, ווייל ער איז אַ זעלבסטהערשער (es rois veulent étre absolus).

פונקט אַזוי, ווי די אומאָפהענגיקע פעאָדאַלן פאַלן כורעים פאַר דער קעניגלעכער מאַכט, אַזוי איז אויך קאָרנעל גופא אין זיינע שפעטערדיקע בעסערע דראַמעס געוואָרן דער זינגער פון דער קריסטלעך־פראַנצויזישער מאָנאַרכיע. אין דער דראַמע „ציננאַ" באַזינגט ער די נשמה־איידלקייט און די גרויסמוטיקייט פונעם אימפעראַטאָר אויגוסט, וועלכער אַנטוואָפנט מיט זיינע מאָראַלישע מעלות די בונטאַרן־רעפובליקאַנער און צווינגט זיי אַזויאַרום אָנצוקומען צו אים אויף שטעלעס, און אין דער דראַמע „פאָליעאוקט" שילדערט ער דעם טריאומף פון די קריסטלעכע אידעען איבער דער געצנדינערישער רעליגיע.

די פראַנצויזישע ליטעראַטור פון זיבעצנטן יאָרהונדערט טראָגט, פונקט ווי די איטאַליענישע און ענגלישע, אַ גרויסוועלטיקן כאַראַקטער. פאַרן סאַלאָנישן פובליקום האָט פרוי ס ק י ד ע ר י געשריבן אירע ענדלאָזע היסטאָרישע ראָמאַנען מיט דועלן, פאַסירונגען און וויטע רייזעס, לויט דער מאַניער פון די אַלטע ריטערלעכע פאָעמעס. פאַר דעמזעלבן פובליקום האָט ד׳ א י ר פ ע געשאַפן זיין פאַסטוכשן ראָמאַן „אַסטרעאַ" מיט פאַרמאַטערנדיק־לאַנגע אָפהאַנדלונגען וועגן ליבע. פאַר דעמזעלבן עולם האָט פרוי ל אַ פ אַ י ע ט אידעאַליזירט אין איר פסיכאָלאָגישן ראָמאַן „די קלעווער פרינצעסין" די גרויסוועלטיקע סביבה, פון וועלכער ס'איז אַרויסגעקומען די העלדין, אַ פאַרהייראַטע דאַמע, וואָס גייט אַוועק אין קלויסטער, כדי נישט צו פאַראַטן איר נישט געליבטן מאַן מיטן הערצאָג, וועלכן זי האָט יאָ ליב.

אין דער הויפיש־סאַלאָנישער אַטמאָספער האָט באַדייטנדיק געענדערט איר פנים אויך די דראַמע. זי האָט פאַרלוירן איר ביז נישט לאַנגאָניקן שטרענגן, העראָאישן כאַראַקטער, זי איז אַדורכגעזאַפט געוואָרן מיט די אויסגעאיידלטע זיטן פון דער וועלט. קאָרנעלס העלדן האָבן נאָך געלעבט אין נאָמען פון עפעס אַן אידעע (ערע, רעפובליק, קריסטנטום,) ר אַ ס י נ ס העלדן עקזיסטירן אויסשליסלעך פאַר דער ליבע און אייפערזוכט. אונטער דער מאַסקע פונעם רוימישן אימפעראַטאָר נעראָן, דעם מזרחדיקן סולטאַן באַיאַזעט, דעם גריכישן קייסער אַכילעס פלעגט ביי ראַסינען אַרויסטרעטן אַלץ איין־און־דערזעלבער הויפישער קאַוואַלער, אין אַן אָנגעפודערטן פאַריק און מיט שפיצנהאַפטיקע מאַנ-

קעטן, אַן עלעגאַנטער און אַנגעבלאָזענער, אַ ליידנשאַפטלעכער און מאַטער. אויב ביי קאָרנעלן האָבן נאָך די הויפּט־ראָלן געשפּילט מענער, איז ביי ראַסינען זעען מיר, אַז סיי אין הויף, סיי אין די סאַלאָנען זענען די טאָן־געבערינס — פרויען.

דער טריאומף פון דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, וועלכע מאַכט אונטערטעניק צו זיך דאָס פּריצנטום, שטעלט מיט זיך פאָר איינע פון די געוויינלעכע טעמעס אויך אין דער שפּאַנישער דראַמע פון זיבעצנטן יאָרהונדערט.

אין דער דראַמע „דער שאַפענער קוואַל“ שילדערט לאָפּע דע וועגאַ אַן אויפשטאַנד פון פּויערים קעגן דעם קאָמאַנדאָר, אַן אכזר און אַ בעל־תאווהניק, „אַ צעלאָזענער און אַ באַרבאַר“, וואָס זיינס גלייכן „איז נאָך אויף דער וועלט נישט געווען“. דערהרגענענדיק דעם פעאָדאַל און צעראַבעווענדיק זיין פאַרמעגן, שיקן די פּויערים אַוועק אַ דעפּוטאַציע צום קעניג פערדינאַנד און זיי בעטן אים, ער זאָל אַרונטערנעמען דעם „שאַפענעם קוואַל“ אונטער זיין הויכער השגחה. „מיר ווילן, הערשער אונזערער, דיינע זיין, קיין אַנדערע באַלעבאַטים ווילן מיר נישט“. אויף וויפיל די פּויערים האָבן פיינט דעם פעאָדאַל, אויף אַזוי פיל זענען זיי געטריי דעם קייסער, דער דאָרפישער עלטסטער, וועלכער שטייט אין שפּיץ פון דער דעלעגאַציע עצהט דעם קעניג, ער זאָל אַראָפּוואַרפן אין די שטעט און אין די דערפער „אַלע האַרן מיטן גרויסן רויטן ציילעם אויף דער ברוסט“. „זאָל דער קעניג אויף זיין ברוסט אָנטון דעמדאָזיקן הייליקן סימבאָל פון אמת און ליבע“.

פּונקט ווי די דאָרפישע קאָמונעס פּראָקלאַמירן די אַבסאָלוטע מאַכט פונעם מאָנאַרך, אַזוי ווערן אויך די פּריצים פאַרוואַנדלט אין זיינע געטרייע דינערס.

אין דער דראַמע „דער סעווילער שטערן“ צווינגט לאָפּע דע וועגאַ דעם קעניג איינצולאַדן צו זיך אַ יונגן פּריץ, דעם אָפיציר דאָן־סאַנטשאָ אָרטיס און זיך ווענדן צו אים מיט דער פראַגע, וועמען ער זעט פאַר זיך. „דו ביסט גאָטס גן שטאַלט“, ענטפערט דער אָפיציר, — „דיינע עסקים זענען זיינע עסקים, און אַחוץ דער גאָטהייט גלייב איך בלויז אין דיר. איך בין דיין דינער“.

אויף דעם קעניגס פראַגע, וואָס פאַר אַ טויט פאַרדינט אַ מענטש, וואָס באַליידיקט זיין מאַיעסטעט, ענטפערט אָרטיס, „דעם טויט אויפן שייטערהויפן“, און ווען דער קעגיג מאַכט אים אויפמערקזאַם, אַז עפּעס

עמעצער אַ מענטש איז טאַקע באַגאַנגען אַזאַ מין פאַרברעכן, שרייט אויס אַרטיס: „דאַרף ער תיכף־ומיד אומקומען און אויב אפילו עס זאָל זיין מיינער אַ ברודער, דער, וואָס איז באַגאַנגען אַזאַ געמיין פאַרברעכן, וואָלט איך אויך פאַר אים פאַרלאַנגט טויט־שטראָף".

דער קעניג גיט דעם אָפיציר אַ פאַרחתמעטן בריוו, אין וועלכן עס געפינט זיך דער נאָמען פון דעם, וואָס האָט אים אַזוי שווער באַליידיקט, און דער אָפיציר שווערט אויסצופירן איבער יענעם די טויט־שטראָף. צו זיין גרויס אומגליק דערוויסט זיך אַרטיס, אַז דער באַליידיקער איז עס זיין בעסטער פריינט און ברודער פון זיין כלה, דאָן בוסטאָ דע טאַבעראַ. אין זיין נשמה אַנטשטייט אַ שווערער געראַנגל צווישן דער ליבע צום פריינט און צו דער כלה און צווישן דער גע־טריישאַפט צום מאָנאַרך. „אָ, ווי שווער מיר איז, — שרייט ער אויס, — אָבער די פליכט באַפעלט אָנצונעמען זיך פאַר דער ערע פונעם קעניג און דאָס ריטערלעכע וואָרט צו האַלטן". און אַרטיס דערהרגעט דאָן בוסטאָ דע טאַבעראַ און ער באַרויבט זיך, אַזויאַרום, די מעגלעכקייט התונה צו האָבן מיט עסטרעליען.

פאַר דער הויפישער געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך גרופּירט אַרום דער קירכע און דעם טראָן, האָבן די שפּאַנישע דראַמאַטורגן אויפגע־לעבט די אידעאַלן, שטימונגען און בילדער פונעם פעאָדאַל־קאַטוילישן אַלטערטום.

אין דער דראַמע „דער שטאַנדהאַפטיקער פּרינץ" שילדערט קאַל־דעראָן אין דער פּערזאָן פונעם פּאָרטוגאַלישן פּרינץ דאָן פערדינאַנד אַ ריטער, וועלכער איז ביז זעלבסטפאַרגעסונג און פּייניקונג איבערגע־געבן דער קריסטלעכער רעליגיע און ער פאַלט אַריין אין געפאַנגענ־שאַפט צו די מאַאורן, דאָרטן זאָגט ער זיך אָפּ פון פרייהייט אין נאָמען פון ליידן און לעבעדיקערהייט פאַלט ער פונאַנדער, אָן אַ קרעכץ און אָן תרעומות, אין דער אומדערטרעגלעכער קאַטאָרגע. אין דער דראַמע „דער לייטערונגס־פייער פונעם הייליקן פּאַטריק" שילדערט קאַלדעראָן דעם טריאומף פונעם קריסטנטום איבער דער געצנדינערײ, וועלכער קומט פאַר אין אַ וועלט פון בלויז ניסים. צוזאַמען מיטן פעאָדאַל־קאַ־טוילישן אידעאַל האָט קאַלדעראָן אויך אויפגעלעבט די אַסקעטישע און פעסימיסטישע שטימונגען פונעם מיטלאַלטער. אין דער דראַמע „דער מאַגיקער דער בעל־מופת" צווינגט ער דעם מאַגיקער ציפּריאַן זיך אָפּ־צוזאָגן פון ערדישער ליבע און פון ערדישע תענוגים אין נאָמען פון

דער עולם־הבאַדיקער גוטסקייט, און אין דער דראַמע „דאָס לעבן איז אַ חלום“ לייגט ער אַריין אין מויל פונעם פּרינץ סיגיזמאָנדאָ דעם געדאַנק, אַז די גרעסטע פון אַלע עבירות, דער שווערסטער פון אַלע פאַרברעכנס איז — „געבוירן ווערן אויף דער וועלט“. אַז דאָס גאַנצע לעבן איז נישט מער ווי אַן אָפּנאַרערישער קאָשמאַר, אַ חלום, פון וועלכן דער מענטש וועקט זיך פונאַנדער אין יענעם מאָמענט, ווען דער טויט מאַכט אים צ ו די אויגן, און אַז איבער דער וועלט הערשט אַן אַלמעכטיקער פאַטום, פון וועלכן מ׳קאָן זיך נישט אַרויסדרייען.

אין דער הויפישער סביבה, וועלכע האָט אַרומגערינגלט די זעלבסטהערשערישע רעגירערס אין זעכצעגטן און זיבעצנטן יאָרהונדערט, האָט אַזויאַרום צוריק אויפגעלעבט די מיטלאַלטערלעכע אַריסטאָקראַטישע קולטור, כּדי דערנאָך אָפּצוטרעטן איר אָרט דער נייער בורזשואַזער ציוויליזאַציע און בורזשואַזער ליטעראַטור.

די אַנטשטייאונג פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט

I.

אינמיטן זיבעצנטן יאָרהונדערט האָט די ענגלישע בורזשואַזיע (דער האַנדלס-אינדוסטריעלער קלאַס אין די שטעט און די מיטעלע ערד-אייגנטימער — דזשענטרס, סקוואַירס) געמאַכט אַן אויפשטאַנד, דער-הרגעט דעם קעניג, און פּראָקלאַמירט אַ רעפּובליק.

דער ענגלישער בורזשואַ פון דערדאָזיקער עפּאָכע פון דער ערשטצייטיקער אָנזאַמלונג פלעגט זיך אויסצייכענען מיט זיין אַרבעט-זאַמקייט און מיושבדיקייט, ער פלעגט אויפשטיין פרי, פלעגט זיך קליידן פּראָסט, ער האָט פיינט געהאַט שרייענדיקע קאָלירן און טייערע שטיינער, ער איז געווען איינגעהאַלטן אין עסן, ער פלעגט זיך באַ-ציען מיט פאַראַכטונג צו די וועלטלעכע ביכער, ער פלעגט קענען אויף אויסנווייניק די הייליקע שריפט, איבערהויפּט די ביבל, ער האָט נישט ליב געהאַט די קונסט און פלעגט נישט באַזוכן קיין טעאַטער, ער איז אויך געווען אַ מוסטערהאַפטער פאַמיליענמענטש. ער פלעגט זיך זאָרגפעלטיג אויסטיילן פון זיין אַרומיקער אַריסטאָקראַטישער און הוי-פישער וועלט און ער האָט געבילדעט מיט זיך אַ מין באַוואָפנטע סעק-טע, וועלכע האָט געפּרעדיקט דעם פּראָטעסטאַנטיזם אין זיין שטרענ-גער קאַלוויניסטישער אינטערפּרעטאַציע (דער פּוריטאַניזם).

פאַר דער קונסט און בפרט פאַר דער ליטעראַטור איז די הער-שאַפט פון פּוריטאַנער געווען זייער נישט קיין גוטע זאַך. פאַר דעם פּוריטאַנער זענען די וועלטלעכע עסקים געווען אַ סינאָנים פון זינד, און דאָס לעבן האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, ווי אַן אייביקער קאַמף צווישן צוויי קעגנזעצלעכע יסודות — צווישן גוטס און שלעכטס. דער פּוריטאַנער ב ע נ י אַ ן דערציילט, אַז בעת ער איז נאָך געווען אַ בייניעריק יינגל פלעגט ער אָפט אינמיטן די „פרייליכע קינדערישע

שפילן" באַקומען אַ מרה-שחורהדיקע שטימונג צוליבן געדאַנק וועגן דער זינדיקייט פונעם לעבן, און אין דער נשמה ביי אים איז געווען אַ גרויס „אומגליק". דאָס ייִנגל האָט לײדנשאַפטלעך ליב געהאַט צו שפילן אין באַלעם, אָבער אויך דאָסדאָזיקע אומשולדיקע פאַרגעניגן האָט זיך אים אויסגעוויזן אַלס אַ שרעקלעך פאַרברעכן. איינמאָל, בעתן שפילן, האָט ער דערהערט אַ בת-קול פון הימל, וואָס האָט געזאָגט: „צי ווילסטו זיך אָפּזאָגן פון דיינע עבירות און גיין אין גן-עדן אַרייַן אָדער דו ווילסט בלייבן פאַרעקשנט און גיין אין גיהנום?" דאָס ייִנגל איז געוואָרן „אויסערגעוויינלעך דערשטוינט", ער האָט אַ קוק געטון אויפן הימל און אים האָט זיך פאָרגעשטעלט „דער האַר יעזוס, אַ שטאַרק דערצאָרנטער", און ס'האָט אויסגעזען פונקט ווי ער וואָלט אים געדראָט „מיט אַ שרעקלעכער שטראָף פאַר דידאָזיקע און פאַר אַנדערע נישט גוטע מעשים זיינע".

ס'איז קיין וואונדער נישט, וואָס די פוריטאַניש-געשטימטע בורזשואַזיע האָט לײדנשאַפטלעך פיינט געהאַט דאָס טעאַטער, זי האָט טריאומפירט, למשל, ווען דער דראַמאַטורג מ אַ ר ל אָ איז דערהרגעט געוואָרן, און זי האָט געאײַלט אין יאָר 1648 צו פאַרמאַכן אַלע טעאַטערן, ווי נאָר זי איז געוועסט צוגעקומען צו דער מאַכט.

אין דער פאַנטאַזיע פונעם פוריטאַנער האָט זיך דאָס קאָנקרעטע און פילפאַרביקע לעבן אָפּגעשפּיגלט נישט אַנדערש, ווי אין דער פאָרם פון אַבסטראַקטע מאָראַלישע באַגריפן — דאָס איז אַ פּסיכאָלאָגישער שטריך, וועלכער איז ווייניק מסוגל פאַר אַ קינסטלערישן שאַפן.

ב ע נ י אַ נ ס גאַנצע פּאָעמע — „די וואַנדערונג פון אַן עולה-רגלניק" — איז איבערפולט מיט אַזעלכע גייסטיק-מאָראַלישע אַלעגאָריעס. בעניאַן דערציילט דאָ, ווי ער האָט געלעבט אין דער שטאָט פון פאַרוויסטונג און פלוצלינג האָט ער דערהערט די וואָרנדיקע שטים פון דער גאָטהייט. פון שרעק האָט ער זיך געלאָזט לויפן און נאָך לאַנגע וואָגלעניש, באַזיגנדיק אַ מאַסע שטרויכלונגען — פאַרפירעענישן פון דער חכמה פון דער ערד, די פריילעכע יאַרידן פון גאוזהדיקער באַרימטקייט, דעם גיגאַנט פון פאַרצווייפלונג א. אַ. וו. — איז ער צומלעצט בשלום אָנגעקומען צום באַגערטן ציל — צו דער געטלעכער שטאָט.

די נויטווענדיקייט צו באַשיצן זיין פּאָזיציע מיטן וואָרט, און נאָכמער מיט דער שווערד, אַנטקעגן „גאָטס שונאים", ד. ה. אַנטקעגן קעניג

און אַנטקעגן דער וועלטלעכער און קירכלעכער פּאַראַזיטישער אַריסטאָ־קראַטיע, וועלכע רינגלט אים אַרום, האָט דערצו געצוואונגען דעם פּו־ריטאַנער צו פּאַטערן זיין גאַנצע צייט אויף דעם קאַמף מיט דער פּאַר־פּיינדעטער „ערדישער אָרדנונג״. דער גרעסטער דיכטער פונעם פּורי־טאַנערטום, מ י ל ט אָ ן, האָט זיך מער פאַרנומען מיט פּובליציסטיק איידער מיט קונסט. אין זיינע פּילצאָליקע טראַקטאַטן, האָט ער אַרויסגע־זאָגט און פאַרטיידיקט די אָנשויאונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע אויף דער פאַמיליע, קירכע, מלוכה.

מילטאָן האָט געבויט די ציווילע אינסטיטוציעס נישט אויפן פּרינ־ציפּ פון פּאַטריאַרכאַלער הערשאַפט, וועלכע ווערט איבערגעגעבן בירושה און ווערט סאַנקציאָנירט דורך גאָט, נאָר אויפן יסוד פון אַן „אָפּמאַך״ צווישן מאַן און ווייב, צווישן דער רעגירונג און דאָס פאָלק, און ער האָט אַרויסגעדרונגען פון דערדאָזיקער אידעע סיי די מעגלעכ־קייט פון גטן־זיך, סיי די ענדערונג און אַפילו פאַרניכטונג פונעם מאָ־נאַרך. אין די קירכלעך־מלוכהשע אָנשויונגען פון מילטאָנען טרעט בולט אַרויס דער כאַראַקטעריסטישער פאַר דער בורזשואַזיע שטאַנדפּונקט פון מאַטעריעלן נוצן. אַזוי, למשל, פלעגט ער דערווייזן די בעסער־קייט פון אַ רעפּובליק לגבי אַ מאָנאַרכיע נישט בלויז דערמיט, וואָס די ערשטע איז בעסער פאַרן האַנדל און פאַר דער אינדוסטריע, נאָר אויך דערמיט, וואָס זי מאַכט אויס ביליקער. אָדער ער האָט געפּאָ־דערט די אָפּשאַפונג פון דער קירכלעכער אָרגאַניזאַציע נישט בלויז דערפאַר, וואָס זי איז אַ געווער אין די הענט פון דער פּריצישער און קעניגלעכער מאַכט, נאָר אויך דעריבער, ווייל זי קאָסט זייער טייער. לויט זיינע פילאָזאָפישע איבערצייגונגען איז מילטאָן געווען אַ מאַטע־ריאַליסט, וועלכער האָט אָפּגעלייקנט דואַליזם פון גוף און נשמה, וועל־כער האָט נישט געגלויבט אין אומשטערבלעכקייט, און לויט זיינע רע־ליגיעזע אָנשויאונגען איז ער געווען אַ קעגנער פון יעדן מין מיס־טיציזם, פון אַלדאָס יענעוועלטיקס און פון כלערליי געהיימנישן, און אין קריסטוסן האָט ער בלויז געזען אַ מענטש, „וועלכער איז צוליב זיינע מעשים־טובים אָנגערופן געוואָרן ג אָ ט ס ז ו ן״.

מילטאָן פלעגט פאַרטיידיקן די פרייהייט פון וואָרט, פונדעסט־וועגן בלויז אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל דאָס איז געווען נוצלעך פאַר דער בורזשואַזיע אַליין, נישט אויסברייטערנדיק דידאָזיקע פרייהייט אויף די קאַטאָליקן, פונקט ווי די גאַנצע פּוריטאַניש־געשטימטע בור־

זשוואַזיע, האָט מילטאָן געשטעלט פאַר דער קונסט אויסשליסלעך רעלי־גיעז־מאָראַלישע צילן; די אויפגאַבע פון דער פּאָעזיע באַשטייט אין דעם, זי זאָל „דורך דערהויבענע] און איבערצייגנדיקע לויבגעזאַנגען באַזינגען דעם טראָן און די גרויסקייט פון אַלמעכטיקן גאָט, באַזינגען דעם זיגרייכן קאַמף פון די הייליקע און מערטירערס, די טוואונגען און דעם טריאומף פון די גוטע און פרומע פעלקער, וועלכע האָבן זיך מיטן כּוח פון דער אמונה געראַנגלט מיט די שונאים פון קריסטוסן".

אין דעם „צוריק געפונענעם גן־עדן" צווינגט מילטאָן קריסטוסן, ער זאָל האַלטן העכער דאָס רעליגיעזע געדאַנקען־סיסטעם פון די יידן פאַר דער עסטעטישער און פילאָזאָפישער קולטור פון די גריכן. אין זיין ליטעראַרישער פּראַקטיק האָט זיך מילטאָן שטרענג געהאַלטן ביי דידאַקטישע טענדענץ פון זיין פּוריטאַנישער עסטעטיק. די גרונט־טעמע פון זיין שאַפן איז דער קאַמף צווישן די צוויי יסודות — צווישן גוטס און שלעכטס. אין דער פּאָעמע „דער פאַרלוירענער גן־עדן" קומט פאָר דערדאָזיקער קאַמף אָביעקטיוו אינעם לעבן פון דער וועלט, אַרויסווייזנדיק זיך אין דער געשטאַלט פון אַן אָפּפאַל פון גאָט לוציפער און פון די ערשטע מענטשן, אדם און חוה; אין דער פּאָעמע „דער צוריק־געפונענער גן־עדן" קומט דערזעלבער קאַמף פאָר סוביעקטיוו אין דער נשמה פון אַ הויכמאָראַלישן מענטש (קריסטוס), וועלכער גייט וויט אַוועק אין דער מדבר אַריין און וועלכער האַלט דאָ אָפּ נצחונות איבער די פאַרפירעבישן פון דער פאַרגענגלעכער וועלט. אין זיינע רעליגיעזע פּאָעמעס פלעגט זיך מילטאָן באַמיען צו פּאָעטיזירן די באַלעבאַטישע מעשים־טובים און די באַלעבאַטישע אידעאַלן. אינעם ראַמל פון הערא־אישע צוזאַמענשטויסן צווישן די איינוואוינער פון גן־עדן און די דינערס פון גיהנום האָט ער אַריינגעשטעלט די געשיכטע פון אדם מיט חוהן, ווי אַ מין ערשטן עסקיז פונעם מאָראַלישן פאַמיליען־ראָמאַן, דאָס באַליבטע לייען־מאַטעריאַל פונעם בורזשואַזן פּובליקום אין אַכצענטן יאָרהונדערט.

מילטאָן זינגט אַ לויבגעזאַנג צו דער „הייליקער ליבע צווישן מאַן און ווייב", צו דער אומבאַפלעקטער הייראַט". „אין דיר אַליין איז דאָס קעניגרייך פון דער גרויסער ליבע און פון פאַרגעניגנס, וועלכע עס קענען נישט געבן די געקינסטלטע שמייכלען פון די כּהנטעס פון אויסגעלאַסנקייט. מ׳קאָן זיי נישט געפינען אין צופעליקע פאַרליבענישן, אין דער אומזיניקייט פון פריילעכע מאַסקאַראַדן און אין הוליאַנקעס

און אין קלאַנגען פון סערענאַדעס, וואָס אַ פאַרליבטער יונגערמאַן זינגט צו זיין אויסדערווייל־טער שיינהייט, פון וועלכער ער וואָלט געדאַרפט מיט פאַראַכטונג אַוועקגיין". אדם — איז אַ בורזשואַ פון דער עפּאָכע פון ערשטצייטיקער אָנזאַמלונג. ער איז פונקט ווי די בשעתודיקע פוריטאַנער די פאַרקערפערונג פון אַרבעטזאַמקייט. „אומעטיקייט איז דערלויבט בלויז די בעל־חיים" — זאָגט ער צו חווהן. „פון זיי פאַרלאַנגט גאָט קיין דין־וחשבון נישט. אָבער מענטשן באַפעלט גאָט פיזיש און גייסטיק צו אַרבעטן טאָגטעגלעך". — ווייטער איז אדם דער אידעאַל פון פינקטלעכקייט און מיושבדיקייט, ער איז אַן אָנהענגער פון „גאָלדענעם מיטן" סיי ביי פאַרגעניגנס, סיי אין וויסן. חווה, פון איר זייט, איז אַ באַלעבאַטיש ווייבעלע פון קאָפּ ביז די פיס. זי זעט אינעם מאַן איר אָנפירער און דערציער. „ווי ס'איז דורך גאָט געוואָרן אָנגעצייכנט, בין איך גרייט צו זיין דיר געהאָרכזאַם אין אַלץ. גאָט איז פאַר דיר אַ געזעץ, און דו ביסט אַ געזעץ פאַר מיר, און די גרעסטע צופרידנהייט פאַר אַ פרוי איז נישט צו וויסן פון קיין אַנדערע געזעצן". ביידע צדדים פונעם פאָרפאָלק בינדט צוזאַמען אַ צאַרטע איבערגעגעבנקייט און אַ קעגנזייטיקע געטריישאַפט. ווען דער שטן פאַרפירט חווהן און ער ווייזט איר אויף, אַז ווען זי וועט פאַרזוכן פון דער פאַרבאָטענער פרוכט, וועט זי אין וויסן זיך אויסגלייכן מיט די געטער, וויל זי לכתחילה נישט צעטיילן זיך מיטן עפּל מיט אדמען, כדי צו ווערן קליגער פון אים און פאַרדינען נאָך אויף אַ גרעסערער ליבע פון זיין זייט, אָבער דערנאָך גיט זי אויך אים אָפּ אַ טייל פונעם עפּל, ווייל דער געדאַנק, אַז זי קען שטאַרבן, און אדם וועט נעמען אַן אַנדערע חווה, דאַכט זיך איר אויס אַלס דער אומדערטרעגלעכסטער פון אַלצדינג. אדם, פון זיין זייט, עסט פון דער פאַרבאָטענער פרוכט, ווייל ער וויל האָבן דעמזעלבן גורל, וואָס זיין חברטע. פון דעמדאָזיקן אידעאַלן מענטשלעכן פאָרפאָלק — פונעם אַרבעטזאַמען און מיושבדיקן אדם און פון דער אים איבערגעגעבענער און געהאָרכזאַמער חווה, זענען טאַקע אַרויסגעקומען די ענגלישע פוריטאַנער.

די מאַכט פון די פוריטאַנער האָט געדויערט נישט לאַנג. אינעם פעריאָד צווישן די יאָרן 1660—1668 איז די פאָליטישע הערשאַפט צוריק אַריבערגעגאַנגען אין די הענט פונעם קעניג און הויפישער אַריסטאָקראַטיע (די רעסטאַווראַציע פון די סטיואַרטס). די טעאָרעטיקער פון דער רעפובליק האָבן געמוזט אָפּטרעטן זייער אָרט פאַר די אַפּאָלאָגעטן פון דער זעלבסטהערשאַפט — פאַר האָבסן, דעם מחבר פון „לוויתן" און

פאַר פּילמערן, דעם מחבר פון „פּאַטריאַרך“, וועלכער האָט אַרויסגעדרונגען די אַבסאָלוטע מאַכט פון די מאָנאַרכן פונעם עגאָאיזם פון די מענטשן און פון גאָטס ווילן. די טעאַטערן, וועלכע זענען געווען פאַרמאַכט געוואָרן דורך די פּוריטאַנער, עפענען זיך איצט פונדאָסניי און זיי ווערן די באַליבטע פאַרווייַלונג פונעם הויפישן און וועלטלעכן פּובליקום. די ליטעראַטור, וועלכע האָט ערשט נישט לאַנג געדינט אַלס געווער פון רעליגיעז־מאָראַלישער פּראָפּאַגאַנדע, שפּיגלט איצטער אָפּ די אויסגעלאַסענע און פּרינציפּלאָזע זיטן פון דער אַריסטאָקראַטיע. די קאָמעדיע (וואַיטשערלי, דראַידן, קאָנגריוו) איז אינגאַנצן געבויט אויף דער דורשט נאָך ליבע־תענוגים און לייכטע פאַרדינסטן, זי גלאַנצט מיט אַן אָנבּושהדיקן און צווייידייטיקן דיאַלאָג, זי שילדערט אַלס העלדן — הוליאַקעס, בעל־תאוותניקעס און שפּילערס, און אַלס העלדינס — קורטיזאַנעס לויט ד״ר פּראָפעסיע אָדער לויט דער נאַטור.

און ביי ענדלאָזע אַפּלאָדיסמענטן פון דער אַריסטאָקראַטיע ברענגט בּ ע ט ל ע ר אַרויס אין זיין פּאָעמע „הודיבּראַס“ אין אַ קאַריקאַטורעלער פאָרם די ביז־נישט־לאַנגיקע באַלעבאַטים פון דער לאַגע — די אָרנטלעכע פּוריטאַנער, שונאים פון דער קונסט, פון דער קירכע און פון דער אַריסטאָקראַטיע, אין דער פּערזאָן פונעם פּרעסביטעריאַנער סקוואַיר, הודיבּראַס, און זיין דינער, דעם אינטענדענט ראַלף, וועלכע פאָרן אַרום איבערן לאַנד מיט דער האָפענונג אויסצוואָרצלען דאָס שלעכטס און וועלכע שטייען־אויס אַ מאַסע אָפּשפּעטונגען און קלעפּ — און זענען אינדעראמתן צוויי פּחדנים, צבועקעס און פּלוטן.

II.

אין אַכצענטן יאָרהונדערט ווערט ענגלאַנד אַ לאַנד פון גרויסע מאַנופאַקטורן, פון היימישער אינדוסטריע און אויסלענדישן האַנדל. נאָך דער „באַרימטער רעוואָלוציע“ פון יאָר 1688, וועלכע האָט געמאַכט אַ סוף צו דער זעלבסטהערשאַפט און וועלכע האָט פּראָקלאַמירט די „דעקלאַראַציע פון רעכט“, קומט צו דער מאַכט די בורזשואַזיע, וועלכע פאַלט זיך פונאַנדער אויף אַ קאַפּיטאַליסטישער (די פּאַרטיי פון די וויגעס) און אויף אַ גוטבאַזיצערישער (די פּאַרטיי פון די טאָריס). איינאָרדנענדיק זיך ביים רודער פון דער מאַכט זענעןביידע גרופּעס פון

דער בורזשואַזיע, צונויפגייענדיק זיך צוזאַמען אין דער איבערצייגונג, אַז זיי האָבן רעכט אַרומצושינדן דאָס פאָלק, זיך פונאַנדערגעגאַנגען בלויז אין דער פראַגע, ווער עס דאַרף געהערן די סאָציאַלע און פּאָליטישע בכורה — דעם פאַרדינסט צי דער רענטע.

לויט אירע פילאָזאָפישע איבערצייגונגען איז די בורזשואַזיע געווען נוטה צום סענסואַליזם, זי האָט צוזאַמען מיט ל אָ ק ן איינגעזען אין דער אויסערלעכער און אינערלעכער דערפאַרונג דעם איינציקן מקור פון דערקענען די וועלט, און צום מאַטעריאַליזם, אויפווייזנדיק צוזאַמען מיט פּ ר י ס ט ל י און ה אַ ר ט ל י, אַז דאָס דענקען איז פּשוט אַ מאַטעריעלע פונקציע פונעם מאַרך. אָבער פונדעסטוועגן האָבן סיי דער סענסואַליזם, סיי דער מאַטעריאַליזם נישט געשטערט דער ענגלישער בורזשואַזיע צו באַהיפטן די עקזיסטענץ פון גאָט — דעם שעפער פון דער גאַנצער וועלט. אָפּוואַרפנדיק אין תּוך יעדן מין קירכלעכע אָרגאַניזאַציע, אַלערליי ריטואַלן און דאָגמעס, האָט זי גלייכצייטיק זיך באַמיט אויפצוהאַלטן אויף יעדן פאַל דאָס רעליגיעזע געפיל אין דער פאָרם פון אַן אומבאַשטימטן און שכלדיקן דעאיזם, — אַ לערע, וועלכע עס האָבן באַאַרבעט ט י נ ד אַ ל, מ אָ ר ג אַ ן, ט ש אָ ב און אַנדערע. לויט אירע מאָראַלישע אָנשויאונגען איז די ענגלישע בורזשואַזיע צוגעשטאַנען צום אוטיליטאַריזם, וועלכער האָט געפונען זיינע געשוואוירענע פילאָזאָפן אין דער אַזויגערופענער שאָטלענדישער שולע (ה ע ט ש י ס אָ ן, פּ ע ר ג ו ס אָ ן), וועלכע האָט געלערנט, אַז אין יסוד פון דער מאָראַל ליגט דאָס געפיל פון באַקוועמלעכקייט און נוצן.

זייענדיק פאַרנומען איבערן קאָפּ מיט דער פּראָדוצירונג פון סחורות האָט זיך די ענגלישע בורזשואַזיע נאָכמער, ווי אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, אינטערעסירט מיט פראַגן פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וועלכע ציט איצטער צו אפילו פילאָזאָפן, ווי י ו ם, און זי געפינט איר ווירקלעכן שעפער אין דער פּערזאָן פון אַ ד אַ ם ס מ י ט, דעם מחבר פונעם בוך וועגן „די סיבות פונעם רייכטום פון די פעלקער". דאָס זיך־אַנטוויקלענדיקע פּאָליטישע לעבן האָט אַלץ מער אויפגעוועקט דעם אינטערעס צו פּאָליטישע פראַגן און דאָס האָט געבראַכט צו דער שאַפונג פון אַ פּאָליטישער פּרעסע. די צייטונגען, וועלכע באַקומען אין יאָר 1771 דאָס רעכט צו דרוקן באַריכטן פון די פּאַרלאַמענט־זיצונגען, געפינען אַ מאַסע לעזער.

פאַר דער שיינער ליטעראַטור האָט די סביבה פון דער בורזשו־

אַזער געזעלשאַפט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ ווייניק צוגעפּאַסטן באָדן. די שרייבערס זענען איצטער געוואָרן פולשטענדיק אָפּהענגיק פונעם פּובליקום און זיי האָבן זיך געמוזט צופּאַסן צו זיינע געשמאַקן. און דאָס פּובליקום פלעגט גיך אָפּגעקילט ווערן, עס פלעגט זיך אויסצייכענען מיט פאַריבערגייענדיקע געשמאַקן. ס'איז באַקאַנט, ווי אָפט סטיל האָט געמוזט איבעררייסן דאָס אַרויסגעבן זיינע סאַטירישע בלעטלעך, זוכנדיק כּסדר אַ נייעם טיטול און נייע סוזשעטן, מורא האָבנדיק צו ווערן לאַנגווייליק פאַר זיינע לעזער. אין דער בורזשואַזער אַטמאָספער איז אויך דער שרייבער געוואָרן אַ בורזשוי. דעפאָ איז דאָס גאַנצע לעבן געווען פאַרנומען מיט סוחרישע און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, אָנזאַמלענדיק זיך אַ נישקשהדיקן קאַפּיטאַל. דער שרייבער האָט זיך אומבאַמערקבאַר צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז אויך די ליטעראַטור איז נישט מער, ווי אַ מיטל צו פאַרדינען געלט און צו מאַכן אַ קאַריערע. די גרעסטע ראָמאַניסטן פון ענגלאַנד פון אַכצענטן יאָרהונדערט, דעפאָ, סוויפט, סמאָלעט זענען גלייכצייטיק געווען זשורנאַליסטן, דערפאַר, ווייל די זשורנאַליסטיק האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו דערגרייכן אַ מאַטעריעל-פאַרזאָרגטע לאַגע און שפּילן אַ ראָל אין דער פּאָליטיק. דער באַגער זיך דורכצושלאָגן אַ וועג איז געווען אַזוי גרויס, אַז די שרייבערס פלעגן אָן קיין שום געוויסנסביסן אַריבערגיין פון איין לאַגער צום אַנדערן, אָפּהענגיק דערפון, ווער ס'האָט מער באַצאָלט. דעפאָ און סוויפט פלעגן פאַרקויפן זייער פעדער אַמאָל צו די טאָריס, אַמאָל צו די וויגעס. די דערפאָלגן און דורכפאַלן פונעם שרייבער פלעגן זיך תּמיד אָפּרופן אויך אויף זיין קינסטלערישן שאַפן. דער פּעסימיסטישער טאָן, וועלכער הערשט אין די ראָמאַנען פון סמאָלעטן דערקלערט זיך אין אַ באַדייטנדיקער מאָס מיט דעם אומשטאַנד, וואָס ער האָט נישט געקאָנט מאַכן קיין קאַריערע, און פאַר סוויפטן איז די ליטעראַטור אָפטמאָל געווען אַ געווער פון פערזענלעכער נקמה.

לויט די עסטעטישע באַדערפענישן און אָנשויאונגען האָט זיך דאָס בורזשואַזע פּובליקום פון אַכצענטן יאָרהונדערט מיט ווייניק-וואָס אונטערגעשיידט פון דער פּוריטאַנישער געזעלשאַפט פון זיבעצנטן יאָרהונדערט. עס האָט פאַרלאַנגט פונעם שריפטשטעלער פריער פאַר אַלץ און מער פאַר אַלץ באַלערנדיקייט, אַ מאָראַלישע לעקציע און מאָראַלישע סענטענצן. דערמיט דערקלערט זיך, אגב, יענער קאָלאָסאַלער דערפאָלג, וועלכן עס האָבן געהאַט די סאַטירישע בלעטלעך פון סטילן און

אַ ד י ס אָ נ ען (דער פלוידערער, דער צושויער, דער אפּוטרופּוס). דער באַקאַנטסטער פּאָעט פון אַכצענטן יאָרהונדערט, פּ אָ פּ, פאַרוואַנדלט די פּאָעזיע אין אַ פילאָזאָפישן טראַקטאַט וועגן דער מיסיע פונעם מענטש אָדער זעגן די פּרינציפּן פון דער קריטיק, ער האַלט פאַר איר אייגנטלעכן ציל אַ טרוקענעם, שכלדיקן דידאַקטיזם. ס ט י ל נעמט זיך צו רעפאָרמירן די קאָמעדיע, וועלכע דאַרף, לויט זיין מיינונג, דינען „אַלס אַן אָנשטענדיקע פאַרווייליונג פאַר געבילדעטע קריסטן". די דראַמע דאַרף, לויט דער מיינונג פון ל י ל אָ, „מיטהעלפן דעם זיג פון גוטס און און דערשטיקן די פעלערן אין זייער סאַמע אָנהויב". דער ראָמאַן — האָט דערקלערט, ווידער, פון זיין זייט ר י ט ש אַ ר ד ס אָ ן — דאַרף „איינפלאַנצן אין די הערצער פון די מענטשן רעליגיע און מאָראַלישקייט. ער דאַרף פאָרשטעלן דערהויבענע מוסטערן פאַר דער דערפילונג פון עלטערן- און קינדער-פליכטן, ער דאַרף מאַכן פאַרפיינדעט דאָס שלעכטס און אויפוועקן ליבע צום גוטס".

די מאָראַל, וועלכע עס האָבן אילוסטרירט די קינסטלערישע ווערק פון אַכצענטן יאָרהונדערט, איז געווען די מאָראַל פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. זי איז דערפירט געוואָרן צום פרעדיקן מיושבדיקייט, אָנשטענדיקייט, באַרעכנטקייט און גוטע פאַמיליען-אויפפירונג.

די דראַמע, וועלכע האָט זיך אַמאָל געהאַט פונאַנדערגעבליט אין ענגלאַנד, רוקט זיך איצטער אַלץ מער אָפּ אין הינטערגרונט. די טראַגעדיע, וועלכע פלעגט אַמאָל שילדערן אין אַ דערהויבענעם טאָן, אין פראַנצויזישן גייסט, העראָאישע ליידנשאַפטן, איז איצט אויפגעהיטן געוואָרן בלויז ווי אַן איבערבלייבעניש פון דער רעסטאַווראַציע-עפּאָכע פון די סטיואַרטס. זי צו פאַרבייטן איז געקומען די בירגערלעכע דראַמע, וועלכע האָט זיך געשטעלט אַלס ציל צו שילדערן דאָס וואָכעדיקע לעבן און געוויינלעכע מענטשן. דער טעאָרעטיקער פון דערדאָזיקער נייער דראַמע איז געווען ל י ל אָ, וועלכער האָט באַהויפּטעט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין גרונט „צו באַגרענעצן די ראָל פון דער טראַגישער קונסט אויסשליסלעך מיט מענטשן אָנגעזעענע, ווייל נישט בלויז קעניגן און גרויסע מיוחסים זענען אונטערגעוואָרפן אומגליק-צופאַלן". דער קוואַל פון טראַגיזם אין דערדאָזיקער נייער דראַמע ווערט איצטער דאָס געלט. אין לילאָס „לאָנדאָנער סוחר" זעען מיר, ווי דער העלד דזשאָרדזש באַרנוועל ווערט צוליב דער ליידנשאַפט צו אַ טייער-קאָסטנדיקער קאָקאָטע אַ פאַרברעכער, אַ גנב און אַ מערדער, אין אין מ ו ר ס פּיעסע „דער שפּילער"

פאַלט אַריין דער העלד בעווערלעי אין די הענט פון אַ שוליער, ער פאַרשפּילט זיין גאַנץ פאַרמעגן און פאַלט אַריין אין טורמע, וואו ער באַגייט זעלבסטמאָרד. די פּאָפּולערסטע פאָרם פון דער ליטעראַטור פון דער ענגלישער בורזשואַזיע ווערט, אָנהויבנדיק פון אַכצענטן יאָרהונדערט, דער ראָמאַן. און אויף דעמדאָזיקן געביט אַרבעטן איצט די טאַלענטפולסטע און גרעסטע ליטעראַרישע כוחות, ד ע פ אָ, ס וו י פ ט, ס מ אָ ל ע ט און פ י ל ד י נ ג.

III.

אין דער ענגלישער ליטעראַטור פון אַכצענטן יאָרהונדערט (איבערהויפּט אינעם ראָמאַן) האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די שטימונגען און אידעאַלן, הויפּטזעכלעך, פון דריי קלאַסן פון דער געזעלשאַפט: פון דער בורזשואַזיע, פון די פּריצים און פונעם פּויערטום.

דער בולטסטער אויסדריקער פונעם בורזשואַזן גייסט איז געווען ד ע פ אָ. אין דער יוגנט האָט ער אָנגעשריבן אַ בוך „די דערפאַרונג פון פּראָיעקטן“, אין וועלכן ער האָט צוליב די אינטערעסן פון דער אַנטוויקלונג פונעם האַנדל און פון דער אינדוסטריע באַוויזן די נויטווענדיקייט צו פאַרפולקאָמענען די קאָמוניקאַציע-וועגן און דאָס באַנקוועזן, איינצואָרדנען אָפּשפּאָר-קאַסעס און אַסעקוראַציע-געזעלשאַפטן. ער האָט זיך ספּעציעל באַשעפטיקט מיט דער געשיכטע פונעם האַנדל און ער האָט אַרויסגעלאָזט עטלעכע אויסגאַבעס. זיין אידעאַל איז געווען אַ „האַנדלס-מענטש“. — דער העלד פון איינס פון זיינע ווערק, — וועלכער קוקט אויף אַלץ אין לעבן, ווי אויף אַ פּשוט קאָמערציעל געשעפט. אַ קאָמערציאַנט ווייסט נישט פון קיין ערלעכקייט אין געוויינלעכן זין פון וואָרט, און דעפאָ האָט געווידמעט נישט ווייניק הויך-מליצהדיקע שורות כּדי צו דערווייזן די ריכטיקייט פון דעם געדאַנק, אַז מענטשן אין אַלגעמיין זענען, אין תּוך גענומען, דרייקעפּ און שווינדלערס. אויב אַ וועלכער ס'איז מענטש צייכנט זיך אויס מיט ערלעכקייט, איז עס בלויז דעריבער, ווייל דאָס רייכטום (די ערד-רענטע) באַפרייט אים פון דער נויטווענדיקייט זיך צו פאַרנעמען מיט „געשעפטן“ — „ער האָט נישט קיין געלעגנהייט אַרויסצוווייזן זיין פּניהדיקייט. ער האָט נישט קיין נויטיקייט אַריבערצושפּרייזן די גרעניץ פון ערלעכקייט“. אונטערן וואָרט

ערלעכקייט האָט דעפאָ, בכן, פֿאַרשטאַנען די ספּעציפֿיש־סוחרישע ערלעכ־קייט פֿונעם „האַנדלס־מענטש", וועלכער „האָט זיך נישט פֿאַרדרייט אין די געשעפֿטן און ער צאָלט פּינקטלעך די וועקסלען".

דעפאָען האָט תּמיד אינסטינקטיוו געצויגן צו אַזעלכע מענטשן, וועלכע שלאָגן זיך דורך דורך כיטרעקייט, שווינדלערישקייט און אַפּנאַ־רעריי אַ וועג צו די פֿאַרגעניגנס פֿון לעבן. ער האָט אָנגעשריבן אין סטיל פֿון דער שפּאַנישער דרייקאָפּ־דערציילונג אַ ריי אויטאָביאָגראַפֿיעס פֿון גנבים, דורכגעטריבענע יונגען און פּראָסטיטוטקעס, פֿאַר וועמען אַ פֿאַרברעכן איז אויך נישט מער, ווי אַ סוחריש געשעפֿט. זיי זענען גע־וואָרן פֿאַרברעכערס נישט צוליב אַ גרויסער זינדיקער ליידנשאַפֿט און נישט צוליב פּראָטעסט קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג. דאָס זענען נישט שעקספּירס גרויסע פֿאַרברעכערס, פֿאַרברעכערס — אַריסטאָקראַטן, נאָר דאָס זענען פֿאַרברעכערס — בירגער, לייבלעכע ברידער, לויט זייער גייסט, פֿונעם „האַנדלס־מענטש", און זייערע פֿאַרברעכנס פֿירן זיי אויס אַזוי קאַלטבלוטיק און אַזוי גלייכגילטיק, ווי זיי וואָלטן געזעסן „געשטאַ־נען ביים קראָם־טיש", „אָן בלוט און פֿלייש". דערליידיקנדיק עפּעס אַ געוויינלעכן סוחרישן ענין.

אינעם הויפּטווערק פֿון דעפאָ, אינעם ראָמאַן „ראָבינזאָן קרוזאָ", באַווייזט זיך פֿונדאַסניי דערדאָזיקער טיפּ פֿון אַ בריה, וועלכער לעבט דורך כּלערליי קאַפּריזן פֿון גורל און פֿאַרענדיקט דאָס לעבן אַלס אַן אייגנטימער פֿון אַ גרויסער פּלאַנטאַציע, וועמענס רייכקייט עס באַזירט זיך אויף דער האַרעוואַניע פֿון די קנעכט. אין דעמדאָזיקן ראָמאַן איז דעפאָ אַנטקעגנגעקומען די קאָלאָניזאַטאָרישע שטרעבונגען פֿון דער ענג־לישער בורזשואַזיע, שילדערנדיק אין דער פּערזאָן פֿונעם העלד, — וועל־כער קומט אַרויף אויף אַ נישט־באַוואוינטן אינזל און פֿאַרוואַנדלט אים אין אַ בליענדיקער קאָלאָניע, — סימבאָליש דעם גאַנצן סוחריש־אינדו־סטריעלן קלאַס, וועלכער שאַפֿט פֿאַרן ענגלישן קאַפּיטאַל אַלץ נייע און נייע מערק. דעפאָ האָט אַריינגעבראַכט די מעטאָדן פֿונעם „האַנדלס־מענטש" אויך אין זיינע באַציאונגען צום פּובליקום, זיך געשיקט צופּאַסנדיק צו זיינע געשמאַקן און נאָכפֿראַגעס. ווען דער ראָמאַן וועגן ראָבינזאָנען איז באַגעגנט געוואָרן מיט באַגייסטערונג, האָט דעפאָ אָנגעשריבן נישט בלויז זיין פֿאָרזעצונג, נאָר אויך עפּעס אַ מין נאָכוואָרט, וואָס האָט אַנטהאַלטן די פֿיינע מחשבות פֿונעם העלד. דעפאָ האָט דערצו אויך געקאָנט צוציען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿונעם לעזער דורך די סענסאַציאָנעלע טעמעס און

טיטולן, ווי, למשל, „אַן אמתדיקע דערציילונג וועגן דעם באַווייזן זיך פון איינער אַ פרוי וויל אויף צומאָרגנס נאָכן טויט פון איינער אַ פרוי באַרגראַוו אין קענטערבערי“.

דער צווייטער ליבלינג פונעם בורזשואַזן פובליקום איז געווען ריטשאַרדסאָן, דער שטאַם־פאָטער פונעם מאָראַלישן פאַמיליענראָמאַן. אין „פאַמעלאַ“ ווערט דערציילט די געשיכטע פון אַ שטוב־מיידל, וואָס ווערט אַלס באַלוינונג פאַר אירע מעשים־טובים, אַליין אַ באַלעבאָסטע, און אין „קלאַריסאַ האַרלאָ“ ווערט איבערגעגעבן די געשיכטע פון אַ יונג באַלעבאַטיש מיידל, וואָס פאַרלאָזט די היים, כדי נישט דאַרפן חתונה צו האָבן מיט אַ נישט געליבטן מענטש און אַלס שטראָף פאַר דער נישט־געהאָרכזאַמקייט פאַלט זי אַריין אין דער נעץ פון אַ וועלטלעכן פראַנט לאָוועלאַס, וועלכער מאַכט פון איר אַ תל. היות ווי די פיגור פונעם אויסגעלאַסענעם אַריסטאָקראַט לאָוועלאַס האָט אַריינגעבראַכט אין אַנטציקונג די דאַמען און די מיידלעך, האָט ריטשאַרדסאָן געאיילט אינעם נעכסטן ראָמאַן אים אַנטקעגנצושטעלן, אין דער פערזאָן פונעם העלד גראַנדיסאָן, אַן אידעאַלן בירגער, די פאַרקערפערונג פון מיושבדיקייט און פינקטלעכקייט.

ריטשאַרדסאָנס ראָמאַנען זענען געווען אַדורכגעזאַפט אויף דורך און דורך מיט אַ לאַנגווייליקן מאָראַליזם. דערביי ליגט אין יסוד פון דער גוטער אויפפירונג פון זיינע העלדן די סאַמע געמיינלעכסטע אויסגערעכנטקייט, אין וועלכער די בורזשואַזע פילאָזאָפן (די שאָטלענדישע ש־לע) האָבן טאַקע איינגעזעען דעם תוך פון מאָראַל.

די בורזשואַזע געזעלשאַפט האָט אויך געפונען אין דער ליטעראַטור אירע קריטיקער, וועלכע פלעגן איר אַנטקעגנשטעלן דעם אידעאַל פון דער אַריסטאָקראַטישער און פריצישער קולטור.

אין זיין ראָמאַן „גוליווערס רייזע“ איז סוויפט צאָרנדיק אָנגעפאַלן אויף דאָס בשעתודיקע ענגלאַנד, וואו „די פאָלקס־מאַסע איז געצוואונגען פאַר גראָשנס צו אַרבעטן, כדי אַ גרופקע גבירים זאָל קאָנען געניסן פון די פאַרגעניגנס פון לעבן“, וואו „די דורשט נאָך לוקסוס צווינגט אַרויסצופירן פראָדוקטן אין פרעמדע לענדער אַריין“, אַזוי אַז „די מערהייט פון דער באַפעלקערונג דאַרף פאַר זיך קריגן חיונה דורך גנבענען און בעטלען, דורך אַלפאָנסעריי און שרייבעריי, דורך שפיל און חניפה“. סוויפט האָט געשילדערט די היימישע בורזשואַזיע אין דער געשטאַלט פון די עקלהאַפטע חיות יאַגו, וועלכע גוליווער באַגעגנט אויפן אינזל

פון די אָרנטלעכע פערד, די גואינגמען, — חיות שלעכטע און אכזריות־דיקע, שמוציקע און פחדנישע, וועלכע פאַלן אויף די קני פאַר גאָלד און פאַר דער געוועלטיקונג. דעריבער בייסן זיי זיך צווישן זיך און מיט די פרעמדע.

סוויפט האָט אַנטקעגנגעשטעלט, אַלס אידעאַל, אַנטקעגן דער בורזשואַזער געזעלשאַפט אַן אינזל, אַ באַפעלקערטן מיט אײדעלע פערד. ווען דער גורל האָט געבראַכט גוליווערן צו דידאָזיקע „פּולקאָמע וועזנס", האָט ער באַלד אָפּגעלעבט, דערפאַר, ווייל דאָ זענען נישט געווען „נישט קיין פּאָליטיקער, נישט קיין פאַרטייען, נישט קיין תּפיסות, נישט קיין תּליות". אויפן אינזל פון די אײדעלע פערד איז די געזעלשאַפט אָרגאַניזירט לויטן שטרענגן גייסט פון דער ספּאַרטאַנישער אַריסטאָקראַטיע. עס הערשט אויף אים אַ סאָציאַלע אומגלייכהייט. די העכסטע ראַסע פערד — די אייגנטימער־גוטבאַזיצערס — רעגירן מיטן לאַנד, די נידעריקערע — איז מחויב צו דינען, און די עקלהאַפטע יאַגו, וועלכע זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קנעכט, פירן אויס די שוואַרצע אַרבעט. די כאַראַקטער־שטריכן פון דער „אײדעלער" ראַסע זענען — „אויפגעלייגטקייט לגבי אַלעמען, העפלעכקייטן און גוטע מאַניערן". עלטערן אָרדנען איין חתונות צווישן קינדער אין זינען־האָבנדיק אויסשליסלעך די אינטערעסן פונעם קומענדיקן דור, און די חתונות ווערן געשלאָסן אָן ליבע. יעדעס פאָרפאָלק ברענגט אויף דער וועלט נישט מער ווי איין קינד, און בלויז דער נידעריקסטער ראַסע איז דערלויבט צו האָבן צו דריי קינדער. ביי דער אָנווענדונג פון אַזעלכע מאָסמיטלען מיידט אויס די הערשנדיקע ראַסע אַן איבערפּראָדוקציע פון אירע מיטגלידער, כּדי זי זאָל קאָנען אַזוי־אַרום איינהאַלטן איר פּריווילעגירטע שטעלונג, יינגלעך און מיידלעך באַקומען איינאונדיזועלבע דערציאונג, דערביי ווערט געווענדעט די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט אויף דער אַנטוויקלונג פונעם קערפּער און פונעם פאַרשטאַנד. דאָס לעבן, די טעכניק, די מידות און די שפּראַך פון די אײדעלע גואינגמען צייכענען זיך אויס מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פּשוטקייט און אפילו מיט אַ פּרימיטיווקייט. האַנדל און געלט זענען לחלוטין אומבאַקאַנט. יעדע פיר יאָר קלייבט זיך צונויף דער פאַרלאַמע ט און ער באַהאַנדלט די פראַגע וועגן דער איינוואוינער־באַפעלקערונג, וועגן דער פאַראַנענער צאָל פון שפּייז־רעזערוון און קנעכט א. א. וו. ווען מען יאָגט אַרויס גוליווערן, לויט אַ באַשלוס פון פאַרלאַמענט, פון לאַנד, פאַלט ער אַריין אין אַ פאַרצווייפלונג, ווייל פאַר אים איז נישט

געוועזן קיין בעסער גליק, ווי דאָס נאַנצע לעבן „ווידמענען דער אויספירונג פון יענע גוטע מידות, וועלכע זענען אָנגענומען ביי די איידעלע גוּאינגמען‟ — און, ווען ער קערט זיך אום אַהיים אין דעם בור־זשואַז־געהאָרענעם ענגלאַנד, קאָן ער זיך אַ לאַנגע צייט נישט צונויפקומען מיט מענטשן, ווייל זיי דערמאָנען אים די עקלהאַפטע יאַגו.

פונקט ווי סוויפט איז אויך סמאָלעט אַ גרויסער שונא פון דער שטאָטישער בורזשואַזיע, וועלכער ער שטעלט אַנטקעגן דעם פריצישן לעבנשטייגער. אין זיין בעסטן ראָמאַן „העמפרי קלינקער‟ זעען מיר, ווי דורכן מויל פון זיין שפיגל־געשטאַלט, דעם פריץ ברעמבל, פאַלט ער שטאַרק אָן אויף דער שטאָטישער קולטור, אין וועלכער עס מישן זיך צונויף אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט. „דער קרעמער, דער באַלמע־לאָכע, דער שענקער און דער הויפמאַן רייבן זיך אַלע איינער אָנעם אַנדערן‟. סמאָלעט האָט פיינט מיט דער גאַנצער נשמה זיינער דעם שטאָטישן „המון‟, דאָסדאָזיקע „אומדערטרעגלעכע פאַרזעעניש‟, דאָסדאָזיקע „קניפל פון אַמעראַצעס, באַרימערישקייט, געמיינקייט און גראָבקייט‟. ער בייזערט זיך אַלעמאַי מענטשן „מיט אַ פאַרמעגן, מיט אַ שטעלונג און מיט אַ דערציאונג ברידערן זיך מיט מייסטער־יונגען, חנפענען זייערע פאָראורטיילן און באַזינגען זייערע מעשים־טובים‟. דער פריץ ברעמבל זעט איין אַלס איינע פון די הויפט־סיבות פון דער „חוצפה‟ פונעם המון — זיינע פאָליטישע רעכט און ער האַלט די קאָנסטיטוציע פאַר אַ בייז, ווייל אַ דאַנק איר האָט זיך דער המון „אַרויסגעקריגן פונעם רשות‟ פון די האַרן. ברעמבל איז אויך אַ קעגנער פון דער פרעסע, וועלכע איז פאַרנומען בלויז „מיט שמוציקער און אומפאַרשעמטער רכילות‟ און ער פאַרלאַנגט די אָפּשאַפונג פון פרייהייט פון וואָרט.

אין אַ צווייטן ראָמאַן „ראָדעריק בענדאָם‟ איז סמאָלעט אָנגעפאַלן אויף דער פרויען־עמאַנציפּאַציע, אויף די „בלויע זאָקן‟ (דעמדאָזיקן צונאָמען האָבן די עמאַנציפּאַנטקעס באַקומען צוליב די בלויע זאָקן פון איינעם אַ דאָקטאָר, וועלכער איז געשטאַנען אינדערשפּיץ פון אַ קרייזל עמאַנציפּירטע פרויען), אַרויספירנדיק אין דער פערזאָן פונעם העלדס אַ מומע, אַ דאַמע, „וועלכע צייכנט זיך אויס נישט אַזוי מיט שיינקייט ווי מיט געלערנטקייט און מיט ליבע צו ליטעראַטור‟ און שילדערנדיק זי אין אַ גראָב־קאַריקאַטוראַלער פאָרם — זעען מיר, ווי זי שמעקט טאַבאַק, ווישט די נאָז מיטן קאָפּ־הייבל און טוט זיך אויס פאַר

די לאָקייען אין די אויגן. זיין אוצרדיקן אידעאַל פלעגט כמאָלעט גע־ווינלעך אונטערטראָגן דעם לעזער צום סוף פונעם ראָמאַן, אַוואו דער העלד און די העלדין, דערוויטערנדיק זיך פון דער שטאָט ערגעץ אין אַ דאָרפיש גוט, פייערן פריילעך זייער חתונה, און די פויערים, נאָכ־דעם ווי מ'האָט זיי בהרחבהדיק מכבד געווען מיט ביר און פלייש, קוקן זיך צו מיט באַגייסטערונג צום גליק פון זייערע האַרן.

פ י ל ד י נ ג איז פונקט אַזאַ דיכטער פונעם פריצישן לעבנשטיי־גער ווי ס מ אָ ל ע ט. אין די פילצאָליקע לירישע אָפּווייכונגען פון זיין בעסטן ראָמאַן „טאָם דזשאָנס“ פלעגט זיך פילדינג מיט אַ געלעכטער דורך טרערן תמיד אומקערן צום געדאַנק, אַז דאָס גאָלד פון דער בור־זשואַזיע האָט געמאַכט אונטערטעניק צו זיך סיי די קונסט, סיי די ליבע. „איך רוף צו דיר, מוזע, וואָס עס פאַרשאַפן דיר פאַרגעניגן אַ געשמאַק געבראָטנס און אַ געשמאַקער פודינג, — שרייט ער אויס אויף אַ געוויס אָרט, — צו דיר, וואָס דו ביסט געבוירן ביים האָלענדישן קאַנאַל פון דער יונגפרוי ג ע ל ט און פון אַ זאַטן אַמסטערדאַמער סוחר, צו דיר, וואָס דו לערנסט די פּאָעזיע, ד. ה. די קונסט, זי זאָל חנפענען די שטאָלצקייט פונעם מעצענאַט און גוטסטוער. דו לערנסט די קאָמעדיע, זי זאָל זיך האַלטן לייטיש און ערנסט, און די טראַגעדיע — זי זאָל אויפטרייסלען דאָס טעאַטער מיט אירע דונערן. דיך וויגט איין דער זקן היסטאָריע מיט זיין לאַנגווייליק מעשהלע און דער הער ראָ־מאַן טרייסט דיך מיט זיינע קונצן. דיינע פאַרוועלעכצער פירט אויך אויס דער זאַטער מוכר־ספרימניק“. פונקט אַזוי, ווי דאָס גאָלד פון דער בורזשואַזיע האָט געמאַכט צו זיך אונטערטעניק די קונסט, פונקט אַזוי „האָט זי באַשמוצט דעם טעמפּל פון דער הייראַט“, פאַרוואַנדלענדיק זי „אין אַ מיטל צו באַפרידיקן תאוות אָדער ליבע צו געלט“.

פ י ל ד י נ ג שטעלט אַנטקעגן אינעם ראָמאַן „טאָם דזשאָנס“ קעגן דער שטאָטישער בורזשואַזיע אַן אידעאַלן פּריץ, דעם סקוואַיר אַלוואָרטי, „וועמענס הויז און האַרץ זענען געווען אָפן תמיד און פאַר אַלעמען“, וועלכער איז „אַ סובטעלער שעצער פון טאַלאַנט און וויסן“, אין וועמענס גוט עס פלעגן זיך גערן צונויפטרעפן באַגאַבטע מענטשן, זייענדיק זי־כער, אַז דאָ וועט מען זיי אויפנעמען מיטן גאַנצן האַרץ, „אין אַ תקופה, ווען פאַרדינסטן פון אָטאָ דעם מין זענען נישט זייער קיין גאַנגבאַרע סחורה און זיי ברענגען זייער ווייניק נוצן“. „קיינער האָט נישט מיט־געפילט שטאַרקער פון אים די אומגליקן פון אַ פריינט, קיינער איז נישט

געווען מער גרייט מיטצוהעלפן, קיינער איז נישט געווען איינגעהאַלטענער אין אורטיילונגען און אומצוטריילעכער צו קלאַנגען, וועלכע זענען אומבאַקוועם פאַר דער ערע פון אַנדערע מענטשן". דער פריץ אַלוואָרטי האָדעוועט דאָס אונטערגעוואָרפענע קינד טאָם דזשאָנס, וואָס וואַקסט אויס אַ גרויסמוטיקער און אַ פריילעכער, אַ ברייטהאַנטיקער און אַן אָפּנהאַרציקער, אַ בריה אין יאַגד און אין רייטן, אַן אמתדיקער זון פונעם „אַלטן פריילעכן ענגלאַנד", אַן אַבסאָלוטער קעגנזאַץ צו די מיושבדיקע און פּינקטלעכע, באַלעבאַטיש-אויסגערעכנטע העלדן פון ר י ט ש אַ ר ד ס אָ נ ע ן.

וואָס מער ענגלאַנד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַנד פון גרויסע מאַנופאַקטורן און גרויסע גיטער, איז אַלץ מער חרוב געוואָרן דאָס דאָרף און שיטערער געוואָרן דאָס פּויערטום.

אין „דאָס פאַרלאָזענע דאָרף" דערציילט ג אָ ל ד ס מ י ט, ווי ער האָט באַזוכט דאָס דאָרף, וואו ער איז אויסגעוואַקסן. דער שכנותדיקער רייכער פּריץ האָט פאַרטריבן די פּערמערס, און זיי האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע. אַרום און אַרום איז אַלץ וויסט. „דו ליב און שמייכלענדיק ווינקל, — שרייט אויס נישטווילנדיק גאָלדסמיט, — ס'זענען פאַרשוואונדן דיינע צויבערס. אַ האַנט פון אַ דעספּאָט האָט איבערגעלאָזט אירע שפּורן אויף דיינע כאַטקעס, און די פאַרוויסטונג האָט געוואָרפן אַ טונקעלן שאָטן אויף דיינע גרינע לאָנקעס. איין מענטש האָט פאַרכאַפּט אין זיינע גיריקע הענט אַלץ. דיינע אַמאָל פריילעכע הייזלעך ליגן חרובע און הויך גראָז האָט פאַרדעקט די האַלב-חרובע וואַנט".

דערדאָזיקער חורבן פונעם דאָרף איז לויט גאָלדסמיטס מיינונג אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם. „רייכטום האָט באַהערשט דאָס לאַנד; דער האַנדל האָט אָפּגענומען ביים פּויער זיין ערד, און ס'זענען שוין נישטאָ מער, נישט די דאָרפישע פריילעכקייט, נישט די דאָרפישע מידות". דאָס דאָרף האָט געפונען אַ ליבנדיקן און אויפמערקזאַמען באַאָבאַכטער און דיכטער אויך אין דער פּערזאָן פונעם שריפטשטעלער ק ר אַ ב, (זיין הויפּט-ווערק „די פּאַראַפּיאַלע ליסטעס" געהערט שוין צום יאָר 1807), וועלכער האָט געשילדערט מיט אַ שטאַרקן רעאַליזם דאָס „ריינע און פּראָסטע" לעבן פונעם דאָרפמאַן. „מיין ליד — האָט געזאָגט ק ר אַ ב — וועט האָבן דעם ציל צו שילדערן דאָס דאָרפישע לעבן; מיט זיינע שוועריקייטן און דאגות, מיטן לעבנשטייגער פונעם פּויער אין דער יוגנט און אויף דער עלטער,

און מיטן סוף פון זיין שווערן אַרבעטס-געביט, וואָרום איך האָב בדעה צו באַזינגען דאָס אמתדיקע ווירקלעכע לעבן פונעם אָרימען מענטש און מיין מוזע קאָן נישט זינגען קיין אַנדערע לידער". דידאַקטיקע אויפגאַבע האָט קראַב טאַקע דערפילט אין זיינע „פּאַראַפיאַלע ליסטעס".

פונעם דאָרף איז אויך אַרויסגעקומען דער גרעסטער ענגלישער דיכטער פון אַכצענטן יאָרהונדערט — ראָבערט בערנס. בערנס האָט געלעבט פולשטענדיק צוזאַמען מיט דער נאַטור. ער פלעגט נישט קאָנען הערן אָן אויפרעגונג דעם הילכיקן פייף פונעם זומפּפויגל אין אַ זומערדיקן מיטנטאָג אָדער דאָס ווילדע צוויטשערן פון אַ מחנה דראָזפויגלען אין אַ האַרבסטיקן פרימאָרגן. זיין האַרץ פלעגט אָפּגיין מיט בלוט זעענדיק, ווי אַ מאַרגאַריטקע אין פעלד ווערט אָפּגעשניטן דורך זיין אַקער אָדער ווי אַ פעלד-מויז אַנטלויפט פון איר חרוב-געוואָרענער נאָרע. אין זיינע כמעט פאָלקס-לידער, שטייט אויף ווי לעבעדיק דאָס לעבן פון די שאָטלענדישע פערמערס, מיט די שווערקייטן און דאגות, מיט די משפחהדיקע שמחות און מיט די ווילדע אַבערגלויבענישן. אין קעגנזאַץ צו קראַבן, וועלכער פלעגט נישט איבעריק ליב-האָבן די נידעריקערע שיכטן פון דער דאָרפישער געזעלשאַפט, פלעגט בערנס ווענדן זיין אויפמערקזאַמקייט נישט בלויז אויף דער כאַטע פונעם באַלעגופישן פערמער, נאָר אויך אויף דער פיגור פונעם דאָרפישן שנאָרער און פונעם געוועזענעם מענטש. אין זיין פּאָעמע „פריילעכע קבצנים" האָט ער מיט שאַרפע שטריכן געצייכנט אַ קאַמפּאַניע הוליענדיקע אַרומשלעפּערס, וועלכע זענען דורך די עקאָנאָמישע באַדינגונגען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פונעם דאָרף און וועלכע האָבן פאַרגרעסערט מיט זיך די אַרמיי פון אַרבעטסלאָזע, שלעפּערס און גנבים. זיי נעכטיקן, וואו עס לאָזט זיך, אין אַ פערדשטאַל צי אין אַ שאָפּע, און יעדעס אָרט איז פאַר זיי אַן אמתדיקער גן-עדן.

דאָס געזעץ שיקן מיר תמיד צום טייוול אַוועק!
מיר לעבן פריי און פריילעך, אין אַן עק!
דאָס געריכט איז פאַרן פחדן און פאַרן יונג דעם געמיינעם!
און די קירכעס — פאַר די גלחים, און מער פאַר קיינעם!
צו אַרבעטן האָבן מיר קיין גלוסט נישט!

אוּן לוּקסוּס איז פֿאַר אוּנז קיין מוּז נישט!
אַבי מיר זאָלן לעבן זאָרגלאָז!
װאָו מיר לעבן? װאָו אַן אָרט איז!
דאגהנען זאָלן צבוּעקעס,
די קאַרגע אוּן פֿאַלשע פֿרוּמאַקעס!
לאָמיר־זשע זינגען, ברידערלעך, אַ ליד
לכּבוד אוּנזער בעטלעריש געמיט.

IV.

אין דערזעלבער צייט, װען די ענגלישע בורזשואַזיע האָט אַדורכגעפֿירט איר זיגרייכן אויפֿשטאַנד קעגן דעם קעניג, דער אַריסטאָקראַטיע און דער קירכע, זענען נאָך אין פֿראַנקרייך געװען פֿעסט אַלע יסודות פֿונעם אַבסאָלוּטיזם. אין דערזעלבער צייט, װען אין ענגלאַנד האָט די הויפֿיש־װעלטלעכע קולטור אָפּגעטרעטן איר אָרט פֿאַר די בורזשואַזע זיטן, האָבן אין פֿראַנקרייך די סאַלאָנען פּרעכטיק געבליט און זיי זענען געװען די געזעצגעבערס פֿונעם געשמאַק און פֿון דער ליטעראַטור. אין דער צייט, װען אין ענגלאַנד איז די תּשוקה צום טעאַטער אַליך מער אָפּגעשאַפֿט געװאָרן, האָט אין פֿראַנקרייך דאָס טעאַטער צוגויפֿגעקליבן אונטער זיין דאַך סיי די הויפֿישע אַריסטאָקראַטיע סיי דעם דריטן שטאַנד.

נאָכמער. אַ גאַנץ יאָרהונדערט פֿאַר דער רעװאָלוּציע װערט דאָס טעאַטער אין פֿראַנקרייך אַן אַרענע פֿונעם באַפֿרייאוּנגס־קאַמף פֿון דער בורזשואַזיע אַנטקעגן דער אַלטער אָרדנוּנג. יעדע ערנסטע פּיעסע רופֿט אַרויס אַ שאַרפֿן צוזאַמענשטויס צװישן דעם אַריסטאָקראַטישן פּובליקוּם, װאָס פֿאַרנעמט די לאָזשעס און די סצענע, און דעם דעמאָקראַטישן פּאַרטער, װעלכער האָט אויף זיין זייט די כּמותדיקע איבערמאַכט.

װען מ׳האָט געשפּילט מ אָ ל י ע ר ס „מיזאַנטראָפּ“, האָט זיך דאָס טעאַטער שאַרף פֿונאַנדערגעטיילט אויף צװיי פֿיינטלעכע לאַגערן. װען אָ ר אָ נ ט פֿלעגט לייענען זיינעם אַ שלעכטן סאָנעט, פֿלעגן די מאַרקיזן אויף דער סצענע און אין די לאָזשעס װערן באַגייסטערט, און װען אַ ל צ ע ס ט פֿלעגט אַרויסגעבן איבערן סאָנעט אַ פֿאַרניכטנדיקע קריטיק און ער פֿלעגט אים אַנטקעגנשטעלן דאָס פֿאָלקסליד, פֿלעגט

דער פֿאַרטער משוגענערהייז אָפּלאַדירן. אַזוי איז אויך געווען מיט מאָליערס צווייטער פּיעסע „טאַרטיוף": אַרויסרופנדיק אַ בייזע אומצו־פרידנקייט צווישן דער אַריסטאָקראַטיע און דעם קלער, האָט זי זיך געהאַלטן בלויז אַ דאַנק דעם מיטגעפיל פונעם פּאַרטער.

מאָליער איז נישט אומזיסט געווען דער ליבלינג פונעם דעמאָ־קראַטישן פּובליקום. אַ גאַנץ יאָרהונדערט פאַר דער בורזשואַזער רע־וואָלוציע איז ער געווען איר פאַרקעמפּער און אָנזאָגער. — „מ אָ ל י ע ר — באַמערקט ל אַ פ אַ ר ג — איז געווען אַ מענטש פון זיין קלאַס, אַ קעמ־פער פון דער בורזשואַזיע. פונקט אַזוי, ווי די סאָציאַליסטן זאָגן איצט צו די אַרבעטער: רייסט איבער מיט דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, וועלכע פייפט אייך אָן, אויב זי טוט נישט נאָך ערגערס, אַזוי האָט אויך ער געשריגן צו די זשאָרזש דאַנדענס און צו די „בירגער אין דער אַריסטאָקראַטיע": אַנטלויפט פון דידאָזיקע אַריסטאָקראַטן, ווי פון פּאַר־דזשומעסע, ווייל זיי נאַרן אייך אָפּ און זיי באַרויבן אייך".

אין דער צייט, ווען קאָ ר נ ע ל און ר אַ ס י ן האָבן געהאַלטן פאַר מעגלעך אַרויסצופירן אויף דער סצענע בלויז די קעניגן און די אַריסטאָקראַטיע, האָט מ אָ ל י ע ר אַהער אַריבערגעבראַכט נישט בלויז די בורזשואַזיע, נאָר אפילו אויך דאָס פּראָסטע פאָלק אין דער פּער־זאָן פון די גוטע און גראָדליניקע באַדינערינס אָדער פונעם פּויער־שיכּור, דאָן-זשואַנס דינער, סגאַנאַרעל.

אין זיינע פריערדיקע פּיעסעס איז מאָליער הויפּטזאַכלעך אַרויס־געטרעטן אַלס אַ באַשולדיקער פון דער אַלטער אָרדנונג, אַלס אַ סאַ־טיריקער פון דעם אַריסטאָקראַטישן לעבנשטייגער. אין זיין ערשטער קאָמעדיע „די אויסגעפּוצטע ליאַלקעס" האָט ער שאַרפזיניק אויסגע־לאַכט די געשליפענע מידות און די מאַניערירטע שפּראַך, וועלכע האָבן געהערשט אין די וועלטלעכע מאָדישע סאַלאָנען. אין „דאָן זשואַן" האָט ער פאַרגעשטעלט אין אַ נעגאַטיווער פאָרם די הויפישע אַריסטאָקראַטיע, וועלכע איז פאַרזונקען אין עגאָאיזם, אויסגעלאַסנקייט און אומגלויבן. אין „טאַרטיוף" האָט ער געצילט זיינע פיילן קעגן די צבועקישע און אייגננוציקע פרומאַקעס, וועלכע פירן דורך אונטער דער מאַסקע פון פרומקייט און ערלעכקייט זייערע פרעכע אָנגריפן אויף די קעשענעס פון די רייכע בורזשויעס. צומלעצט האָט ער אין זיין בעסטער פּיעסע „מיזאַנטראָפּ" אַרויסגערופן צום קאַמף די גאַנצע פּריצישע וועלט, וועלכע באַנוצט זיך מיטן געריכט צוליב אירע איי־

געגע צילן, מיט דער רעליגיע — כדי צו פאַרבאָרגן אירע טונקעלע עבירהלעך, מיט דער פּאָעזיע — כדי צו פאַרטרייבן די צייט, און מיט דער ליבע — כדי זי צו פאַרוואַנדלען אין אַ פּוסטן פלירט. אַלצעסט, וועלכער ווערט דורך דער אַרומרינגלענדיקער פאַלשקייט אַרויסגעבראַכט פון געדולד, וואַרפט אַ העגטשקע דער פּוסטער וועלט און ער גייט אַוועק אין אַ מדבר זוכן אַ ווינקעלע, וואו מ׳זאָל קאָנען אומבאַשטראָפט פאַרבלייבן אַן ערלעכער מענטש. אַלצעסט — איז אַ מין סימבאָל פון אַ גאַנצן נייעם קלאַס און פון זיין אינטעליגענץ, וועלכע הויבן־אויף אַ בונט קעגן דער אַלטער געזעלשאַפט. שאַרף, נערוועאיש, אָפט צוטשעפּעג־דיק און קליינלעך, אָבער אָן פּחד און אָן קאָמפּראָמיסן.

אין זיינע שפּעטערדיקערע קאָמעדיעס פלעגט שוין מאָליער נישט אַוועקשטעלן אין צענטער פון דער אויפמערקזאַמקייט די הויפּטשטאָטישע און פּראָווינציעלע אַריסטאָקראַטיע, איר אָרט פאַרנעמט ביי אים איצטער דער דריטער שטאַנד. פון אַ באַקעמפער פון די אַלטע יסודות ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אַ דערציער פון דער בורזשואַזיע, אין וועלכער ער באַמיט זיך צו דערוועקן דאָס קלאַסנבאַוואוסטזיין.

אין „זשאָרזש דאַנדען״ האָט ער געשילדערט אַ רייכן פּויער, וועלכער האָט חתונה־געהאַט מיט דער טאָכטער פון אַ פּראָווינציעלן אַריסטאָקראַט און איז אַריינגעפאַלן אין דער סאַמע אומגעלומפּערט־סטער לאַגע, וואָרום די עלטערן פון דער פרוי פלעגן תמיד אונטער־שטרייכן דעם סאָציאַלן מרחק, וואָס טיילט זיי אָפּ איינעם פון אַנדערן, און די פרוי, ווידער, פלעגט אים פאַראַכטן מיט אַן אַריסטאָקראַט. זשאָרזש דאַנדען אַנטפּלעקט נאַאיוו דעם מוסר־השכל פון דער פּיעסע. „וואָס פאַר אַן אומגעלומפּערטע זאַך דאָס איז — חתונה צו האָבן מיט אַ מיידל אַן אַריסטאָקראַטקע. זאָל מיין חתונה דינען אַלס אַן אָנלערנונג פאַר אַלע פּויערים, וועלכע ווילן זיך אויפהויבן העכער פון זייער שטאַנד. ווען אַריסטאָקראַטקעס נעמען אונז פאַר מענער אינטערעסירן זיי זיך נישט מיט אונזער פּערזענלעכקייט, נאָר מיט אונזער געלט״.

אַזוי זעען מיר אויך אין דער קאָמעדיע „דער בירגער אין דער אַריסטאָקראַטיע״, ווי מאָליער באַשטראָפט אַ רייכן בורזשוי פאַר זיין חשק צו אַן אַריסטאָקראַטישן טיטול און צו וועלטלעכע מאַניערן און פאַר זיין נאַרישקייט, וועלכע דערמעגלעכט אַ פאַראָרימטן אַריסטאָקראַט צו לעבן אויף זיין חשבון. ווען מ׳האָט געגומען שפּילן די דאָזיקע פּיעסע, האָט נישט בלויז די הויפישע אַריסטאָקראַטיע אויפגעהויבן אַן אַלאַרם,

נאָר אויך דער קעניג לואי דער פערצנטער, וועלכער איז ביז איצט געווען מאָליערס אַ בעל-טובה און האָט געהאַט אַראָפּגענומען דעם פאַרבאָט אפילו פון „טאַרטיוף", איז לכתחילה געווען אַזוי דערשטוינט, אַז ער האָט אים נישט געזאָגט קיין איין גוט וואָרט. ווען עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער פאָרהאַנג נאָכן לעצטן אַקט פון מאָליערס קאָמעדיע, האָט די אַלטע געזעלשאַפט נישט-ווילנדיק אַ ציטער געטון, ווי זי וואָלט געוויסט דערשפּירט דאָס דערנענטערן זיך פונעם רעוואָלוציאָנערן שטורעם.

V.

אין אַכצענטן יאָרהונדערט איז דאָס טעאַטער אין פראַנקרייך געוואָרן אַן אמתדיק שלאַכטפעלד צווישן די קעמפנדיקע קלאַסן, צווישן די כוחות פון דער אַלטער אָרדנונג און דעם רעוואָלוציאָנערן „פאָלק".

אין דעם צייט-פּעריאָד, וואָס ליגט צווישן מ אָ ל י ע ר ן און ב אָ מ אַ ר ש ע האָט זיך באַדייטנדיק געענדערט דער צוזאַמענשטעל פונעם טעאַטער-פּובליקום. אין יאָר 1759 זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן די פּלעצער אויף דער סצענע, און דאָס אַריסטאָקראַטישע פּובליקום האָט זיך געמוזט אויסמישן מיטן בורזשואַזן. די בורזשואַזיע, ווידער, האָט איבערגעוואַנדערט פונעם פּאַרטער אין די לאָזשעס אַריין, דער פּאַרטער איז פולשטענדיק אַריבער אין די הענט פון דער שטאָטישער דעמאָקראַטיע — פון די באַלמעלאָכעס און אַרבעטער. איינער פון יענער צייט, מ ע ר ס י ע, דערציילט, אַז די באַלמעלאָכעס, וועלכע פלעגן פריער גיין זיך אָנשיכורן אין אַ שענק, פלעגן איצטער האַלטן פאַר גלייכער צו גיין אין טעאַטער. ערב דער רעוואָלוציע איז דאָסדאָזיקע דעמאָקראַטישע פּובליקום געווען דער טאָנגעבער. דאָסדאָזיקע פּובליקום פלעגט דערהויבן און אַדורכוואַרפן אַן אַקטיאָר, און די איבעריקע געזעלשאַפטלעכע שיכטן, וועלכע זענען געזעסן אין די לאָזשעס, פלעגן זיך תמיד קלאָגן אויף דעם דעספּאָטיזם פון דעמדאָזיקן פּובליקום. דער פּאַרטער פלעגט שטורמיש אַפּלאָדירן יעדן אַרויסטריט קעגן דער אַלטער אָרדנונג. ווען אין איינער אַ טראַגעדיע („טעאַגען און האַריקלעיאַ" פון ד אָ ר ן) דעקלאַמירט עמעצער פון די שפּילערס לידער וועגן דעם, אַז „די מאָנאַרכן, אַרויפקומענדיק אויפן טראָן פון וויג אַרויס, מיינען, אַז זיי האָבן דאָס רעכט צו פאַר-

ברענגען אין אַן אייביקן שלאָף, אַרויפוואַרפנדיק די גאַנצע לאַסט פון דערגירן אויף דעם פּרעמיער־מיניסטער״; ווען אין אַן אַנדער פּיעסע (ל ע ב ל אַ נ ס „דרואידן״) ווערט דער קלער געשילדערט אַלס אַ באַנדע אונטערדריקערס און עקספּלואַטאַטאָרן; ווען אין אַ דריטער פּיעסע פלעגט דער העלד אויסשרייען, אַז „די יוסטיץ איז אַזאַ אויסגעצייכנטע זאַך, אַז וויפיל דו זאָלסט פאַר איר נישט באַצאָלן, וועט אַלץ אויסמאַכן ביליק״, — פלעגט דאָס טעאַטער ממש זיך טרייסלען פון די אַפּלאָדיסמענטן.

אין אַכצענטן יאָרהונדערט איז דאָס טעאַטער אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין צענטער פון דער ליטעראַטור. עס איז געווען אַ מין שולע פון פּאָליטישער און קלאַסן־דערציאונג. איינער פון יענער צייט דערציילט, אַז נישט בלויז אין שטאָט, נאָר אויך אין קעניגלעכן הויף איז געווען אַ מאַסע מענטשן, וואָס זייערע איבערצייגונגען און כאַראַקטער האָבן זיך אויסגעבילדעט אין טעאַטער און וועלכע פלעגן, וועלנדיק באַשטעטיקן עפּעס אַן אמת, ליב האָבן זיך צו שטיצן אויף מ אָ ל י ע ר ס און ב אָ מ אַ ר ש ע ס קאָמעדיעס. „דאָס טעאַטער — האָט געשריבן מערסיע — איז דאָס ווירקלעכסטע און צוועקמעסיקסטע מיטל אַריינצוואַרפן פלוצלינג אין פאָלק אַריין אַ מאַסע אויפקלערנדיקע אידעען: דאָרטן קאָן דאָס שיינע וואָרט אין איין אויגנבליק אויפוועקן אַן איינגעשלאָפענע נאַציע״.

פאַר די באַדערפענישן פונעם נייעם בורזשואַז־דעמאָקראַטישן פּובליקום איז אין אַכצענטן יאָרהונדערט אַנטשטאַנען אַ נייע טעאָריע פון דער דראַמע. געוויסע, ווי ד י ד ר אָ, האָבן פאַרלאַנגט, אַז די מחברים זאָלן שילדערן נישט „טיראַנען און פּרינצעסינס״, נאָר פאָרשטייערס פונעם דריטן שטאַנד — באַנקירן, סוחרים, פילאָזאָפן און אַדוואָקאַטן. אַנדערע, ווי מ ע ר ס י ע, האָבן געפאָדערט נאָך אַ גרעסערע דעמאָקראַטיזאַציע פון טעאַטער. זיי פלעגן אונטערשטרייכן, אַז „דאָס לעבן פון אַ פויער, וועלכער באַאַרבעט מיטן שווייס פון זיין פּנים דאָס פעלד, וועלכער דערציט זיינע קינדער אין ליבע צו דער אַרבעט, און וועלכער צייכנט זיך אויס מיט אַ מאָראַלישער ריינקייט, איז אַסאַך באַלערנדיקער איידער די נצחונות פון די מאַרקיזן״, און זיי האָבן געוואָלט זען אויף דער סצענע צוגלייך מיטן פויער אויך די שטאָטישע האַרעפּאַשניקעס, „די העלדן פונעם וועבשטול, פונעם האַמער און פון דער שער״. ביידע שטרעמונגען — די בורזשואַזע און די דעמאָקראַטישע — האָבן גלייכ־

מאָסיק פאַרטיידיקט דעם פּרינציפּ פון ליטעראַרישן רעאַליזם, רעקאָמענדירנדיק, ווי דידראָ, די דראַמאַטורגן „זיך צו דערנענטערן צוםווירקלעכן לעבן, עצהנענדיק זיי, ווי מערסיע, צו פאַרמאַכן די ביכער און צו באַזוכן די געזעלשאַפט".

די נייע דראַמע, וועלכע איז אָנגעפאַלן אויף אַלע זייטן פון דער אַלטער אָרדנונג, אויף די פעאָדאַלע פּריווילעגיעס און אויף דער מאַכט פונעם קלער, האָט צוזאַמען דערמיט אידעאַליזירט די בורזשואַזיע און זיין פאָלק. די פאָרשטייערס פון דער נייער בורזשואַזער געזעלשאַפט טרעטן תמיד אַרויס מיטן עפּיטעט פון „ערלעכע מענטשן" און די נייע דראַמע גופא האָט באַקומען דעם נאָמען „דער ערלעכער זשאַנר" (le genre honnête). דער כאַראַקטער־שטריך פון אירע העלדן איז אַ שאַרף אויסגעדריקט קלאַסן־זעלבסטבאַוואוסטזיין. אין דער פּיעסע פון לאַשאָסע „דער עושר" זעען מיר, ווי דער רייכער סוחר בריס שטאָלצירט מיט זיין אָפּשטאַמונג פון פּראָסטע פּויערים און ער וויל בשום אופן נישט אויסטוישן זיין בירגערלעכקייט אויף אַן אַריסטאָקראַטישן טיטול. ער איז בייז, אַלעמאַי אַלע פאַרגעניגנס פון לעבן פאַלן אויס אויפן גורל פון די אַריסטאָקראַטן, וועלכע צייכענען זיך, געוויינלעך, נישט אויס נישט מיט קיין פאַרדינסטן, נישט מיט קיין טאַלאַנטן. אין מערסיעס דראַמע „דער ריכטער" ווענדעט זיך אַ פּויער צום פּריץ מיט אַזעלכע ווערטער; „איר מוזט אונז מסתמא האַלטן פאַר זייער אומפּילבאַר, אויב איר אונטערדריקט אונז אַזוי שטאַרק. איר, די איידל־געבוירענע, מיינטאַוודאַי, אַז מיר מוזן רואיק אַריבערטראָגן אַלע עוולות, וועלכע אייך פאַלט נאָר איין אונז אָפּצוטון. ווען מיר וואָלטן זיך געוווּסט אַנטקעגנגעשטעלט אייערע אונטערדריקונגען, וואָלטן מיר תיכף־ומיד אַריינגעפאַלן אין טורמע אַריין אָדער אויף קאַטאָרגע און מיר וואָלטן זיך אפילו נישט דערוואַרט, דאָס געריכט זאָל אונז אויסהערן". אין מערסיעס אַ צווייטע פּיעסע זעען מיר, ווי ווען אַן אַריסטאָקראַט ווענדעט זיך צו אַן אַרבעטער, אָנרופנדיק אים, „מיין פריינט", דערווידערט אים יענער שאַרף אַלס תשובה: „איך בין אַן אַרבעטער, און נישט אייערער קיין פריינט", „איך בין אָרים דערפאַר, ווייל ס'איז פאַראַן צו פיל רייכע".

די בורזשואַזע דראַמע פלעגט נישט זעלטן אַרויסברענגען אויך נייע טיפּן פון פרויען, וועלכע זענען געווען ווייניק ענלעך אויף די זעלטלעכע קאָקעטקעס אָדער פּעדאַנטקעס. פרוי דיורוואַל, — די העל־

דין פון קאָלעס קאָמעדיע „די אלמנה", — איז אַ קלוגע און אַ געבילדעטע, זי שטייט שטאָל־און־אייזן פאַר פרויען־גלייכבאַרעכטיקונג. „איר ווילט — זאָגט זי — אַז די פרוי זאָל באַטראַכטן, אורטיילן און האַנדלען אַנטשפּרעכנדיק צו פרעמדע איינדרוקן. אָבער צי זענט איר דען בכּוח אָפּצונעמען ביי מיר די פרייהייט צו פילן, ווי איך פיל, צו דענקען, ווי איך דענק, און צו האַנדלען אַזוי, ווי איך האַלט פאַר מיין חוב צו האַנדלען. ליבע קאָן עקזיסטירן בלויז צווישן פּערזאָנען גלייכע און פרייע".

„פיגאַראָס חתונה" פון באָמאַרשע איז דער בולטסטער מוסטער פון דער נייער העל־בירגערלעכער דראַמע. דאָ, אין דעם צוזאַמענשטויס צווישן דעם גראַף אַלמאַוויוואַ און זיין דינער פיגאַראָ, וועלכער קומט פאָר צוליב דער גרעפינס קאַמערמיידל, זוזאַנאַ, שפּיגלט זיך אָפּ דער קאַמף פונעם דריטן שטאַנד קעגן דער פעאָדאַלער אָרדנונג. פיגאַראָ איז לויט זיין פּסיכאָלאָגיע און וועלט־אָנשויאונג אַ טיפּישער בירגער פון דער פאַר־רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע. כאָטש לויט זיין געזעלשאַפטלעכער שטעלונג איז ער גיכער אַ פּראָלעטאַריער. ער „האָט אַלץ אויסגעפּרוווט און אַלץ דורכגעמאַכט", ער איז געווען אַ פּערדיונג, אַ דראַמאַטורג, אַ שערער, אַ שרייבער, אַן עקאָנאָמיסט און אַ קאַמערדינער. ער האָט איין ציל אין לעבן, זיך דורכשלאָגן אַ וועג, פאַרנעמען אין דער געזעלשאַפט אַ בכּבודיק אָרט. ער האַלט זיך פאַר נאָכמער באַרעכטיקט צו געניסן פון די פאַרגעניגנס פון לעבן, ווייל זיין קעגנער, גראַף אַלמאַוויוואַ, דער פאָרשטייער פון דער פּריווילעגירטער קאַסטע, איז אַ מענטש אַ פּוסטער און אַ טאַלאַנטלאָזער. דאָס לעבן איז, אין פיגאַראָס אויגן, נישט מער ווי אַ קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, פאַר מאַטעריעלע פאַרגעניגנס. זיין גרונטגעזעץ איז — די קאָנקורענץ, וועלכע עס נוצן אויס צו זייער גונסטן די שטאַרקערע און צוגעפּאַסטערע. „יעדערן ווילט זיך צולויפן צום ציל, אַלע איילן זיך, שטויסן זיך, וואַרפן־אום איינער דעם אַנדערן, ווער עס קען — דערגרייכט, די איבעריקע דערשטיקט מען". „אַזוי פירט זיך שוין פון אייביק אָן" — גיט פיגאַראָ רואיק צו. אין דעמדאָזיקן קאַמף זענען אַלע מיטלען כּשר — אָפּנאַרעריי, אינטריגעס, אונטערקויפעניש, רכילות. וואָס פאַר אַ דורכפאַלן עס קומט נישט אויס פיגאַראָן אויסצושטיין, פאַלט ער ביי זיך קיינמאָל נישט אַראָפּ, זיין ענערגיע וואַקסט צוזאַמען מיט די שטערונגען און פון דער סאַמע פאַרפלאָנטערסטער לאַגע געפינט ער תמיד אַן אויסוועג.

„ווער עס קאָן גאָרנישט מאַכן פון גאָרנישט, דער וועט קיינמאָל גאָר-נישט דערגרייכן, און ער איז בכלל גאָרנישט ווערט" — אָט דאָס איז זיין דעוויז.

פיגאַראָ שלאָגט זיך דורך אַ וועג דורכן גאַנצן פיינטלעכן לאַגער. דאָ זעען מיר הויפלייט, וועמענס מיסיע באַשטייט אין „נעמען, בעטן און באַקומען", און אַ ריכטער פון אַלטן שניט, „זייער אַ גרויס-מוסיקער צו רייכע מענטשן, און זייער אַ שטרענגער צו קליינינקע מענטשעלעך". אָבער מער פאַר אַלץ קומט אויס זיך צו ראַנגלען מיטן פּאַראַזיט-פּריץ, וועלכער פאַרפילט זיין פוסטקייט מיט יאָגד אויף האָזן און אויף דאָרפישע שיינהייטן. פיגאַראָ טרעט דרייסט אַריין מיט זיי אין אַ קאַמף ביים בלענדנדיקן פייערווערק-ליכט פון שאַרפזיניקייטן און געלעכטער. „דער גרויסער האַר טוט אונז שוין אַסאַך גוטס דערמיט, אויב ער טוט נישט קיין שלעכטס". „ביי די גוטע מידות, וועלכע ווערן פאַרלאַנגט פון אַ דינער, צי קאָנען זיך געפינען אַסאַך פּריצים, וועלכע זענען ראוי צו זיין דינערס?". אויף דער פאַרוואָרפנדיקער באַמערקונג פונעם גראַף, אַז ער האָט זיך געשאַפן אַן עקלהאַפטע רעפּוטאַציע, דערווידערט פריילעך פיגאַראָ: „דערפאַר בין איך בעסער פון מיין רעפּוטאַציע, אָבער צי קענען אַסאַך פּריצים זאָגן דאָסזעלביקע וועגן זיך". אויף דער פראַגע, פון וואָס פאַר אַן אָפּשטאַמונג ער איז, ענט-פערט ער שטאָלץ: „אַן אַריסטאָקראַט", כאָטש ער איז אַ פּלעבעיער, וועלנדיק אַזוי אַרום אונטערשטרייכן, אַז פון געבוירן זענען אַלע מענטשן גלייך. אין דידאַזיקע שטיקלעך און שטעכווערטלעך, וועלכע שיטן זיך אַזוי פיל פון פיגאַראָס מויל, האָט דער פאַרסער, וועלכער פלעגט זיי שטורמיש באַגריסן, אויסדריקלעך דערהערט די דונערן פון דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע.

VI.

אינדערשפּיץ פון דער באַפרייאונגס-באַוועגונג פון דער פראַנ-צויזישער בורזשואַזיע איז געגאַנגען איר פּיאָנערישער אַוואַנגאַרד — די אַלשטאַנדישע אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך געגעבן דעם נאָמען אניפּקלערס אָדער „פילאָזאָפן". פאַרשטעלנדיק מיט זיך די אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכע מיינונג L'opinion — איז די אינטע-

ליגענץ געווען איינע פון די איינפלוסרייכסטע גרופעס. פראָטעסטירנ־דיק קעגן די פריווילעגיעס פון די פעאָדאַלע קלאַסן, האָט די אינטע־ליגענץ געשטרעבט אַליין צו פאַרנעמען אַ פריווילעגירטע שטעלונג, זי האָט געוואָלט אָנפירן מיטן „המון" און עקזיסטירן אויף זיין חשבון.

וואָלטער האָט צוגעגליכן דעם „געבילדעטן" טייל פון דער געזעלשאַפט צו אַ הערלעך בלימל, און די פּאָלקסמאַסע צום „שטענגל". און ער האָט נישט איינגעפונען קיין שום בייז דערין, וואָס דאָס בלימל זויגט אויס די זאַפטן פונעם שטענגל. בּאַראָן האָלבּאַך, ווידער, האָט אויפגעוויזן, אַז די נאַטור האָט באַשאַפן די מענטשן „אומגלייכע" לויט די אינטעלעקטועלע פעאיקייטן, אַז דאָס פאָלק דאַרף זיין אונ־טערטעניק צו דער אינטעליגענץ, וועלכע ווייסט בעסער פאַר אים דעם וועג צו גליק און עס דאַרף איר צו שטעלן, — דערפאַר, וואָס זי דענקט פאַר אים און פירט מיט אים אָן — אַלע מיטלען, „וועלכע זענען נוי־טיק סיי פאַר דער חיונה, סיי פאַר דער פאַרשענערונג פון לעבן".

כּל־זמן די מאָנאַרכיע איז נאָך געווען אין פראַנקרייך פעסט האָט די אינטעליגענץ געטרוימט צו פאַרנעמען אַן אָרט צוגלייך מיטן קעניג, אַלס זיין נאָענטסטע בעל־יועצטע. פון די רייען פון די פילאָזאָפן איז טאַקע אַרויסגעקומען די טעאָריע פונעם אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם, וועלכע ס'האָט באַזונדערס פאַרטיידיקט האָלבּאַך. די אינטעליגענץ האָט זיך באַנוצט מיט דער ליטעראַטור, ווי מיט אַ מיטל אונטערצוואַרפן אונטער אַ קריטיק די אַלטע פעאָדאַלע אָרדנונג און צו פּראָקלאַמירן די אידעע פון דער נייער בורזשואַזער געזעלשאַפט. די דיכטונג ווערט אין אַכצענטן יאָרהונדערט פאַרוואַנדלט אין פּובליציסטיק. וואָלטער שרייבט זיינע טראַגעדיעס נישט אַזוי אין נאָמען פון עסטעטישע כּוונות, ווי מיטן ציל אָנצופאַלן אָדער אויף דער מאָנאַרכישער אָרד־נונג (צעזאַרס טויט), אָדער אויף די גרינדערס פון דער רעליגיע (מאַכמעד), אָדער אויף דער אייגנגוציקייט פונעם קלער (עדיפּ); רוסאָ באַנוצט זיך מיט דער פאָרם פון דעם ראָמאַן, כּדי צו פּראָ־טעסטירן קעגן דער קאַסטישער אָפּגעזונדערטקייט פון דער אַריסטאָ־קראַטיע (די נייע עלאָאיזאַ), אָדער כּדי צו רעפאָרמירן דאָס פּעדאַגאָ־גישע סיסטעם (עמיל).

די גרעסטע ליטעראַרישע שאַפונג פון דער פראַנצויזישער אינ־טעליגענץ פון אַכצענטן יאָרהונדערט איז די באַרימטע „ענציקלאָפּעדיע", אַ ווערטערבוך, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט פון די אַנדערע בשעתו־

דיקע דערמיט, וואָס עס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט נישט בלויז אַ צונויפזאַמלונג פון ידיעות, נאָר אויך אַ געווער פונעם קלאַסנקאַמף.

די ענציקלאָפּעדיע איז שטאַרק אָנגעפאַלן אויף די פעאָדאַלע פּריווילעגיעס, פון וועלכע, ווי עס ווערט געזאָגט אין איין אַרטיקל, עס ליידט, הויפּטזאַכלעך, „דער אָרימערער טייל פון דער באַפעלקערונג, וועלכע איז תמיד באַלאַסטעט מיט אומדערטרעגלעכע שטייערן, כאָטש פאַר דער מלוכה איז דערדאָזיקער טייל דער סאַמע נוצלעכסטער, וואָרום באַאַרבעטנדיק די ערד שטעלט ער צו שפּייז פאַר די העכערע קלאַסן". אַנטקעגנשטעלנדיק זיך קעגן דעם פעאָדאַלן רעזשים איז די „ענציקלאָפּעדיע" געווען צוזאַמען דערמיט אַן אַפּאָטעאָז פון דער שטאָטישער אינדוסטריע. אין איר האָט זיך געפונען אַ ריי אַרטיקלען, געווידמעט אַלע צווייגן פון דער שטאָטישער אַרבעט. „ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן — באַמערקט מ אָ ר ל ע י — סאַראַ באַגייסטערונג עס איז פאַראַן אין דידאָזיקע פאָליאַנטן. זיי מאַכן אַזאַ איינדרוק, פּונקט ווי דו וואָלסט געשטאַנען אויף די הויכן פון מאָנמאַרטר און פון דאָרטן אַראָפּ געקוקט אויף די אַרבעטער-קוואַרטאַלן פון פּאַריז.

כאָטש די אינטעליגענץ פלעגט, אָנפאַלנדיק אויף די יסודות פון דער פעאָדאַלער אָרדנונג, תמיד רעדן וועגן „אַלגעמיינער צופרידנהייט", פלעגן פונדעסטוועגן באַזונדערע פאָרשטייערס אירע האָבן אין זינען די טובה נישט אַזוי פון דער גאַנצער בורזשואַזער געזעלשאַפט, ווי פון אירע באַזונדערע קלאַסן און גרופּעס.

ו אָ ל ט ע ר איז געווען הויפּטזאַכלעך דער אידעאָלאָג פון די פּריצים-קאַפּיטאַליסטן, וועלכע האָבן געשאַפן פּראָדוקטן שוין נישט פאַרן אייגענעם געברויך, נאָר פאַרן מאַרק. לויט זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען איז וואָלטער געווען אַ מעסיקער ליבעראַל, וועמענס אידעאַל ס'איז געווען די ענגלישע קאָנסטיטוציע, ד. ה. אַ מאָנאַרכיע, וועלכע איז באַגרעניצט דורכן גוטבאַזיצערישן קלאַס. לויט זיינע רעליגיעזע אָנשויאונגען איז ער געווען אַ דעאיסט, וועלכער האָט באַהויפּטעט, אַז נאָכדעם ווי גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, מישט ער זיך שוין מער נישט אַריין אין איר לעבן. אַ באַגרעניצטער מאָנאַרך און אַ באַגרעניצטער גאָט, וועלכע עקזיסטירן, אָבער ווייזן נישט אַרויס זייער מאַכט, אָט דאָס איז געווען דער רעליגיעז-פּאָליטישער אידעאַל פונעם קאָנסטיטוציאָנאַליסט וואָלטער. לויט זיינע אָנשויאונגען איז ער געווען זייער ווייט פון דעמאָקראַטיזם. אונטערן וואָרט „גלייכהייט", וואָס ער

פּלעגט אַזוי אָפּט באַנוצן, האָט ער באַרשטאַנען נישט קיין עקאָנאָמישע גלייכהייט, נאָר אַ יורידישע, אַ גלייכהייט פון אַלע בירגער לגבי דעם געזעץ. ער פּלעגט אויפווייזן, אַז „דער מענטשלעכער מין, אַזוי ווי ער איז, קאָן נישט עקזיסטירן אָן אַ גרויסער צאָל נוצלעכע מענטשן, וועלכע פאַרמאָגן גאָרנישט, היות ווי דער רייכער מענטש וועט נישט אַוועקוואַרפן זיין ערד כּדי צו באַאַרבעטן די ערד פון אַ צווייטן". ווען אַזאַ מין „נוצלעכן" פּראָלעטאַריער זאָל איינפאַלן זיך צו ווענדן צו די באַזיצנדיקע קלאַסן מיט דער בקשה אים אַוועקשענקען אַ שטיקל ערד, וואָלטן די לעצטע אים געדאַרפט ענטפערן לויט וואָלטערס ווערטער: „ביי אונז איז שוין אַלץ פונאַנדערגעטיילט, מיר האָבן נישט פאַר דיר קיין ערד, אויב דו ווילסט עסן, טאָ באַדין אונז, פאַרוויל אונז, אַרבעט פאַר אונז, און מיר וועלן דיר צאָלן".

כּדי די הערשנדיקע קלאַסן זאָלן לייכטער קענען עקספּלואַטירן די אַרבעט פונעם פּראָלעטאַריער, האָט וואָלטער געעצהט, מ׳זאָל אים נישט געבן קיין שום בילדונג. „אַמעראַצים און נאַראָנים דאַרפן עקזיסטירן אויף דער וועלט — האָט וואָלטער געשריבן צו זיינעם אַ פריינט — און איר וואָלט אויך געוועסט מספּים געווען מיט מיר, ווען איר וואָלט געווען אַ פּריץ. וויבאַלד דאָס פאָלק וועט נעמען זאָגן דעות, איז אַלץ פאַרלוירן".

בעת די הערשנדיקע קלאַסן קענען זיך באַגיין אָן אַ רעליגיע, האָט וואָלטער אָפּגעהיטן דיזעלביקע רעליגיע פאַרן פאָלק, אַלס אַ „צוים". אויפווייזנדיק מיט דער הילף פון מיטלאַלטערלעכע אַרגומענטן די עקזיסטענץ פון אַ גאָט, „די אור־סיבה פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט", „דעם אַרכיטעקט, וועלכער האָט אויפגעבויט די וועלט לויט אייביקע געזעצן", האָט וואָלטער אַרויסגערוקט נאָך אַ דריטן אַרגומענט, אַ „מאָראַלישן" אָדער, ריכטיקער, אַ פּאָליצייאישן, נעמלעך, אַז אָנעם גלויבן אין אַ גאָט און אין אַ יענעוועלטיקן שכר־ועונש איז אומדענקבאַר קיין שום „אָרדנונג" אין דער געזעלשאַפט: דאָס „שטענגל" קען נאָך אַמאָל זיך אָפּזאָגן צו שפּייזן מיט זיינע זאַפטן דאָס „הערלעכע בלימל", וואָס געפינט זיך אויף אים.

וואָלטער האָט זיך בכלל באַצויגן צום פאָלק מיט אַ בייסיקן פאַראַכטונגס־ביטול, פאַרגלייכנדיק עס מיט „אַ חיה, וועלכע נויטיקט זיך בלויז אין דערנערונג, אין אַ יאָך און אין אַן אָנטרייבער". אויב מיר זעען, אַז וואָלטער האָט, לויט דער ביטע פון די פּויערים פון די



רוסאָ

וואָלטער

קלויסטערשע גיטער, פאַרטיידיקט די אידעע פון זייער באַפרייאונג פון לייבאייגנטום, האָט ער עס געטון דערפאַר, ווייל ער איז אויסן געווען נישט אַזוי די טובה פונעם פויער, נאָר קודם־כל יענעם מאַטעריעלן היזק, וועלכן ס'וועט ליידן דערפון דער קלער, איינער פון די הערשנדיקע קלאַסן ביי דער אַלטער אָרדנונג. און, צווייטנס, די מעגלעכקייט, וואָס עס וועט דורכדעם געגעבן ווערן דעם פריץ צו באַקומען ביליקע אַרבעט־הענט. דער אַריסטאָקראַטישער מהות פון וואָלטערס נשמה האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן אויך אין זיינע ליטעראַרישע סימפּאַטיעס. וואָרום מיר זעען, אַז אין דער זיך־אויסבילדנדיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט און אין דער זיך־אַנטוויקלענדיקער בורזשואַזער ליטעראַטור, האָט ער פאָרגעזעצט דאָס קולטיווירן די אַלטע אַריסטאָקראַטישע מינים פונעם קינסטלערישן שאַפן, די קלאַסישע טראַגעדיע און די קעניגלעך־הויפישע פאָעזיע.

אויב וואָלטער איז געווען דער אידעאָלאָג הויפטזאַכלעך פון די קאַפּיטאַליסטן־פריצים, איז דידראָ געווען דער אויסדריקער פון די שטימונגען און אידעאַלן פון דער האַנדלס־אינדוסטריעלער בורזשואַזיע. ער טאַקע פלעגט שרייבן פאַר דער ענציקלאָפּעדיע די אַרטיקלען, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות צום האַנדל און צו דער אינדוסטריע; ער פלעגט עס טאַקע עצהנען די שריפטשטעלער, זיי זאָלן שילדערן דאָס לעבן הויפטזאַכלעך פון די מיטעלע קלאַסן. דידראָ איז צוזאַמען דערמיט געווען דער בולטסטער פילאָזאָף פון דער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע. ער איז געווען איינער פון די סאַמע טיפּישסטע מאַטעריאַליסטן. דידראָ האָט נישט אָנערקענט דעם דואַליזם פון גייסט און קערפּער. דער גייסט איז בלויז אַ פונקציע פונעם קערפּער. די עצם מאַטעריע איז, לויט דידראָן, אַ באַגייסטיקטע. אויב מ'זאָל אַ האַרץ, וואָס איז שוין אַרויסגענומען פון קערפּער, שטעכן מיט אַ שפּילקע, וועט עס זיך נאָך לאַנג וואַרפן, פונקט ווי די טיילן פון אַ צעשניטענער שלאַנג באַוועגן זיך אַ לאַנגע צייט. און אויב די מאַטעריע פאַרמאָגט פילבאַרקייט, הייסט עס, אַז זי פאַרמאָגט אויך די פעאיקייט אויפצוהאַלטן די שפּירונגען, ד. ה., אַז זי פאַרמאָגט אַ זכרון, און ממילא אויך די פעאיקייט צו פאַרגלייכן די שפּירונגען איינע מיט דער אַנדערער, און פאַרגלייכן הייסט שוין באַטראַכטן. „בכן, פלעגט דידראָ אַרויסדרינגען, דענקען דענקט אינעם מענטש די מאַטעריע גופא, און משער זיין, אַז עס עקזיסטירט אינעם מענטש נאָך עפּעס אַ וועזן אָדער

עפּעס אַ זאַך, וואָס פאַרמאָגט דידאָזיקע פעאיקייט, הייסט אַוועקשטעלן אויפן אָרט פון אַ רעאַלן קעגנשטאַנד — אַ פּוסט וואָרט". דידראָ איז געווען נישט בלויז אַ מאַטעריאַליסט, נאָר אויך אַן עוואָלוציאָניסט. דאָס אַלוועלטלעכע לעבן האָט זיך אים פאָרגעשטעלט אַלס בהדרגהדיקע און אַלץ מער זיך־קאָמפּליצירנדיקע אַנטוויקלונג פון אַן איינהייטלעכן לכתּחילהדיק מאַטעריעלן קעמערל, דערביי איז צווישן די באַזונדערע קעניגרייכן פון דער נאַטור, צווישן דעם געוויקס און דער חיה, צווישן דער חיה און דעם מענטש, נישטאָ קיין שאַרפע גרעניץ: איין קעניגרייך ווערט אומבאַמערקבאַר און בהדרגהדיק פאַרוואַנדלט אין אַ צווייטס.

אויפן יסוד פון דערדאָזיקער מאַטעריאַליסטישער מעטאַפיזיק האָט דידראָ געבויט זיין אוטיליטאַרע לערע וועגן מאָראַל. דער מענטש ווערט געפירט אין זיינע האַנדלונגען קודם־כל פון שפּירונגען, שטרעבנדיק צו אָנגענעמע און אויסמיידנדיק אומאָנגענעמע. דער ציל פון זיינע מעשים איז תּמיד דאָס פּערזענלעכע גליק, „דאָס העכסטע געזעץ, וואָס פליסט אַרויס דירעקט פון זיין נאַטור". היות ווי דער מענטש באַשטייט נישט בלויז פון גוף, נאָר אויך פון גייסט, זוכט ער דעריבער דאָסדאָזיקע גליק נישט בלויז אין פיזישע פאַרגעניגנס, נאָר אויך אין „שכלדיקע באַשעפטיקונגען, אין באַוועגונגען פונעם האַרץ, אין דער דערפילונג פון זיין פליכט". היות ווי דער מענטש לעבט נישט איינער אַליין, נאָר אין אַ געזעלשאַפט פון זיינס גלייכן, און זיין פּערזענלעכער וואוילשטאַנד איז ענג פאַרבונדן מיטן וואוילשטאַנד פון דער פאַמיליע, פונעם מין, פון דער נאַציע, ווערט ער דעריבער אומבאַמערקבאַר פאַרוואַנדלט פון אַן עגאָאיסט אין אַן אַלטרואיסט, אויסלערנענדיק זיך צו געפינען אין אַ פרעמד גליק דעם מאַקסימום פון זיין אייגענער צופרידנשטעלונג. אָבער אויך מקריב־זייענדיק זיך צוליב אַ צווייטן, הערט נישט אויף דער מענטש אין תּוך צו פאַרבלייבן אַן עגאָאיסט. „דער פּערזענלעכער אינטערעס — שטעלט פעסט דידראָ — איז דער איינציקער אומצעטרייסלבאַרער יסוד פון דער מאָראַל, דער אמתדיקער פונדאַמענט פון אַלע גוטע מעשים". דידראָ איז, אַזוי אַרום, דער טיפּישער פילאָזאָף פון דער בורזשואַזיע אינעם פעריאָד פון איר שטורעם און דראַנג". ער פּרעדיקט דעם מאַטעריאַליזם אַלס מעטאַפיזיק, אַריינפירנדיק אין דער דערקלערונג פון דער וועלט דעם פּרינ־

ציפ פון עוואָלוציע און דערפירנדיק די מאָראַל צו פערזענלעך גליק, צו העדאָניזם.

אויב דידראָ איז דער אידעאָלאָג פון דער בורזשואַזיע איז רוסאָ דער פאַרטיידיקער פון קליינפויערישן אייגנטום. ער איז שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן דער געלט-ווירטשאַפט און קעגן דער שטאָטישער קולטור, קעגן דעם האַנדל און דער אינדוסטריע, וועלכע מאַכן חרוב דאָס דאָרף. „אַ דערדריקטער דורך די שטייערן, וועלכע זענען נויטיק אויפצוהאַלטן דעם לוקסוס, איז דער פויער געצוואונגען צו לעבן אַ לעבן פון האָרעוואַניע און הונגער און ער גייט אין שטאָט אַריין זוכן דאָס ברויט, וואָס ער האָט אייגנטלעך געדאַרפט ברענגען אַהין". רוסאָס האַרץ פלעגט אָפּגיין מיט בלוט זעענדיק „פּוסט-געוואָרענע דערפער, פאַרלאָזענע פעלדער און די ברייטע וועגן, פולע מיט אומגליקלעכע בירגער, וועלכע זענען געוואָרן בעטלערס און גנבים". רוסאָ פלעגט צאָרנדיק אָנפאַלן אויף דער בורזשואַזיע, „אויף די דאָזיקע הענדלערס און באַלמעלאָכעס, וועלכע זענען תמיד פאַרנומען מיט זייערע פּריוואַטע אינטערעסן, מיט זייערע פאַרדינסטן", פאַר וועלכע די פרייהייט איז בלויז אַ מיטל „זיך צו פאַרשאַפן אייגנטום אָן שטערונגען און גע-וועלטיקן אָן מורא". רוסאָס אידעאַלער טרוים איז געווען אײַנצוהאַלטן די אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם און אין זײַנע גײַסטצעבערישע פּראָיעקטן (פאַר קאָרסיקע און פאַר פוילן), אין זיין אַרטיקל וועגן פּאָ-ליטישער עקאָנאָמיע, וואָס געפינט זיך אין דער ענציקלאָפּעדיע, האָט ער ענערגיש פאַרלאַנגט צו פאַרבאָטן דעם האַנדל מיט ברויט און צו פאַרבייטן די געלט-חובות מיט נאַטוראַלע, ד. ה. אומצוקערן זיך צום פּאַטריאַרכאַלישן אַלטערטום, צו דער נאַטוראַלער ווירטשאַפט. רוסאָ פלעגט דעריבער ליבהאָבן צו אידעאַליזירן די שווייצאַרישע בערג-לייט-פויערים, וועלכע פּראָדוצירן ביי זיך אינדערהיים אַלע אַרטיקלען פון ערשטן געברויך, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט פּאַטריאַרכאַליש-פּשוטע און ריינע מידות.

רוסאָ האָט געמאַכט אַ פּראָנט נישט בלויז קעגן די „הענדלערס און באַלמעלאָכעס, וועלכע זענען תמיד באַשעפטיקט מיט זייערע פאַר-דינסטן", נאָר אויך קעגן דער אינטעליגענץ, וועלכע טרוימט צו רע-גירן מיטן פאָלק און לעבן אויף זיין חשבון. אין זיין ערשט ווערק „וועגן וויסנשאַפטן און קונסטן" האָט ער אויפגעוויזן די אומנויטיקייט און אפילו שעדלעכקייט פון יענער זעלבער „אויפקלערונג", מיט וועל-

כער עס האָבן אַזוי שטאָלצירט די פילאָזאָפן פון אַכצענטן יאָרהונדערט. „אויב אונזערע קומענדיקע דורות וועלן זיין קליגער פון אונז — האָט אויסגעשריגן רוסאָ — וועלן זיי אויפהויבן די הענט צום הימל און זיי וועלן זאָגן: „ראַטעווע אונז פון דער אויפקלערונג פון אונזערע עלטערן און קער אונז אום צו דער פשטות פון מידות און פון לעבן".

אין זיין פעדאַגאָגישן ראָמאַן „עמיל" האָט זיך רוסאָ באַמיט צו באַגרעניצן די אינטעלעקטועלע אויסבילדונג מיט די סאַמע נויטיקסטע ידיעות, באַפרייען זי פון יעטוועדער טעאָרעטישקייט און געלערנטקייט, און אַריבערצוטראָגן דעם שווערגעוויכט אויף דער פיזישער און מאָראַלישער דערציאונג. זייענדיק אַן אָנהענגער פונעם פאַטריאַרכאַלישן אַלטערטום, זייענדיק אַ שונא פון דער אויסגעאיידלטער שטאָטישער קולטור, האָט רוסאָ נישט ליב געהאַט די קונסט, און אין זיין בריוו צו ד'אַלאַמבערן האָט ער געפאָדערט צו פאַרניכטן דאָס טעאַטער. לויט זיינע פאָליטישע איבערצייגונגען איז רוסאָ געווען אַ דעמאָקראַט און אַ רעפובליקאַנער. אינעם „געזעלשאַפטלעכן אָפמאַך" האָט ער געשילדערט די מלוכה אַלס פועל-יוצא פון אַן אָפמאַך צווישן דעם פאָלק און זיינע רעגירערס, און ער האָט אויפגעוויזן, אַז דאָס פאָלק האָט שטענדיק דאָס רעכט אָפצונעמען די מאַכט, וועלכע געהערט אים, פונעם הערשער, אָדער פון די באַאַמטע, ווען ער האָט זי אויף אַ געוויסע צייט אָנפאַרטרויט, וויבאַלד די לעצטע באַנוצן זיך מיט דערדאָזיקער מאַכט לטובת זייערע אייגענע, פערזענלעכע אינטערעסן.

דידאָזיקע לערע וועגן דער סוווערעניטעט פון פאָלק האָט שפעטער געהאַט אַ קאָלאָסאַלע השפעה אויף די אָנטיילנעמערס פון דער גרויסער רעוואָלוציע. רוסאָ האָט געהאַלטן אַלס די בעסטע רעגירונג-פאָרם — אַ דעמאָקראַטישע רעפובליק, וואו דאָס גאַנצע פאָלק אין זיין פולן צוזאַמענשטעל, און נישט דורך געוויילטע דעפוטאַטן, נעמט אָנטייל אין דער געזעצגעבונג. כאָטש ער פלעגט מודה זיין, אַז אַזאַ מין פאָליטישע אָרדנונג קאָן פאַרווירקלעכט ווערן בלויז אויף אַ נישט-גרויסער טעריטאָריע, „אין זייערע קליינינקע מלוכות, וואו דאָס פאָלק קאָן זיך לייכט צונויפקלייבן, וואו יעדערער קען זיין שכן, וואו אַ דאַנק דער פשוטקייט פון די מידות און פונעם לעבנ-שטייגער זענען אוממעגלעך פאַרפלאָנטערטע און פילצאָליקע ענינים און וואו עס האָט זיך נאָך אויפגעהאַלטן — מער אָדער וויניקער — אַ גלייכהייט פון די פאַרמעגנס". רוסאָ האָט גענומען דעמדאָזיקן פאָלי-

טישן אידעאַל זיינעם פון דער פּראַקטיק פון די פויערישע רעפּובליקן פון די וואַלדיקע קאַנטאָנען אין שווייצאַריע.

רוסאָ פלעגט אָפט צוקומען זייער נאָענט צום קאָמוניזם, כאָטש ער איז נישט געווען קיין קאָמוניסט. אין זיין „אָפּהאַנדלונג וועגן דער אָפּשטאַמונג פון אומגלייכהייט“ האָט ער מיט אַנטציקונג געצייכנט די אורפּרימיטיווע אידיליע, ווען „די ערד האָט צו קיינעם נישט געהערט, און אירע פּראָדוקטן צו אַלעמען“, ווען מענטשן זענען געווען גלייך, פריי און גליקלעך. דידאָזיקע עפּאָכע פון אורפּרימיטיוון קאָמוניזם האָט זיך געענדיקט, ווען די ערדאַרבעט איז פאַרביטן געוואָרן דורך יאַגד און פישערײַ. עס האָט זיך געפונען איינער אַ חוצפּהדיקער פאַרברעכער, וועלכער האָט אַרומגעצוימט מיט שטאַכעטן אַ שטח ערד און האָט עס אָנגערופן אַלס זיין אייגנטום. זיין ביישפּיל האָבן נאָכגעטון אַנדערע און, היות ווי געוויסע מענטשן זענען געווען כיטרער און שטאַרקער, האָבן זיי פאַרכאַפּט מערער. אַזוי איז צוזאַמען מיטן פּריוואַט-אייגנטום אויף ערד אויפגעקומען אומגלייכהייט צווישן רייכע און אָרימע. היות ווי צווישן באַזונדערע אייגנטימערס, און אויך צווישן אייגנטימערס און נישט-פאַרמעגלעכע פלעגן פאָרקומען שאַרפע צוזאַמענשטויסן, זענען שוין געוואָרן נויטיק געזעצן אויף צו רעגולירן זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען און באַאַמטע, וועלכע זאָלן אויספירן דידאָזיקע געזעצן, און היות ווי פאַר די באַאַמטע איז געווען באַקוועמער זיך צו שטעלן אויף דער זייט פון די רייכע, און נישט פון די אָרימע, האָט די סאָציאַלע אומגלייכהייט אינגיכן געבראַכט צו אַן אומגלייכהייט סיי אַ יורידישער, סיי אַ פּאָליטישער. אַזויאַרום איז אין רוסאָס אויגן דאָס פּריוואַט-אייגנטום אויף ערד דער שורש פון אַלדאָס בייז. „פון וויפיל פאַרברעכנס און מלחמות, פון וואָס פאַר אַ גרויל און טרויער — רופט אויס רוסאָ — וואָלט געראַטעוועט די מענטשהייט דעריעניקער, וועלכער וואָלט, אַרויסרייסנדיק די שטאַכעטן און פאַרשיטנדיק די גרעניץ-קאַנאַלן, אַ געשריי געטון צו די מענטשן: די ערד איז קיינעמס נישט, און אירע פּראָדוקטן געהערן צו אַלעמען“. און פונדעסטוועגן האָט רוסאָ נישט פאַרלאַנגט די אָפּשאַפונג פון פּריוואַט-אייגנטום אויף ערד, און ער האָט בלויז געטרוימט וועגן דעם, אַז מ'זאָל דורך דער באַגרעניצונג פונעם האַנדל און פון דער אינדוסטריע אויפהיטן אויף ווי ווייט מעגלעך די גלייכהייט צווישן באַזונדערע ערד-אייגנטימערס.

אויב רוסאָ פלעגט בלויז זיך דערנענטערן צום קאָמוניזם, האָבן

אָבער די אידעאָלאָגן פון די נישט־פּאַרמעגלעכע שיכטן עקשנותדיק פאַרלאַנגט די פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון דער ערד.

אין זיין בוך „דער סטאַטוט פון דער נאַטור" האָט מ אָ ר ע ל י אויפגעוויזן, אַז די „נאַטור" האָט געגעבן „דאָס פעלד, וואָס ברענגט אַרויס פּראָדוקטן, אַלס אַן אומצעטיילבאַר אייגנטום פאַר אַלע מענטשן". כאָטש די מענטשהייט האָט זיך דערנאָך אָפּגענויגט פון דעמדאָזיקן וואוילטועדיקן „נאַטור־געזעץ", קאָן מען נאָך פונדעסטוועגן אויך איצט אומקערן וואָס פאַר אַ פאָלק עס זאָל נישט זיין פון דער פאַלשער ציווי־ליזאַציע צו אורפּרימיטיווער עקאָנאָמישער גלייכהייט. אין זיין בוך האָט מ אָ ר ע ל י אויך אָנגעצייכנט אַ בילד פון אַזאַ געזעלשאַפטלעכער אָרד־נונג, אַוואו די ערד און די פּראָדוציר־געצייג זענען אַן אַלגעמיין אייגנ־טום; יעדער בירגער, מיטן אויסנאַם פון דער אינטעליגענץ, איז מחויב זיך צו פאַרנעמען מיט לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט; חתונות ווערן געשלאָסן יונגערהייט און מ׳קאָן זיך נישט גטן אין משך פון די ערשטע צען יאָר, און קינדער לערנען זיך פון קליינוויז אָן אין נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן פאַרשיידענע מלאכות. דער, וועמען ס׳וואָלט געוועסט איינ־געפאַלן צוריק אויפצושטעלן דעם אינסטיטוט פון פּריוואַט־אייגנטום, דאַרף, לויט מאָרעליס מיינונג, גערעכנט ווערן אַלס דער גרעסטער פאַר־ברעכער און ער דאַרף פאַר אַזאַ פּרווו באַשטראָפט ווערן מיט אייביקער תפיסה אין אַ הייל, וועלכע איז אויסגעגראָבן צווישן קברים.

VII.

אין דערזעלבער צייט, ווען אין פראַנקרייך האָט זיך די בור־זשואַזיע, שטיצנדיק זיך אויפן פאָלק, געגרייט אַראָפּצוואַרפן די פעאָדאַלע מאָנאַרכיע, האָט נאָך אין דייטשלאַנד פּרעכטיק געבליט דער אַבסאָלוטיזם, וועלכער האָט זיך געשטיצט אויפן פּריצנטום.

אין די גרויסע און קליינע פירשטנטומס האָבן דאָ נאָך געבאַלע־באַטעוועט זעלבסטהערשערישע דעספּאָטן, וועלכע זענען געווען אַרומגע־רינגלט מיט אַ לוקסוסאַרטיקן הויף, מיט אינטריגאַנטן־מיניסטאָרן און מיט אויסגעלאַסענע פאַוואָריטקעס — זיי האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גאַנצע מענגע קליינינקע, קאַריקאַטוראַלע לואי־דער־פערצנטערס, פון

וועלכע יעדערער האָט געוואָלט האָבן זיין ווערסאַל און זיין מאַדאַם פּאָמפּאַדור.

דער הערשער האָט זיך גערעכנט און פלעגט גערופן ווערן: פאָטער, און דאָס פאָלק — געטרייע, אונטערטעניקע זין, אַזוי, אַז היינע האָט בייסיק פאַרגליכן דאָס פעאָדאַל-מאָנאַרכישע דייטשלאַנד מיט אַ קינדער-צימער. די פאָטערס-מאָנאַרכן האָבן אַזוי ווייט פאַרזאָרגט זייערע אונטערטאַנען, אַז זיי פלעגן אפילו זיי צושרייבן, וואָס זיי האָבן צו עסן און ווי זיך צו שפייזן, ווי אַזוי צו פירן די שטוביקע און די דאָרפישע ווירטשאַפט. זיי פלעגן מאַסנווייז פאַרקויפן די יוגנט פאַר מיליטערישע באַדערפעניש צו די אַנדערע הערשערס: אַזוי, למשל, האָט איין ענגליש-אַמעריקאַנישע מלחמה צוגענומען דרייהונדערט טויזנט יונגעלייט, וועלכע זענען פאַרקויפט געוואָרן פאַר פיראונדרייסיק מיליאָן טאָלערס. די פאָטערס-מאָנאַרכן פלעגן לערנען זייערע אונטערטאַנען, ווי אַזוי צו פילן און צו דענקען, זיי פלעגן דערלויבן אָדער פאַרבאָטן זיך צו באַשעפטיקן מיט די אָדער יענע פראַגן, צו פאָלעמיזירן מיט די אָדער יענע שרייבערס.

אפילו אַזאַ „אויפגעקלערטער" מאָנאַרך, ווי דער פרייסישער קעניג פרידריך דער גרויסער, איז געווען אַן אמתער גרויס-אינקוויזיטאָר, וועלכער פלעגט פאַרפאָלגן יעדעס ווערק אויפן געביט פון מלוכה-רעכט. ער פלעגט פאַרבאָטן דעם אַריינפיר פון אויסלענדישע צייטונגען, און פלעגט פאַרשפאַרן די נישט-לאָיאַל-דענקענדיקע שריפטשטעלער אין פעסטונג-קאַמערן, אַזוי, אַז לעסינג פלעגט בלויז האָפנונגסלאָז אַ מאַך טון מיט דער האַנט, ווען ס'פלעגט קומען צו רייד מכוח דער פרייסישער צענזור, און ווינקעלמאַן האָט דערקלערט, אַז ער וואָלט בעסער געוואָלט געבוירן ווערן אין טערקיי.

די קירכע האָט געבראַכט די גרויסע און קליינע זעלבסטהערשערס אומאָפשאַצבאַרע נוצן, דערציענדיק דאָס פאָלק אין גייסט פון קנעכטישער געהאָרכזאַמקייט. דער שפּעיערער בישאָף האָט אַרויסגעגעבן אַ „קאַטעכיזיס פאַרן פאָלק", אין וועלכן עס איז באַפוילן געוואָרן די אונטערטאַנען, זיי זאָלן קוקן אויפן הערשער, ווי אויף אַ האַר, וועלכער האָט די דעה איבער זייער לעבן און פאַרמעגן, און דער פראָטעסטאַנטישער פאַסטאָר עוואַלד האָט אָנגעשריבן אַ בוך וועגן „פאָלקס-בילדונג", אין וועלכן ער האָט אויפגעוויזן, אַז די קריסטלעכע רעליגיע

באַפעלט אומדערווידערלעך אויסצופירן אַלע פאַרוועלעכצער פון די מאַכט־אָרגאַנען.

אויף דיזעלבע וועגן פון דער קירכע זענען געגאַנגען די אוניווערזיטעטן. אַזוי האָט דער יורידישער פאַקולטעט ביים אוניווערזיטעט אין האַלע עפנטלעך דערקלערט, אַז די פירשטן און די הערן האָבן די ברירה זיך נישט אונטערצוואַרפן די געזעצן, וועלכע זענען פאַרפליכטנדיק פאַר זייערע אונטערטאַנען.

דאָס פריצנטום, וואָס איז פריער געווען דער הערשנדיקער קלאַס, האָט גענאָסן פון כלערלייאיקע פריווילעגיעס, עס האָט געהאַט די בכורה ביי מיליטערישער און ציווילער דינסט, עס האָט צוזאַמענגעשטעלט די סוויטע פונעם הערשער און עס האָט געבאַלעבאַטעוועט אין די פּראָווינציעלע סיימען, די לאַנדטאַגס. די אַריסטאָקראַטישע פריצים האָבן זיך באַמיט שאַרף אָפּצוגרעניצן פון די איבעריקע שיכטן, זיי פלעגן זיך נישט צונויפמישן מיט זיי דורך חתונות, זיי פלעגן האָבן אין די טעאַטערן זייערע באַזונדערע ערטער און זיי פלעגן רופן די בירגערס און די פויערים נישט אַנדערש ווי קאַנאַליעס.

אין דער ליטעראַטור און אויף דער סצענע האָבן געהערשט די הויפישע געשמאַקן, דאָס בוקן זיך פאַר דער פראַנצויזישער פּאָעזיע פון דער עפּאָכע פונעם אַבסאָלוטיזם. דער ליטעראַרישער געזעצגעבער איז געווען ג אָ ט ש ע ד, וועלכער פלעגט נאָכמאַכן די הויפישע טראַגעדיעס פון קאָ ר נ ע ל און ר אַ ס י ן.

די בורזשואַזיע האָט נאָך בלויז נעפּלהאַפטיק איינגעזען אין זיך אַ באַזונדער קלאַס מיט ספּעציעלע עקאָנאָמישע נויטן. דידאָזיקע שוואַכע אַנטוויקלונג פונעם קלאַסן־זעלבסטבאַוואוסטזיין ביי דער דייטשישער בורזשואַזיע פון אַכצענטן יאָרהונדערט איז געווען אַ פועל־יוצא פון דער עקאָנאָמישער אָפּגעשטאַנענקייט פונעם לאַנד. די פונאַנדערברעקלונג פון דייטשלאַנד אויף אַ מאַסע קליינע זעלבשטענדיקע פירשטנטומס, פונאַנדערגעטיילטע איינס פון אַנדערן דורך אַ גאַנצער נעץ צאָל־טאַריפן, האָט געשטערט דער שאַפונג פון אַן אינערלעכן מאַרק, וועלכער איז אַן אומבאַדינגטער תנאי פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און פונעם קאַפּיטאַליזם.

די שוואַכע אַנטוויקלונג פונעם קלאַסן־זעלבסטבאַוואוסטזיין ביי דער דייטשישער בורזשואַזיע פונעם אַכצענטן יאָרהונדערט צוזאַמען מיט דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אָפּגעשטאַנענקייט פונעם לאַנד האָבן

אַרויפגעלייגט אַ פּאַטאַלן חותם אויף אַלע שטימונגען, געדאַנקען און בילדער פון דייטשלאַנדס פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ.

אינדערשפּיץ פון דער באַפרייאונגס-באַוועגונג פונעם דייטשישן בירגערטום איז געווען לעסינג, וועלכער איז פאָרויסגעלאָפן פאַר זיין קלאַס אויף מער, ווי אויף אַ האַלביאָרהונדערט. ער האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אַלס מחבר פון די „בריוו וועגן דער נייעסטער ליטעראַטור“, אין וועלכע ער האָט אַראָפּגעזעצט פון טראָן גאָטשעדן און די דורך אים רעקאָמענדירטע מוסטערן פון דער פראַנצויזישער אַריסטאָקראַטישער פּאָעזיע, איינגעפינענדיק, אַז די דייטשן רירט מער דאָס „גרויסע, שרעקלעכע, טרויעריקע“, איידער דאָס „גאַלאַנטע, עלעגאַנטע און ליבעדיקע“, אַנקעגנשטעלנדיק קאָרנעלן און ראַסינען די ווערק פון שעקספּירן, וועלכער „פלעגט זיך אַסאַך מער ווענדן צום פאָלק“ און וועלכער „סטראַשעט נישט אַזוי מיט דער גענויאיקייט פון זיין קינסטלערישער באַאַרבעטונג“. ווערנדיק שפּעטער דער געשוואוירענער קריטיקער ביים האַמבורגער טעאַטער האָט לעסינג גענויער אַנטוויקלט אין די רעצענזיעס, וועלכע זענען דערנאָך דערשינען אונטערן טיטול „די האַמבורגער דראַמאַטורגיע“, די גרונט-געדאַנקען פון זיין ליטעראַרישן מאַניפעסט אויפווייזנדיק, אַז די פראַנצויזישע טראַגיקער האָבן שלעכט פאַרשטאַנען אַריסטאָטעלעסן און סאָפאָקלעסן, און אַז שעקספּיר איז צו זיי אַסאַך נענטער גייסטיק, כאָטש ער האָט, אפשר, נישט געקענט זייערע ווערק. כאָטש די „האַמבורגער דראַמאַטורגיע“ איז פון אויבן אויף געווען אַ גאַנץ אומשולדיק ביכל, געווידמעט די פראַגן פון דראַמאַטישער טעכניק, האָט דאָסדאָזיקע ביכל אינדעראמתן געשטעלט פאַר זיך אַן ערנסטע געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבע, עס האָט געפּרוווט צו באַפרייען די מוחות פונעם דייטשישן בירגערטום נישט אַזוי פונעם האַלטן פון דעם אויטאָריטעט פון קאָרנעל און ראַסין, ווי פונעם בוקן זיך פאַר דעם אויטאָריטעט פונעם אַבסאָלוטיזם אין קעניגלעכן הויף.

לעסינג האָט זיך נישט באַגנוגנט מיטן בלויזן צעשטערן פון די ליטעראַרישע פאַלשע אָפּגעטער, נאָר ער האָט זיך אויך באַמיט צו שאַפן פאַרן דייטשישן בירגערטום אַן אייגענע דראַמע, באַגייסטערנדיק זיך דערביי מיט דער ליטעראַטור פון דער ענגלישער בורזשואַזיע, מיט לילאָ, סטיל און ריטשאַרדסאָן, און פונעם פראַנצויזישן בירגערטום, הויפּטזאַכלעך מיט דידראָן. כאָטש זיין ערשטע דראַמע

„מיס סאַראַ סאַמפּסאָן" האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין קינסטלע־רישע מעלות, האָט זי באַלד געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פונעם פּובליקום, וואָס האָט אין משך פון אַלע אַקטן פאַרגאָסן ביטערע טרערן. די נעכסטע פּיעסע פון לעסינגען, „מינאַ פאָן באַרנהעלם", האָט אַנט־האַלטן נישט בלויז אַן אויסגעצייכנטע כאַראַקטעריסטיק פונעם דייטשישן לעבנשטייגער אין דער עפּאָכע פון דער זיבנ־יעריקער מלחמה, נאָר אויך אַ גאַנצע ריי אָנפאַלן אויף דעם מיליטאַריסטישן רעזשים פון פריד־ריך דעם גרויסן.

לעסינג פירט דורך אַ דינעם שטריך צווישן די אָנשויאונגען אויף מלחמה פונעם אַבסאָלוטיזם און פון דער בורזשואַזיע. „אַ מענטש דאַרף זיין אַ סאָלדאַט צוליב זיין לאַנד אָדער פון ליבע צו דער זאַך, פאַר וועלכער ער קעמפט, — זאָגט דער העלד פון דער פּיעסע, מאַיאָר פאָן טעלהיים, — דינען, ווידער, אָן אַ באַשטימטן ציל היינט דאָ, מאָרגן דאָרט — הייסט זיך אָנדינגען אַלס קצב און מער נישט". די העכסטע אָנשטרענגונג דערגרייכט לעסינגס פּראָטעסטירנדיקע שטימונג אין דער דראַמע „עמיליאַ גאַלאָטי", אין וועלכער עס ווערט, ווי לעבעדיק, גע־שילדערט דאָס אַבסאָלוטיסטישע דייטשלאַנד מיט זיינע דעספּאָטן — בעל־תאווהניקעס (דער פּרינץ), מיט די פאַוואָריטקעס — קורטיזאַנקעס (גרעפין אָרסינ׳), און מיניסטאָרן — טויגעניכטסן (מאַרינעלי). פאַרליבנ־דיק זיך אין דער טאָכטער פונעם פאָלקאָווניק אָדאָאַרדאָ, עמיליע, דער־מאָרדעט דער פּרינץ, לויט דער עצה פונעם מיניסטער מאַרינעלי, מיט די הענט פון געדונגענע באַנדיטן, איר חתן, דעם גראַף אַפּיאַני, און ער פירט זי אַוועק אין זיין הינטערשטאָטישן פּאַלאַץ. דערוויסנדיק זיך וועגן גורל פון זיין טאָכטער, רייסט זיך אַהין אַריין אָדאָאַרדאָ מיטן ציל צו דערהרגענען דעם פּרינץ, אָבער ווען פאַר אים ווערט קלאָר, אַז די טאָכטער איז שוין אַנגעשטעקט מיטן סם פונעם הויפישן לעבן, האַלט ער פאַר גלייכער זי צו דערהרגענען.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט לעסינג אַריבערגעטראָגן די מלחמה קעגן דעם אַבסאָלוטיזם פונעם ליטעראַרישן געביט אין דער ספערע פון רעליגיע. אין זיין פּאָלעמיק מיטן הויפישן פּאַסטאָר געצע האָט ער מיט אַן אומפאַרגלייכלעכער שאַרפזיניקייט צוגענאָגלט צום שאַנד־סלופּ דאָס אָרטאָדאָקסאַלע פּראָטעסטאַנטענטום, איינעם פון די זיכערע אָנלענפּונקטן פון דער פעאָדאַלער מאָנאַרכיע. כאָטש ער האָט געפירט מיט אים דעם וויכוח אויף אַ ריין־טעאָלאָגישן באָדן, און אין זיין לעצט

ווערק „בריוו וועגן דער דערציאונג פון דער מענטשהייט“ האָט ער אויפצעוויזן, אַז אַלע רעליגיעס פון געטלעכער אַנטפּלעקונג זענען בלויז עטאַפּן אויפן וועג פון דער מענטשהייט צו יענער אידעאַלער צוקונפט, ווען זי וועט זיך שוין נישט נויטיקן אין סימבאָלן, כּדי משיג צו זיין די גאָטהייט, און אין באַלויונגען פאַרן טון גוטס. דעם רעליגיעזן פּראָבלעם האָט לעסינג אויך געווידמעט זיין לעצטע דראַמע „נאַטאַן דער חכם“, אין וועלכער ער האָט דורכגעפירט דעם געדאַנק, אַז אַלע רעליגיעס זענען גלייכווערטיק, אויף וויפיל זיי דערגרייכן זייער אמתדיקן ציל — „מאַכן דעם מענטש גוט צו גאָט און צו לייט“, אַז דער גוטער מענטש איז תּמיד בעסער פאַר זיין רעליגיע, און אַז בכלל איז אַ מענטש קודם־כּל אַ מענטש, און דערנאָך ערשט אַ פאָרשטייער פון דער אָדער יענער רעליגיע. אַוועקשטעלנדיק אין איין שורה דריי גלייכמעסיק אָרנטלעכע מענטשן: אַ מוזולמענער, דעם סולטאַן סאַלאַדין, אַ קריסט — אַ ריטער—טעמפּליער, און אַ ייד — דעם קלוגן נאַטאַן, האָט לעסינג געוואָלט סימבאָליש אויסדריקן די אידעע פון דער מעגלעכקייט פון אַ ברידערלעכער פאַראייניקונג פון אַלע פעלקער אונטערן דאַך פון רעליגיעזער טאָלעראַנץ. דאָס איז דיזעלבע אידעע, וועלכע עס האָבן פ אַ ר אים פאַרטיידיקט אַנדערע גרויסע קעמפער פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, פאַר וועלכער די גאַנצע וועלט, באַוואוינט מיט מענטשן פון די סאַמע פאַרשיידנסטע גלויבונגען, איז בלויז איין איינהייטלעכער מאַרק, וועלכן מ׳דאַרף ווי געהעריק עקספּלואַטירן (מילטאָן און וואָלטער).

אָבער כאָטש לעסינג איז פאָראויסגעלאָפן פאַר זיין היימישער בורזשואַזיע אויף אַסאַך יאָרצענדליקן, ליגט פונדעסטוועגן אויף זיינע שטימונגען און בילדער אַ חותם פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אומרייפקייט פון זיין לאַנד. זיינע העלדן זענען — פּראָטעסטאַנטן, וועלכע רייסן איבער מיט דער אָפיציעלער וועלט און מיט דער הויפישער סביבה, זיי רוקן זיך אָבער בלויז פּאַסיוו אָפּ צו זייערע פּערזענלעכע און משפּחהדיקע געשעפטן, היות ווי זיי האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו ווידמענען זייערע כּוחות פאַר די אינטערעסן פון עפּעס אַן אַנדער קלאַס. מאַיאָר פאָן טעלהיים, וועלכער איז געצוואונגען צו דעמיסיאָנירן, געפינט פאַר זיך אַ ציל אין לעבן אינעם חתונה־האָבן מיט מינאַ פאָן בערנהעלם; פּולקאָווניק אַדאָאַרדאָ, וועלכער וויל נישט „זיין אַ קריכער ביים הויף“, האַלט פאַר גלייכער אָנהייבן צו לעבן ווי אַן אָרנטלעכער מענטש, און גראַף אַפּיאַני באַשליסט, צום גרויסן גליק פון זיין שווער, צו לעבן

„פאַר־זיך אינעם גוט פון זיינע אבות". אפילו דער עצם־פּראָטעסט פון לעסינגס העלדן טראָגט גיכער אַ פּערזענלעכן און משפּחהדיקן כאַראַקטער, איידער אַ ברייטן געזעלשאַפטלעכן. אַזוי געפינט פאַר גלייכער אָדאָאַרדאָ דורכן דערהרגענען פון זיין טאָכטער אויפצוהיטן די אומבאַפלעקטקייט פון דער ערע פון זיין הויז, איידער אויסצופירן זיין לכתחילהדיקע אידעע — דורכן דערהרגענען דעם פּרינץ אויסצודריקן אַ פּראָטעסט קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג. און אָנשטאָט דעם, ער זאָל אַפּעלירן קעגן דעם טיראַן צו די פאָלקס־מאַסן, וואַרט ער בעסער אויף גערעכטיקייט מצד דעם הימלישן מאַנאַרך. „איך וועל אייך דערוואַרטן פאַרן ריכטער פון אונז אַלעמען", זאָגט ער צום פּרינץ און ער גיט זיך פרייוויליק אָפּ אין די הענט פון תּלין.

דער זעלבער מאַנגל פון קאָנסעקווענטער רעוואָלוציאָנערישקייט, אין וועלכן ס'איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען שולדיק לעסינג גופא, נאָר די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אומרייפקייט פון דער דייטשישער בורזשואַזיע, ווייזט זיך בולט אַרויס אויך אין זיינע רעליגיעזע אָנשויאונגען. קעמפנדיק קעגן דער קירכלעכער אָרטאָדאָקסיע, אַרויסגעבנדיק די „וואָלפענביטעלאָווער פראַגמענטן" פון ר א י מ אַ ר ו ס ן, וועלכער האָט אונטערגעוואָרפן אַ היסטאָרישער קריטיק דאָס הייליקע שריפט, אונטערשטרייכנדיק דעם באַדינגלעכן און פאַרבייגייענדיקן כאַראַקטער פון אַלע רעליגיעס פון געטלעכער אַנטפּלעקונג, האָט אָבער לעסינג, כאָטש ער איז געגאַנגען אינעם וועג פון די פראַנצויזישע פילאָזאָפן, זיך באַצויגן צו די דורך אים קריטיקירטע רעליגיעס מיט אַסאַך מער דרך־ארצדיקייט, און ער פלעגט קיינמאָל נישט דערגיין ביז אַן אַבסאָלוטער אָפּלייקענונג פון רעליגיע.

VIII.

אין די זיבעציקער יאָרן פונעם אַכצענטן יאָרהונדערט, נאָך בײַ לעסינגס לעבן, איז אַרויסגעטרעטן אויף דער אַרענע אַ נייער דור אינטעליגענץ, וועלכע האָט פאַרגעזעצט אין אַ מער שאַרפערער פאָרם און מיט אַ גרעסערער רעוואָלוציאָנערער היץ די דורך אים אָנגעהויבענע באַוועגונג צו באַפרייען די בורזשואַזיע פונעם יאָך פון דער פעאָדאַלער מאָנאַרכיע. דערדאָזיקער דור, צו וועלכן ס'האָבן געהערט ש י ל ע ר,

ל ע נ ץ, ק ל י נ ג ע ר, ש ו ב ע ר ט, ה י י נ צ ע, װ אַ ג נ ע ר און דער מאָלער־שריפטשטעלער מ י ל ע ר, איז אַרויסגעקומען פון די װײ־ ניק־פאַרמעגלעכע קלאַסן פונעם בירגערטום און אפילו פון דעם נידערי־ קערן קלאַס. זייענדיק לויט זייער געזעלשאַפטלעכן מצב אינטעליגענטע פראָלעטאַריער האָבן דידאָזיקע יונגעלייט זיך געמוזט אַליין דורכשלאָגן אַ װעג צו דער „געזעלשאַפט" און צו די לעבנס־פאַרגעניגנס, שטיצנדיק זיך אויסשליסלעך אויף זייער אייגענער איניציאַטיוו און אויף זייער אייגענער באַגאַבטקייט. די אויפגאַבע איז געװען נישט גאָר פון די לייכטע. ס'איז אויסגעקומען קעמפן נישט בלויז מיט אויסערגעװײנלעכער נויט. דידאָזיקע פרייהייט־ליבנדיקע יוגנט פלעגט זיך אויף יעדן טריט און שריט אָנשטויסן אויף פאַרצוימונגען, װעלכע זענען געװען אומעטום פונאַנדערגעשטעלט דורך דער דעספּאָטישער רעגירונג. זיי פלעגט אויס־ קומען צו אַנטלויפן און זיך אויסצובאַהאַלטן פון די פאַרדעכטיקע בליקן פונעם מאָנאַרך, װי ש י ל ע ר ן, למשל, אָדער זיי פלעגן מוזן צייטנװײַז אָפּזיצן אַסאַך יאָרן אונטער די טורמע־קראַטעס, װי ש ו ב ע ר ט. דערצו פלעגן דידאָזיקע יונגע בירגערס אויף יעדן טריט אָנטרעפן אָפּשפּאָטונ־ גען און פאַראַכטונג מצד דער הערשנדיקער אַריסטאָקראַטיע, װעלכע פלעגט זיך צו זיי באַציען פון־אויבן־אַראָפּ, װי צו לייבאייגענע.

אין לענצס דראַמע „דער הויז־לערער" איז פאַראַן אַ סצענע, װעל־ כע שילדערט, כלומרשט סימבאָליש, די לאַגע פון דידאָזיקע יונגע ביר־ גערס אין דער פּריצישער סביבה. װען בעת אַ שמועס צװישן דער באַ־ לעבאָסטע פון הויז מיט אירער עפּעס אַן אורחטע, פּרוּװט דער הויז־ לערער, — לויט זיין אָפּשטאַמונג אַ פּלעבעיער, — צו מאַכן אַ באַמער־ קונג, רייסט אים די באַלעבאָסטע שטרענג איבער מיט די װערטער, אַז „די דינערשאַפט דאַרף נישט רעדן אין דער אָנװעזנהייט פון די באַ־ לעבאַטים". „גייט אייך צו אייך אין צימער אַריין, קיינער פרעגט אייך נישט". אַזוי גראָב און אומהעפלעך פלעגט אויפנעמען די יחוסדיקע אַריסטאָקראַטיע די בירגערלעכע יוגנט, װעלכע איז געקומען זיך אויס־ קעמפן אַן אָרט אין דער געזעלשאַפט.

די געצװאונגענקייט זיך דורכצושלאָגן אַ װעג דורך ביטערער נויט און דורך אַ גאַנצער פיינטלעכער מחנה האָט אויסערגעװײנלעך צעשרויפט דאָס נערװן־סיסטעם פון דערדאָזיקער יוגנט, װעלכע פלעגט זייער לייכט אַריינפאַלן אין התלהבות און פונקט אַזוי גיך אָפּגעקילט װערן, זי פלעגט זיך תמיד װאַקלען צװישן ליידנשאַפטלעכער באַגייסטע־

רונג און אָנס־בהדיקער מעלאַנכאָליע, זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פּסיכאָלאָגישער אומשטאַנדהאַפטיקייט און אָפט פלעגט זי גיך איבערגעבערענט" ווערן, געפינענדיק זיך אין אַ מצב פון שטענדיקע נשמהדיקע אויפרודערונגען. דידאָזיקע געהעכערטע נערוועזיטעט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אפילו אין איר ליטעראַרישן סטיל, וועלכער איז געווען אַ פּאַטעטישער און שטורמישער, און אין איר דראַמאַטישער טעכניק, וועלכע איז, אין פלוג, געווען געבויט לויטן מוסטער פון די שעקספּירישע זיך־גיך־בייטנדיקע סצענעס, אָבער אין דערווירקלעכקייט איז עס אַרויסגעפלאָסן פון איר תמידיקער אינערלעכער אומרואיקייט, פון איר אומפעאיקייט זיך לאַנג צו קאָנצענטרירן, אויף איינאונדיזעלבע איינדרוקן.

דערדאָזיקער דור פון דער בירגערלעכער אינטעליגענץ, וועלכער האָט זיך געפּרוּווט מיטצורייסן מיט זיך דאָס פרידלעך־דרימלענדיקע בירגערטום, האָט באַקומען דעם נאָמען „שטורמערס" (לויט טיטול פון קלינגערס דראַמע „Sturm und Drang"), דיכטערס פון שטורעם און דראַנג.

זייער גאַנצע ליטעראַרישע טעטיקייט איז אינדערעמתן געווען אַ שטורמישער אָנגריף אויף דער גוט־פּאַרטיידיקטער פעסטונג פון דער פעאָדאַלער מאָנאַרכיע.

דאָס ערשטע צילברעט פון זייערע אָנפאַלן איז געווען די אַבסאָלוטע מאַכט פון די זעלבסטהערשערס, וועלכע האָבן אויסגעזויגן דאָס בלוט און די זאַפטן פונעם פאָלק. אין איינס פון זיינע בעסטע לידער פרייט זיך שובערט קוקנדיק אויף אַ „פירשטלעכן קבר" און זעענדיק ווי די האַנט פונעם דעספּאָט, וועלכע „האָט אַמאָל געשמידט אין קייטן פרייע מענטשן דערפאַר, וואָס זיי פלעגן זאָגן דעם אמת", איז איצטער געוואָרן אַ „רויב פאַר די ווערים", און ווי די, וועלכע „האָבן אַרומגערינגלט מיט צערטלעכער דאגה און מיט לוקסוס הינט, פערד און קורטיזאַנקעס, לאָזנדיק מענטשן מיט טאַלאַנט און מיט שכל שטאַרבן פון הונגער", ליגן איצטער פאַרגעסענע פון אַלעמען. שילער, וועלכער האָט באַצירט זיין ערשטע דראַמע „רויבערס" מיטן דעוויז „קעגן די טיראַנען", שילדערט אין „פיעסקאָס פאַרשווערונג" אַ פּרווו אַראָפּצוּוואַרפן דעם מאָנאַרכיזם און ער רינגלט אַרום מיט אַן אָרעאָל פון דיבּוּנג די פיגור פונעם שטרענגן רעפּובליקאַנער ווערין, וועלכער טויטעט

מיט זיינע אייגענע הענט דעם אַריסטאָקראַט־כּבוד־זוכער, ווען יענער פאַראַט די פרייהייט.

ס איז זייער מעגלעך, אַז נאָך שאַרפער איידער די פּאָליטישע אָפּאָזיציע האָט אין די ווערק פון די „שטורמערס" אָפּגעקלונגען אַ באַטקע פון סאָציאַלן פּראָטעסט. אין זייערע דראַמעס חזרט זיך אָפּט איבער דער מאָטיוו וועגן צוויי פיינטלעכע ברידער: איינער איז אָדער אַ האַרצלאָזער אינטריגאַנט און עגאָאיסט, ווי פראַנץ מאָר (שילערס „רויבער"), אָדער אַ „נישטיקער, פאַראַכטעטער מאַנעקין", ווי פערדינאַנדאָ (קלינגערס „צווילינג"). דער צווייטער איז אָדער אַ גרויסמוטיקער און איידעלער, ווי קאַרל מאָר (ביי שילערן), אָדער אַ מענטש מיט אַ מעכטיקער נשמה, ווי גוועלפאָ (ביי קלינגערן). דער ערשטער האָט דורך כּלערליי פאַלשקייטן באַקומען די ירושה און די מאַכט, צורויבנדיק דערביי ביים ברודער זיין ערע און פאַרמעגן, אַזוי אַז פאַר דעם לעצטן בלייבט בלויז איבער צו ווערן אַ נקמה־נעמער אָדער פאַר זיך (גוועלפאָ), אָדער אויך פאַר אַלע, וועלכע זענען באַעוולט דורכן גורל. דידאַזיקע אַנטיטעזע צווישן צוויי פיינטלעכע ברידער: צווישן איינעם, וואָס פאַרנעמט אומגעריכט אַ פּריווילעגירטע שטעלונג, און אַ צווייטן, וועלכער איז דערנידעריקט צו דער מדרגה פון אַ פּאַריער, — שילדערט אַלעגאָריש דעם קעגנזאַץ צווישן דער עגאָאיסטישער און אומפּעאיקער אַריסטאָקראַטיע, פון איין זייט, און דעם כּוחותפולן און טאַלענטירטן אונטערדריקטן בירגערטום, פון דער צווייטער זייט.

באַזונדערס פלעגן די יונגע דיכטער אָפּט אָנפאַלן אויפן מיליטאַריזם און אויך דער סאָלדאַטעריע, אויפווייזנדיק, ווי אַ פּאַראַזיטישע גרופּע אָפיצירן (אַריסטאָקראַטן) צעשטערט דורך איר אויסגעלאַסנקייט די מאָראַלישע וועלט פון דער בירגערלעכער מלחמה (לענצס „סאָלדאַטן"), אָדער זי דערפירט מיט איר לייכטזיניקייט און רואיקייט באַלעבאַטישע מיידלעך צו קינדער־דערמאָרדונג (וואַגנערס „קינדערמערדער").

זיי האָבן זיך באַמיט אַרויסצוברענגען אויך די עקספּלואַטאַציע, פון וועלכע עס קומט אויס צו ליידן דעם פּויערטום מצד די פעאָדאַלן־פּריצים: אַזוי זענען מיר, ווי אין קלינגערס ראָמאַן „פאַאוסט" באַגעגנט דער העלד אַ פּויערטע, וועלכע ליגט מיט די קינדער אויף דער ערד לעבן דעם טויטן קערפּער פון איר מאַן, און זי דערציילט אים, אַז דער מאַן האָט געוואָלט אַוועקפירן פאַרקויפן דאָס לעצטע קעלבל, וואָ־

רום אין שטוב האָבן שוין געהערשט הונגער און קעלט, נאָר די דינערס פונעם בישאָף, וועלכער האָט אינאָזנט געמאַכט אַ באַל, האָבן צוגעגוי מען דאָס קעלבל. פון פאַרצווייפלונג האָט דער מאַן זיך איבערגעשניטן דעם האַלז, און זי מיט די קינדער האָט מען פאַר די חובות אַרויסגע־ יאָגט פון איר שטוב.

די העכסטע אָנשטרענגונג האָט דער פּראָטעסט פון די „שטורי מערס" קעגן דער סאָציאַל־פּאָליטישער אומגערעכטיקייט דערגרייכט אין שילערס דראַמע „פאַלשקייט און ליבע". דאָ ווערן אַרויסגעבראַכט אַלע אָקצעסוּאַרן פונעם אַבסאָלוטיסטישן רעזשים אין אַ פּיטשינקער דייטשי שער מלוכהלע: אַ בעל־תּאוהדיקער דעספּאָט (פּרעזידענט וואַלטער), אַ קורטיזאַנקע, וועלכע איז די טאָנגעבערין אין הויף (לעדי מילפאָרד), אַ שלעכטער מיניסטער, וועלכער פירט דורך זיינע געשעפטעלעך (ווּאורם), אַ סצענע פון פאַרקויפן אינדערפרעמד אַריין דייטשישע או נ־ טערטאַנען אַלס סאָלדאַטן (דעם קאַמערדינערס דערציילונג).ביידע העלדן, דעם פּרעזידענטס זון, פערדינאַנד, און די טאָכטער פונעם מוי זיקאַנט מילער, פּרוּוון אויסשטרעקן איינער צום אַנדערן אַ האַנט פון ליבע איבערן אָפּגרונט פון סאָציאַלער אומגלייכהייט און זיי פאַלן קרבנות פון קאַסטישע פאָראורטיילן און הויפישע אינטריגעס. אין די צאָרנדיקע רעדעס פון דעם אַלטן מוזיקאַנט מילער לאָזט זיך הערן אַ ליידנשאַפטלעכער כעס פון דעם גאַנצן אונטערדריקטן קלאַס, אָבער דערדאָזיקער כעס פאַרבלייבט נישט מער, ווי אַן אויסברוך פון איין מענטש און ער געפינט נישט קיין אָפּקלאַנג אין דער אַרומיקער סביבה, וועלכע דרימלט אין אַ פרידלעכן שלאָף.

ווי שאַרף ס'זאָל אָבער נישט האָבן געווען דער פּראָטעסט פון די „שטורמערס" אַנטקעגן דער הערשנדיקער פּאָליטישער און סאָציאַלער אָרדנונג, האָט זיך פונדעסטוועגן זייער פּאָזיטיווער אידעאַל אויסגע־ צייכנט מיט אומבאַשטימטקייט און באַדנלאָזיקייט; די נעגירנדיקע קראַפט איז ביי זיי געווען די איבערהערשערין איבער דער שאַפנדיקער פעאי־ קייט, — דאָס זענען שטריכן, וועלכע זענען געווען אַ פּועל־יוצא פון דער עקאָנאָמישער אָפּגעשטאַנענקייט פון דער דייטשישער בור־ זשואַזיע.

היות ווי די דעמאָלטיקע קולטור אין דייטשלאַנד איז געווען צוגע־ פּאַסט צו די באַדערפענישן פון דעם פיינטלעכן, הערשנדיקן קלאַס, זענען די דיכטער פון „שטורעם און דראַנג" געוואָרן הייסע אָנהענגער פון

געטע

לעסינג

ד ו ס אָ, און זיי האָבן צוזאַמען מיט אים אָפּגעלייקנט די ציוויליזאַציע אין נאָמען פון פּאַטריאַרכאַליש־פּשוטע באַציאונגען און מידות. צוגלייך מיט אַ מענטש, וועלכער איז נאָענט צו דער נאַטור, האָבן זיי ליב געהאַט צו אידעאַליזירן דעם טיפּ פון אַ גזלן. ווי ווייט ס׳איז געווען פאַרשפּרייט ביי דער דעמאָלטיקער בירגערלעכער אינטעליגענץ און בכלל ביי די אונטערדריקטע קלאַסן דער קולט פונעם גזלן, קאָן מען זען, סיי דערפון, וואָס אויפן ביכער־מאַרק האָבן זיך באַוויזן פלערליי גזלנישע געשיכטעס, סיי אויך דערפון, למשל, וואָס ש י ל ע ר ס לערער פלעגט אָפּט דערציילן די תלמידים וועגן די העלדישקייטן פון גזלנים. דידאָזיקע אידעאַליזאַציע פונעם אַטאַמאַן פון אַ גזלנישער באַנדע כאַראַקטעריזירט אויסגעצייכנט די עקאָנאָמישע אָפּגעשטאַנענקייט פון דייטשלאַנד. ווי ק אַ ו ט ס ק י האָט שוין אָנגעוויזן גיסט זיך אויס דער פּראָטעסט פון די סאָציאַל־אונטערדריקטע קלאַסן אין דער פאָרם פון אַן אידעאַליזאַציע פונעם גזלן גראָד בעת דער הערשאַפט פון דער נאַטוראַלערווירטשאַפט און פונעם פּריצישן לעבנשטייגער.

באַרויבט־זייענדיק פון דער מעגלעכקייט אָפּצוגעבן זייערע ברויזנדיקע כוחות דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דער דייטשישער בורזשואַזיע, וועלכע האָט נאָך נישט געוועסט געקלערט וועגן קיין שום קאַמף, פלעגן זיך די העלדן פון די „שטורמערס״ ביסלעכווייז אָפּרייסן פונעם היימישן באָדן, זיי פלעגן עמיגרירן אין אַ פרעמד לאַנד אַריין, כדי זיי זאָלן, ווי דער העלד אין ק ל י נ ג ע ר ס פּיעסע „שטורם און דראַנג״, זיך באַטייליקן אַלס פרייוויליקע אין דער אַמעריקאַנישער רעוואָלוציע, און שטאַרבן פאַר דער פרייהייט פון אַ פרעמד פאָלק. טאָמער־זשע פלעגן צייטנווייז די „שטורמישע״ דיכטער יאָ אַרויסשטעלן אַ קאָנקרעטן סאָציאַלן אידעאַל, פלעגן זיי אין אים אַריינטראָגן זייערע ריין־אינטעליגענטישע געשמאַקן און רגילותן און זיי פלעגן ביי אים צורויבן, אַזויאַרום, יעטוועדע ערנסטע באַדייטונג. אַזוי, למשל, האָט ה י י נ צ ע פּראָפּאַגאַנדירט אין זיין ראָמאַן „אַרדינגעלאָ״ קאָמוניזם, אָבער ער האָט דערונטער פאַרשטאַנען נישט אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע פונעם געברויך, ד. ה. דאָס רעכט פון יעדן מענטש אויף אַלע פּראָדוקטן, נאָר אַ געוויסע אָרגאַניזאַציע פון די געשלעכטלעכע און משפּחהדיקע פאַרהעלטנישן, און נעמלעך דאָס רעכט פון יעדן מאַן אויף אַלע פרויען, און פון יעדער פרוי אויף אַלע מענער.

דער צוממייגסטן באַליבסטער העלד פון די „שטורמישע״ דיכטער

איז געווען פּאַאוסט. לעסינג האָט שוין געהאַט אָנגעצייכנט עט־לעכע סצענעס, וואו פּאַאוסט, וועלכער שטרעבט צו וויסן, זעט אין חלום, ווי ער פאַרקויפט זיין נשמה צום שטן און, ווען ער כאַפּט זיך אויף, קומט ער צום אויספיר, אַז אַזאַ מענטש דאַרף געדולדיק וואַרטן, ביזוואַנען דער לעצטער אמת וועט זיך אים אַליין אַנטפּלעקן אויף יענער וועלט. נאָך לעסינגען האָבן זיך גענומען פאַר דער באַאַרבעטונג פון דער אַלטערטימלעכער לעגענדע קלינגער און דער מאָלער מילער: דער ערשטער, אין דער פאָרם פון אַ ראָמאַן, דער צווייטער — פון אַ דראַמע. פאַר זיי איז פּאַאוסט שוין נישט אַזוי חייט אַ זוכער פונעם אמת, ווי די פאַרקערפּערונג פון אַ מענטש, וועלכער מאַכט אַ פּרווו, כאָטש אפילו פאַרן פּרייז פון אַ פאַרברעך און אַ פאַרבינדונג מיטן שטן, צו צעברעכן אַלע צוימען, כדי זיך דורכצושלאָגן אַ וועג צו פרייהייט און מאַכט, מיט איין וואָרט: די פאַרקערפּערונג פון זייערע אייגענע שטורמישע שטימונגען און שטרעבונגען. זיי האָבן געזען אין פּאַאוסטן, לויט די ווערטער פונעם קינסטלער מילער, „דעם גרויסן און שטאַרקן מענטש, וועלכער שפּירט די קייטן, וואָס ס'האָט אויף אים אַרויפגעלייגט דער גורל, און ער וויל זיי צערייסן, — דעם מענטש, וועלכער האָט גענוג מוט צו צעשמעטערן אַלץ, וואָס שטייט אים אין וועג, וועלכער שטרעבט זיך אויפצוהייבן ווי ווייט מעגלעך העכער, כדי ער זאָל ווערן פולשטענדיק דאָס, וואָס ער קאָן ווערן".

די עקסטרעמע אינדיווידואַליסטן — אָדער, ווי זיי פלעגן זיך ליב־האָבן צו טיטולירן, די „געניאַלע נאַטורן", די „שטורמישע" דיכטער — פלעגן צוזאַמען דערמיט פּרעדיקן די פאַראייניקונג פון דעם צעבּרעקלטן דייטשלאַנד. און אויף דידאָזיקע צוויי אידעען, אויפן אינדיווידואַליזם (אינעם ווירטשאַפטלעכן געביט) און אויף דער שאַפונג פון אַ נאַציאָנאַלן מאַרק האָט שפּעטער די דייטשישע בורזשואַזיע אויפגעבויט די הערשאַפט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע.

אָבער דערווײַל, אין די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן פון אַכצענטן יאָרהונדערט, איז דידאָזיקע בורזשואַזיע נאָך געשלאָפן מיטן אומשולדיקן שלאָף פון אַ קליין קינד. נישט־זעענדיק הינטער זיך קיין צונויפגענומען מיליטער, האָט זיך איר פּיאָנערישער אַוואַנגאַרד בלית־ברירה אונטערגעגעבן. יענע פון די שטורמישע דיכטער, וועלכע זענען נישט אומגעקומען פריצייטיק, אַזוי ווי לענץ, האָבן געאײַלט איינ־

צוגיין אויף אַ קאָמפּראָמיס מיט אָט דערזעלבער אַלטער אָרדנונג, קעגן וועלכער זיי האָבן אַמאָל געהאַט אויפגעהויבן אַזאַ טומלדיקן און ליידנ־שאַפטלעכן בונט.

נאָך די „רויבערס" און „פיעסקאָס פאַרשווערונג", וואו ס׳האָט זיך גערעדט וועגן אַ פולער סאָציאַלער און פּאָליטישער איבערקערע־ניש, שרייבט ש י ל ע ר „דאָן קאַרלאָס", וואו ער פאַרטיידיקט, דורכן מויל פונעם מאַרקיז פּאָזאַ, שוין בלויז די אידעע פון אַן אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם, וואָרום ווייטער פונעם טרוים צו רעגירן מיטן לאַנד האַנט ביי האַנט מיטן מאָנאַרך גייט נישט דער פּאָליטישער אידעאַל פון דעמ־דאָזיקן „אַלוועלטלעכן בירגער". און שפּעטער, באַקומענדיק צום אָנהויב די פּראָפעסור אין יענאַ, און דערנאָך זיך איינאָרדנענדיק ביים ווײַמאַ־רער הויף, האָט זיך שילער אַלץ מער אָוועקגעלאָזט אין דער היסטאָ־רישער פאַרגאַנגענהייט אַריין. ער האָט שוין געשילדערט נישט קיין סאָציאַלע און פּאָליטישע רעוואָלוציאָנערן, נאָר דעם מלחמה־לאַגער פון וואַלענשטיין (די טרילאָגיע „וואַלענשטיין"), דעם פּראַכטפולן הויף פון דער ענגלישער עליזאַבעט („מאַריאַ סטיואַרט") אָדער דעם פראַנצויזישן קאַרל דעם פערטן („די אָרלעאַנער יונגפרוי"), ער האָט געפּרוּווט ווידער־אויפצולעבן די אַנטישע טראַגעדיע פונעם פאַטום („די מעסינער פריי־לין"), ער האָט פאַרביטן דעם פּראָזאַאישן סטיל פון דער בירגערלעכער דראַמע אויף דעם ווייסן פערז פון דער קלאַסישער טראַגעדיע און, ווען עס פלעגט אים אויסקומען צו באַרירן געזעלשאַפטלעכע פראַגן, פלעגט ער שוין באַזינגען נישט דעם אויפשטאַנד פון דעם סאָציאַל־אונטערדריקטן קלאַס קעגן זיינע פאַרשקלאַפערס, נאָר דעם נאַציאָנאַלן קאַמף פון אַלע קלאַסן קעגן דעם פרעמדלענדישן דעראָבערער („די אָרלעאַנער יונגפרוי" און „ווילהעלם טעל").

אַן אַנאַלאָגישע עוואָלוציע האָט אויך דורכגעמאַכט ק ל י נ ג ע ר, וועלכער האָט זיך צומלעצט איינגעאָרדנט אין רוסלאַנד, לכתחילה אַלס אויפישער פאַרלייענער ביים אימפּעראַטאָר פּאַוועל, און דערנאָך אַלס דירעקטאָר פונעם אַדליקן פּוסגייער־קאָרפּוס (וואו ער פלעגט אומ־ברחמנותדיק שלאָגן די שילערס). ער איז אויך אַריבער פון דער בור־זשואַזער דראַמע אין פּראָזע צו דער קלאַסישער טראַגעדיע אין פערזן און אין זיינע לעצטע ראָמאַנען האָט ער געפּרעדיקט אַ פאַרשטענדיק צופּאַסן זיך צו דערווירקלעכקייט.

די רעוואָלוציע פון דײַטשישן בירגערטום איז אין אַכצנטן

יאָרהונדערט געבליבן ביזן סוף אַ ריין-אינטעליגענטישע, אַ ליטעראַרישע. דאָס איז געשען אַ דאַנק דער עקאָנאָמישער אָפּגעשטאַנענקייט פון דייטשלאַנד און דער פּאָליטישער אומרייפקייט פון דער בורזשואַזיע גופא. אָבער איר פּיאָנערישער אַוואַנגאַרד, די דיכטערס פון „שטורעם און דראַנג" — האָבן שוין אַלע געהאַט דערגרייכט זייער ציל און זיי האָבן זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג צו דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט, פון די פריערדיקע בונטאַרישע שטימונגען און פאַאוסטישע שטרעמונגען איז קיין סימן נישט פאַרבליבן.

IX.

דער גרעסטער פאָרשטייער פון דעם דור „שטורמישע" דיכטער, ג ע ט ע , איז צוזאַמען דערמיט אויך געווען דער סאַמע מוטיקסטער צווישן זיי, און ער האָט אַרויסגעוויזן מער פאַר אַנדערע די קענטעניש זיך צוצופּאַסן צו דער הערשנדיקער הויפיש-מאָנאַרכישער קולטור.

אַ זון פון רייכע פראַנקפורטער פּאַטריצער, איז ג ע ט ע פון קינדווייז-אָן געגאַנגען אויף אַ וועג, וואָס איז באַשאָטן מיט בלומען, און קיין לעבנס-דערנער האָבן זיין פּנים נישט געשטאָכן. ער האָט ווייניקער פאַר אַנדערע געשפּירט דעם יאָך פון סאָציאַלער אומגלייכהייט און פון קאַסטישע פאָראורטיילן. געטעס דיכטונג איז דעריבער אין אַסאַך אַ קלענערער מאָס, איידער די דיכטונג פון זיינע צייט-חברים, דורכגעדרונגען מיט אַ רעוואָלוציאָנערן גייסט, מיט אַן אומצופרידנקייט פון דער עקזיסטירנדיקער זאַכלאַגע.

אמת, זיין ערשטער העלד „געץ פאָן בערליכינגען" זעט אויס, אויפן ערשטן בליק, אַ רעוואָלוציאָנער, וועלכער הויבט אויף אַ בונט קעגן די הערשנדיקע קלאַסן אין נאָמען פון גערעכטיקייט און פרייהייט. אָבער דערדאָזיקער אין תוך פרידלעכער בירגער, וועלכער פילט זיך צומבעסטן אין זיין משפחה-קרייז און וועלכער לאָזט זיך גערן אַריין אין לייטזעליקע אידילישע טרוימען, פאַרמאָגט אַ גאַנץ אומקלאָר געזעלשאַפטלעך פּראָגראַם; דערקלערנדיק אַ מלחמה נישט בלויז דער פעאָדאַלער אַריסטאָקראַטיע, נאָר אויך דעם רייכן סוחרטום, בלייבט ער דרך-ארצדיק שטיין פאַר דער העכסטער מאַכט, און ווען די אומשטענדן צווינגען אים זיך צו שטעלן אינדערשפּיץ פון די צעבונטעוועטע פויע

רים, וועלכע קעמפן, פונקט ווי ער, פאַר גערעכטיקייט און פרייהייט, באַציט ער זיך צו זיי מיט פאַראַכטונג און אומצופרידנקייט דערפאַר, וואָס זיי שמוצן־איין זייערע הענט אין בלוט. אויב געטעס פאָן בערליכינגען גיט זיך נאָך אָפּ פונדעסטוועגן מיט פלענער וועגן דער איבערבויאונג פון דער געזעלשאַפט, איז שוין געטעס שפעטערדיקער העלד („די ליידן פונעם יונגען ווערטער") נישט קיין פּראָטעסטאַנט קעגן דער גאַנצער אָרדנונג, נאָר בלויז אַ פאַרטיידיקער פון פרייהייט פון געפיל, פון פרייהייט פון ליבע. איבעררייסנדיק מיט דער אַריסטאָקראַטישער סביבה, איז זיך ווערטער, רוסאָס אַ תלמיד, מתבודד אין אַ דאָרף צווישן פויערים און קינדער, און ער גיט זיך דאָרטן אָפּ אַ פּאַסיווער באַאָבאַכטונג פון דער נאַטור און טרוימען וועגן דעם אוראַמאָליקן גן־עדן. דער הויפּט־מקור פון זיינע ליידן איז די ליבע צו אַ פרעמד ווייב (צו שאַרלאָטען), און אָט דידאָזיקע אוממעגלעכקייט זיך צו פאַראייניקן מיט דער געליבטער פרוי, וועלכע געהערט געזעצלעך צו אַן אַנדערן, בילדעט דעם איינציקן מאָטיוו פון זיין סאָציאַלן פּראָטעסט, פון זיין אומצופרידנהייט מיט דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

אויב ג ע ט ע האָט אפילו אין „שטורמישן" פעריאָד ווייניק באַרירט סאָציאַלע טעמעס, פלעגט ער זיך אויך זעלטן אָפּשטעלן אויף דער פראַגע וועגן פּאָליטישער פרייהייט. אמת, אין דער דראַמע „עגמאָנט" איז אַלס סוזשעט אויסגעקליבן געוואָרן דער אויפשטאַנד פון די נידערלאַנדער קעגן דעם דעספּאָטישן יאָך פון די שפּאַנישע מאָנאַרכן, פונדעסטוועגן טרעט עגמאָנט אַליין אַרויס נישט אַזוי אַלס פירער פון אַ פאָלקסבאַוועגונג, נאָר גיכער, אַלס אַ פּריוואַטער מענטש, אַלס דער געליבטער פון קלערכען: דאָס איז אַ נאַטור, — ווי, אגב, כמעט אַלע געטעס העלדן, — אַ פּאַסיווע, און נישט קיין אַקטיווע, ער איז אַ פילאָזאָף־עפּיקורעער, און נישט קיין רעוואָלוציאָנער־פּאָליטיקער.

געטע האָט געהאַלטן פאַר גלייכער אַריבערצוטראָגן די פּראָטעסטירנדיקע שטימונג פונעם „שטורמערטום" פון דער סאָציאַל־פּאָליטישער ספערע אויפן רעליגיעז־פילאָזאָפישן געביט. די בולטסטע פיגורן, וועלכע זענען געשאַפן דורך אים געוואָרן, די טיטאַנישסטע בילדער זיינע קעמפן נישט קעגן די ערדישע, נאָר קעגן די הימלישע מאַכטהאָבערס, זיי קעמפן פאַר דעם מענטשנס באַפרייאונג נישט פון די סאָציאַל־פּאָליטישע פּענטעס, נאָר פאַר זיין באַפרייאונג פון די רעליגיעזע

פעטישן. דאָס זענען נישט אַזוי ווייט רעוואָלוציאָנערן, ווי גאָט־באַקעמ־פערס. פּראָמעטעאוס, וועלכער שאַפט, לויט זיין געשטאַלט און אויסזען, מענטשן, וועלכער פאַרפלאַנצט צווישן זיי די עמבריאָנען פון קולטור, לערנט זיינע קינדער צו ליידן און צו קעמפן, פּונקט ווי ער, און, פּונקט ווי ער, צו פאַראַכטן דעם גאָט פון דונער, צעאוסן. פאַאוסט, דערדאָזיקער עכטער זון פון פּראָמעטעאוסן, שטרעבט ווידער אַליין צו ווערן אַ גאָט, ער שטרעבט זיך אויפצוהייבן אויף אַזאַ איבערמענטשלעכער הויך, ער זאָל זיין ביכולת נישט בלויז צו דערקענען די וועלט, נאָר אויך זי צו שאַפן.

ג ע ט ע — דער בולטסטער טיפּ פון אַן אינטעלעקטועלן אַריסטאָקראַט, אין וועלכן די „שטורמישע" דיכטער האָבן געזען דעם אידעאַל פון אַ מענטש — האָט אויך געמאַכט די גלענצנדיקסטע קאַריערע פון צווישן זיינע צייט־חברים. געפינענדיק זיך נאָך אַלס יונגערמאַן ביים וויימאַרער הויף, האָט ער זוכה געווען צו געווינען די פריינטשאַפט פונעם הערצאָג קאַרל־אויגוסט, און דער זון פונעם בירגערלעכן שיכט האָט אויסגעלעבט זיינע יאָרן אַלס הויפישער פּאָעט, אַרומגערינגלט מיט כבוד און באַרימטקייט. די געשיכטע וועגן דעם, וויאַזוי ער, אַ בירגער לויט דער אָפּשטאַמונג, איז אָנגענומען געוואָרן אַלס גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד אין דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט, האָט געטע דערציילט אינעם ראָמאַן: „די לערניאָרן פון ווילהעלם מייסטער". ווילהעלם מייסטער רייסט איבער מיט דער בירגערלעכער סביבה, מיט דער מעסיקער, לאַנגווייליקער באַלעבעסלדיקייט, וועלכע איז פאַרגעשטעלט אין דער פּערזאָן פונעם סוחר־אוטיליטאַריסט ווערנער, און ער קריגט זיך אַריין אין דער אַריסטאָקראַטישער וועלט דורך אַן אומוועג, דורך דער פאַרמיטלונג פון דער אַקטיאָרישער פּראָפעסיע. איינגעפינענדיק, אַז אין דייטשלאַנד „האָבן בלויז אַריסטאָקראַטן אַ מעגלעכקייט צו דערגרייכן אַ פאַרפולקאָמטע אינדיווידועלע אַנטוויקלונג, בשעת די פּערזענלעכקייט פונעם בירגער ווערט פולשטענדיק פאַרמעקט", קלייבט אויס ווילהעלם מייסטער די פּראָפעסיע פון אַן אַקטיאָר דערפאַר, ווייל זי גיט אַ מעגלעכקייט דעם מענטש „אין אַ גלייכמעסיקער שטופע צו פאַרפולקאָמענען זיינע קערפּערלעכע און גייסטיקע פעאיקייטן". מיט אַנדערע ווערטער, די אַקטיאָרישע פּראָפעסיע פאַרבייט ווילהעלם מייסטערן די אַריסטאָקראַטישע סביבה, וועלכע איז מער צוגעפּאַסט, איידער די בירגערלעכע, צום דערגרייכן אַ האַר־

מאָנישע אַנטוויקלונג פון דער פערזענלעכקייט, און צוזאַמען דערמיט גרייט זי אים צו צום אַריינטרעטן אין דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט.

געפינענדיק זיך ביים ווײמאַרער הויף, האָט געטע געדאַרפט קודם-כּל צופּאַסן זיין נאַטור פון אַן אומבאַפרידיקטן און פּראָטעסטירנדיקן בירגער צום הויפישן עטיקעט און צו די הויפישע מידות, ער האָט זיך געדאַרפט באַפרייען פון די בונטאַרישע שטימונגען און שטורמישע אויסברוכן, ער האָט זיך געמוזט אונטערוואַרפן אונטער אַ שטרענגער אינערלעכער דיסציפּלין. דעמדאָזיקן פּראָצעס פון זעלבסטדערציאונג און זעלבסטבאַפרייאונג האָט געטע געשילדערט אין צוויי דראַמעס: „איפיגעניאַ אין טאַווריד“ און „טאַסאָ“. אָרעסט, וועלכער געפינט זיך אונטער דער ממשלה פון פינצטערע און פאַרברעכערישע אינסטינקטן, און געפינט דערנאָך זיין גייסטיקע גלייכגעוויכט; טאַסאָ, וועלכער דיסציפּלינירט, נאָך אַ גאַנצער ריי פעלערן, זיין אומגעצוימטע נאַטור — דאָס איז געטע אַליין, וועלכער האָט צוגעפּאַסט זיין שטורמישן טעמפּעראַמענט צו דער הויפישער סביבה.

געטען איז אויסגעקומען צופּאַסן נישט בלויז זיין נאַטור, נאָר אויך זיין דיכטונג, זיינע אידעען און בילדער צו די באַדערפענישן פון דער נייער הויפיש-מאָנאַרכישער סביבה. ער ווערט איצטער אַ פּאַרטייִקער פון דער אַלטער אָרדנונג, פון דער אַבסאָלוטער מאַכט פון די קעניגן און פון די פּאָליטישע פּריווילעגיעס פון דער אַריסטאָקראַטיע. אין דער פּיעסע „די אויפגעברויזטע“, וועלכע ער האָט אַליין אָנגערופן אַלס זיין באַקענטניש, זעען מיר, ווי אַ גרעפין, וועלכע האָט זיך געפונען אין פּאַריז בעת דער רעוואָלוציע, קערט זיך אום צוריק אין איר היימלאַנד מיט דער איבערצייגונג, אַז דאָס פאָלק דאַרף מען, וואָס אַן אמת, נישט א ו נ ט ע ר ד ר י ק ן, וואָרום עס קען זיך לייכט צעבונטעווען, פונדעסטוועגן דאַרף מען עס ד ר י ק ן, אַנישט קאָן עס לייכט פאַרגעסן די פליכטן. און אין דער טראַגעדיע „די אומגעזעצלעכע טאָכטער“, וועלכע שילדערט דורך סימבאָלישע אַבסטראַקציעס די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, שטעלט זיך געטע אויף דער זייט פון דער אַלטער אָרדנונג, דערקלערנדיק, מיט ביטול, די אויפרודערונג פונעם דריטן שיכט בלויז מיט זיין „גיריקייט“.

יעטוועדער סאָציאַלער פּראָטעסט פאַרשווינדט איצטער פון געטעס דיכטונג. אויב ווערטער האָט נאָך געשטעלט זיין ליבע צו אַ

פרעמד ווייב העכער פונעם „געזעץ“, האַלט שוין אָטיליאַ, אינעם ראָמאַן „ערלעכקייט פון נשמות“, איר ליבע צו אַ פאַרהייראַטן אַלס אַ פאַרברעך קעגן „געזעץ“, אויף וועלכן מ׳דאַרף תשובה־טון, כאָטש דאָס עצם געשלעכטלעכע געפיל ווערט אינעם ראָמאַן פאַרגליכן צו אַ כעמישער ענלעכקייט, ד. ה. פולשטענדיק צו אַ סטיכישער קראַפט.

דער קולט פון די טיטאַנען — גאָט־באַקעמפערס ווערט איצט ביי געטען פאַרביטן אויף אַ בוקן זיך פאַר דער חכמה און גרויסקייט פון די אָלימפּישע געטער. אויב אין די טעג פון „שטורעם און דראַנג“ האָט ער באַזונגען פּראָמעטעאוסן, וועלכער פאַראַכטעט צעאוסן, שטעלט ער איצט, אין „פּאַנדאָראַ“, אַנטקעגן די טיטאַנען די אומשטערבלעכע אָלימפּיער, וועלכע פאַרקערפּערן אין זיך די האַרמאָניע און וועלכע שאַפן אָרדנונג.

אַלס הויפישער פּאָעט האָט געטע ראַדיקאַל געענדערט אויך זיינע עסטעטישע אָנשויאונגען. זייענדיק אין דער יוגנט אַ הייסער פאַרערער פון שעקספּירן און אַן אויסגעשפּראָכענער שונא פון דער פראַנצויזישער הויפישער פּאָעזיע, האָט ער איצטער, דאַקעגן, באַהויפּטעט, אַז שעקספּירס ווערק זענען אַן אָפּשטאַמונג פון באַרבאַרישקייט און געמיינקייט, איצטער פלעגט ער שוין אויסשטעלן אויף דער סצענע פון ווייַמאַרער טעאַטער פראַנצויזישע טראַגעדיעס און ער האָט אַליין איבערגעזעצט וואָלטערס „טאַנקרעד“. זייענדיק אין דער יוגנט אַ רעאַליסט און אפילו אַ נאַטוראַליסט, וועלכער האָט דורך ווערטערס מויל געצהט די קינסטלער, זיי זאָלן אויף קיין איין טריט זיך נישט אָפּבויגן פון דער נאַטור, וועלכער האָט געשטעלט העכער פאַר אַלץ די געטריישאַפט צו דער נאַטור, האָט ער איצטער איבערגעדרייט זיין עסטעטיק מיט דעם אונטערשלאַק אַרויף און, אַרויסגעבנדיק אַ זשורנאַל „קונסט און אַלטערטום“, האָט ער אויפגעוויזן, אַז אַ קינסטלער דאַרף קודם־כל שטרעבן צו געטריישאַפט צו דער קונסט, צו די עסטעטישע כללים.

אַזוי האָט געטע אַריסטאָקראַטיזירט זיין פערזענלעכקייט און זיין דיכטונג, צופּאַסנדיק זיך צו דער הויפיש־אַריסטאָקראַטישער סביבה, וועלכע האָט אויפגענומען אים, דעם בירגער, אַלס גלייכבאַרעכטיקטן מיטגליד, און דאָס האָבן אים נישט געקאָנט מוחל זיין שפּעטער די דעמאָקראַטן, ווי ב ע ר נ ע, למשל.

ווען עס האָט זיך שוין אינעם ערשטן פערטל פון נייַנצענטן יאָר־

הונדערט אין דייטשלאַנד אַלץ מער אַנטוויקלט דער קאַפּיטאַליזם און די מאַשינאַרע טעכניק, האָט זיך ג ע ט ע אַלץ מער אָפּגעקערט פון דער נייער בורזשואַזער קולטור, וועלכע האָט זיך אַריינגעריסן אין דער ממשלה פון דער נאַטוראַלער ווירטשאַפט און פונעם אַריסטאָקראַטישן לעבנשטייגער. אינעם קאַפּיטאַל און אין דער מאַשין האָט ער געזען בלויז נעגאַטיווע עקאָנאָמישע כוחות, וועלכע האָבן חרוב געמאַכט די אַלטע פּאַטריאַרכאַלישע וועלט. אינעם ראָמאַן „די וואַנדערונג-יאָרן פון ווילהעלם מייסטער" האָט געטע מיט ווייטיק געשילדערט, ווי די פאַבריק-פּראָדוקציע ברענגט-אונטער די היימישע ווירטשאַפט פון די קוסטאַרן-וועבערס, און אין דער לעצטער סצענע פון צווייטן טייל פ אַ אוּ ס ט מאָלט ער מיט נישט קיין קלענערער גערירטקייט דעם חורבן פון דער כאַטע פון די גוטע און פשוטע זקנים, פילעמאָן און באַוקידאַ, וועלכער קומט פאַר אונטערן דרוק פון די נייע ווירטשאַפט-לעכע כוחות.

אַריבער דער זיך-אויסבילדנדיקער בורזשואַז-קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, האָט דער „אַריסטאָקראַט" געטע געשיקט זיין בליק אין דער ווייטער סאָציאַליסטישער צוקונפט אַריין. אויב די „לערניאָרן פון ווילהעלם מייסטער" האָבן דערציילט די געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון אַן איינצלנער פּערזענלעכקייט צו אַ פולשטענדיקער אינערלעכער האַרמאָניע, שילדערן דאַן „די וואַנדערונג-יאָרן פון ווילהעלם מייסטער" אַ פּלאַן פון אַ האַרמאָנישער אָרגאַניזאַציע פון דער גאַנצער געזעל-שאַפט אויף קאָלעקטיוויסטישע יסודות. אַלע בירגער-חברים זענען פאַר-פליכטעט צו אַרבעטן און אַלע אַרבעטס-געביטן שטייען אויף איין מדרגה. ס'איז נישטאָ קיין פונאַנדערטיילונג אויף גייסטיקער און פיזי-שער אַרבעט. די דערציאונג פון קינדער גייט אין דער ריכטונג צו אַנטוויקלען ביי זיי דאָס געפיל פון סאָלידאַריטעט, די רעליגיע לערנט צו פאַרערן די וועלט און די מענטשהייט. אויף געטעס סאָציאַליסטי-שער אוטאָפּיע ליגט פונדעסטוועגן דער חותם פון דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט פון דעם בשעתּודיקן דייטשלאַנד. די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט אין זיין אידעאַלער געזעלשאַפט באַגרע-ניצט זיך מיט לאַנדווירטשאַפט און האַנטווערקעריי, און די מאַשינאַרע טעכניק האָט דאָרט קיין אָרט נישט; די מיידלעך דערציען זיך באַזונ-דער פון די יינגלעך ספּעציעל פאַר דער אויספירונג פון די היימיש-משפּחהדיקע פליכטן, און פונקט, ווי אין זיין היימשטאָט, פראַנקפורט,

זענען די יידן געווען פֿאַרשפּאַרט אין אַ שמוציקן געטאָ, ווי פֿאַריער, אַזוי האָבן זיי אויך נישט קיין צוטריט צו זיין געמיינדע פֿון בירגער־חברים.

אין סאָציאַליסטישן גייסט האָט געטע פֿאַרענדיקט אויך זיין דראַמאַטישע פּאָעמע וועגן פֿאַוסטן, איבער וועלכער ער האָט געאַרבעט דאָס גאַנצע לעבן.

אַנטוישנדיק זיך אין דער מעגלעכקייט משיג צו זיין דעם סוד פֿון קיום בײַ די באַגרענעצטע מיטלען פֿונעם מענטשלעכן שכל, ווערט פֿאַוסט פֿאַרוואַנדלט פֿון אַ זוכער פֿונעם אמת, אין אַ זוכער פֿון גליק. לכתּחילה זוכט ער דאָסדאָזיקע גליק אין עגאָאיסטישער זעלבסט־באַפֿרידיקונג, אין דער ליבע צו גרעטכען, אין דער באַטראַכטונג פֿון דער נאַטור (די סצענע אין דער הייל אין ערשטן טייל), אינעם קולט פֿאַר דער קונסט (דער עפּיזאָד מיט העלענען אין צווייטן טייל). אָבער ער געפֿינט נישט אין דידאָזיקע עגאָאיסטישע אויפֿבראַוזונגען נישט קיין באַפֿרידיקונג, נישט קיין רו. ס'איז נישטאָ אַזאַ מין אויגנבליק, וועלכן ער זאָל וועלן אַ זאָג טון: „בלייב שטיין, ביסט הערלעך, בלייב שטיין".

באַקומענדיק פֿונעם אימפּעראַטאָר אַלס באַלוינונג פֿאַר דעם אָפּגעהאַלטענעם נצחון אַן אומפּרוכטבאַר שטיקל ערד, נעמט זיך דער זקן פֿאַוסט מיט יוגנטלעכער ענערגיע צו פֿאַרוואַנדלען עס אין אַ בליענדיקע אַזוי, האָפֿנדיק, אַז דאָ וועט אַמאָל זיך באַזעצן אַ גליקלעך און פֿריי פֿאָלק, וואָס וועט פֿירן אַ חבֿרישן קאַמף מיט זיין אייניאונאייניקן שונא — מיט די סטיכישע כּוחות פֿון דער נאַטור. פֿאַרפֿילנדיק דידאָזיקע ליכטיקע צוקונפֿט שרייט אויס, שטאַרבנדיק, פֿאַוסט:

פֿרייע מענטשן אַ פֿריי לאַנד צום געוועלטיקן געבן!
צו אַזאַ מין מינוט געזאָגט וואָלט איך:
בלייב שטיין, ביסט הערלעך, בלייב שטיין!

די פעאָדאַל־מאָנאַרכישע רעאַקציע

I.

די גרויסע רעוואָלוציע, וועלכע האָט פאַרענדיקט דעם אַכצענטן יאָרהונדערט מיט אַ גראַנדיעזער סאָציאַלער קאַטאַסטראָפע, האָט נישט בלויז אין פראַנקרייך אַליין אויפגעטרייסלט ביזן גרונט די געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג, — זי האָט אויך געדראָט אויפצורייסן די אַלטע אָרדנונג אין יענע לענדער, וואו זי האָט זיך נאָך פעסט געהאַלטן. דעריבער איז ווי נאָר אַלע קלאַסן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט האָבן געפּאַטערט זייערע כּוחות אין דער רעוואָלוציע, האָט זיך אָנגעהויבן, נישט בלויז אין פראַנקרייך, נאָר אויך אין דייטשלאַנד, אַ רעאַקציע מצד דער פעאָדאַלער מאָנאַרכיע, וועלכע האָט זיך אַ וואָרף געטון צו באַפעסטיקן אירע צעשאָסענע פּאָזיציעס, איר האַלב־חרובע פעסטונג.

אין דער עפּאָכע פון דער רעוואָלוציע איז דאָס פראַנצויזישע פּריצנטום מיט געוואַלט באַרויבט געוואָרן פונעם ערד־אייגנטום און עס האָט געמוזט עמיגרירן אין דער פרעמד אַריין. די אינטעליגענץ פון דעמדאָזיקן קלאַס האָט פאַרלוירן איר אָרט אין דער געזעלשאַפט און זי איז פאַרבליבן אָן וועלכער ס'איז באַשעפטיקונג. דער באַוואוסטזיין וועגן איר אומנויטיקייט האָט זי אַריינגעטריבן אין אַ טיפער מעלאַנכאָליע. דער אינטעליגענט־פּריץ איז געוואָרן אַן „איבעריקער" מענטש.

דער קינסטלערישער סימבאָל פון דעמדאָזיקן דור פון דער פּריצישער אינטעליגענץ איז שאַטאָבריאַנס העלד רענע (דער העלד פון אַ דערציילונג אונטער דעמזעלבן נאָמען, — וועלכע איז פאַרעפנטלעכט אינעם בוך „דער גייסט פון קריסטנטום".

זייענדיק אַן אייניקל פֿון אַן אַלטער נאָרמאַנישער אַריסטאָקראַ־טישער פֿאַמיליע, האָט רענע געירשנט פֿון זיינע אבות אַ פּאַטאָלאָגישע נטיה צו מעלאַנכאָליע. ער איז געוואַקסן אין אַן אַלטערטימלעכן שלאָס און נאָך זייענדיק אַ קינד האָט ער ליב געהאַט צו טרוימען וועגן קלויסטערשער התבודדות. אַלס יונגערמאַן לאָזט ער זיך אַוועק וואַנ־דערן און אים ציט גישט־ווילנדיק צו די חורבות פֿון פֿאַרניכטעטע שטעט און אונטערגעגאַנגענע מלוכות, וואו ס'איז שוין מער נישט פֿאַ־ראַן קיין לעבן. שעהנלאַנג פֿלעגט ער זיצן אויף די שטיינער פֿון קאָ־ליזעאום און טראַכטן טרויעריקע מחשבות וועגן דער נישטיקייט פֿונעם גאַנצן לעבן. פֿילנדיק זיך אָפּט בכוח צו שאַפֿן אַ „גאַנצע וועלט", האָט רענע נישט געוואוסט וואָזוי אויסצונוצן זיינע כוחות. ער האָט זיך אַלץ מער דערווייטערט פֿון מענטשן, מיט וועלכע ער האָט נישט גע־האַט קיין שום „געמיינזאַמעס", און ער איז אַלץ טיפֿער געזונקען אינעם פֿינצטערן נעפּל פֿון פֿאַרצווייפֿלונג. ער וואָלט געוואָלט „בכלל נישט געבוירן ווערן אויף דער וועלט". פֿילנדיק זיך איבעריק אין זיין היימלאַנד, פֿאָרט ער אַוועק קיין אַמעריקע. באַזעצט זיך צווישן רויט־הויטיקע שבטים. האָט חתונה מיט אַ ווילדע, קאָן זיך אויך אינעם אורוואַלד קיין רו נישט געפֿינען און ער שטאַרבט אין אַ צוזאַמענ־שטויס מיט אַ שכנישן אינדישן שבט.

די פֿילגעשטאַלטיקייט פֿון דעמדאָזיקן טיפּ פֿונעם איבעריקן מענטש האָט געשילדערט סענאַקור אינעם ראָמאַן „אָבערמאַן". פּונקט ווי רענע גייט אויך אָבערמאַן אַוועק פֿון מענטשן און איז זיך מתבודד אויף די אייז־שפּיצן פֿון די אַלפּן־בערג, וואו ער לאָזט זיך אַריין אין אומפּרוכטבאַרע זעלבסטבאַטראַכטונגען און זעלבסטאַנאַליזן, ער איז בודק פֿון אַלע זייטן זיינע סאַמע נישטיקסטע איבערלעבונגען, ער דערגייט צו אַן אויסערגעוויינלעכער נערוועזער פֿילבאַרקייט, ער ווערט פֿאַרזונקען אין מרה־שחורה און אומעט, און ער פֿאַרענדיקט זיין טאָגבוך מיט אַ פּעסימיסטישן געדאַנק וועגן דער נישטיקייט פֿונעם מענטש, וועלכער פֿאַרשווינדט אין דעם „אייביקן טויש זיך פֿון פֿאַר־גענגלעכע קעגנשטאַנדן".

ווען אין פֿראַנקרייך האָט זיך אָנגעהויבן די רעאַקציע, ווען ס'האָבן זיך אומגעקערט אויפֿן טראָן די בורבאָנען און עס איז צוריק אויפֿגעשטעלט געוואָרן דער פּרעסטיזש פֿון דער קאַטוילישער קירכע, האָט דידאָזיקע פּריצישע אינטעליגענץ, פֿון וועלכער עס זענען ערשט

נישט לאַנג אַרויסגעקומען אַנטוישטע מתבודדים, ווי רענע און אָבער־מאַן, זיך אויך אומגעקערט אין איר היימלאַנד אַריין, וואו ס'איז פאַר איר איצטער פאָרגעשטאַנען אַ ברייט פעלד פאַר טעטיקייט. אויף וויפיל זי איז געווען באַשאַנקען מיט אַ קינסטלערישן אָדער פובליציסטישן טאַלאַנט, פלעגט זי ברענגען איר באַגייסטערונג און איר פעדער צום דינסט דער רעאַקציע.

די ערשטע דאגה פון דערדאָזיקער גרופע פעאָדאַלע רעאַקציאָנערן איז געווען דאָס צוריקאויפשטעלן אין אַלע ספערעס פון לעבן די „אָרדנונג", וועלכע איז געוועסט אויפגעטרייסלט געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע.

די דעמאָקראַטן פון אַכצענטן יאָרהונדערט האָבן געבויט די פאַ־מיליע אויף די יסודות פון אַן אָפּמאַך צווישן דעם מאַן און דער פרוי און זיי זענען געווען אָנהענגער פון דער צעררייסבאַרקייט פון דער הייראַט. ב אָ נ אַ ל ד — דער הויפט־פובליציסט פון דער רע־אַקציע — האָט, דאַקעגן, געהאַלטן, אַז די פאַמיליע דאַרף זיך באַ־זירן אויף דער אומבאַגרעניצטער מאַכט פונעם פאָטער און אויף דער אָנתנאימדיקער אונטערטעניקייט פון דער פרוי און פון די קינדער, און אַז די הייראַט, אַלס הייליקע זאַך, קאָן בשום אופן נישט צעריסן ווערן. די דעמאָקראַטן פון אַכצענטן יאָרהונדערט האָבן פאַרלאַנגט אונטערצוברעכן די אונטערשיידן צווישן די שטאַנדן און איינצו־פירן גלייכהייט פון אַלע בירגער. באָנאַלד, דאַקעגן, האָט געהאַלטן, אַז אַ נאָרמאַלע געזעלשאַפט איז בלויז אַזאַ, וועלכע איז צעטיילט אויף אומבאַוועגלעכע שטאַנדן, דערביי איז איין טייל באַרופן צו רעגירן און דער צווייטער טייל — צו זיין אונטערטעניק. די דעמאָקראַטן פון אַכצענטן יאָרהונדערט האָבן געזען אינעם מאָנאַרך בלויז אַ טוישבאַרן באַאַמטן, וועלכער איז צייטווייליק אויסגעוויילט דורכן פאָלק, באָנאַלד, ווידער, האָט געהאַלטן, אַז די מאַכט פונעם מאָנאַרך איז פונקט אַזוי סאַנקציאָנירט דורך גאָט, זי איז פונקט אַזוי ירושהדיק און אומאָפּנעמ־באַר, ווי די מאַכט פונעם פאָטער־פאַטריאַרך אין דער פאַמיליע.

די פובליציסטן און די דיכטער פון דער רעאַקציע האָבן געשטרעבט צוריק אויפצושטעלן נישט בלויז די שטאַנדיש־מאָנאַר־כישע אָרדנונג, נאָר אויך די גרויסמאַכטיקייט פון דער קאַטוילישער קירכע.

אין זיין בוך „וועגן פויפסט" מאַכט ד ע ־ מ ע ס ט ר ווידעראַמאָל

אונטערטעניק דעם געדאַנק און דאָס געפיל פונעם מענטש צום אומ־זינדיקן שכל פונעם רוימישן כוהן־גדול און ער שטעלט אַוועק אויף איין מדרגה מיט אים, אַלס זיין אויספיר־מאַכט, דעם תּלין־אינקוויזיטאָר, וועלכער פאַרפאָלגט די אפיקורסים און בונטאַרן. אין זיין בוך „דער גייסט פון קריסטנטום" זינגט שאַטאָבריאַן באַגייסטערטע הימנען צו דער קאַטוילישער רעליגיע, צו דער עסטעטישסטער און מאָראַליש־סטער, און מיט אַ ציטער אין קול רעדט ער וועגן דער באַדייטונג פון די הייליקע געהיימנישן, וועגן דער פּרעכטיקייט פון די אַלטערטימלע־כע גאָטישע קאַטעדראַלעס, וועגן דער פּאָעזיע פונעם אָוונט־גלאָק. דער־דאָזיקער גאַנצער דור פון רעאַקציאָנערן האָט געזוכט און געפונען, ווי עס דריקט זיך אויס לאַמאַרטין „אינעם בוקן זיך און אין תּפילות, אינעם גלויבן אין קריסטוסן, — אָט־דעם גאָט פון טרערן, אַ טרייסט און אַ דערלייכטערונג".

די וואונדערבאַר־אויסהיילנדיקע ווירקונג פון דער קריסטלעכער רעליגיע אויף דער נשמה פון אַ מענטש — דאָס איז די געוויינלעכע טעמע פון שאַטאָבריאַנס עקזאָטישע און היסטאָרישע ראָמאַנען („אַטאַלאַ", „מערטירערס") און פון לאַמאַרטינס טרוימערישע ליריק („מחשבות", „האַרמאָניעס").

צוזאַמען מיט די מיטלאַלטערלעכע איינריכטונגען האָבן די דיכ־טער פון דער רעאַקציאָנערער עפּאָכע צוריק אויפגעלעבט אויך דעם נאַאיווען מיטלאַלטערלעכן מיסטיציזם, דעם גלויבן אינעם רעאַלן קיום פון אַ יענער וועלט און פון אירע איינוואוינערס. אין די פאַנטאַסטישע דערציילונגען פון נאָדיע באַטייליקן זיך תּמיד פעיעס און הויז־שדים, און אין אַלטע פּאַלאַצן שפּאַצירן אַרום גייסטער.

דידאָזיקע דיכטער האָבן צוזאַמען דערמיט אויך אויפגעלעבט דעם מיטלאַלטערלעכן דואַליזם פון מאַטעריע און גייסט. פאַר אַ דע־מאָקראַט פון אַכצענטן יאָרהונדערט איז די נאַטור גופא געווען אַ גאָטהייט, וועלכע האָט אים געלערנט, וויאַזוי צו בויען די געזעלשאַפט, און וויאַזוי זיך צו באַציען איינער צום אַנדערן, און דאָס עצם־וואָרט נאַטור האָט ער געשריבן נישט אַנדערש ווי מיט אַ גרויסן בוכ־שטאַב צום אָנהויב. פאַרן דיכטער פון דער רעאַקציע איז די נאַטור געווען בלויז אַ פּראָדוקט פונעם שעפער, וועלכער געפינט זיך מחוץ פון איר, און מאַלנדיק אַ שיינעם פּייזאַזש, פלעגט ער אַרויפגעבן

איבער אים דאָס בילד פֿונעם אַלמעכטיקן גאָט (ל אַ מ אַ ר ט י ן: „מחשבות“ און „ראַפֿאַעל“).

פֿאַר די דעמאָקראַטן פֿון אַכצענטן יאָרהונדערט איז די ליבע געווען גלייכצייטיק סיי אַ פֿיזיש סיי אַ פּסיכיש געפֿיל. פֿאַר דעם דיכטער פֿון דער רעאַקציע איז, פּונקט ווי פֿאַרן מיטלאַלטערלעכן אַסקעט, די ליידנשאַפֿטלעכע ליבע געווען אַ טײַוולשע אָנרעדעניש, וועלכע איז נישט פּאַסיק פֿאַר אַ קריסט. ווען אין ש אַ ט אָ ב ר י אַ נ ס ראָמאַן „אַטאַלאַ“ וויל דער רויטהויטיקער שאַקטאַס באַוועלטיקן די אים־ליבנדיקע אַטאַלאַ, וועלכע האָט אָנגענומען דאָס קריסטנטום, און די לעצטע איז גרייט, נאָך אַ לאַנגן אינערלעכן געראַנגל, אים זיך אָפּצוגעבן, — פֿאַלט אַראָפּ פֿון דעם איבערן וואַלד אַראָפּהענגענדיקן וואָלקן גלייך צו זייערע פֿיס אַ בליץ, ווי אַ וואָרנונג, געשיקט פֿון די הימלען. ווען אינעם ראָמאַן פֿון דעמזעלבן שאַטאָבריאַן „מערטירערס“ קומט זיך צונויף דער קריסט עאודאָר מיט דער געצנדינערישער פּריסטערין וועלעדאַ, דאַכט זיך אים אויס, אַז „דער גיהנום אַליין גיט אַ סיגנאַל צו דער דאָזיקער חתונה, אַז די גייסטער פֿון דער פֿינצטערניש טריאומפֿירן, אַז די ריינבתולהדיקע פֿרויען פֿון די פּאַטריאַרכן קערן אָפּ זייער פּנים און אַז זיין אייגענער מלאך־הגואל פֿליט אַוועק פֿון שרעק אין די הימלען אַריין“.

דידאָזיקע דיכטער האָבן אַנטקעגנגעשטעלט דער פֿיזישער ליידנשאַפֿט דאָס פּלאַטאָנישע געפֿיל. אין לאַמאַרטינס דערציילונג „ראַפֿאַעל“ האָבן דער העלד און די העלדין ליב איינער דעם אַנדערן (אמת, נישט פֿרייוויליק, נאָר באַלקאָרכעדיק) טאַקע מיט אַזאַ מין ריין־גייסטיקער ליבע און זיי געפֿינען אין איר דאָס העכסטע גליק. „צי וועלן מיר דען נישט מער גלויבן אין דער אייביקייט פֿון אונזער ליבע כּל־זמן זי וועט פֿאַרבלייבן אויף דער הויך פֿונעם ריינעם געדאַנק — זאָגט זי צו אים — איידער דאַן, ווען זי וועט ווערן פּראָפֿאַנירט, זיך אַראָפּלאָזנדיק אינעם זומפּ פֿון געמיינע געפֿילן?“.

צייטנווייז פֿלעגן דידאָזיקע דיכטער דערפֿירן ביז צום עקסטרעם זייער פּלאַטאָנישע טעאָריע פֿון ליבע און זיי פֿלעגן אַוועקשטעלן אָנשטאָט אַ פֿרוי, אַלס אָביעקט פֿון דער ליידנשאַפֿט, אינדעראמתן עפּעס אַ נישט עקזיסטירנדיקע געשטאַלט: אַזוי זעען מיר, ווי אין איינער פֿון נ אָ ד י ע ס דערציילונגען איז דער העלד פֿאַרליבט אינעם פֿאַרטרעט פֿון דער מלכּת־שבא און ווען אים שטייט־פֿאָר אַן אויסוואַל צווישן

טויט אויף דער תּליה און צווישן התונה־האָבן מיט אַ מיידל, וואָס איז אים לגמרי נישט דערווידער, קלייבט ער פונדעסטוועגן אויס דעם טויט, דערפאַר ווייל ער וויל נישט פאַראַטן זיין ליבע צום אידעאַלן טרוים.

דער גרעסטער דיכטער פון דער רעאַקציאָנערער עפּאָכע וויק־טאָר הוגאָ האָט אויך געגעבן דאָס פולסטע און בולסטע בילד פונעם אויפגעלעבטן מיטלאַלטערלעכן לעבנשטייגער.

וויקטאָר הוגאָ האָט דעביוטירט אַלס הונדערט־פּראָצענטיקער רעאַקציאָנער. אַלס געטרייער ריטער פונעם טראָן און אַלטאַר איז ער אין זיינע „אָדעס" אָנגעפאַלן מיט שוים אויף די ליפּן אויף דעם גאָט־לאָזן דעמאָקראַטישן אַכצעטן יאָרהונדערט. אין זיינע „באַלאַדעס" האָט ער מיט זאָרגפעלטיקער ליבע געצייכנט מיניאַטורישע בילדלעך פונעם מיטלאַלטערלעכן לעבן: אַ ריטער, וואָס באַטראַכט הערבן, אָדער בלאָזט אינעם יעגערישן בלאָזהאָרן צווישן הינט, אָדער באַוואָפנט זיך צום פאַרשטייענדיקן טורניר; אַ מינעסטרעל, וועלכער זינגט אין אַן איינזאַם צימער ליבע־לידער צו עפּעס אַ יחוסדיקער דאַמע; אַ קאַראַהאַד פון מכשפות, וועלכער טראָגט זיך אין אַ ווילדן טאַנץ אונטער די געוועל־בונגען פון אַן אַלטער קירכע.

אָטאָ די אַלע מיניאַטורן און סקיצן האָט וויקטאָר הוגאָ צונויפ־געקליבן צוזאַמען, ער האָט זיי פאַרברייטערט און פאַרטיפט און ער האָט געשאַפן אינעם ראָמאַן „די קאַטעדראַלע פון פאַריזער גאָטס מו־טער" אַ ברייט און פאַרביק בילד פונעם מיטלאַלטערלעכן לעבנשטיי־גער, וואו עס הערשט מעכטיק די גיגאַנטישע גאָטישע קאַטעדראַלע מיט איר קיילעכדיק פאַרשידנפאַרביק פענסטער, וואָס איז ענלעך צו דער זון; איר אינדערלופטנדיקער גאַלעריע, וועלכע זעט אויס ווי אַ פאַדערטויער צו די הימלען, אירע שפּיצנאַרטיקע טורעמלעך און די לייכטע אַרקאַדן, וועלכע רייסן זיך אינדערהויך. אַרום הויבן זיך און פאַלן די לעבנס־כוואַליעס, עס קומען און פאַרשווינדן דורות, אַלץ איז אונטערגעוואָרפן פאַרשווינדלעכקייט און אונטערגאַנג: בלויז זי, די קאַטעדראַלע, דערדאָזיקער פאַרשטיינערטער סימבאָל פון מיטלאַלטער־לעכער רעליגיעזער שאַפונג, שטייט אומדערשיטערט, דערמאָנענדיק וועגן די אייביקע הימלען.

II.

פונקט ווי אין פראַנקרייך, האָט אויך אין דייטשלאַנד, אין ערשטן פערטל פון נײַנצעטן יאָרהונדערט, די אינטעליגענץ באַדינט די אינטערעסן פון דער קעניגלעכער מאַכט און פון פריצנטום. דידאָזיקע אינטעליגענץ, צו וועלכער ס׳האָבן געהערט טיק, נאָוואַליס, די ברידער שלעגעל, אייכענדאָרף, אַרנים, האָפמאַן און אַנדערע, איז באַקאַנט אונטערן נאָמען — ראָמאַנטיקער.

לויט זייערע סאָציאַל־פּאָליטישע איבערצייגונגען זענען די ראָמאַנטיקער געווען אָנהענגערס פון דער מיטלאַלטערלעכער שטאַנדיש־מאָנאַרכישער געזעלשאַפטס־אָרדנונג און הייסע קעגנער פונעם קאָנסטיטוציאָנאַליזם. אינדערשפּיץ פון דער מלוכה האָבן זיי אַוועקגעשטעלט דעם הערשער־פּאַטריאַרך, וועלכער איז פאַרבונדן מיטן פאָלק נישט דורך אַ „חוזקדיק פּאַפּיר“ (די קאָנסטיטוציע), נאָר דורך אַ גייסטיק־מאָראַלישן צוזאַמענבונד, וועלכער פאַרייניקט דעם פאָטער מיט די קינדער אין איין ענגער משפּחה. צווישן די באַזונדערע, שאַרף אָפּגעגרעניצטע, שטאַנדן עקזיסטירן אויך אַזעלכע ליבלעך־צוטרוילעכע באַציאונגען, ווי צווישן דעם מאָנאַרך און זײַנע אונטערטאַנען, — אַ דאַנק דידאָזיקע פאַרהעלטנישן רעגירן די מענטשן אויבן לטובת די אינטערעסן פון דער נידער, און די פון דער נידער גיבן זיך פרייוויליק אונטער דער השגחה פון די מענטשן פון אויבן (טיק, נאָוואַליס, אַדאַם מילער).

די ראָמאַנטיקער האָבן אידעאַליזירט נישט בלויז די מיטלאַלטערלעכע מלוכה, נאָר אויך די מיטלאַלטערלעכע קירכע. זייענדיק לוטעראַנער פון אָפּשטאַמונג, האָבן זיי כמעט אַלע אָנגענומען דעם קאַטאָליציזם. ווי נאָוואַליס, למשל, האָבן זיי ליב געהאַט זיך אַריבערצוטראָגן אין די מיטלאַלטערלעכע צייטן, ווען גאַנץ אייראָפּע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן איינהייטלעכע מלוכה פון גלויבן, אונטערן סצעפּטער פונעם רוימישן כּוהן־גדול, און זיי האָבן געגלויבט, אַז אויף דער ערד וועט ווידער אויפגעבויט ווערן די איינהייטלעכע אַלוועלטלעכע אָדער קאַטוילישע קירכע, וועלכע וועט אַרײַננעמען אין איר שויס אַלע נשמות, וועלכע בענקען נאָך אַ הימליש פאָטערלאַנד, נישט געקוקט אויף נאַציאָנאַלע אונטערשיידן.

די ראָמאַנטיקער האָבן פאַרהערלעכט נישט בלויז די מיטלאַלטער־לעכע פּאָליטישע און קירכלעכע איינריכטונגען, נאָר זיי האָבן זיך אויך באַמיט ווידעראויפצולעבן די מיטלאַלטערלעכע רעליגיעזע קונסט. אין זיינע „האַרץ־אַראָפּרעדענישן פון אַ מאָנאַך, אַ ליבהאָבער פון קונסט“ האָט װאַקענראָדער אויסגעדריקט אין װייניק װערטער די רעלי־גיעזע עסטעטיק פון די ראָמאַנטיקער. באַזירנדיק אויפן געדאַנק, אַז „שיינקייט איז גאָט און גאָט איז שיינקייט“, האָט ער אויפגעוויזן, אַז קונסט איז אידענטיש מיט רעליגיע, און אַז דער קינסטלער איז אַן אמתער כּוהן פונעם אַלערהעכסטן. דידאַקטישע צונויפמישונג פון רעליגיע און קונסט איז געווען איינע פון די סיבות, וועלכע האָבן צוגעצויגן די ראָמאַנטיקער צום קאַטאָליציזם, וועלכער האָט געווירקט אויף זייער פאַנטאַזיע, הויפּטזאַכלעך, מיט זיין עסטעטישער זייט, מיט די בילדער פון די מאַדאָנעס, מיט דער קירכלעכער מוזיק און מיט דער פּראַכט־פולער גאָטדינסט. די ראָמאַנטיקער האָבן אַסאַך אויפגעטון פאַר דער שטודירונג פון דער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור, אַרויסרופנדיק אַן אינטערעס צו דאַנטען, און אויך צו אַזעלכע דיכטער, וועלכע זע־נען, ווי שעקספּיר און קאַלדעראָן, געווען נאָענט צו דער מיטל־אַלטערלעכער וועלט־אויפפאַסונג.

די ראָמאַנטיקער האָבן צוזאַמען דערמיט אויך ווידעראויפגעלעבט די וועלט פון מיטלאַלטערלעכע אַבערגלויבנס, די וועלט פון גייסטער און שאָטנגעשטאַלטן. פּונקט ווי די מיטלאַלטערלעכע טרוימערס, פלעגן זיי תּמיד צונויפפלאָנטערן ווירקלעכקייט מיט חלום־זעאונגען, און חלומות מיט ווירקלעכקייט. אין טיקס דערציילונג „דער בלאָנדער עבערט“ זעט דער העלד נאָך לאַנגע יאָרן ווידער יענץ וואַלדיקע ווינקל, וואו ער האָט אַמאָל געוואוינט מיט זיין פאַרשטאָרבענער פרוי און ער קאָן זיך נישט אָפּגעבן קיין חשבון, בעת ער שטעלט זיך פאַר די פאַרגאַנגענהייט, צי זעט ער איצטער אַ חלום, צי פאַרקערט, ס'איז געווען אַ חלום דעמאָלט, ווען ער האָט דאָ געוואוינט. אין אַן אַנדער דערציילונג פון טיקן „פריינט“, קומט דער העלד אַריין אין אַ פּאָעזיע־פּאַלאַץ, וואו אַלץ, וועגן וואָס ער האָט געטרוימט, נעמט אָן אַ רעאַלע פאָרם, און אים דאַכט זיך, אַז פריער, בשעת ער האָט געלעבט אין דער רעאַלער וועלט, איז אַלץ, וואָס ער האָט געזען, געווען בלויז אַ חלום. צונויפמישנדיק כּסדר רעאַליטעט מיט חלומות, פלעגן די ראָמאַנטיקער צוגעבן די חלום־זעאונגען אַ רעאַלע באַדייטונג.

אין ק ל י י ס ט ס דראַמע „קעכטען פון דער שטאָט היילבראָן", כאַפּט זיך אויף ביינאַכט אַ מיידל און זי זעט: אויף דער שוועל שטייט אַ ריטער, וועלכן ס'האַלט ביי דער האַנט אַ מלאך. זי לאָזט זיך אַראָפּ פאַר זיי אויף די קני, אָבער די זעאונג פאַרשווינדט גיך. אין עטלעכע טעג אַרום באַגעגנט זי אין איר פאָטערס וואַרשטאַט פונקט אַזאַ ריטער און זי בינדט זיך צו צו אים מיט עפעס אַ מין סטיכישער קראַפט, זי פאַרלאָזט איר היימיש הויז און זי גייט אים נאָך אומעטום, ווי אַ געטרייע שקלאַפין, זי טראָגט אַריבער אָנתרעומותדיק זיינע קלעפּ און זי שלאָפט אין פערדשטאַל אויף שטרוי צוזאַמען מיט די פערד. סוף-כל-סוף ווייזט זיך אַרויס, אַז די זעאונג, וועלכע האָט זיך אַנטפּלעקט דעם מיידל, איז געווען נישט קיין זעאונג, נאָר אַ מענטש פון בלוט און פלייש. דער ריטער האָט זיך בעת אַ קרענק צעטיילט אויף צווייען און אין דערזעלבער צייט, ווען זיין קערפער איז געבליבן ליגן אויפן קראַנקנבעט, איז זיין נשמה, באַלייבנדיק זיך מיט אַ צווייטן גוף, אַוועק וואַנדערן איבער דער וועלט, און זי האָט אַ קוק אַריין געגעבן אינעם צימערל פונעם מיידל, דעריבער האָט זי אים טאַקע באַלד דערקענט, ווען זי האָט אים דערזען אין איר פאָטערס וואַרשטאַט.

די ראָמאַנטיקער פלעגן זיך אויך נוהג-זיין צוצוגעבן זייערע סוביעקטיווע איבערלעבונגען אָביעקטיווע באַצייכנונגען. אין ה אָ פ מ אַ נ ס ראָמאַן „דעם טייוולס עליקסירן" הערט דער מאָנאַך מעדאַרד, וועלכער איז איינגעשפאַרט פאַר אַ פאַרברעך אין תפיסה, ווי מ'רופט אים. פלוצלינג זינקט איין דער שטיינערנער פלאַט פון דער פאָדלאָגע און פונעם געעפנטן חלל קוקט אויף אים אַרויס אַ צווייטער מאָנאַך, מיט פונקט אַזאַ קליידונג און פונקט אַזאַ פנים, — דאָס איז זיין געוויסן, וואָס איז פאַרקערפערט געוואָרן אין אָנטאַפּבאַרע קאָנטורן.

נישט מאַכנדיק קיין אונטערשייד צווישן טרוימען און ווירקלעכקייט, האָבן די ראָמאַנטיקער באַפעלקערט די וועלט נישט בלויז מיט מענטשן, נאָר אויך מיט גייסטער. אין אַ ר נ י מ ס ראָמאַן „גרעפין דאָלאָרעס" קערט זיך אום דער אַלטער גראַף, נאָך אַ לאַנגער אָפּוועזנהייט, צוריק אין זיין שלאָס און ער קאָן זיך בשום אופן נישט צוגעוואוינען צו דער משונהדיקער אויפפירונג פון דער פרוי און פון דער דינערשאַפט: ביסלעכווייז ערשט ווערט פאַר אים קלאָר, אַז זיי זענען שוין פון לאַנג געשטאָרבן און אַז ער האָט צו טון מיט גייסטער. האָבנדיק אַ נטיה צו אַלץ, וואָס איז פאַנטאַסטיש, האָבן די ראָמאַנטיקער ליב גע-

האָט צו שאַפן זייערע בילדער אויף אַזאַ אופן, אַז אָדער זיי פּלעגן צו־נעמען ביים מענטש די אייגנשאַפטן און אַטריבוטן, וועלכע געהערן צו אים, אָדער זיי פּלעגן אים צוגעבן אייגנשאַפטן, אָפּגענומענע ביי אַנ־דערע. אין שאַמיסאָס דערציילונג „פּעטער שלעמיל" נעמט זיך דער טראַגישער גורל פונעם העלד דערפון, וואָס ער האָט נישט ווי אַלע מענטשן, קיין שאָטן, און אין האָפמאַנס דערציילונג „דער קאַרליק צאַכעס" מאַכט דער העלד אַ גלענצנדיקע קאַריערע דורכדעם, וואָס מ׳שרייבט־צו אויף זיין חשבון יעדעס קלוג וואָרט און יעדע גוטע זאַך וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט אין אָפּגעטון אין זיין אָנוועזנהייט.

פונקט אַזעלכע פאַנטאַסטן זענען די ראָמאַנטיקער אַליין אויך אין זייערע אָנשויאונגען וועגן ליבע. זיי האָבן געגלויבט, אַז יעדער איינציקער מענטש פאַרמאָגט אַ פאַרטיקן (אַ מענערשן צי אַ פרויאישן) אידעאַל און ער זוכט זיין פאַרקערפערונג אין לעבן. אויף צו באַצייכענען דעמ־דאָזיקן אידעאַל האָבן די ראָמאַנטיקער אויסגעטראַכט די סאַמע פאַר־שיידנאַרטיקסטע און משונהדיקסטע סימבאָלן. אין נאָוואַליסעס ראָמאַן „היינריך אָפטערדינגענער" זעט דער העלד אין חלום אַ בלוי בלימל, פון וועמענס בעכערל עס קוקט אויף אים אַרויס אַ מיידלש פנים און ער געפינט שפעטער אין דער טאָכטער פונעם כישופמאַכער קלינג־סאָר די פאַרווירקלעכונג פון זיין טרוים. און אין האָפמאַנס דערציילונג „די גאָלדענע וואַזע" שוועבט דאָס גאַנצע לעבן פאַר די אויגן פונעם העלד אַ בילד פון אַ שלענגל — אַ סערפּענטין, וואָס פאַרקערפערט אין זיך זיין טרוים וועגן ליבע. זייער אָפט פלעגט ביים ראָמאַנטיקער דערדאָזי־קער טרוים וועגן אַן אידעאַלער פרוי געפינען זיין קאָנקרעטע פאַר־ווירקלעכונג נישט אין עפּעס אַ רעאַלער פרוי, נאָר אין אַ געמאָלטער אויף לייוונט קאַטוילישער הייליקער: אַזוי זעען מיר, ווי דער מאָנאַך מעדאַרד, ביי האָפמאַנען, פאַרליבט זיך אין אַ בילד פון אַ קינסטלער, וואָס שטעלט פאַר די הייליקע ראָזאַליאַ, און דאָסדאָזיקע בילד פאַרפאָלגט אים יסורימדיק אין משך פון לאַנגע יאָרן. סוף־כל־סוף זענען די ראָמאַנ־טיקער געוואָרן קרבנות פון דערדאָזיקער האַלוצינירנדיקער ליבע צו שאָטנגעשטאַלטן און זיי זענען געקומען צו דער פעסימיסטישער איבער־צייגונג, אַז ס׳איז אוממעגלעך ליב צו האָבן רעאַלע וועזנס. אַלס אַזאַ טרוימער־פעסימיסט האָט האָפמאַן געשילדערט דאָן־זשואַנען, וועלכער זוכט אומעטום די פאַרקערפערונג פון זיין אידעאַל, ווערט כסדר אָפּגע־

נאַרט, גייט איבער פון איין פרוי צו דער צווייטער, איז תמיד פאַרבי־
טערט און באַשליסט אָן זיי נקמה צו נעמען.

אַלס אידעאָלאָגן פונעם פּריצנטום, וואָס איז באַפרייט פון דער
נויטיקייט צו אַרבעטן, האָבן די ראָמאַנטיקער געמאַכט פון לײדיקגייערײ
אַ גאַנצע פילאָזאָפיע. אין דער דערציילונג „ליאַדינדאַ" האָט פ. שלע־
געל דערוויזן, אַז פוסטאונפּאַסנעקייט איז דער קוואַל פון אמתדיק גליק.
ווען אדם און חווה האָבן געלעבט אין גן־עדן זענען זיי געווען פּטור
פון דער נויטווענדיקייט צו אַרבעטן, און ווען זיי זענען פאַרטריבן גע־
פון גן־עדן, האָבן זיך ביי זיינע טויערן אַוועקגעשטעלט צוויי מלאכים
מיט פייערדיקע שווערדן, כדי צו פאַרצוימען פאַר דער מענטשהייט דעם
אַריינגאַנג אַהין און די נעמען פון דידאָזיקע צוויי מלאכים זענען:
„אַרבעט" און „נוצן". שלעגעל האָט געהאַלטן אַלס די העכסטע
טיפּן פון אַ מענטש, — דעם נעאַפּאָליטאַנער לאַזאַראָן (בעטלער), וועל־
כער וואַרימט זיך זאָרגלאָז אויף דער זון, און דעם אינדישן חכם, וועל־
כער איז פאַרזונקען אין דער נירוואַנאַ. דאָס רעכט גאָרנישט צו טון —
באַמערקט שלעגעל — צייכנט נאָך איצט אויך אויס די איידלגעבוירענע
קאַסטע אַריסטאָקראַטן. אין זיין פאַרהערלעכונג פון לײדיקגייערײ איז
שלעגעל דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט פּראָקלאַמירט אַלס די אידעאַלע
עקזיסטענץ — די ווילנלאָזע און זינלאָזע וועגעטאַציע פונעם בלימל.
פּונקט אַזעלכע אַפּאָסטאָלן פון פוילקייט און פוסטאונפּאַסנעקייט זענען
אויך אַסאַך אַנדערע העלדן פון די ראָמאַנטיקער. אַזוי זעען מיר, ווי
אין אייכענדאָרפס דערציילונג „דאָס לעבן פון אַ פוסטאונפּאַסניק"
ליגט דער יונגער מילנער אַ גאַנצן טאָג אויפן גראָז, אָנשטאָט צו אַר־
בעטן, און צייטנווייז דאַכט זיך אים אויס, אַז פון פוילקייט וועט ער
אָס־אָט זיך צעפאַלן אויף שטיקער. צומלעצט נעמט ער זיין אומצעשייד־
באַרע פידל און לאָזט זיך אַוועק קיין איטאַליע, וואו מ׳קאָן, לויט זיין
איבערצייגונג, אָפּלעבן אַ גאַנץ לעבן, ליגנדיק אויף דער פּלייצע, ווייל
וויינטרויבן און ראָזינקעס וועלן אים אַליין פאַלן אין מויל אַריין.

די ראָמאַנטיקער האָבן אַריינגעטראָגן דידאָזיקע קוויעטיסטישע
שטימונג אויך אין זייערע רעליגיעז־פילאָזאָפישע קאָנצעפּציעס. דער
טעאָלאָג שלייערמאַכער האָט אויפגעוויזן, אַז דער אמתער מהות
פון דער רעליגיע באַשטייט נישט אין טעטיקער ליבע צום מיטמענטש,
נאָר אין פאַסיווער באַטראַכטונג פון דאָס אומענדלעכע; אין שעלינגס

פילאָזאָפישן סיסטעם איז דער שעפערישער אַבסאָלוט (גאָט) פאַרזונקען אין פונקט אַזאַ פּאַסיוון, אומבאַוועגלעכן צושטאַנד.

די איינציקע טעטיקייט, וועלכע די ראָמאַנטיקער האָבן יאָ דערלאָזט, איז געווען די, אין וועלכער ס'איז כּמעט ווי נישט בנמצא דער עלעמענט פון ווילן, ד. ה. — דאָס קינסטלערישע שאַפן. אַלס די סאַמע גליקלעכסטע מענטשן האָבן זיי געהאַלטן די פאָרשטייער פון דער קונסט, און אין זייערע ווערק טרעטן געוויינלעך אַרויס, צוגלייך מיט די אין וואָפן־געשמידטע ריטערס, אויך פּאָעטן, מאָלערס און מוזיקער. ש ע ל י נ ג האָט געשטעלט דעם קינסטלער נישט דער ערך העכער פונעם פילאָזאָף, דערפאַר ווייל די געהיימניש פון דער וועלט קאָן מען, לויט זיין מיינונג, משיג זיין נישט דורך אַ סיסטעמאַטיש, לאָגיש דענקען, נאָר בלויז דורך אוממיטלבאַרער קינסטלערישער אינטואיציע (דורך אינטעלעקטועלער באַטראַכטונג).

די ראָמאַנטיקער פלעגן ליב האָבן צו טרוימען וועגן אַזעלכע לעגענדאַרישע לענדער, וואו דאָס גאַנצע לעבן מיט די וואָכעדיקע עסקים און דאגות האָט אָפּגעטרעטן דאָס אָרט פאַר דעם אייביקן יום־טוב פון דיכטונג. אין א י כ ע נ ד אָ ר פ ס דערציילונג „די מאַרמורנע סטאַטוע" ווערט געשילדערט די פאַנטאַסטישע איטאַליע, אינגאַנצן אַ באַדעקטע מיט ליבע־גערטנער, אין וועלכע ס'הילכן אָפּ פון אינדערפרי ביז אינאָונט קלאַנגען פון מוזיק, און פּאָעטן לייענען זייערע לידער; אין ה ע ל ד ע ר ל י נ ס ראָמאַן „היפעריאָן" טרוימט דער העלד וועגן באַפרייען גריכנלאַנד פון טערקישן יאָך, כּדי צוריקאויפצושטעלן דאָרטן „די מלוכה פון די מוזעס", „די טעאָקראַטיע פון דער שיינקייט" פון פ ע ר י ק ל ס און ס אָ פ אָ ק ל ע ס ע ס צייטן, און נ אָ וו אַ ל י ס שילדערט אינעם ראָמאַן „היינריך אָפטערדינגענער" דעם צויבער־אינזל אַטלאַנטידאַ, וואו אויפן טראָן זיצט אַ פּאָעט, און דאָס גאַנצע לעבן איז געוואָרן אַ פאַרווירקלעכטע פּאָעמע.

די קוויעטיסטישע און עסטעטישע שטימונגען פון די ראָמאַנטיקער, וועלכע האָבן אָפּגעשפּיגלט און אידעאַליזירט די שטימונגען פון דער אַריסטאָקראַטיע, שווימען פונדאַסניי אויף אין ש אָ פּ ע נ ה ו י ע ר ס פילאָזאָפישן סיסטעם — „די וועלט, אַלס ווילן און פאָרשטעלונג", פאַרענדיקנדיק זיך אין אים מיט אַ פּעסימיסטישן אַקאָרד. ש אָ פּ ע נ ה ו י ע ר האָט אויפגעוויזן, אַז אין יסוד פון דער וועלט און פונעם מענטש ליגט אַ סטיכישער „ווילן צום לעבן", וועלכער ברענגט זיי צו ליידן און צו

לאַנגווייליקייט, — און גליק קאָן שפּירן בלויז יענער, ווער עס באַפרייט זיך פון זיין אונטערדריקנדיקער הערשאַפט. אַזאַ מענטש איז קודם־כל דער קינסטלער, וועלכער געפינט זיך, אין מאָמענט פון עסטעטישער אויפנעמונג און ווידערגעשטאַלטונג פון דער וועלט און פונעם מענטש, אין אַ צושטאַנד, וועלכן *קאַנט* האָט שוין געהאַט אָנגערופן „נישט־ווילנדיקע באַטראַכטונג", — פאַרגעסנדיק אין דעמדאָזיקן אויגנבליק וועגן זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן, דאגות און שטרעבונגען. אָבער דער קינסטלער באַפרייט זיך פון דער מאַכט פונעם ווילן בלויז צייטווייליק. ווי נאָר ער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ געוויינלעכן בשר־ודם, הויבט אין אים ווידער אויף די שטימע דער גיריקער ווילן און ער וואַרפט אים אַריין אין די אָרעמס פון אַנטוישונג און לאַנגווייליקייט. העכער פון קינסטלער שטייט דעריבער דער אינדישער חכם, דער הייליקער אַסקעט, וועלכער האָט מיט תעניתים און שמיץ דערהרגעט ביי זיך אַלע פאַרלאַנגען און שטרעבונגען, וועלכער פאַרזינקט נאָך ביים לעבן אינעם נישט, אין דער נירוואַנאַ. פונקט ווי די וועלטאַנשויאונג פון די ראָמאַנטיקער, אַזוי איז אויך שאָפּענהויערס פילאָזאָפיע מיט אירע קוויעטיסטישע און עסטעטישע שטימונגען געווען אַ פּראָדוקט פון דער אַריסטאָקראַטישער קולטור, זי איז אויסגעוואַקסן אין דער וועלט פון אַלטע פּריצישע הויפלעך און סאַלאָנען, און עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער, אַז ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אין די פערציקער יאָרן די בורזשואַ־דעמאָקראַטישע באַוועגונג, האָט *שאָפּענהויער* — דער איינציקער פון די ראָמאַנטיקער, וועלכער האָט דערלעבט ביז דערדאָזיקער עפּאָכע — זי באַגעגנט מיט אַ האַגל פון באַליידיקונגען, און די רעוואָלוציע פון אַכטאונפערציקסטן יאָר האָט אין אים געפונען פונקט אַזאַ אומבּרחמנותדיקן שונא, ווי אינעם דייטשישן פּריצנטום.

די עפּאָכע פון דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש

I.

די דאַמפּמאַשין, וועלכע איז דערפונדן געוואָרן ביים סוף פון אַכצענטן יאָרהונדערט אין ענגלאַנד, האָט רעוואָלוציאָניזירט די מערב-אייראָפּעאישע געזעלשאַפטן נאָך אין אַסאַך אַ גרעסערער מאָס, ווי דער אויפשטאַנד פונעם דריטן שטאַנד אין פראַנקרייך. פון איצט אָן האָט זיך אַריבערגעטראָגן דער שווערפונקט פונעםווירטשאַפטלעכן לעבן אין די שטעט אַריין, די ערטער פון דער פאַבריקאַלער אינדוסטריע, און דער הערשנדיקער קלאַס איז געוואָרן די מחנה פון די גרויסע אונטערנע-מערס-קאַפּיטאַליסטן. די הויז-מאַנופאַקטור האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאַבריק, דער האַלב-אייגנטימער, וועלכער האָט געאַרבעט ביי זיך אינ-דערהיים ביי זיין קליינעם וועבשטול, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אומפאַרמעגלעכן פּראָלעטאַריער, אַ פאַרשקלאַפטער צו דער גיגאַנטישער מאַשין.

אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער פּעריאָד — דער פּעריאָד פון גרויס-קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע פאַרן וועלט-מאַרק.

די אינדוסטריעלע איבערקערעניש, וועלכע איז לכתחילה צושטאַנד-געקומען אין ענגלאַנד, האָט דאָ אַרויסגערופן אַ רעאַקציע קודם-כל מצד די געזעלשאַפטלעכע גרופּעס, וועלכע זענען געווען פאַראינטערע-סירט אין דער דערהאַלטונג פון די אַלטע פאַר-קאַפּיטאַליסטישע פּראָ-דוקציע-פאָרמען. דידאָזיקע רעאַקציע איז געווען אַנאַלאָגיש צו יענער, מיט וועלכער דידאָזיקע גרופּעס האָבן געענטפערט אין פראַנקרייך און אין דייטשלאַנד אויף דער פּאָליטישער רעוואָלוציע פונעם דריטן שטאַנד.

ענלעך צו די פראַנצויזישע רעאַקציאָנערן און דייטשישע ראָמאַנ-

טיקער האָט זיך אויך אין ענגלאַנד געפונען אַ גרופּע שרייבערס, וועלכע האָבן געשטרעבט צו רעסטאַווירן די אַלטע, גוטע צייט, וואָס די מאַשין און דער קאַפּיטאַל האָבן איר איצט געדראָט מיט אונטערגאַנג. דאָס זענען געווען: וואַלטער סקאָט, וועלכער האָט אין זיינע יוגנטלעכע פּאָעמעס, און שפּעטער אין זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען געשילדערט דעם לעבנשטייגער און די זיטן פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט, קאָלרידזש, וועלכער האָט ווידעראויפגעלעבט אין דער פאָרם פון דער מיטלאַלטערלעכער באַלאַדע די פאָלקס־גלויבונגען און לעגענדעס, און וואָרדסוואָרט, אַ דיכטער פונעם האָרעפּאַשנעם פויערטום, וועלכער האָט אין זיין פּאָעמע „וואַנדערונגען" געשיקט קללות אויפן אַדרעס פון די פאַבריק־שטעט, וועלכע מאַכן וויסט דאָס דאָרף און רייסן אָפּ די פויערים פון קינדווייז־אָן פון די היימישע פעלדער, און וואַרפן זיי אַריין אין אַ שטינקענדיקער לופט, פול מיטן געהילך פון מאַשינען.

אונטערן דרוק פון דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש, וועלכע האָט אַרויסגערוקט אויפן פאָדערגרונט דעם קאַפּיטאַליסטן־קלאַס, האָט די ערדאייגנטימערישע אַריסטאָקראַטיע פאַרלוירן שפּאַן נאָך שפּאַן איר פריערדיקע הערשנדיקע שטעלונג. און תמיד ווען דער קאָמאַנדירנדיקער קלאַס לעבט איבער אַזאַ מין קריזיס, פאַרלאָזט אים געוויינלעך זיין פּראָגרעסיווע אינטעליגענץ און זי שטייט־צו אידעאיש צו דער נייער גרופּע באַלעבאַטים פון דער לאַגע, אָדער זי בלייבט אָן אַ פאַרבינדונג מיט קיין שום גרופּע פון דער געזעלשאַפט, און זי ווערט פאַרוואַנדלט אין באָדנלאָזע פּראָטעסטאַנטן און קעמפערישע אַנאַרכיסטן.

טאַקע אָט אָ די דעקלאַסירטע אינטעליגענץ פון אַריסטאָקראַטישער אָפּשטאַמונג האָט אַרויפגעלייגט דעם הותם פון איר גייסט אויף דער ענגלישער ליטעראַטור פונעם ערשטן פערטל פון נייצענטן יאָרהונדערט.

געוויסע פון דידאָזיקע אַריסטאָקראַטן־אָפּטריניקע, אַזעלכע פּריצים ווי אַ שטייגער לענדאָר, האָבן געפּרוּווט איינפירן אין זייערע גיטער פאַרשידענע נייאיקייטן לטובת די אינטערעסן פון זייערע פערמערס און אָנשטויסנדיק זיך מיט זייערע דעמאָקראַטישע כוונות אויף די עגאָאיסטישע אינסטינקטן פונעם פויערטום, האָבן זיי פאַרלאָזט זייערע גיטער, זענען אַוועק זיך באַטייליקן אין מלחמות פון פרעמדע נאַציעס פאַר זייער באַפרייאונג פון נאַפּאָלעאָנס יאָך, זיי זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן

אין האַנדערנדיקע אַפּאָסטאָלן פון דער רעוואָלוציע, זיי האָבן זיך געחברט מיט אַלע אירע אַנגעזעענע פאָרשטייערס און זיי האָבן געשטורעמט אין זייערע ווערק די טיראַנען פון דער אַלטער און פון דער נייער וועלט, זינגענדיק ליבגעזאַנגען פאַר דער רוימישער און אַטענער רעפּובליק. אַנדערע, ווידער, ווי טרעלאַאוני, האָבן פאַרלאָזט זייער היימלאַנד, און זיי זענען אַנגעקומען אויף דינסט צו עפּעס אַן אידעאַליסט — אַ פּיראַט, וועלכער פאָרט אַרום איבער די כוואַליעס פון אָקעאַן אין נאָמען פון דער שאַפונג פון אַן אַלוועלטלעכער רעפּובליק, און זיי פלעגן אונטער זיין פאָן אַנפאַלן אויף ענגלישע האַנדלס-שיפן.

ביידע גרעסטע דיכטער פון דערדאָזיקער עפּאָכע — ביירא ן און שעלי — זענען צוגלייך געווען אויך די בולטסטע טיפּן פון אַזעלכע דעקלאַסירטע אַריסטאָקראַטן-רעוואָלוציאָנערן.

ביירא ן האָט אויסגעצייכנט תּופס געווען יענע סאָציאַל-עקאָנאָמישע איבערקערעניש, וועלכע איז פאָרגעקומען פאַר זיינע אויגן איבעם לעבן פון די אייראָפּעאישע געזעלשאַפטן. ער האָט געזען ווי דער באַלעבאָס פון דער לאַגע ווערט דער גרויסער קאַפּיטאַליסט, „ביי וועמענס פאַרמעגנס מ׳זעט גאָר קיין ברעג נישט": „צו אים פירט מען רייכע מתּנות פון אינדיע, ציילאָן און כינע, אים זענען אונטערטעניק גאַנצע וועלטן, אומעטום גייט אויף דער גאָלדענער שניט בלויז פאַר אים". ער האָט געזען, אַז ווירקלעכע „מאָנאַרכן" זענען געוואָרן די „באַנקירן", וואָס „זייערע קאַפּיטאַלן מאַכן פאַר אונז געזעצן: דאָ פאַרשטאַרקן זיי נאַציעס, דאָ צעוואַקלען זיי טראָנען". דערביי איז אין די אויגן פונעם אַריסטאָקראַט בייראָן די פאַרקערפּערונג פון דעמדאָזיקן נייעם עקאָנאָמישן כּוח, וועלכער בויט איבער די גאַנצע וועלט, געווען דער ייד, „דער ייד ראָטשילד" (דאָן-זשואַן, X ליד). בייראָן האָט געזען, אַז „נישט די לײַדנשאַפט, נאָר דאָס גאָלד געוועלטיקט איבער אַלץ". אין דער דראַמע „ווערנער אָדער ירושה" האָט ער אויפגעוויזן, וואָס פאַר אַ דעסטרוקטיווע ווירקונג עס ברענגט מיט זיך דערדאָזיקער נייער כּוח אויף דער אַריסטאָקראַטישער פּסיכיק. די נויט צווינגט דעם העלד, ביי וועמען מ׳האָט צוגערויבט זיין גוט, צו באַגיין דעם סאַמע שענדלעכסטן פאַרברעך, וואָס עקזיסטירט נאָר אין די אויגן פון דער יחוסדיקער קאַסטע — גנבה, אַזוי אַז אפילו זיין אייגענער זון קערט זיך אָפּ פון אים מיט פאַראַכטונג.

בייראָן האָט פיינט געהאַט נישט בלויז די בורזשואַזיע, נאָר אויך די דורך איר געשאַפענע גרויסע שטעט. ער האָט ליב געהאַט איבערצוחזרן קאָופּערס ווערטער: „גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, און מענטשן — די שטעט". לעבנדיק אין „דעמפּיקע גרויסשטעט" באַווייזט דערמיט דער מענטש, אַז „דער שאָטן פונעם קבר איז אים ליבער ווי דאָס לעבן". אין די שטעט מיט זייערע צונויפגעפּרעסטע געביידעס „קוועטשן די מענטשן איינער דעם אַנדערן, איינקוועטשנדיק זיך אַליין". אין די שטעט, לעבן „קרענקלעכע און נעבעכדיקע" דורות, מענטשן, וועמען די מאָדע פאַרוואַנדלט אין מאַלפּעס, עס דריקט זיי אַ טרויער און זיי קריגן זיך תמיד אַרום צוליב נאַרישקייטן.

דער דומפּיקער און ענגער שטאָט האָט בייראָן אַנטקעגנגעשטעלט אַ פריי לעבן אין דער נאַטור, אַ מין וואַלד־קאָלאָניע פונעם אַמעריקאַנישן גענעראַל בון, וועלכער האָט זיך דערווייטערט פון זיינע מיטבירגער און איז אַוועק אַהין, „וואו די לופט איז ריינער, ווייל ער האָט ליב געהאַט די רחבות און די שטילקייט פון געדיכטע וועלדער", און אַרום וועמען „ס'איז געוואַקסן אַ גאַנצער שבט פון נאַטור־קינדער": פאַרביטערטקייט איז זיי געווען פרעמד, זיי האָט באַלעבט דער ליכטיקער גייסט פון פרייהייט, און זיי האָט געלעבט בלויז די ליבע צו גוטס, „נישט וויסנדיק פון קיין דאגות. האָבן זיי, שטאַרקע און שלאַנקע, געבליט אינעם הערלעך־פרייען לאַנד" (דאָן־זשואַן, VIII ליד). בייראָנס העלדן — פלייש פון זיין פלייש — פילן זיך דעריבער אין דער מאָדערנער בורזשואַז־שכאָטישער געזעלשאַפט איבעריק און פרעמד. טשאַילד־האַראָלד שיקט זיין היים די לעצטע געזעגענונג און דערווייטערט זיך צו דער נאַטור. „ווי אַ מתבודד. ווי אַ מאַגיקער האָט ער נאָכגעפאָלגט די שטערן, מיט אַ וואונדערלעכער וועלט האָט ער זיי אָנגעפילט, און די ערדקויל מיט אירע אומגליקן איז פון אים אויף אייביק פאַרשוואונדן. זיינע חברים זענען געווען — די בערג, זיין פאָטערלאַנד — דער שטאָלצער אָקעאַן".

מאַנפרעד דערווייטערט זיך מיט אַ קללה אויף די ליפּן פון מענטשן און ער גייט אַוועק צו די אַלפּישע אייז־שפּיצן, וואו ער לעבט איינזאַם, „ווי אַ לייב", נאָכפאָלגנדיק דעם צאַפּשיין פון בליצן, דעם לויף פון די שטערן און דאָס פאַלן פון די האַרבסטיקע בלעטער אויף דער פייכטער ערד. און יעדעס מאָל, ווען ער באַגעגנט אויף זיין איינזאַמען וועג אַ מענטש, קריגט ער נאָך מער פיינט דעם גאַנצן מענטשלעכן מין.

אויב איין טייל פון די בייראָנישע העלדן דערהייטערט זיך פון מענטשן צו דער נאַטור, ווערן אַנדערע, ווידער, אַקטיווע שונאים פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, און זיי פּראָקלאַמירן איר אַן אומדערבאַרמדיקע מלחמה, ווי קאָרסאַר, למשל, וועלכער לעבט אויספּירנדיק דרייסטע אָנפאַלן, אָדער ווי ווערנערס זון, דער ריטער אולריך, וועלכער טרעט אַריין אין אַ „שוואַרצער באַנדע" פון וואַלד-גזלנים און רויבערס.

געפינענדיק זיך מחוץ פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, נישט צושטייענדיק צו קיין איינעם פון אירע קלאַסן, איז בייראָן געווען אַ רעוואָלוציאָנער אָן אַ באַשטימט סאָציאַל-פּאָליטיש פּראָגראַם. אמת, ווען די נאָרטעמפּשירער וועבערס האָבן פאַרניכטעט די מאַשינען, וועלכע האָבן ביי זיי צוגענומען זייער פאַרדינסט, און ווען אין דער לאָרדן-קאַמער האָט זיך באַהאַנדלט דאָס געזעץ, וואָס האָט פאָרגעזען טויט-שטראָף פאַר באַשעדיקן ווירטשאַפטלעכן אינווענטאַר, איז בייראָן אַרויסגעטרעטן פאַרטיידיקן דעם אַרבעטער-קלאַס דערמאָנענדיק די אדונים, אַז זייער עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מעכטיקייט באַזירט זיך אויף דער האָרעוואַניע פון דער „פינצטערער מאַסע", „וועלכע אַרבעט אויף זייערע פעלדער און באַדינט זיי אין זייערע הייזער, וועלכע פירט אָן מיט זייערע שיפן און שטעלט-צו זעלנער פאַר זייער מיליטער". „איך האַלט פאַר מיין פליכט אייך אויפמערקזאַם צו מאַכן, — האָט בייראָן געזאָגט צו די לאָרדן, — אַז מיט אַ שטוינענדיקער שנעלקייט וואַרפט איר זיך צוהילף אייערע פּאָליטישע פאַרבינדעטע, און די אומגליקלעכע פון אייער אייגן לאַנד לאָזט איר איבער אויפן באַראָט פון דער השגחה-עליונה און... פון דער קירכע". אָבער, כאָטש די הערשנדיקע קלאַסן האָבן שפּעטער נישט איינמאָל אַרויסגעוויזן זייערע עקספּלואַטאָרישע אינסטינקטן לגבי דעם אַרבעטער-קלאַס, איז בייראָן שוין מער קיינמאָל נישט אַרויסגעטרעטן אַלס באַשיצער פון זיינע אינטערעסן. זיין גאַנצע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע איז שפּעטער געווען געווידמעט דער באַפרייאונג פון גאַנצע נאַציעס, וועלכע זענען געווען פאַרשקלאַפט אונטער אַ פרעמדן יאָך. טשאַילד-האַראָלד איז שוין אַרומגעפאָרן איבער דער גאַנצער וועלט אַלס אַפּאָסטאָל פון נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַפרייאונג. אין שפּאַניע האָט ער געהאַט עגמת-נפש דערפון, וואָס די אייניקלעך פון די ריטערס, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן מיט די מאַאורן, זענען דעגענערירט געוואָרן און פאַרהאַנדלט געוואָרן אין שקלאַפן, וועלכע ציטערן

פאַר נאַפּאָלעאָנען. אין איטאַליע האָט ער זיך אויפגערעגט דערפון, וואָס די נאַציע האָט זיך צופיל אָפּגעגעבן דעם קולט פון שיינקייט און דעריבער מוז זי אַרונטערפאַלן אונטער דער מאַכט פון פרעמדע, און אין גריכנלאַנד האָט ער זיך דערמאָנט אין די מאַראַפאָנער קעמפער, און ער האָט גערופן דאָס פאָלק צו אַן אויפשטאַנד קעגן די טערקן. בייראָן אַליין האָט, ווי באַוואוסט, גענומען אַ לעבהאַפטן אָנטייל לכתחילה אין דער באַוועגונג פון די איטאַליענישע קאַרבאָנירן קעגן דער עסטרייכישער הערשאַפט, און דערנאָך אינעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון גריכנלאַנד פונעם טערקישן יאָך.

בייראָנס רעוואָלוציאָנערער פאַטאָס האָט פאַר זיך אויך געפונען אַן אויסדרוק אין רעליגעזן פראָטעסט, ער האָט זיך אויסגעגאָסן, — ווי, למשל, און דער מיסטעריע „קין“, — אין דער פאָרם פון אַן אומצופרידנהייט מיט דער געטלעכער וועלט-אָרדנונג. אין דער צייט, ווען אדמס גאַנצע משפחה האָט שוין לאַנג שלום-געמאַכט מיט איר פאַרשקלאַפטקייט און זי קניט און בוקט זיך שרעקעוודיק פאַר גאָט, וויל איין קין זיך נישט צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז ער איז פאַרטריבן פון גן-עדן צוליב אַ פרעמדער שולד און ער איז פאַרמשפט אויף מאַטערניש און טויט צוליב דער זינד פון זיינע עלטערן. ווען לוציפער באַווייזט אים דעם וועלט-בנין, דאַרף זיך קין איבערצייגן, אַז אומעטום איז די עקזיסטענץ פאַרבונדן מיט אונטערגאַנג און דאָס לעבן איז אוממעגלעך אָן ליידן און אָן דעם טויט. אַזאַ וועלט, טראַכט ער, קאָן נישט אָנפילן מיט צופרידנהייט דאָס האַרץ פון גאָט. „באַשאַפן, כדי צו צעשטערן וואָס-זשע איז דאָס פאַר אַ גליק?“ אין קינס נשמה הויבט אָן קאָכן אַ פאַרביטערניש קעגן דעם שעפער פון דערדאָזיקער נישט-פולקאָמענער און אומגערעכטער וועלט, און, ווען דער שטורם צעוואַרפט און פאַרניכטעט זיין בלוטלאָזן קרבן אין דערזעלבער צייט, בעת הבלס מזבח מיט די געהרגעטע שעפעלעך בלייבט שטיין אומבאַשעדיקט, ווערט קינס פאַרביטערטקייט פאַרוואַנדלט אין צאָרן. און פון כעס אויף גאָט דערהרגעט ער דעם ליבלינג זיינעם, — זיין אייגענעם ברודער.

בייראָן האָט ביז צום סוף פון זיין לעבן אויפגעהאַלטן זיין הייס גלויבן אין דער רעוואָלוציע, וואָס „בלויז זי קאָן ראַטעווען די וועלט פונעם שמוץ, וואָס פרעסט זי אויף“, אָבער, אַלס דעקלאַסירטער און באָדנלאָזער מענטש, האָט ער אונטערן וואָרט „רעוואָלוציע“ פאַרשטאַנען גיכער אַ ריין-נעגאַטיווע קראַפט, אַ שטורעם, וואָס שווענקט אַראָפּ די גאַנ-

צו אַלטע וועלט, איידער אַ קראַפט, וועלכע בויט, וועלכע שאַפט אַ נייע אָרדנונג. פאַר זיין גייסטיקן בליק האָבן בכלל אָפט געשוועבט בילדער פון וועלט־אונטערגאַנג, ווען די זון פאַרלעשט זיך אין די הימלען, שטעט ווערן חרוב און פאַרוואַנדלט אין מדבריות, און די מענטשהייט שטאַרבט פון הונגער און קעלט („פינצטערניש"), אָדער ווען פון די אויפגעריסענע הימלישע וואָלקנס פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד אַ מבול, וועלכער פאַרניכטעט צוזאַמען מיט די מענטשן אַלע זייערע שאַפונגען און מעשים („הימל און ערד").

רופנדיק צום חורבן און טויט פון דער בשעתודיקער געזעלשאַפט, האָט בייראָן נישט פאַרמאָגט קיין שום מאַטעריאַל, פון וועלכן מ׳זאָל קאָנען אויפבויען אַ נייע, אַ שכלדיקערע און גערעכטערע וועלט. ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין שום קאָנקרעטע איבערצייגונגען, און ער האָט אַליין געמאַכט אַמאָל אַ באַמערקונג, אַז ווען אומעטום וואָלט געוועסט הערשן אַ רעפּובליק, וואָלט ער, מסתמא, געוואָרן אַ מאָנאַרכיסט. ער איז געווען אַ טיפּישער ניהיליסט־פאַרלייקענער. אין די לירישע אָפּווייכונגען פון „דאָן־זשואַן" האָט בייראָן אַרויסגעזאָגט זיין ווידוי, פון וועלכן ס׳איז צו זען, אַז ער האָט נישט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט צו דער־גרייכן דעם אמת נישט דורך דער רעליגיע, נישט דורך דער וויסנשאַפט, און אין אַלע איידעלע און אַלטרואיסטישע אויסברוכן האָט ער געזען בלויז פאַרמאַסקירטע פּוסטע באַרימערישקייט, האַלטנדיק פאַר דעם איינציקן עכט־אמתדיקן פאַקט — דעם טויט, און פאַר דאָס איינציקע ווערט־פולע געפיל — דאָס פאַרגעניגן.

נישט פאַרמאָגנדיק קיין שום באַשטימטן אידעאַל, וואָס פון זיין שטאַנדפּונקט זאָל ער קאָנען אָפּשאַצן ווי געהעריק די בשעתודיקע גע־זעלשאַפט און אָנווייזן אין דער פּערספּעקטיוו די נויטווענדיקייט פון אַ העכערער לעבנס־אָרדנונג, האָט בייראָן געהאַט אין זיין רשות בלויז אַ ריין־נעגאַטיוו קאַמפגעווער, מיט וועלכן ער האָט זיך באַנוצט מיט אַ גלענצנדיקער מייסטערשאַפט אין „דאָן־זשואַן", ד. ה. ער האָט געהאַט אין זיין קאָנסטלערישן רשות די איראָניע. און היות, ווי בייראָן האָט אַליין געליטן פון די חסרונות, וועלכע ער האָט פאַראורטיילט ביי אַנ־דערע, איז דידאַזיקע איראָניע פאַרוואַנדלט געוואָרן אומבאַמערקבאַר אין אַן איראָניע איבער זיך אַליין, זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין הומאָר. און ווען נישט לאַנג פאַרן טויט האָט זיך בייראָן געוואָלט טרייסטן מיט אַ בילד פון דער אידעאַלער עקזיסטענץ, האָט ער אין זיין לעצטער

פאָעמע „דער אינזל" נישט געקאָנט אַנטקעגנשטעלן דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט גאָרנישט מחוץ דער שילדערונג פון אַ לעבנשטייגער פון ווילדע, וועלכע ווייסן נישט פונעם רעכט פון פריוואַט־אייגנטום אויף ערד און ביי וועלכע ס'איז נישטאָ קיין שום פאַרפליכטנדיקע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע, וועלכע לעבן אינעם גייסט פונעם אורפרימיטיוון אַנאַרכישן קאָמוניזם פון זשאַן זשאַק רוסאָ. אין דערדאָזיקער לעצטער פאָעמע, בייראָנס, האָט זיך נאָכאַמאָל געלאָזט הערן יענער מאָטיוו, וועלכער איז אינדעראמתן דער לייטמאָטיוו פון זיין גאַנצער דיכטונג, נעמלעך דער געדאַנק וועגן דעם, אַז דער אייגנטלעכער קוואַל פון אַלע אומגליקן און צרות איז יענער עקאָנאָמישער כוח, וועלכער האָט פאַר אים אין די אויגן מעכטיק איבערגעבויט דעם גאַנצן סאָציאַלן און איידעאישן לעבנס־סדר, ד. ה. דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל, — ווייל די גאַנצע פאָעמע איז אַ הימן לכבוד דער „גאָלדענער תקופה, ווען ס'האָט נאָך נישט עקזיסטירט קיין גאָלד".

בייראָנס פריינט, דער גרעסטער ענגלישער ליריקער ש ע ל י, האָט געהערט צו דערזעלבער קאַטעגאָריע פון דעקלאַסירטע אַריסטאָקראַטן־אָפּטריניקעס און פּראָטעסטאַנטן. אין דער יוגנט נאָך האָט ער אַרויסגעוויזן בולטע דעמאָקראַטישע סימפּאַטיעס, ער האָט שטודירט מעדיצין, כדי ער זאָל היילן אומזיסט נישט־פאַרמעגלעכע קראַנקע, ער איז געווען אַ בעל־טובה פאַר אַלע אָרימעלייט פון זיין געגנט. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין ירושה, האַלטנדיק זי פאַר אַן אומגערעכטע פּריווילעגיע און, זייענדיק געצוואונגען צו פאַרלאָזן זיין היימלאַנד, האָט ער געלעבט און איז געשטאָרבן אַלס עמיגראַנט אין דער פרעמד.

פונקט ווי ב יי ר אָ ן האָט זיך אויך ש ע ל י געפילט איבעריק אין דער בשעתודיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט. ער האָט זיך אַליין געשילדערט אין יענעם איינזאַמען יונגעמאַן אין דער פאָעמע אַלאַסטאָר, וועלכער פאַרלאָזט די געזעלשאַפט, גיט זיך איבער אין התבודדות־טרוימען און מחשבות, שאַפט אין זיין פאַנטאַזיע אַן אידעאַל פון פרויאישער שיינקייט און גייט אונטער ביסלעכווייז אונטערן דרוק פונעם שאַרפן קאָנטראַסט צווישן זיינע דערהויבענע טרוימען און דער נישט־פולקאָמענער ווירקלעכקייט. פונקט ווי ב יי ר אָ ן, האָט אויך ש ע ל י געלעבט מיט זיינע געדאַנקען און געפילן נישט אין דער בשעתודיקער גרויסער שטאָט מיט איר פיבערהאַפטער טעטיקייט און פאַרהאַוועטקייט, מיט איערע שאַרפע קלאַסן־קעגנזאַצן און צוזאַמענשטויסן, נאָר אין דער נאַטור,

װעלכע איז פול מיט שײנקײט און האַרמאָניע. אין זײַן פּאָעזיע הערט זיך נישט דער טומל פון דער פּילקעפּיקער גאַס, פון דער אײלעװדיקער באַװעגונג פון דער מיט אירע עסקים פאַרנומענער מאַסע, עס הערט זיך נישט די געקלאַפּערײ פון מאַשינען און דער געטומל פון רעדער. אדרבה, אין איר בליען גערטנער, װעלכע זענען דורכגעזאַפּט מיטן אַראָמאַט פון בלומען („מימאָזאַ"), עס הערט זיך דאָס ליד פונעם זינגפויגל, װאָס פליט אינדערלופטן („צום זינגפויגל"), עס שװימען װאָלקנס, װעלכע ברענגען מיט זיך גוטן רעגן און אָפּפרישנדיקן שטורעם („װאָלקנס") און דער ים זינגט זײַן אומאױפהערלעכן הימן (סטאַנצן, געשריבענע בײַ נעאַפּאָל). אין קעגנזאַץ צו דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, װעלכע װערט צעריסן דורך שנאה און קאַמף, הערשט דאָ אין דער נאַטור אַן אומצעשטערבאַרער שלום, װאָרום, „אַלע װעזנס זענען, װי אין ענגער פרײַנטשאַפט, אין אַ בונד פון ליבע באַהאָפטן" („די פילאָזאָפיע פון ליבע").

פונקט װי בײַראָן, האָט אויך שעלי געפירט אַן אומאױפהערלעכע אַגיטאַציע קעגן יעטװעדער טיראַניע: צי דאָס איז אַ פאַמיליענדיקע, אַ סאָציאַלע, אַ פּאָליטישע צי אַ רעליגיעזע.

אין דער טראַגעדיע „טשענטשי", װאו אַ פאָטער לאָזט מיט פאַרגעניגן אַװעק זײַנע קינדער זיך שלעפּן איבער דער װעלט און ער פאַרװאַנדלט זײַן אײגענע טאָכטער אין זײַנס אַ קעבסװײַב, האָט זיך שעלי באַמיט אױפצודעקן דעם גאַנצן גרויל און דעספּאָטיזם, װאָס זענען פאַרבאָרגן אינעם פּרינציפּ פון פּאַטריאַרכאַלער מאַכט פון די עלטערן, װעלכער איז סאַנקציאָנירט דורך דער קירכע און דורך דער מלוכה, װעלכע שטעלן זיך, אין באַטרעפנדיקן פאַל, אויף דער זײַט פונעם פאָטער דעם אויסװאורף און פאַרברעכער, און נישט אויף דער זײַט פון די דערשלאָגענע און באַלײדיקטע קינדער. אין דער פּאָעמע „דער אויפשטאַנד פונעם איסלאַם" האָט שעלי באַזונגען די אויפגעבראַכטקײט פון אַ גאַנץ פאַרשקלאַפּט פאָלק קעגן זײַנע פּאָליטישע און רעליגיעזע אונטערדריקער.

אויב בײַראָן איז בלויז אײן מאָל, אגב-אורחאדיק, אַרויסגעטרעטן פאַרטײדיקן דעם אַרבעטער-קלאַס, האָט שעלי דאַקעגן אין אַ גאַנצער רײ לידער, פון װעלכע יעדעס ליד מאַכט דעם אײַנדרוק פון אַן אַרבעטער-מאַרסעליעזע, גערופן דעם פּראָלעטאַריאַט צו אַן אַקטיװן קאַמף פאַר זײַן סאָציאַל-עקאָנאָמישער באַפרײַאונג. „אַרװאָס מוזט איר,



בייראָן



דיקענס

אַ, איר בינע פון מיין היימלאַנד — רופט אויס שעלי אינעם „ליד צו די בריטאַניער" — מאַכן געווער און קייטן מיט אייער אייגענער האַנט, כדי ס'זאָלן קאָנען אָן זאָרגן עקלדיקע פאַראַזיטן, צונעמען פון אייער אַרבעט די רעזולטאַטן"... „מאַכט וואַקסן די תבואה — נאָר נישט פאַר די העזהדיקע שוטים, זוכט אויף רייכטימער — נאָר נישט פאַר די חוצפהדיקע ליגנערס, וועבט קליידער — אָבער די פאַר׳זיטן אַ טויט, און שמידט געווער — פאַר זיך אין אַ נויט." אין אַ צווייט ליד („אַ געזאַנג צו די פרייהייט־פאַרטיידיקער") האָט זיך שעלי געווענדעט צום פראָלעטאַריאַט מיט אַ רוף זיך צו זאַמלען אַרום דער פאָן פון פרייהייט און צו צעקלאַפן די קייטן, וואָס לאַסטן אויף איר, אָבער דאָס זאָל זיין נישט צוליב נקמה פאַר דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר צוליב דער בויאונג פון דער צוקונפט.

פונקט ווי די נאַטור איז געווען איינע פון שעליס מוזעס, איז זיין צווייטע באַגייסטערערין געווען די פרייהייט וועלכער ער האָט געווידמעט נישט ווייניק הימנען. „ווי אַ ברכהדיקער רעגנגוס פונעם מעטיקן פרילינג" פליט זי איבער דער וועלט אויף אומגעזעענע פליגלען, „פון פאָלק צו פאָלק, פון איין לאַנד צום אַנדערן פון שטאָטישן טומל צו דאָרפישער שטילקייט", און הינטער איר ברענט „פאַריאָגנדיק די שאָטנס פון קנעכטשאַפט, דער צאַרטער שטראַל פונעם אויפגייענדיקן טאָג".

אויב בייראָן האָט ליב געהאַט צו שאַפן טונקעלע געמעלן, וואָס שילדערן דעם חורבן פון דער וועלט, האָט שעלי, דאַקעגן, ליב געהאַט צו צייכענען ליכטיקע בילדער פון דער אידעאַלער צוקונפט. זיין יוגנטלעכע פאָעמע „די מלכה מאַב", — אַ ביסל אַן אומגעלומפערטע לויט איר פאָרם, אָבער אַ פולע מיט ליידנשאַפט און צאָרן, מיט פראָטעסט קעגן די גרויזאַמקייטן פון דער פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט — האָט שעלי פאַרענדיקט מיט אַ לויבגעזאַנג צו יענער צייט, ווען די גאַנצע ערד וועט זיך צעבליען מיט אַ לעגענדאַרישער שיינקייט, עס וועלן פאַלן די פאַלאַצן און תפיסות פון די דעספאָטן, עס וועט פאַרשווינדן מלחמה, מ'וועט שוין מער נישט דערהרגענען, נישט קיין מענטשן, נישט קיין חיות, און בלויז גוטע געפילן וועלן זיין אין דער מענטשלעכער נשמה, וועלכע וועט זיין קלאָר, ווי אַ לויטערער הימל, און זאָרגלאָז, ווי אַ קינדיש געלעכטער. „אין אַלץ וועט זיך פילן דער פריילעכער יום־טוב פון ווידערגעבורט. אַלץ, וואָס לעבט, ברענט מיט איין

פייער, מיטן פייער פון ליבע, מיטן שטראַל פון איינשטימיקייט". מיט אַ הימן צו דער ליכטיקער צוקונפט, ווען אַלע מענטשן און נאַציעס וועלן זיין פאַרבונדן מיט קייטן פון סאָלידאַריטעט, און אָנפירן מיט זיי וועלן „מילדקייט, קלוגשאַפט און גערעכטיקייט", פאַרענדיקט זיך אויך די דראַמע „דער באַפרייטער פראָמעטעאוס", דורך וועלכן שעלי האָט געשילדערט די מענטשהייט, וועלכע וואַרפט אַראָפּ פון אירע פּלייצעס די קייטן פון מאַטעריעלער און גייסטיקער פאַרשקלאַפונג.

פונקט ווי בייראָן, האָט זיך אויך שעלי אין זיינע פאָרשטעלונגען וועגן דער אידעאַלער געזעלשאַפט דערנענטערט גיכער צום אַנאַרכיזם, איידער צום סאָציאַליזם — נישט דערפאַר, ווייל ער האָט באַוואוסטזיניק געהאַלטן מער פון ערשטן, ווי פון צווייטן, נאָר דערפאַר, ווייל זיין אין־תוך־אַריסטאָקראַטישע נאַטור האָט אינסטינקטיוו געצויגן צו אַן אינדיווידואַליסטישער, און נישט צו קיין קאָלעקטיוויסטישער אָרגאַניזאַציע פון די סאָציאַלע פאַרהעלטנישן.

שעלי האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם איבערגאַנג צו יענער ליכטיקער צוקונפט, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט צו שילדערן, נישט ווי אַן אומפאַרמיידלעכן און געזעצמעסיקן רעזולטאַט פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, וועלכע שטרעבט צו העכערע פאָרמען, און פון דעם קלאַסנקאַמף אַרום דעם באַזיץ פון די פּראָדוקציע־געצייג, — נאָר ווי אַ מער־ווייניקער צופעליקע איבעראַנדערשונג פון באַזונדערע פּערזענלעכקייטן, וועלכע וועלן מיט זייער ביישפּיל מיטרייסן מיט זיך די גאַנצע מענטשהייט. אויף וויפיל שעלי איז געווען נישט דיכטער, נאָר אַגיטאַטאָר, האָט ער געלענקט זיינע אָנשטרענגונגען אין דער ריכטונג צו באַפרייען די מענטשלעכע מוחות פון כלערליי רעליגיעזע און פּאָליטישע פאָראורטיילן, פונעם בוקן זיך פאַר גראָבע און אכזריותדיקע פעטישן, וועלכע שטערן דער אַנטשטייאונג פון אַ ראַסע פון פרייע און הומאַנישע מענטשן אויף דער וועלט.

די ענגלישע ליטעראַטור פונעם ערשטן פערטל פון ניינצעטן יאָרהונדערט האָט ביי אַלע אירע דעמאָקראַטישע סימפּאַטיעס און רעוואָלוציאָנערע שטימונגען געטראָגן אַן אַריסטאָקראַטישן חותם נישט נאָר אויף איר אינהאַלט, נאָר אויך אויף איר פאָרם.

אויב אין דער צווייטער העלפט פון אַכצעטן יאָרהונדערט, ווען די ליטעראַטור האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ ספּעציפיש־שטאָטישער און בורזשואַזער אומגעבונג, האָט זיך אין פאָדערגרונט אַרויסגערוקט דער

פראָזאַאישער ראָמאַן, — האָט זיך אינעם ערשטן פערטל פון נײַנצעטן יאָרהונדערט, ווען אין איר שאַפונג האָבן בענומען אָנטייל הויפּטזאַכלעך אַריסטאָקראַטישע גרופּעס, האָט דאָס אָרט פונעם פּראָזאַאישן ראָמאַן פאַרנומען די ליריש-עפּישע פּאָעמע אין פערזן. ווי ס'איז געווען אַמאָל אין דער עפּאָכע פון דער אַריסטאָקראַטישער קולטור פון זעכצעטן יאָרהונדערט. וואַלטער סקאָט — דער איינציקער גרויסער ראָמאַניסט פון דער עפּאָכע — האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער פּאָעמע לטובת דעם ראָמאַן צוליב ריין-פערזענלעכע אויסרעכענונגען, טיילווייז כּדי נישט צו קאָנקורירן מיט בײַראָנען, טיילווייז דערפאַר, ווייל די נויטווענדיקייט צו באַצאָלן זײַנע קאָלאָסאַלע חובות האָט אים באַוואויגן צו ווערן אַ ליטעראַרישער באַלמעלאָכע. אויב די ענגלישע ליטעראַטור פון דער צווייטער העלפט פונעם אַכצעטן יאָרהונדערט, וועלכע האָט זיך אויסגעבילדעט אין אַ בורזשואַזער סביבה, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דער רעאַל סטישער ריכטונג אפילו אין יענע פאַלן, ווען זי פלעגט שילדערן אויסגעטראַכטע געשעענישן און פעלקער, איז די דיכטונג פון בײַראָן און שעלי, דאָקעגן, געווען אַדורכגעזאַפּט מיט אידעאַליסטישע שאַפונגס-מעטאָדן און זי פלעגט גערן פאַרבײַטן מענטשן אויף נישט-ערדישע וועזנס, אויף מלאכים, דעמאָנס, פעיעס. איבעריקנס, דער גרעסטער קינסטלערישער דענקמאָל פון דער עפּאָכע, בײַראָנס „דאָן-זשואַן" איז, נישט-קוקנדיק אויף דער פּאָעטישער פאָרם און אויף די לירישע אָפּווייכונגען, געווען אַן איבערגאַנג-שטופע צום רעאַליסטישן ראָמאַן, וועלכער איז אין איר שפּעטערדיקן יאָרצענדליק ווידער געשטעלט געוואָרן אין צענטער פון דער ענגלישער ליטעראַטור.

II.

אינעם צווייטן פערטל פון נײַנצעטן יאָרהונדערט האָבן די רעזולטאַטן פון דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש, וועלכע איז פאָרגעקומען אין ענגלאַנד, זיך געלאָזט שפּירן אין אַלע ספערעס פון לעבן, אָנהויבנדיק פון די סאָציאַל-עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן און ענדיקנדיק בײַם קינסטלערישן שאַפן.

דער הערשנדיקער קלאַס איז געוואָרן די גרויס-בורזשואַזיע, וועלכע האָט, אויסנוצנדיק די מיטהילף פונעם אַרבעטער-קלאַס, דערגרייכט

אין יאָר 1832 די רעפאָרם פונעם וואַל־רעכט, וואָס האָט איר געגעבן אַן איבערמאַכט לגבי דער ערדבאַזיצערישער אַריסטאָקראַטיע. זייענדיק דער איינציקער באַלעבאָס אויפן וועלט־מאַרק, נישט מורא האָבנדיק פאַר אויסלענדישער קאָנקורענץ, האָט די ענגלישע בורזשואַזיע געהאַלטן שטאַל־און־אייזן פאַר דער פרייהייט פון האַנדל (פריטרעדעריזם); שטרעבנ־דיק אויסצונוצן פאַר אירע אינטערעסן די קראַפט פונעם אַרבעטער־קלאַס, האָט זי פאַרלאַנגט די נישט־אַריינמישונג פון דער מלוכה אין די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן די קלאַסן (מאַנטשעסטעריזם). זייענדיק פאַרנומען מיט אירע פראַקטישע עסקים, פאַרטון אין די הכנסה־און הוצאה־ביכער, איבערזעצנדיק אַלץ אויף דער שפּראַך פון טרוקענע ציפערן, — איז די בורזשואַזיע געווען פיינטלעך געשטימט צו כלערליי אויסטראַכטענישן, צו אַלץ, וואָס פאַנטאַסטיש. זי האָט אָנערקענט בלויז פאַקטן, ווי יענער שול־קוראַטאָר אין דיקענסעס ראָמאַן „שווערע יאָרן", וועלכער פלעגט עצהנען די קינדער קיינמאָל זיך נישט צו פאַר־לאָזן אויף דער פאַנטאַזיע, נאָר צו זען בלויז דאָס, וואָס ס'עקזיסטירט אין דערווירקלעכקייט. זי פלעגט זיך דרך־ארצדיק אונטערגעבן דער איבערצייגנדיקער קראַפט פון ציפערן, פונקט ווי דער קאַפּיטאַליסט גרעדגרינד, וואָס איז אין דעמזעלבן ראָמאַן פון דיקענסן, אייביק פאַרטון אינעם שטודירן סטאַטיסטישע טאַבעלעס „זייענדיק טויב און שטום פאַר אַלץ אַ חוץ ציפערן". פּאָליטישע עקאָנאָמיע און סטאַטיסטיק זענען געשטאַנען אין צענטער פון דער אויפמערקזאַמקייט פון די הערשנ־דיקע קלאַסן. אין דיקענסעס ראָמאַנען פאַררופן זיך כסדר די מאַ־דאַמס האַסקעל, קינגסלי, די קאַפּיטאַליסטן און ערדבאַזיצערס, אויף דעם אויטאָריטעט פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, פונקט ווי די מענטשן פון מיטלאַלטער פלעגן ציטירן די הייליקע שריפט, און ווי די אינטעליגענץ פון זעכצענטן יאָרהונדערט פלעגט ציטירן די גריכישע און רוימישע שריפטשטעלער. אפילו די בעלעטריסטישע ווערק פון דעררדאָזיקער עפּאָכע זענען אָפט נישט מער, ווי פאַרמאַסקירטע טראַקטאַטן וועגן פּאָליטישער עקאָנאָמיע, און ס'טרעפט אפילו, אַז זיי הייסן פשוט אַזוי, ווי, למשל, איינס פון די ביכער פון מאַדאַם מאַרטינאָ: „אַן אי־לוסטראַציע צו דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע".

אַלע באַמיאונגען פון די פּאָליט־עקאָנאָמען פון דער „קלאַסישער" שולע זענען געווען אָנגעווענדט אויף צו דערווייזן די געזעצלעכקייט און די אייביקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, וועלכע איז גע־

גרינדעט אויף דעם צינעמען פאַר זיך מצד די קאַפּיטאַליסטן דעם גרעסטן חלק פונעם פּראָדוקט, וואָס ווערט אויסגעאַרבעט דורכן פּראָלעטאַריאַט. זיי האָבן צוגעטראַכט אַ ספּעציעלן „אייזערנעם געזעץ" וואָס צוליב אים קאָן דער אַרבעט־לוין פונעם אַרבעטער נישט איבערשטייגן דעם מינימום פון געברויך, און זיי האָבן אַריינגעגעבן די אַרבעטער דעם געדאַנק, אַז דאָס איינציקע מיטל אויסצובעסערן זייערע לעבנס־באַדינגונגען איז דאָס אָפּהאַלטן זיך פון חתונה האָבן און פון קינדער־געבוירן.

זייענדיק מיט לייב און לעבן פאַרנומען מיטן פּראָדוצירן מאַטעריעלע רייכטימער, האָט די בורזשואַזיע געהאַלטן פאַר פּרעכטיק און דערהויבן בלויז דאָס, וואָס איז נוצלעך. דער פילאָזאָף ב ע נ ט אַ ם און זיין שולע האָבן אויפגעשטעלט אַ שיינע געביידע פון אוטיליטאַרער מאָראַל, האַלטנדיק פאַרן הויפּט־מאָטיוו פון מענטשלעכע טאַטן דעם פּרינציפּ פון נוצן, און פאַר זייער ציל — דאָס געפיל פון באַפרידיקונג. ק אַ ר ל ע י ל האָט בייסיק פאַרגליכן די בשעתודיקע בורזשויען צו אַ סטאַדע חזירים, וועלכע שטייען איבער דער קאָריטע, דערביי באַמיט זיך יעדער חזיר צו באַקומען וואָס מער עסנוואַרג פאַר זיך. די בורזשואַזיע האָט אַריבערגעטראָגן דידאָזיקע אוטיליטאַרע אָנשויאונג אויך אויפן געביט פון דער קונסט, פאַרלאַנגענדיק ביים שרייבער און ביים קינסטלער, דער עיקר פאַרווייליונג. זיי האָבן דעריבער הויפּטזאַכלעך געהאַלטן, לויט קאַרלעילס אויסדרוק, פון קלאָאונען און באַלעריגעס.

אַ שאַרף בילד פון דער ענגלישער בורזשואַזער געזעלשאַפט האָט געגעבן ט ע ק ע ר ע י אינעם ראָמאַן „דער יאַריד פון באַרימערישקייט", אין דעמדאָזיקן, ווי ער אַליין האָט אים גערופן, „ראָמאַן אָן העלדן". מיט אַן אומדערבאַרמדיקער אויסגעהאַלטנקייט באַווייזט דער מחבר, ווי אינעם יסוד פון די באַציאונגען צווישן עלטערן מיט קינדער, צווישן מענער מיט זייערע פרויען, ליגט זייער אַ גראָבער עגאָאיזם, און ווי דער אידעאַל פון די מענער און די פרויען פון די הערשנדיקע קלאַסן איז בלויז דער באַגער הנאה צו האָבן פונעם רייכטום און קאָמפאָרט, און דער געווינשטער טרוים פון די אָרימע איז צו דערשלאָגן זיך דורך פלערליי ניטרעקייטן און פאַלשקייטן צו אַ מאַטעריעלער פאַרזאָרגונג.

דער דור פון די שריפטשטעלער, וועלכע זענען אַרויף אויף דער אַרענע אינעם צווייטן פערטל פון ניינצעטן יאָרהונדערט, איז, אין

קעגנזאַץ צום פריערדיקן דור, באַשטאַנען פון טיפּישע שטאָטלייט. אין זייער דיכטונג פאַרנעמען שוין נישט נאַטור-בילדער אַזאַ איבערוויגנדיק אָרט, ווי אין די שאַפונגען פון בייראָן און שעלי. דער וואַלד און דאָס פעלד, באַשטראַלטע מיט זון-ליכט און אָנגעפילטע מיט פויגלגעזאַנג טרעטן ביי זיי אָפּ אין הינטערגרונט, ווערנדיק אַרויסגעשטויסן דורך די שטעט און פאַבריק-קוואַרטאַלן מיט זייער טומל און האַרמידער, אַ בער וועלכע עס הענגט אַראָפּ אַ הימל, אַ כמאַרנער פון רויך און סאַדזש. אויב אין דער נאַטור, ווי עס האָבן זי געשילדערט ב יי ר אָ ן און באַזונדערס ש ע ל י, האָבן געהערשט האַרמאָניע און איינקלאַנג צווישן די באַזונדערע טיילן, האָט דאָ, אין שטאָט, געבושעוועט אַ גרויזאַמע מלחמה פון אַלעמען קעגן אַלע.

אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל עס האָבן זיך אַנטוויקלט די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטנישן, איז אונטערגעגאַנגען דער צווישנשיכט — די קליינבורזשואַזיע, וואָס אירע בליקן האָבן זיך נישט-ווילנדיק געווענדעט צוריק צו דער פּאַטריאַרכאַלישער פאַרגאַנגענהייט מיט אירע פּשוטע זיטן און הומאַנישע באַציונגען. ד י ק ע נ ס איז געווען דער שטאַרקסטער שטייגער-שרייבער פון דעמדאָזיקן אומקומענדיקן געזעלשאַפטלעכן שיכט. אין זיינע ראָמאַנען פיגורירט געוויינלעך דאָס בירגערטום, — קליינע אייגנטימער און אונטערנעמערס, וועלכע ווערן פון אַלע זייטן געדריקט דורך שונאים און דורך חובות, אָרים-ווערנדיקע און פאַראָרמטע מענטשן, וועלכע זינקען צייטנווייז אַראָפּ אויפן סאַמע דנאָ פון דער גרויסער שטאָט.

דיקענס האָט מיט זיין גאַנצער נשמה ליב געהאַט דאָסדאָזיקע קליינע אונטערגייע דיקע וועלטל, פון וועלכן ער אַליין האָט געשטאַמט. זיין הומאָריסטישע מאַניער פון שרייבן, זיין טרערעוודיקייט, וועלכע איז פאַרבונדן מיט צערטלעכקייט, זיין געלעכטער דירך טרערן זענען, פון איין זייט, טאַקע אַ רעזולטאַט פון זיין ציגעבונדנקייט צו דעמדאָזיקן פּאַטריאַרכאַלישן לעבנשטייגער מיט זיינע אַרכאַאישע פיגורן און נישט קאָמפּליצירטע פאַרהעלטנישן, און פון דער אַנדערער זייט נעמען זיך דידאָזיקע דערמאָנטע אייגנשאַפטן פונעם באַוואוסטזיין פון דעם אומפאַרמיידלעכן טראַגישן אונטערגאַנג פון דעמדאָזיקן ווינקעלע פון פאַרקאַפּיטאַליסטישער קולטור. אַלס אַ טיפּישער פאָרשטייער פונעם בירגערטום, וואָס האָט נאָך אַלץ געטרוימט אויפצוהאַלטן זיין עקזיסטענץ ביי דער הערשאַפט פון דער גרויסאינדוסטריע, האָט דיקענס נישט געבונ-

סעוועט אַקעגן די יסודות פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, נאָר ער האָט בלויז פאַרלאַנגט פאַרשטענדיקע און גערעכטע רעפאָרמען לטובת די ווייניק-פאַרמעגלעכע שיכטן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, קעמפנדיק אין זיינע ראָמאַנען („אָליווער טוויסט", „ניק. ניקלבי" און אַנדערע) פאַר דער אויסבעסערונג פונעם פאָלקסשול-וועזן, פאַר דער פאַרלייכטערונג פונעם טורמע-רעזשים, פאַר אַ ראַציאָנעלערער אַוועקשטעלונג פון דער אָרימע-פאַרזאָרגונג א. אַ. וו. זייענדיק געגויגט צו פשרהדיקייט, ווי די געזעלשאַפטלעכע גרופּע, פון וועלכער ער איז אַרויסגעקומען, האָט דיקענס געגלויבט אין דער מעגלעכקייט צו באַזייטיקן די סאָציאַלע קעגנזאַצן א י ן די ראַמען פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג, אַרויפלייגנדיק אויף די הערשנדיקע קלאַסן דעם חוב פון אַ קריסטלעכער באַציאונג צו די אָרימע און פון-גורל-פאַרלאָזענע („די ווייַנאַכט-גלעקער").

אין דער מאָס, ווי ס'האָט זיך אַנטוויקלט די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע, זענען געוואַקסן די קאַדרען פונעם אַרבעטער-קלאַס, וועמענס לאַגע ס'איז געווען אַ פאַרצווייפלטע, הויפּטזאַכלעך, אַ דאַנק די אָפטע קריזיסן, וועלכע פלעגן אויפטרייסלען די ענגלישע אינדוסטריע אינעם צווייטן פערטל פון נייַנצענטן יאָרהונדערט. אויף צו פאַרטיידיקן זיינע אינטערעסן האָט דער פּראָלעטאַריאַט געבויט פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, ער האָט געפרווט דורך אַן אַלגעמיינעם שטרייק אומצוואַרפן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג און נאָך זיין דורכפאַל האָט ער צוזאַמען מיטן קליינבירגערטום אָרגאַניזירט די פּאָליטישע פּאַרטיי פונעם טשאַרטיזם, וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אויסצוקעמפן אַלגעמיינע וואַל-רעכט.

ד י ק ע נ ס איז געווען דער שטייגער-שרייבער פון בירגערטום, און ע ב ע נ ע ז ע ר ע ל י אָ ט איז געווען דער פּאָעט פון אַרבעטער-קלאַס. ע ל י אָ ט איז נישט געווען קיין סאָציאַליסט, אדרבה, ער איז איינס פון זיינע לידער שאַרף אַרויסגעטרעטן אַקעגן די אויסגלייכטענדענצן פונעם קאָמוניזם. פּונקט ווי די גאַנצע ענגלישע בורזשואַזיע האָט ער אויפגעוויזן די אַרבעטער, אַז זייער אָרימקייט איז אַ רעזולטאַט נישט פון דער עקספּלואַטאַציע מצד די קאַפּיטאַליסטן, נאָר פון די תּבֿואה-צאָלן, וועלכע זענען איינגעפירט געוואָרן לטובת די אינטערעסן פון די ענגלישע פּריצים, וואָס צוליב זיי זענען געשטיגן די פרייזן פון ברויט. פּונקט ווי די בורזשואַזיע האָט געגרינדעט אַ ספּע-

ציעלע ליגע, וועלכע האָט אַגיטירט פאַרן אָפּשאַפן די תּבואה־געזעצן, האָפנדיק אַזוי אַרום ביליקער צו מאַכן נישט בלויז דאָס ברויט, נאָר אויך די אַרבעט־קראַפט, אַזוי האָט אויך עליאָט טיטולירט זיין זאַמל־בוך: „לידער קעגן די תּבואה־געזעצן". נישט געקוקט אויף זיין ריין־בורזשואַזן שטאַנדפונקט האָט ער געשאַפן אין דידאַקטישע לידער אַ ריי שטאַרקע בילדער פונעם לעבנשטייגער פון אַרבעטער־קלאַס. אָט, למשל, פירט ער אַריין דעם לעזער אין אַ געמיטלעך צימערל פון אַן אַרבעטער ערב יום־טוב, ווען די פרוי מיט די קינדער מאַכן אָרדנונג און דער־וואַרטן דעם אומקער פונעם פאָטער:

זאָל בלישטשען די וואַזע פון בלומען,
ווען אַהיים וועט ער קומען.
אפשר האָט ער דאָרט, גייענדיק, אַ רויז
אַ הערבסטיקע געפונען.
און אַ הויפן מאַך וועט ער אָנרייסן,
ווען דורכן וואַלד וועט ער גיין.
מיר וועלן אויספוצן אונזער שטוב,
ווי אַ פּאַלאַץ — אַזוי שיין.

און אָט געפינען מיר זיך אין אַ פאַמיליע פון אַ הונגערנדיקן פּראָלעטאַריער. וואָס זיין פרוי האָט פון פאַרצווייפלונג דערהרגעט איר אייגן קינד, און די טאָכטער איז געשטאָרבן אַ פּראָסטיטוטקע אין שפּיטאָל.

פון עליאָטס מויל פלעגן זיך אַמאָל אַרויסרייסן צאָרנדיקע קללות אויפן אַדרעס פון דער בורזשואַזיע, אין וועלכע עס אָטעמט אמתדיק די אויפרעגונג פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכע איז שפּעטער אויס־געבראָכן אין אַ גרויס פייער אין דער טשאַרטיסטישער רעוואָלוציע:

אָ, איר רייכע, דאָס געזעץ איז מיט אייך,
דער קרעכץ פון די הונגעריקע דערגייט נישט צו אייך,
אייער בליק איז שטרענג, אייער גייסט — גרויזאַם האַרט,
די אָרימע האָט איר אין די תּפיסות פאַרשפּאַרט, —
אָבער ס'איז אומפאַרמיידלעך די גרויסע שעה,
דער טרוים פון נקמה וועט ווערן וואָר:

דעם אַרבעטערס קללה וועט נישט פאַרשווינדן —
זי וועט איבערגיין פון דור צו דור.

דידאַזיקע לידער האָט געקענט אויף אויסנווייניק יעדער אַרבעטער.

אויף וויפיל אונטער דער ווירקונג פון די אינדוסטריעלע קריזיסן זענען שאַרפער אַרויסגעטרעטן די קלאַסן־קעגנזאַצן, דראָענדיק פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ סאָציאַלער קאַטאַסטראָפע, אויף אַזוי פיל האָבן די הערשנדיקע קלאַסן געפרווט — יעדערער אויף זיין שטייגער — מאַכן אונטערטעניק צו זיך דעם פּראָלעטאַריאַט.

די ערדבאַזיצערישע אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט זיך אָרגאַניזירט אין דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי „דאָס יונגע ענגלאַנד", האָט אָנגעהויבן מיט אים. מיטן פּראָלעטאַריאַט, אונטערצופלירטעווען — צוזאָגנדיק אים כּלערליי הנחות, טרייסטנדיק זיך דערביי מיט דער פאַרבאָרגענער האָפנונג, אַז עס וועט איר געלינגען דורך זיין מיטהילף צו צעברעכן די מאַכט פון דער קאַפּיטאַליסטישער בורזשואַזיע. די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי האָט געפונען אין דער פּערזאָן פון ד י ז ר אַ ע ל י (לאָרד ב י ק אָ נ ס פ י ל ד) נישט בלויז אַן ענערגישן פּאָליטיקער, נאָר אויך אַ גאַנץ באַגאַבטן שריפטשטעלער, וועלכער פלעגט אַריינלייגן אין מויל פון זיינע העלדן, צוזאַמען מיט דער פּאַרטיידיקונג פונעם פּאָליטישן און רעליגיעזן פּראָגראַם פון „יונג ענגלאַנד", דאָס פרעדיקן פון פירן אַ פּשוט לעבן, פון גיין אין פאָלק, — מיט דער באַהאַלטענער כּוונה אונטערצוואַרפן דאָסדאָזיקע פאָלק אונטער דער מאַכט פון די פּריצים. ד י ז ר אַ ע ל י האָט אויך אין זיין בעסטן ראָמאַן „סיבילאַ" געשילדערט אַ בולט־קלאָר בילד פון דער עקספּלואַטאַציע פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע אַרבעטער מצד די קאַפּיטאַליסטן, כּלפּי וועלכע די אויפגעקלערטע און פאָלקליבנדיקע אַריסטאָקראַטיע איז אַנטקעגנגעשטעלט געוואָרן אַלס דער אמתדיקער כּוח פון דער האָרעפּאַשנער מאַסע.

אין דעמזעלביקן גייסט איז אויך געווען טעטיק די אַנגליקאַנישע קירכע, וועלכע האָט, אין דער פּערזאָן פון אירע פּראָגרעסיווע אַפּאָסטאָלן „די קריסטלעכע סאָציאַליסטן", אונטערגעוואָרפן אונטער אַ בייסנדיקער קריטיק די פּרינציפּן פון דער בורזשואַזער פּאָליטישער עקאָנאָמיע און זי האָט איינגעזען די איינציקע לעזונג פון דער סאָ־

ציאַלער פראַגע אין דער קאָאָפּעראַציע, וואָס וועט געשאַפן ווערן דורך די אַרבעטער ביי דער אונטערשטיצונג פונעם פּראָגרעסיוון און אויפגעקלערטן קלער. דער גלח קינגסלי, איינער פון די לידערס פונעם „קריסטלעכן סאָציאַליזם" האָט געגעבן אין זיין ראָמאַן „עלטאָן לאָק" אַ גענוי־געשילדערט בילד פון דער עקספּלואַטאַציע, פון וועלכער עס פלעגן ליידן די שניידערס, וואָס זענען געווען פאַרנומען ביי קוסטאַרישער הויז־מלאכה, און ער, קינגסלי, האָט צוזאַמען דערמיט געצוואונגען זיין העלד זיך צו אַנטוישן אין דער רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק און אין די פּאָליטישע אידעאַלן פונעם טשאַרטיזם, כדי צו געפינען אין דער קריסטלעכער קירכע דעם אויסגאַנגס־פונקט פאַר דער לעזונג פונעם סאָציאַלן פּראָבלעם.

אויף וויפיל דער אַנטאַגאָניזם צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל האָט געדראָט אויסצוברעכן אין אַן עפנטלעכן צוזאַמענשטויס, אויף אַזוי פיל האָט די ליטעראַטור אַלץ עקשנותדיקער געפּרעדיקט די נויטווענדיקייט פון אַ סאָציאַלן שלום. און ווען ס'האָט דאָך אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע פון די טשאַרטיסטן, וועלכע האָט געדראָט אַריינצוואַרפן די געזעלשאַפט אין אַ צושטאַנד פון כאַאָס, האָט זיך די ליטעראַטור מיט אַ פאַרטאָפּלטער ענערגיע גענומען צו באַזינגען די אידעע פון אַ צווישנקלאַסנדיקער האַרמאָניע. אינדערשפּיץ פון די דאָזיקע שריפטשטעלער האָט זיך געפונען דער פילאָזאָף קאַרלייל, וועלכער איז מיט דער זעלבער שאַרפקייט אַרויסגעטרעטן סיי קעגן דעם גיריקן עגאָאיזם פון די אונטערנעמערס, „וואָס יאָגן זיך נאָך ריווחים, ווי אינדיאַנער נאָך סקאַלפּן", סיי קעגן די רעוואָלוציאָנערע טענדענצן פונעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער שטרעבט צו פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיקונג. קאַרלייל האָט געטרוימט אויפצובויען די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט אויף יסודות פון דער הערשאַפט פון אויפגעקלערטע באַלעבאַטים און אויפן צוטרוי צו זיי מצד די אַרבעטער.

פולשטענדיק אין קאַרליילס גייסט האָט מאַדאַם האַסקעל אַנטקעגנגעשטעלט אין איר ראָמאַן „מערי באַרטאָן" אַנטקעגן די גיריקע אונטערנעמערס, וועלכע דערפירן זייערע אַרבעטער און אַרבעטערינס ביז צו שנאָררעריי, פּראָסטיטוציע און בונט, דעם הומאַנישן פאַבריקאַנט, וועלכער האָט חתונה מיט אַ פּראָסטער אַרבעטערין און ער ווערט אַן אמתדיקער פאָטער פאַר זיינע אונטערטעניקע.

אויב מאַדאַם האַסקעל האָט אָנגעצייכנט אַ פיגור פון אַן

אונטערנעמער, ווי ער וואָלט געדאַרפט זיין, האָבנדיק אין זינען די אינטערעסן פונעם סאָציאַלן שלום, האָט דיקענס אינעם ראָמאַן „שווערע יאָרן" געשאַפן אַ פּאָרטרעט פון אַן אַרבעטער, ווי ער וואָלט געדאַרפט זיין אינזינען־האָבנדיק די אינטערעסן פון דערזעלבער סאָציאַלער האַרמאָניע. אַזאַ מין אַרבעטער איז דער באַשיידענער און געדולדיקער סטעפען, וועלכער האָט צוטרוי צו זיין באַלעבאָס ווי צו אַן אייגענעם פאָטער, און וועלכער זאָגט זיך אָפּ פון יעטוועדן אָנטייל אין קלאַסנקאַמף, אַפילו אין דער פאָרם פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

מיט דערזעלבער פּשרהדיקער שטימונג זענען אויך אַדורכגעדרונגען די סאָציאַלע לידער פון טאָמאַס גוד. שילדערנדיק אינעם „ליד וועגן אַ העמד" דעם שווערן גורל פון אַ נייטאָרין, אין וועלכערס אויערן עס האַלט אין איין דערעס דיקן קלינגען, פאַרטרייבנדיק דעם שלאָף און די רו, דער איינטאָניקער מאָטיוו „אַרבעט, אַרבעט, אַרבעט", האָט ער אין אַ צווייט געדיכט „דער שלאָף פון אַ לעידי" אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז די רייכע וועלן רחמנות־קריגן אויף די אומגליקלעכע האָרעפּאַשניקעס און זיי וועלן פאַרבעסערן זייער שלעכטן גורל.

III.

אינעם צווייטן פערטל פון נײַנצעטן יאָרהונדערט האָט די גרויסע מאַשינעלע אינדוסטריע גענומען הערשן אויך אין פראַנקרייך. נאַפּאָלעאָנס „קאָנטינענטאַל סיסטעם", וואָס האָט פאַרבאָטן אַריינצופירן אין די איראָפּעאישע לענדער ענגלישע סחורות, און די אומאויפהערלעכע מלחמות פון דער אימפּעריע, וועלכע האָבן געגעבן אַ מעגלעכקייט די מיליטערישע צושטעלערס און פאַרשיידענע אַנדערע אינטערנעמערס גיך רייך צו ווערן, האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער אויסבילדונג פון גרויסע קאַפּיטאַלן.

צו פאַרטיידיקן די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און פון די אינטערעסן פונעם אינדוסטריעלן קלאַס האָט זיך גענומען נאָך בעת דער הערשאַפט פון דער פעאָדאַל־מאָנאַרכישער רעאַקציע דער פילאָזאָף סען־סימאָן. דער מחבר פונעם „אינדוסטריעלן סיסטעם"

האָט איינגעטיילט יעדע נאַציע אויף צוויי גרויסע גרופּעס — לויד ק‑
גייערס און אַרבעטער. צו די נישט‑שאַפנדיקע עלעמענטן פון אַ לאַנד
האָט סען‑סימאָן גלייכמאָסיק פאַררעכנט סיי די ערדבאַזיצערס,
סיי די באַאַמטע, סיי דעם קלער, און צום קלאַס פון אַרבעטער האָט
ער אין אַ גלייכער מאָס צוגערעכנט הן די קאַפּיטאַליסטן, הן די אינ‑
טעליגענץ, הן דעם פּראָלעטאַריאַט. אויב פראַנקרייך וואָלט צופעליק
אָנגעווארירן אַלע פּריצים, גייסטלעכע און ביוראָקראַטן, וואָלט זי פון
דעמדאָזיקן פאַרלוסט, לויט זיין איבערצייגונג, נישט געליטן קיין שום
מאַטעריעלן און קולטורעלן היזק, בעת דורך דער פאַרשווינדונג פון
די אינדוסטריעלע און פינאַנסיסטן, פון די גייסטיקע און פיזישע אַר‑
בעטער וואָלט זיך אומפאַרמיידלעך אָפּגעשטעלט איר גאַנץ לעבן.

אין איינעם פון זיינע פּילצאָליקע פּראָיעקטן האָט סען‑סימאָן
פאָרגעלייגט פאָלגנדיקן פּלאַן צו רעאָרגאַניזירן פראַנקרייך אויף יסודות
פון דער הערשאַפט פון דער גרויסאינדוסטריע.

מיט אַלע ענינים פון דער נאַציע דאַרפן פאַרוואַלטן דריי „קאַ‑
מערן" (chambres). אין דער ערשטער קאַמער זענען מיטגלידער —
טעכני־קער, אינזשיניערן, פּאָעטן און קינסטלער, וועלכע אַרבעטן אויס
פּלענער ווי פון אַלגעמיין‑נוצלעכע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען,
אַזוי אויך פון גראַנדיעזע פּאָלקספאַרווײַלונגען. דידאָזיקע פּראָיעקטן
ווערן שפּעטער איבערגעגעבן צום איבערקוקן דער צווייטער קאַמער,
וועלכע איז צונויפגעשטעלט פון מאַטעמאַטיקערס און נאַטורפאָרשערס,
אויף וועמען ס'ליגט אויך דער חוב זיך צו פאַרנעמען מיט דער דער‑
ציאונג און בילדונג פון דער יוגנט. דידאָזיקע דערציאונג און בילדונג
דאַרפן צוליב די אינטערעסן פון דער אינדוסטריע‑אַנטוויקלונג טראָגן
אַ פּראַקטישן און רעאַליסטישן כאַראַקטער. די עצם‑פאַרווירקלעכונג
פון דידאָזיקע פּראָיעקטן הענגט אָפּ לחלוטין פון דער דריטער קאַ‑
מער, וועלכע איז, אַזוי‑אַרום, די אמתדיקע רעגירערין פון דער נאַציע,
און דער צוטריט צו דערדאָזיקער קאַמער איז פריי אויסשליסלעך פאַר
די גרויסע אינדוסטריעלער און פינאַנסיסטן. דער אַרבעטער‑קלאַס איז,
לויט סען‑סימאָנס מיינונג, מחויב זיך אונטערצוואַרפן אונטער דער
השגחה און אָנפירונג פון די קאַפּיטאַליסטן און פון דער אינטעליגענץ,
היות די לעצטע זענען „רייך" און זיי „אַרבעטן מיטן קאָפּ", בשעת
דער פּראָלעטאַריער איז „אָרים" און ער „אַרבעט מיט די הענט". דער‑
ביי זענען פונדעסטוועגן די קאַפּיטאַליסטן און די אינטעליגענץ פאַר‑

פליכטעט זיך צו באַנוצן מיט זייער פּריווילעגירטע לאַגע נישט בלויז לטובת די אינטערעסן פון זייער אייגענעם רייך־ווערן און מאַכט, נאָר אויך פאַרן מאַטעריעלן וואוילשטאַנד פונעם אַרבעטער־קלאַס.

סען־סימאָנס טעאָריע וועגן דער „אינדוסטריעלער געזעלשאַפט" האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, אַזויאַרום, נישט מער, ווי דאָס ווירקלעכע בילד פון דער אָנקומענדיקער בורזשואַזער אָרדנונג, וועלכע האָט זיך געבויט אויף דער צוזאַמענדיקער עקספּלואַטאַציע פונעם אַרבעטער־קלאַס מצד דעם קאַפּיטאַל און דער אינטעליגענץ. אָטאָ דאָס בילד איז בלויז געוואָרן דורך סען־סימאָנען אַ ביסעלע אידעאַליזירט און צוגעפאַרבט מיט דער ראָזער פאַרב פון אַ פרידלעכער אידיליע.

בשעת סען־סימאָן האָט פאַרבאַזונגען דעם נייעם לעבנשטייגער, וועלכער האָט זיך אויסגעבילדעט אונטערן דרוק פון דער מאַשינעלער טעכניק, האָט די בורזשואַזע אינטעליגענץ פּראָקלאַמירט אַ „ליטעראַרישע" רעוואָלוציע אַקעגן דעם פריצישן און מאָנאַרכישן רעזשים, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אין פראַנקרייך נאָכן אומקערן זיך פון די בורבאָנען אויפן טראָן. די גרעסטע שפּאַנונג האָט דערגרייכט דער דראַמאַטישער פּראָטעסט פון דער פּראָגרעסיווער בורזשואַזער אינטעליגענץ קעגן דער רעסטאַווראַציע פון דער אַלטער אָרדנונג אויפן דראַמאַטישן געביט. די בורזשואַזע שריפטשטעלער האָבן געשטעלט פאַר זיך אַן אויפגאַבע קודם־כל איינצונעמען מיט שטורעם דאָס טעאַטער, אויסצוקעמפן די סצענע לטובת די אינטערעסן פונעם נייעם לעבן, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אַרום. אין דער שפּיץ פון דער דאָזיקער ליטעראַרישער רעוואָלוציע, וועלכע איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „די ראָמאַנטישע באַוועגונג", איז געשטאַנען וויקטאָר הוגאָ, דער געוועזענער באַזינגער פונעם טראָן, אַלטאַר און פּריצנטום.

אינעם פאָרוואָרט צו זיין ערשטער „ראָמאַנטישער" דראַמע „קראָמוועל" האָט הוגאָ פאָרגעשטעלט די טעאָריע פון דער נייער טעאַטראַלישער קונסט, וואָס אין איר יסוד איז געלעגן דער פּרינציפּ פון אַן אַלזייטיקער שילדערונג פונעם לעבן מיט זיינע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטן, מיט זיינע דערהויבענע און עקלהאַפטע שטריכן. באַלד נאָך „קראָמוועל" איז געקומען אַ גאַנצע ריי פון זיינע פּיעסעס, וועלכע זענען, ביי זייער גאַנצער רעטאָרישער באַרעדעוודיקייט, ביי אַלע זייערע טעאַטראַלע עפעקטן, אַדורכגעדרונגען מיט אַ פּראָטעסטירנדיקן און בונטאַרישן גייסט. וויקטאָר

הוגאָ שילדערט די פראַנצויזישע קעניגן אַלס שוואַכזיניקע אידיאָטן, אויסגעלאַסענע חברה-לייט, וועלכע באַזוכן שמוציקע קנייפּעס, אַלס קאַפּריזנע דעספּאָטן, וועלכע אַמוזירן זיך אויפן חשבון פון זייערע אונטערטאַנען. פּאַראַלעל מיטן פּאָליטישן פּראָטעסט קלינגט אין הוגאָס ראָמאַנטישע דראַמעס אַ שאַרפער מאָטיוו פון סאָציאַלן בונט. די העלדן זיינע, וועלכע ער רינגלט אַרום מיט אַן אָרעאָל פון פּאָעזיע, שטייען געוויינלעך מחוץ פון דער געזעלשאַפט און זיי זענען אירע שונאים. אמת, דידאָזיקע מענטשן דינען נישט אַלס די אינטערעסן-אויסדריקער פון אַ באַשטימטן קלאַס, נאָר זיי שטעלן פאָר די דעקלאַסירטע עלעמענטן פון דער הערשנדיקער גרופּע, אירע סאָציאַלע אָפּפאַלן — ווי דער לץ טריבולע („דער קעניג ווילט זיך"), דער באַנדיט ערנאַני („ערנאַני"), די קורטיזאַנקע מאַריאָן דע לאָרם („מאַריאָן דע לאָרם") אָדער די אַקטריסע טיסבאַ („אַנדזשעלאָ"). דערדאָזיקער אויסטערלישער אויסוואַל פון די העלדן-פּראָטעסטאַנטן צווישן די פאַרשטויסענע און געפאַלענע האָט צום בעסטן כאַראַקטעריזירט די שוואַכע אַנטוויקלונג פונעם קלאַסן-זעלבסטבאַוואוסטזיין און דאָס פעלן פון רעוואָלוציאָנערן גייסט ביי דערדאָזיקער טומלדיקער אינטעליגענץ, וועלכע פלעגט זיך בוקן פאַר דער קלינגענדיקער פראַזע. דער בולטסטער קינסטלערישער סימבאָל פון אָט-דער בורזשואַזער אינטעליגענץ, וועלכע איז באַשטאַנען פון קאַריעריסטן, וואָס האָבן געטרוימט אַראָפּצוואַרפן די אַלטע אָרדנונג, כדי צו באַקומען מער גרוימקייט פאַר זייער אייגענער הערשאַפט, איז וויקטאָר הוגאָס ריואי בלאַז, אַ לאַקיי, וועלכער האָט זיך אַדורכגעשלאָגן אַ וועג ביז צום ווערן אַ זעלבסטהערשערישער מיניסטער.

אין יאָר 1830, אין חודש יולי איז אין פּאַריז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע, וועלכע האָט געמאַכט אַ סוף צום רעגירן פון די בורבאָנען און וועלכע האָט אַרויפגעזעצט אויפן טראָן דעם קעניג-„בירגער" לואי-פיליפּ. בשעת די זַרבעטער פון די פאַרשטעט האָבן געבויט אין די גאַסן באַריקאַדן און האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט פאַרן זיג פון דער פרייהייט, האָט די בורזשואַזיע אין אירע פּאַלאַצן און קאַנטאָרן אָפּגעוואַרט דעם אויסגאַנג פון דער שלאַכט, כדי זי זאָל שפּעטער צונעמען פאַר זיך די פרוכטן פונעם זיג.

אין זיינע באַקאַנטע „יאַמבן" האָט באַרביע געשטעמפּלט דורך

צאָרנדיקע לידער די פּחדנישע און פּאַרעטערישע אויפפירונג פון די אויבערשטע „צענטויזנט".

און דידאָזיקע בן־יחידלעך אין די הענטשקעס די נעטע,
וואָס טראָגן וועש פון באַטיסט;
אָט די ווייבער־ענלעכע, אין קאָרסעטן אויסגעבעטע, —
צי זענען זיי געווען דאָרט, וואו מע שיסט?
ניין, זיי זענען דאָרט נישט געווען, ווען אַלץ צעשלאָגנדיק,
דורך פייער, דורך קוילן אַ האָגל,
האָט דער המון, דער היילִיקער, יאָגנדיק —
זיך צו דער אייביקייט געטראָגן.

אין דערזעלבער צייט, ווען די בורזשואַזיע האָט, געפירט פון איר סוהדרישן הוש, פאַרנומען אַן אויכּהאַרמנדיקע פּאָזיציע, זענען די אַרבעטער מוטיק נאָכגעגאַנגען נאָך דער פרייהייט, די געקליידעטע אין „שמאַטעס", „מיט אַ דרייקאָלירנדיקן באַנד איבער דער באַקעטער פּלייצע", מיט „אַן אָנגעצונדענעם קנויט ביים געווער אין האַנט":

אַ פלעבעיערין אַ שטאָלצע, האָט זי מיט פּריידיקע רייד אינעם מויל
זיך באַוויזן אין אונזערע פאַרהושכטע ווענט,
און מיר, צעשלאָגענע, צעממיתטע, מיר צעריסענע פון קוילן
האָבן זי אָנעם שמייכל דערקענט.

די יולי־רעוואָלוציע האָט צוגערוקט צו דער מאַכט די גרויס־בורזשואַזיע, וועגן וועמענס ממשלה ס'האָט געטרוימט סען־סימאָן. „אין לואי־פיליפּס צייטן — באַמערקט מ אַ ר ק ס („דער קלאַסנקאַמף אין פראַנקרייך") — זענען די טאָנגעבערס געווען די באַנקירן, די קאָרפּנ־קעפּ פון דער בערזע, די אייזנבאַן־קעניגן, די אייגנטימערס פון קוילן־גרובנס און אייזן־גיסערייען — זיי זענען געזעסן אויפן טראָן, האָבן דעקרעטירט אין דער מלוכה־קאַמער די געזעצן און האָבן פונאַנדער־געטיילט מלוכהשע פּאָסטנס".

ס'איז אָנגעקומען די ממשלה־צייט פונעם „עגל־הזהב". פונדער־הויך פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער טריבונע האָט דער מיניסטער גיזאָ אַראָפּגעוואָרפן צו די מאַסן דאָס מאַגישע וואָרט: „ווערט רייך" (En-richissez-vous"). דער באַגער צו רייכקייט און קאָמפאָרט, דער באַ־

געבער זיך דורכצושלאָגן אַ וועגן אַרויף, אינדערהויך, כּדי צו קאָנען זיך פאַרשאַפן פאַרגעניגנס און צו הערשן, — דידאַזיקע באַגערן זענען אַריינגעדרונגען אין אַלע שיכטן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. פון דער ווייטער פּראָווינץ האָט די יוגנט מאַסנווייז צונויפגעשטראָמט אין דער הויפּטשטאָט אַריין, האָפנדיק צו מאַכן אַ קאַריערע, קומען צו אַ תּכלית, צו אַ פאַרזיכערטע געזעלשאַפטלעכע שטעלונג.

די בורזשואַזע געזעלשאַפט האָט געפונען איר געניאַלן שילדערער אין דער פּערזאָן פון באַלזאַקן און באַלזאַק אַליין האָט אין מיניאַטור אָפּגעשפּיגלט אָט דיזעלביקע בורזשואַזע געזעלשאַפט. אַלס אַן אָרימער פּראָווינציאַל איז באַלזאַק אָנגעקומען קיין פּאַריז און אים האָט באַוועלטיקט איין פאַרלאַנג, איינצונעמען דורך זיין טאַלאַנט די־דאָזיקע קאָלאָסאַלע, פרעמדע שטאָט. ער האָט געוואוינט אין אַן אָרימער מאַנסאַרדע, וואו ער פלעגט ציטערן פון קעלט און פון הונגער, און ער האָט תּיכּף איינגעזען אין דער ליטעראַטור נישט מער ווי אַ מיטל רייך צו ווערן. וועגן זיינע ערשטע ראָמאַנען האָט ער געשריבן צו זיין שוועסטער, אַז זיי זענען „אַן אמתדיקע ליטעראַרישע חזירײַ" און זייער „איינציקער ווערט באַשטייט אין די טויזנט פראַנק", וועלכע ער האָט פאַר זיי באַקומען.

באַלזאַקס באַליבטע העלדן זענען פונקט אַזעלכע קאַריעריסטן און דערגרייכערס, ווי ער אַליין איז געווען. אינעם ראָמאַן „לוויהדיקע טרוימען" פירט ער אַרויס אַלס העלד אַ יונגען פּראָווינציאַל ליוסיען, וועלכער קומט צו פאָרן אין דער הויפּטשטאָט אַריין, כּדי צו מאַכן אַ קאַריערע פון אַ שרייבער. באַקענט זיך מיט אָנגעזעענע פאָרשטייער פון דער ליטעראַרישער און טעאַטראַלישער וועלט, ער איבערצייגט זיך דערין, אַז זיי אַלע אַרבעטן צוליב געלט און כּבוד, און נישט צוליב דער קונסט, און ער טוט נאָך זייער ביישפּיל: ער פאַרקויפט זיין פעדער און זיינע איבערצייגונגען יענעם, ווער עס צאָלט מער. אינעם ראָמאַן „פאָטער גאָריאָ" מאַכט באַלזאַק פאַרן העלד אַ צווייטן פּראָווינציאַל ראַסטיניאַק, וועלכער פאַלט אַריין אין דער הויפּטשטאָטישער בורזשואַזער געזעלשאַפט. ער זעט־צו, ווי זי באַנוצט זיך מיט געזעצן און פּרינציפּן בלויז צוליב דעם, כּדי זי זאָל קאָנען אָפּאַרבעטן אירע טונקעלע געשעפטלעך; ער זעט, ווי אומעטום הערשן ליגן און פאַלשקייט, כּלומרשטיקע מעשים־טובים, הינטער וועלכע ס'באַהאַלטן זיך רויבערישע נייגונגען; ער זעט פיקטיווע חתונות, וועלכע דינען אַלס מאַס־

קע פאַר דעמאָראַליזאַציע און אויסגעלאַסנקייט; ער זעט־צו צביעותדיק גוטסקייט, וועלכע איז אויסן צו באַשווינדלען און צו באַרויבן דעם צוטרויליכן און אומדערפאַרענעם. לכתחילה ווערט ראַסטיניאַק אַן אויפגעציטערטער צוזעענדיק אָט די גאַנצע שענדלעכקייט און מיאוסקייט, אָבער דערנאָך לעבט ער זיך צונויף מיט דער אַרומיקער סביבה, ער אָרדנט זיך איין איר פּרעכטיק איין, ער שטייגט אַלץ העכער און פאַרענדיקט זיין קאַריערע — אַלס מיניסטער.

באַלזאַק האָט זייער גיך פאַרשטאַנען, אַז בלויז פון ליטעראַרישער אַרבעט איז שווער צו מאַכן אַ לעבן ווי געהעריק, און ער האָט זיך גענומען צו פּלאַנענמאַכעריי. אָט האָט ער פּראָיעקטירט ביליקע אילוסטרירטע אויסגאַבעס פון די פראַנצויזישע קלאַסיקער, מיינענדיק צו פאַרדינען פון דעמדאָזיקן עסק אַ מאַסע געלט, אָט איז ער אַוועקגעפאָרן קיין סאַרדיניע מיט דער האָפענונג דאָרטן צו עקספּלואַטירן זילבערגרובנס, אָט איז אים איינגעפאַלן אויפצובויען אַ קאָלאָסאַלע אָראַנזשעריע אויף צו האָדעווען אַנאַנאַסן, רעכנענדיק צו פאַרקויפן הונדערט טויזנט שטיק צו 5 פראַנק אָנשטאָט דעם דורכשניט־פרייז פון 20 פראַנק, — דאָס איז געווען אַ געשעפט, וואָס האָט אים געדאַרפט אַריינטראָגן, אַראָפּרעכענענדיק אַלע הוצאות, פיר הונדערט טויזנט פראַנק אַ יאָר. דידאָזיקע אַלע פּלענער זענען אָדער געוואָרן צונישט אָדער זיי זענען אויפגעכאַפּט געוואָרן דורך פלינקערע אונטערנעמערס.

אַזעלכע פּלאַנענמאַכערס־אַפעריסטן זענען אויך, צומגרעסטנטייל, באַלזאַקס העלדן. באַזונדערס איז עס מערקאַדע, אַ באַנקראָטירטער אונטערנעמער, וועלכער טראַכט־צו די סאַמע פאַנטאַסטישסטע פּלענער און לעגענדאַרישע אַוואַנטורעס, האָפנדיק צוריק צו ווערן „אַ קעניג אויף דער בערזע": ער טרוימט צו דערפינדן אַ מאַטעריאַל צו מאַכן אַזאַ מין גאַסן־ברוק, וואָס זאָל מאַכן פאַר אוממעגלעך אין דער צוקונפט יעדן מין רעוואָלוציע, און ער רעכנט אויס, מיט רעכט, אַז אַקציאָנערן פון דערדאָזיקער גראַנדיעזער אונטערנעמונג וועלן ווערן אַלע קלאַסן און כוחות, וועלכע זענען פאַראינטערעסירט איינצוהאַלטן די עקזיסטירנדיקע אָרדנונג — קעניגן און בערזע־לייט, מיניסטאָרן און אינדוסטריעלער, פירשטן און סוחרים.

אין באַלזאַקס פילצאָליקע ראָמאַנען, וועלכע זענען פאַראייניקט מיט דעם אַלגעמיינעם טיטול „די מענטשלעכע קאָמעדיע" ווערט לעבעדיק פאַר אונזערע אויגן פּאַריז פון דער יולי־מאָנאַרכיע, פּאַריז פונע

קעניג-בירגער. אין אַ לאַנגער שורה גייען דורך מיליאָנערן-סוחרים, בערזע-לייט און פּראָצענטניקעס און דער גאַנצער גרויסער המון פון זייערע שלאַטן-שמשים, וועלכע לעבן אויפן חשבון פון זייערע באַלעטים: אַדוואָקאַטן, זשורנאַליסטן, פּאָעטן, קאָקאָטעס און צומלעצט, די טונקעלע וועלט פונעם שטאָטישן דנאָ: שווינדלערס, פאַרברעכערס, באַנדיטן — און די פאַר זיי באַשטימטע שפּיאָנען און פּאָליציי-לייט. אָט די אַלע אַקטיאָרן פון דער „מענטשלעכער קאָמעדיע" פאַרמאָגן בלויז איין ליידנשאַפט — מאַכן אַ קאַריערע, בלויז איין אָפּגאָט — גאָלד. ווען דו בלעטערסט דורך די דאָזיקע גרויסע ראָמאַנען, הערסטו אויף יעדער זייט, ווי עס שורשען וועקסלען און רעכענונגען, ווי ס'קלינגען זילבערנע און גאָלדערנע מטבעות, און דו זעסט ווי ביי דעמדאָזיקן קלאַנג ציינדן זיך אָן מיט אַ פיבערהאַפט פייער די אויגן פון מענער און פרויען, פון מיליאָנערן און אָרימעלייט, פון זקנים און יונגע מענטשן. קיין שום עטישע פּרינציפּן, קיין שום מאָראַלישן טאַקט איז נישט צוגעפּאַסט ביי באַלזאַקס העלדן. פּונקט ווי ראַסטיניאַק, לעבן זיי אָן געוויסנפּיין אויפן חשבון פון זייערע געליבטע פרויען, פּונקט ווי ליוסיען דערגייען זיי צו אַזאַ ציניזם, אַז זיי זעצן זיך אַוועק ביים טויטנבעט פון אַ געשטאָרבענער פריינדין שרייבן פּיסטע לידלעך פאַר אַ גאַסן-בלעטל. אַלע האַלטן זיי פונעם פאַרברעכער וואָטרענס פילאָזאָפיע: „ס'עקזיסטירן נישט נישט קיין פּרינציפּן, נישט קיין געזעצן, עס זענען בלויז פאַראַן אומשטאַנדן, צו וועלכע אַ קלוגער מענטש פּאַסט זיך צו". זיי אַלע האַלטן זיך ביי דער איבערצייגונג, אַז מ'מוז אומבאַדינגט „פאַרבאָרגן יעדעס אויפריכטיק געפיל", אַנישט ווערט מען פאַרוואַנדלט פון אַ האַמער אין אַ אָוואַדלע", און אַז בלויז „קאַלטבלוטיקע אויסרעכנונג" קאָן ברענגען אַ מענטש צום באַגערטן ציל. דער פאַרברעכער וואָטרען איז גערעכט, ווען ער פאַרגלייכט די איצטיקע געזעלשאַפט צו „שפּינען", וועלכע „פרעסן זיך אויף איינער דעם אַנדערן".

באַלזאַק האָט שטודירט נישט בלויז די הויפּטשטאָט נאָר אויך דאָס דאָרף („פּויערן") און ער האָט געפונען דיזעלבע גיריקע און שווינדלערישע אינסטינקטן אויך אין דער נשמה פונעם פּויער, דעם קליינעם ערדבאַזיצער, וועלכער איז נאָך דער גרויסער רעוואָלוציע פון 1789 יאָר געוואָרן דער אייגנטלעכער יסוד פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט.

בשעת באַלזאַק האָט געשילדערט די בורזשואַזע וועלט לחלוטין

אָביעקטיוו, אייגנטלעך מער מיט אינטערעס איידער מיט אומצופֿרידנהייט, ווייל ער אַליין איז אין דער נשמה זיינע געווען אַ טיפּישער בורזשוי, — האָבן די פּאָעטן-אַריסטאָקראַטן געשיקט אויפֿן אַדרעס פֿון דערדאָזיקער וועלט בלויז קללות, זיי האָבן איר געוואָרפֿן אין פּנים אַריין „דעם אייזערנעם פּערז, אַ באַגאַסענעם מיט פֿאַרביטערונג און בייזקייט".

די דראַמע פֿון א. ד ע - וו י נ י „טשאַטערטאָן" איז געווען דער צאָרנדיקסטער פּראָטעסט מצד דער אָפּאָזיציאָנעלער אַריסטאָקראַטיע אַקעגן דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט, — אַקעגן ד ע ר געזעלשאַפֿט, וועלכע האַלט, לויט די רייד פֿון איינעם פֿון די פּערסאָנאַזשן פֿון דערדאָזיקער דראַמע, פֿאַר איר גאָט דעם „עגל הזהב", און פֿאַר איר אימפּעראַטאָר — דעם „יידישן פּראָצענטניק". דער פֿאַבריקאַנט דזשאָן בעל איז אַ טיפּישער פֿאָרשטייער פֿון דעם נייעם הערשנדיקן קלאַס. ער האָט זיך דערשלאָגן צו רייכטום אַ דאַנק „האָרעוואַניע" און „אָפּשפּאָרונג". ער איז אַן עגאָאיסט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, און זיין האַרץ איז פּונקט אַזאַ „אייזערנס, ווי די מאַשינען זיינע". ער קוקט אויף אַלץ אויסשליסלעך פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון ריווח, וואָס ער פֿאַרשאַפֿט „פֿון לעבעדיקע און נישט-לעבעדיקע זאַכן". אין זיין פֿאַבריק געוועלטיקט ער ווי אַן „אַבסאָלוטער מאָנאַרך" און זיינע אַרבעטער עקספּלואַטירט עס וויפֿיל ס'לאָזט זיך נאָר, און ווען זיי הויבן אָן זיך „בונטעווען", גיט ער זיי אַן עצה, זיי זאָלן נעמען אָפּשפּאָרן און „קלייבן געלט" כּדי זיי זאָלן אַליין ווערן אונטערנעמערס. דזשאָן בעל האָט אינסטינקטיוו מורא און ער האָט פֿיינט אַלץ, וואָס איז ליטער און דערהויבן — באַזונדערס, די ליבע און די דיכטונג. זיין צאַרטע און צניעותדיקע פֿרוי האָט ער דערנידעריקט ביז צו דער מדרגה פֿון אַ שקלאַפֿין, און דעם דיכטער טשאַטערטאָן קוקט ער נ אָ ך מיט אַ קרומען און נישט-גינציקן בליק. טשאַטערטאָן סימבאָליזירט דעם מצב פֿונעם דיכטער אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט. ער איז אַן אָרימער, אַן „אינטעליגענטער פֿאַריער", און ער איז געצוואונגען צו שאַפֿן „אין איילעניש", אויף באַשטעלונג; „כּדי צו עקזיסטירן" מוז ער ווילן דאָס פּובליקום, בעת „אַרום זיך זעט ער, ווי מענטשן ליידן, ווי די גערעכטיקייט רופֿט נאָך הילף, די שווערע אַרבעט ווערט פֿאַראַכטעט, דאָס געזעץ איז פֿאַרדאָרבן, ווי אַ פּראָסטיטוטקע, און די ערד פֿאַרלאַנגט פֿונעם דיכטער, ער זאָל זיך פֿאַר איר אָננעמען אַקעגן יענע, וואָס צעגראָבן זי צוליב גאָלד און

װאָגן איר, אַז זי קאָן זיך באַגײן אָ ן דעם הימל". װען דער הונגער ברענגט טשאַטערטאָנען צו אַ מצב פון אַבסאָלוטער אָפּשװאַכונג און ער װענדט זיך צו דער רעגירונג נאָך אַ געלט־סובסידיע, לײגט אים פאָר דער לאָרד־מער פון דער שטאָט לאָנדאָן אַ שטעלע פון אַ קאַמערדינער מיט אַ גאַזשע פון הונדערט פונט אַ יאָר: „יעדער מענטש דאַרף ברענגען נוצן זײן לאַנד" — טרײסט דעם דיכטער פּאָטערלעך דער פאָרשטײער פון דער מאַכט. אַ צעטומלטער פון אַזאַ מין פאָרשלאַג, פאַרסמט זיך טשאַטערטאָן פאַרשילטנדיק דאָס „שענדלעכע לאַנד", װאו ס'איז נישטאָ קײן פּלאַץ פאַר אַ קינסטלער, פאַר אַן אָנפּניותדיקן דינער פון דער קונסט.

בשעת די בעסערע יורשים פון דער אַלטער אַריסטאָקראַטיע האָבן זיך, װי ד ע ־ װ י נ י, דערװײטערט אין אַ שטאָלצער התבודדות („משה", „דער שטאַרבנדיקער לײב") אָדער זײ זענען אַרײנגעפאַלן אין אַ טרויעריקער מעלאַנכאָליע, װי מ י ז ע („געכט" א. א. לידער), — האָט די מערהײט פון דער אַריסטאָקראַטיע זיך באַמיט װאָס גיכער זיך צוצופּאַסן צו דער בורזשואַזער אָרדנונג און חתונה־האָבנדיק מיט בירגערלעכע טעכטער האָבן זײ אױסגעביטן זײערע טיטולן אױף קלינגענדיקע מטבעות.

אין אָ ז ש י ע ס דראַמע „העד פּואַריעס אײדעם" האָט חתונה אַן אַריסטאָקראַט — אַ יורד, דער מאַרקיז דע־פּרעל, מיט דער טאָכטער פון אַ רײכן סוחר, װעלכער האָפט, אַ דאַנק דעמדאָזיקן שידוך, צו װערן אַ פּער פון פראַנקרײך. דער מאַרקיז און דער סוחר האַלטן בײדע דאָס געשעפט אַלס אַ נישט־פּויגלדיקס פאַר זײ. „קומט נאָר אַהער, העקטאָר, — זאָגט דער מאַרקיז צו זײן פרײנט, — איר װײסט צוליב װאָס אײנער פון מײנע אבות האָט אין דער שלאַכט בײ פאָנטענואַ דעראָבערט צװײ שטאַנדאַרן, און אַ צװײטער האָט אױפגעריסן זיך און זײן שיף אין דער שלאַכט בײ האָג, איר װײסט צוליב װאָס מײן זײדע איז געפאַלן אַ טויטער אין דער שלאַכט בײ קיבעראָן? פּשוט צוליב דעם, העד פּואַריע זאָל אין אײן שײנעם פרימאָרגן זיך אױפכאַפּן אַלס באַראָן און פּער פון פראַנקרײך". „און איר װײסט, העד הערצאָג, — רײסט אים איבער דער סוחר, — צוליב װאָס איך האָב אין משך פון דרײסיק יאָר געאַרבעט טאָג אין טאָג צו פערצן שעה? צוליב װאָס איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע פאַרגעניגנס און, שפּאָרנדיק דעם גראָשן, צונױפגעקליבן פיר מיליאָן? פּשוט צוליב דעם, כדי דער העד מאַרקיז דע־פּרעל, װאָס האָט זיך נישט

באַטייליקט אין קיין איין שלאַכט און איז נישט געפאַלן אין קיין איין מלחמה, זאָל קאָנען אויף דער עלטער רואיק שטאַרבן אין זיין אייגן בעט, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעלעבט אַ גאַנץ לעבן גאָרנישט טוענדיק".

דער מאַרקיז האָט געירשנט פון זיינע יחוסדיקע אבות אַ ליידנשאַפט צו ליידיקגייעריי און צו לוקסוס, אַ ליבע צו אוואַנטורעס און צו קונסט און אַ פאַנאַטישן קולט פון ערע. „אונזערע רעכט זענען פאַרניכטעט, — שרייט ער אויס, — עס זענען פאַרבליבן בלויז פליכטן. פון אַלע אונזערע פּריווילעגיעס זענען געבליבן אומבאַרירט בלויז צוויי ווערטער, אָבער אָט די צוויי ווערטער וועט נישט אָפּמעקן קיין שום מענטשלעכע האַנט — דידאָזיקע צוויי ווערטער זענען: נ אָ ב ל ע ס אָ ב ל י ז ש („noblesse oblige“ איידלקייט פאַרפליכטעט, דערפאַלג איז צו עפּעס מחייב). מיר אַריסטאָקראַטן זענען אונטערגעוואָרפן אַ געזעץ, אַ האַרבערן פון אייער בורזשואַזן שטראָף-קאָדעקס, — דעם געזעץ פון ערע". אין דעמדאָזיקן וואָרט לייגט דער מאַרקיז אַריין אַן אייגנאַרטיקן אינהאַלט: די ערע פון אַן אַריסטאָקראַט דערלויבט אים נישט צו באַצאָלן די פּראָצענטניקעס די דורכן געזעץ פאָרגעזעענע 6 פּראָצענט, בשעת ער האָט זיי געהאַט צוגעזאָגט 60, אָבער זי שטערט אים נישט אָפּצונאַרן זיין פרוי און לעבן אויפן חשבון פון איר פאָטער.

דער סוחר פּוּאַריע איז אַ פולשטענדיקער קעגנזאַץ פונעם מאַרקיז. ער איז אויף אַזוי פיל געשעפטמעסיק און אַרבעטזאַם, אויף וויפיל יענער איז פויל, ער איז אויף אַזוי פיל עקאָנאָמיש און פּשוט, אויף וויפיל יענער וואַרפט זיך מיט געלט און איז שיקאַרטיק, און אויב דער מאַרקיז רעכנט זיך אין אַלע זיינע האַנדלונגען מיט „ערע", שטעלט דער סוחר העכער פון אַלץ די „אויסרעכענונג". די גאַנצע וועלט זעט ביי אים אויס, ווי אַ קאָלאָסאַל האַנדלהויז, און אַ קאַפּיטאַליסט איז אין זיינע אויגן דער געבוירענער רעגירער פונעם לאַנד. „דער האַנדל, — רופט ער אויס, — דאָס איז די בעסטע שולע פאַר מלוכה-לייט". צו דער קונסט איז הער פּוּאַריע לחלוטין גלייכגילטיק און ער פאַרשטייט נישט, וויאַזוי מ'קאָן צאָלן לעגענדאַרישע סומעס פאַר עפּעס אַ פּייזאַזש, ס'איז נאָך גוט, ווען דער אויטאָר איז כאָטש אַ באַרימטהייט, אָבער מ'קאָן דאָך נאָך אָנטרעפן אויף „עפּעס אַן אומבאַקאַנטן הונגערנדיקן קינסטלער".

צווישן דעם אַריסטאָקראַט און דעם בורזשוי הויבט זיך אָן אַן

עקשנותדיקער קאַמף פאַר דער מאַכט אין שטוב, און דערדאָזיקער קאַמף ענדיקט זיך מיט אַ פולשטענדיקער מפּלה פונעם מאַרקיז.

דער פּואַריע וויל אָפּקויפן דעם שלאָס פון דער פאַמיליע דעפּרעל און מאַכן אים גלייך מיט דער ערד.

„ס'וועט נישט דויערן קיין חודש, — טריאומפירט ער, — און דאָס לעצטע איבערבלייבעניש פון די פעאָדאַלע צייטן וועט מער נישט מאַכן צו שאַנד דאָס לאַנד פונעם פרייען פאָלק. אויף דעם אָרט, וואו ס'איז געשטאַנען דער פּאַלאַץ וועלן מיר פאַרזייען ריבן, און די שטיינער וועלן מיר אָפּגעבן ערדאַרבעטער און וויינגערטנערס, נוצלעכע מענטשן, זיי זאָלן זיך אויפבויען הייזער פון זיי. מיר וועלן אויך פאַרניכטן דעם אַלטן פּאַרק, די דורות־אַלטע בוימער וועלן גיין אין געהילץ, און ערלעכע האָרעפּאַשניקעס וועלן עס ביי אונז אויפקויפן און זיי וועלן דערמיט הייצן זייערע אויוונס!"

IV.

אין דער מאָס, אויף וויפיל אין פראַנקרייך האָבן זיך אַנטוויקלט די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטנישן, האָט זיך די געזעלשאַפט אַלץ שאַרפער פונאַנדערגעשפּאָלטן אויף צוויי פיינטלעכע לאַגערן — אייגנטימערס און פּראָלעטאַריער.

די סאָציאַלע פראַגע האָט זיך מעכטיק אַריינגעריסן אין לעבן און אין דער ליטעראַטור.

די פראַנצויזישע אינטעליגענץ פון דערדאָזיקער עפּאָכע האָט זיך צעטיילט אויף אַ ריי סאָציאַליסטישע סעקטעס, וועלכע האָבן, איינע נאָך דער אַנדערע, פאַבריצירט פּלענער פון אַ געזעלשאַפטלעכן איבערבוי. עס זענען אַנטשטאַנען די קרייזלעך פון די סענסימאָניסטן, פוריעריסטן, קאַבעטיסטן. דער געוועזענער אַרבעטער, און שפּעטער סענאַטאָר, קאָרבאָן, וועלכער איז געווען פערזענלעך באַקאַנט מיט דידאָזיקע סאָציאַליסטישע גרופּעס, שטעלט פעסט אין זיין בוך „די געהיימנישן פון פּאַריזער פאָלק", אַז אין זיי האָבן זיך באַטייליקט בלויז אינטעליגענטן און נישט קיין אַרבעטער. דער פראַנצויזישער סאָציאַליזם פון דערדאָזיקער עפּאָכע האָט דעריבער געטראָגן נישט קיין פּראָלעטאַרישן נאָר אַ בורזשואַז־אינטעליגענטישן כאַראַקטער.

די סענסימאָניסטן האָבן געלייגט אין פונדאַמענט פון דער ראַציאָנעל-איינגעאָרדנטער געזעלשאַפט נישט קיין סאָציאַליסטישן נאָר אַ דעמאָקראַטישן פּרינציפּ: „יעדערן געהערט, וויפיל עס אַנטשפּרעכט זיינע פעאיקייטן". און זיי זענען בכלל אין אַ סך אַ גרעסערע מאָס געווען פאַרטון אין דער רעאָרגאַניזאַציע פון די געשלעכטלעכע באַציאונגען איידער פון די עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן, פּרעדיקנדיק „קאָמוניזם פון דער ליבע", אַלגעמיינקייט פון מענער און פרויען.

פ ו ר י ע, וועלכער האָט פאָרגעלייגט צו פאַרבייטן די עקזיסטירנדיקע אָרדנונג מיט אַ נעץ פון „פ אַ ל אַ נ ס ט ע ר ן", ד. ה. אינדוסטריעל-לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס מיט אַלגעמיין-פאַרפליכטנדיקע אַרבעט און קאָלעקטיווער אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע, — האָט גלייכצייטיק זיך געהאַלטן ביי דער טיילונג פון דער געזעלשאַפט אויף קאַפּיטאַליסטן, אינטעליגענץ און אַרבעטער, דערביי איז לויט זיין רעכענונג אויסגעקומען, אַז די הכנסה פונעם אַרבעטער וועט פאַרגרעסערט ווערן אויף אַכט מאָל, אָבער אויך דער ריווח פון די קאַפּיטאַליסטן און די באַלוינונג פאַר טאַלאַנט וועלן באַדייטנדיק אויסוואַקסן. שילדערנדיק דאָס לעבן אין דער אידעאַלער געזעלשאַפט, אין „האַרמאָניע", שטעלט זיך פוריע אָפּ גענוג אויספירלעך אויף דער באַשרייבונג פון דער מאַסע „ליבע-פּאַלאַצן, וואָס עקזיסטירן אין דערדאָזיקער געזעלשאַפט, אין וועלכע עס קומען פאָר יעדע נאַכט פּרעכטיקע באַלער און וואו עס ווערט געגעבן פולשטענדיקע פרייהייט פאַר אַלע עראָטישע אויסברוכן אַפילו פאַר אומנאַטירלעכע. אַרויסברענגענדיק אין זיין סאָציאַלער אוטאָפּיע אין אַ גרויסער מאָס דעם לעבנשטייגער פונעם רייכן בירגערטום, האָט פוריע גלייכצייטיק געהאָפט צוצוציען דורך אַזעלכע פּיקאַנטע איינצלהייטן די אויפמערקזאַמקייט און די סימפּאַטיע פון דער בורזשואַזע.

די סאָציאַלע פראַגע ווערט אין די פערציקער יאָרן פון ניינצעטן יאָרהונדערט אויך די באַליבטע טעמע פון דער בעלעטריסטיק.

די פילבענדיקע סאָציאַלע ראָמאַנען פון ע ז ש ע ן ס י: „דער אייביקער ייד" און „די געהיימנישן פון פּאַריז", וועלכע זענען איבערפולט מיט כלערליי מאָדנע פּאַסירונגען און אומגלויבלעכע געשעענישן, האָבן געהאַט אַ מאַסע לעזער. שפּעטער, שוין נאָכן 48-סטן יאָר, מאַכט ווי ק ט אָ ר ה ו ג אָ אין זיין ראָמאַן „די פאַרשטויסענע" פאַר אַ העלד דעם פאַרברעכער זשאַן וואַלזשאַן, וועלכער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן

אידעאַלן אונטערנעמער מאַדלען, וואָס ביי אים אין פאַבריק „האָט יעדער באַדערפטיקער געפונען אַרבעט און אַ שטיקל ברויט". „פאַר זיין דערשיינען איז דאָס גאַנצע לאַנד געווען פאַרזונקען אין אַ שלאָף-קרענק. איצטער האָט אַלץ אויפגעלעבט דורך אַרבעט. אַרבעטלאָזיקייט און נויט זענען פאַרשוואונדן. ס'איז נישט געווען קיין איין קעשענע, אין וועלכער ס'זאָלן נישט קלינגען עטלעכע פראַנק, ס'איז נישט געווען קיין איין שטוב, וואו ס'זאָל נישט זיין כאָטש אַ ביסל פרייד". מאַדלען האָט געפאַטערט מער ווי אַ מיליאָן אויף וואוילטעטיקע צוועקן און די אַרבעטער האָבן אים „פאַרגעטערט".

דער טאַלאַנטפולסטער מחבר פון סאָציאַלע ראָמאַנען איז געווען די שרייבערין זשאָרזש זאַנד. אין אירע ערשטע ווערק האָט זי זיך פאַרנומען כמעט אויסשליסלעך מיט דער פראַגע פון רעפאָרמירן דאָס פאַמיליע-לעבן. די נאָרמאַלע הייראַט דאַרף, לויט איר מיינונג, זיך באַזירן אויסשליסלעך אויף ליבע און נישט אויף „געלט און כבוד-זוכעניש" („קאָנסועלאָ"). די סאָציאַלע נישט-גלייכקייט טאָר נישט דינען אַלס שטערונג ביי אַ שידוך („וואַלענטינאַ"). אויב צוויי יונגע מענטשן שפירן איינער צום אַנדערן אַן אויפריכטיק געפיל, האָבן זיי רעכט „זיך אָפּגעבן איינער דעם אַנדערן" („קאָנסועלאָ"). דער קירכלעכער ריטואַל איז נישט מער ווי אַ פאָרמאַליטעט, גיכער — אַ „רעליגיעזע דערמאָנונג" איידער אַ „פאַרפליכטונג". די שבועה פון אייביקער ליבע איז אַ פּשוטער אומזין, ווייל קיינער קאָן נישט ערב זיין פאַר זיך, אַז ער וועט נישט שטאַרקער ליב-קריגן עמיצן אַנדערש („זשאַק"). איינע פון די וויכטיקע באַדינגונגען פאַר אַ גליקלעכער הייראַט איז די פאַרחתונהדיקע ריינקייט נישט בלויז פון דער פרוי, נאָר אויך פונעם מאַן („מאָפּראַ"). דער מאַן און די פרוי זענען מחויב צו קוקן איינער אויפן אַנדערן ווי אויף גלייכבאַרעכטיקטע חברים און אָפּצוהיטן קעגנזייטיקע טריישאַפט („לעליאַ"). אָבער ווי נאָר איינער פון די צדדים דערשפירט אַן אָפּגעקילטקייט, איז ער מחויב וועגן דעם צו מעלדן און די הייראַט דאַרף ווערן פונאַנדערגעלאָזט („זשאַק"). אַ געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונג אָן ליבע איז אין דער העכסטער מאָס פאַראורטיילווערט („לוקרעציאַ פלאָריאַני"). די דאגות וועגן דער קינדער-פאַרזאָרגונג דאַרף נעמען אויף זיך די געזעלשאַפט. די געזעלשאַפט איז מחויב זיך צו פאַרנעמען מיט זייער גורל „נישט פענטענדיק די פרייהייט פון די עלטערן". מ'קאָן האָפן, אַז אין פאַרלויף פון דער צייט, „ווען די געזעלשאַפט וועט מאַכן



וויקטאָר הוגאָ

זשאָרזש זאַנד

עטלעכע טריט אויפן וועג פון גערעכטיקייט און פאַרשטאַנדיקייט", וועט די עקזיסטירנדיקע הייראַט־פאָרם פאַרביטן ווערן אויף אַ מענטשלעכערע און נישט ווייניקער הייליקע" („זשאַק").

אין אירע שפּעטערדיקע ראָמאַנען האָט זיך ז ש אָ ר ז ש ז אַ נ ד אינטערעסירט אין דער ערשטער ריי מיט דער סאָציאַלער פראַגע. אין דער הויפּשטאָט, וואוהין זי איז געקומען צו פאָרן פון דער פאַרוואָרפענער פּראָווינץ, פון איר באָבעס אַ גוט, איז זי געוואָרן טיף דערשיטערט פונעם „שרעקלעכן קאָנטראַסט" צווישן רייכקייט און אָרימקייט, וואָס הערשט דאָ אויף טריט און שריט. זי האָט געזען פון איין זייט די פּאַלאַצן פון די „באַנקירן און פאַטריציער", דעם זינלאָזן לוקסוס פון אַ „הייפל גליקלעכע", און פון דער אַנדערער זייט — די „נישט־פאַרזיכערטע און טרויעריקע אַרבעטער", „פּאַמ ליעס, וואָס שטאַרבן פון הונגער און עקלהאַפטע וואוין־לעכער", „הייזער פון אויסגעלאַסנקייט און שמוץ" („דאָס אַלגעמיינע אויסזען פון פאַריז").

פאַר איר האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין דער גאַנצער גרויס די סאָציאַלע פראַגע. דערדאָזיקער פראַגע האָט ז ש אָ ר ז ש ז אַ נ ד געווידמעט דריי ראָמאַנען: „הער אַנטואַנס זינד", „דער פראַנצויזישער געזעלן" (Le compagnon de tour de France) און „דער מילנער פון אַנזשיבאָ".

אויפהאָדעווענדיק זיך אין דער פּאַטריאַרכאַלישער שטילקייט פון אַן אַלטער פּריצישער נעסט, האָט זשאָרזש זאַנד אַנטקעגנגעשטעלט דעם איצטיקן לעבן — די אידעאַליזירטע פאַרגאַנגענהייט. אין דער אינדוסטריעלער אָרדנונג, וועלכע איז פאַר סען־סימאָנען געווען די העכסטע פאָרם פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, האָט זי געזען אַן אַבסאָלוט בייז. אַלע אירע סימפּאַטיעס האָבן געהערט צו די אַלטע פּראָדוקציע־פאָרמען: צו דער באַלמעלאָכישער און פויערישער אַרבעט. זי צוזאָגט דעריבער דעם פויער זשאַק, אַנטשיידן זיך אָפּצוזאָגן פונעם פאָרש אַג אָנצוקומען אין אַ פאַבריק („הער אַנטואַנס זינד"), און דעם מעכאַניקער לעמאָר צווינגט זי צו פאַרענדיקן דאָס לעבן אין דער מיל אינעם דאָרף („דער מילנער פון אַנזשיבאָ").

די האַנטווערקעריי און דאָס דאָרף האָבן געפונען אין זשאָרזש זאַנד זייער באַגייסטערטן באַזינגער. אינעם ראָמאַן „דער פראַנצויזישער געזעלן" האָט זי מיט אַ צערטלעכער ליבע געשילדערט אַ קלאָר בילד פונעם באַלמעלאָכישן לעבנשטייגער מיט זיין פון־מיטלאַלטער־געירשנטער

צעכן-אָרגאַניזאַציע, מיט די פויסט-געשלעגן, מיט די אַרטיסטישע פאַר-
וועטונגען, מיט זיין באַזונדערן, פאַר פרעמדע אומפאַרשטענדלעכן, זשאַר-
גאָן און מיט די אַלטע פריילעכע לידער. זי האָט נישט געפונען גענוג
וואַרימע ווערטער אויף צו באַזינגען דידאָזיקע „וואַנדערנדיקע ריטערס",
דידאָזיקע „אַרטיסטישע באָהעמע פון דער אינדוסטריעלער אַרמיי",
דידאָזיקע אומאָפהענגיקע האָרעפּאַשניקעס, וועלכע אַרבעטן אין אַ פריי-
לעכער כאַליאַסטרע, אינעם הויז פון אויך אַזאַ האָרעפּאַשניק-מייסטער,
ביי האַנט-וואַרשטאַטן און זיי קאָנען אין געשיקטקייט און געשמאַק קאָנ-
קורירן מיט יעדן קינסטלער-פּראָפעסיאָנאַל.

פון דער דעמפּיקער שטאָט, וואו „פאַר געלט קאָן מען אַלץ קויפן",
איז זשאָרזש זאַנד אַוועק אין דאָרף, וואו זי האָט זיך געהאָדעוועט אַלס
קינד. דידאָזיקע ליבע צו דאָרפישע פּייזאַזשן און צום דאָרפישן לעבנ-
שטייגער האָט זי געוויינטלעך אויך איינגעטיילט אירע העלדן פונעם
פּראָסטן פאָלק, פשוטע באַלמעלאָכעס, וועלכע באַדויערן, וואָס זיי האָבן
נישט גענוג פרייע צייט אויף אָפּצוגעבן זיך דער עסטעטישער באַ-
טראַכטונג פון די נאַטור-שיינקייטן (דער מייסטער פּיער אינעם ראָמאַן
„דער פראַנצויזישער געזעלן").

זשאָרש זאַנד האָט צוגעזען מיט ווייטיק, ווי דער פאַר-
פיינדעטער קאַפּיטאַל האָט זיך גענומען אַריינרייסן אויך אין דאָרף,
פונאַנדערשיכטנדיק עס אויף בורזשוען און פּראָלעטאַריער. אין דאָרף
ווערן די טאָנגעבערס רייכגעוואָרענע פערמערס, טרוקענע עגאָאיסטן און
האַרצלאָזע געשעפטלייט, וועלכע קויפן-אויף צו ביליקע פרייזן די גיטער
פון די געפאַלענע פּריצים, ווי דער אַרענדאַטאָר בריקאָלען („דער מיל-
נער פון אַנזשיבאָ"), וועלכע מאַכן-נאָך אין אַלץ די שטאָטישע קאַפּיטאַליסטן,
די קעניגן פון דער אינדוסטריע און די מלכים פון דער בערזע, ווי
דער אַלטער קאַרדאָנע („הער אַנטואַנס זינד"). און מיט די גרויסע פּער-
מערס ווערן מיטגעשלעפּט די דאָרפישע גבירים, וועלכע זענען גרויסע
אָנהענגערס פון די שטאָטישע זיטן, ווי דער שווינדלערישער לעאָנאַר
און זיין טאָכטער, די דאָרפישע לייבין קאַטערין („די טייוולשע בלאָטע").
בלויז אין דער כאַטע פונעם אָרימען פויער און אינעם האַרץ פון די
ערדלאָזע באַטראַקעס האָט נאָך זשאָרזש זאַנד געפונען די גוטע מידות
פון דער גוטער אַלטער צייט — ערלעכקייט, פשוטקייט און אַר-
בעטזאַמקייט (זשערמען און מאַרי אין דער „טייוולשער בלאָטע").
די סאָציאַלע פראַגע האָט זיך בכלל פאָרגעשטעלט אין די ווערק

פון זשאָרזש זאַנד הויפּטזאַכלעך אַלס אַגראַר-פּראַגע. דער באַלמעלאָכע פּיער („דער פּראַנצויזישער געזעלן") טראַכט מיט אומעטיקער בענקשאַפט וועגן יענער צייט, ווען די באַפעלקערונג וועט זיך אַזוי שטאַרק פאַרמערן, אַז יעדער אייגנטימער וועט פאַרמאָגן נישט מער ווי אַ זעמדעלע, און ער טרוימט צו דערפינדן אַזאַ אינטענסיוון מעטאָד פון ערדבאַאַרבעטונג, וועלכער וועט געבן די מעגלעכקייט נישקשהדיק זיך דורכצולעבן מיליאָנען אָרימע האָרעפּאַשניקעס. און אַלעמאָל, ווען זשאָרזש זאַנד האָט געטראַכט וועגן אַ בעסערער צוקונפט, וועגן אַן אידעאַלער עקזיסטענץ, האָט זי זיך עס פאָרגעשטעלט אין דער פאָרם פון אַ געמיטלעכער דאָרפישער אידיליע („די טייוולשע בלאָטע"). דעם פאַבריקאַנטס זון, עמיל קאַרדאָנע, טרוימט צו גרינדן ערגעץ אין אַ נישט-באַוואויינטן לאַנד אַ קאָלאָניע פון גליקלעכע ערדאַרבעטער („דעם הער אַנטואַנס זינד"), און די פּריצטע בלאַנשמאַאָן, דער אַרבעטער לעמאָר און דער מילנער לואי פלאַנעווען איינצואָרדנען ערגעץ אויפן שויס פון דער נאַטור, ווייט פון די טומלדיקע שטעט אין פונעם מאַשינען-גערודיש, אַ קליינע קאָמוניסטישע געמיינדע („דער מילנער פון אַנזשיבאָ").

לויטן עצם מהות פון איר נאַטור האָט די „בעל-תשובהדיקע" פּריצטע, די בפירושע נישט-סאָציאַליסטין זשאָרזש זאַנד איינגעזען אין דער סאָציאַלער פּראַגע נישט קיין פּאָליטיש און עקאָנאָמיש, נאָר אַ מאָראַליש פּראָבלעם. ווען אין דער הויפּטשטאָט האָבן זי באַאומרויקט די בילדער פון אומגליק און נויט, האָט זי תיכף-ומיד באַשלאָסן, אַז דער איינציקער וועג „ווידעראויפצושטעלן די אורפּרימיטיווע גלייכהייט" איז דאָס אָפּזאָגן זיך מצד די באַזיצנדיקע פון זייערע פּריווילעגיעס, און זי האָט זיך געגעבן אַ וואָרט „זיך צו פאַרבינדן מיט די קליינע און אומגליקלעכע, צו וויינען אויף דער אָרימקייט פון די נישט-באַזיצנדיקע שיכטן, אָפּצושפּאָרן פון זיך כּמעט אַלץ, כּדי כּמעט אַלץ אַוועקצוגעבן אַנדערע" („דאָס אַלגעמיינע אויסזען פון פּאַריז"). אויף דעמזעלבן „קריסטלעכן" שטאַנדפּונקט, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען זשאָרזש זאַנד אַליין, שטייען אויך אירע פּאָזיטיווע העלדן פון די באַזיצנדיקע קלאַסן, ווי, למשל, עמיל קאַרדאָנע, וועלכער האַלט, אַז דער חוב פון די קאַפּיטאַליסטן איז צו דאגהנען פאַרן וואוילשטאַנד פון די אַרבעטער, אָדער ווי די פּריצטע בלאַנשמאַאָן, וועלכע מאַכט פאַר אַ חוב פון די מאַטעריעל-פאַרזיכערטע מענטשן, זיי זאָלן העכער-האַלטן „אָרימקייט פון רייכטום, און אַרבעט פון ליידיקגייערײ".

אין דער זעלבסטפֿאַרבויגונג זעען אויך איין די אַרבעטער־טיפֿן ביי זשאָרזש זאַנד די ערשטע שטופּע צו דער באַנייאונג פֿון דער געזעלשאַפֿט, ווי, למשל, דער מייסטער פּיער, וועלכער וויל נישט חתונה־האָבן מיט דער גרעפֿין ווילפֿריע, ווייל „ער האַלט, אַז ער האָט נישט קיין רעכט צו ווערן רייך, בעת אַנדערע מוזן זיין אָרימעלייט", אָדער ווי דער אַרבעטער לעמאָר, וועלכער פֿאַרבינדט זיך מיט דער פּריצטע בלאַנשמאַאָן ערשט נאָכדעם, ווי זי האָט פֿאַרלוירן אַלע אירע רייכטימער.

פֿאַר זשאָרזש זאַנד זענען „סאָציאַליזם" און „קריסטנטום" געווען אידענטישע באַגריפֿן. נישט אומזיסט איז זי געווען אַ שילערין פֿון אַ ב אַ ט ל אַ מ ע נ ע , וועלכער האָט זיך אין די פֿערציקער יאָרן פֿון ניינצענטן יאָרהונדערט פֿאַרוואַנדלט פֿון אַ רעאַקציאָנער אין אַ פּרעדיקער פֿון דער אידעע פֿון רעליגיעזער דעמאָקראַטיע („די ווערטער פֿון אַ גלויביקן"). די פּריצטע בלאַנשמאַאָן ווערט מיטגעריסן מיט די „סאָציאַליסטישע" אידעען פֿונעם אַרבעטער לעמאָר דערפֿאַר, ווייל זי האַלט זיי פֿאַר „אמתדיק־קריסטלעכע", און די גרעפֿין ווילפֿריע זעט אין די טרוימען פֿונעם מייסטער פּיער וועגן אַ גערעכטער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדנונג בלויז אַן איבערחזרונג און אַ נאָרזעצונג פֿון קריסטוסעס לערע. און אַפֿילו די סאָציאַלע רעפֿאָרמאַטאָרן אַליין, די אַרויסגעקומענע פֿון דער אַרבעטער־מאַסע פּיער און לעמאָר, שטעלן זיך געוויינלעך פֿאָר די אידעאַלע צוקונפֿט אין דער פֿאָרם פֿון די ערשטע קריסטלעך־קאָמוניסטישע געמיינדעס. שטייענדיק אויפֿן באָדן פֿון „קריסטלעכן" סאָציאַליזם לייגן געוויינלעך אַרויף זשאָרזש זאַנדס העלדן זייערע האָפֿענונגען ביי דער איינאָרדנונג פֿון דער אידעאַלער מלוכה אויף דער וועלט נישט אויף אַ באַוואוסטזיניקן און פּלאַנמעסיקן קאַמף פֿון קלאַסן און יחידים, נאָר אויף דער גוטער אַריינמישונג פֿון די הימלישע כּוחות. דער מייסטער פּיער דערקלערט, אַז מ'מוז אומבאַדינגט ביי דערדאָזיקער זאַך זיך פֿאַרלאָזן אויף דער השגחה־עליונה; דער אַרבעטער לעמאָר, ווידער, איז איבערצייגט, אַז גאָט וועט לאַנג נישט דולדן די הערשאַפֿט פֿון שלעכטס, און דער מילנער לואי גלויבט פֿעסט דערין, אַז דאָרט וואו מענטשן לאָזן הילפֿלאָז אַראָפּ די הענט, קומט צוהילף דער הימל באַווייזנדיק ניסים.

כאָטש אין זשאָרזש זאַנדס „סאָציאַליזם" זענען פֿאַראַן אַ סך מער קאָנסערוואַטיווע איידער רעוואָלוציאָנערע שטריכן — נישט בחינם האָבן

זיך די דערמאָנטע ווערק געדרוקט אין קאָנסערוואַטיווע אָרגאַנען — האָט זי פונדעסטוועגן אויפריכטיק געגלויבט אין די גרויסע כּוחות און אין דער הערלעכער צוקונפט פון „האָרעפּאַשנעם פאָלק". זי איז געווען אויפגערעגט ביז גאָר צוליב דער שטרעבונג פון די הערשנדיקע קלאַסן צו ווערן מיט אַלע מיטלען כּלומרשטע פאָלקס־פאַרזאָרגער. אונטער דעמדאָזיקן איינגעעקשנטן באַגער זיך אָנצוזעצן אויפן פאָלק אַלס זיינע פאַרזאָרגער זענען פאַרבאָרגן, לויט דער מיינונג פונעם אַרבעטער לעמאָר, נישט מער, ווי עקספּלואַטאַטאָרישע פּניות פון אָט די הערן. באַזונדערס ענערגיש אין דער הינזיכט איז די בורזשואַזיע, וועלכע שלעפּט אַריין דעם אַרבעטער־קלאַס אין איר היימישער מלחמה מיט די פעאָדאַלן, צוזאָגנדיק דעם פאָלק טובות, וואָס וועלן אַרויסקומען פון אַ ליבעראַלער רעגירונגס־פאָרם. אָבער — פרעגט דער מייסטער פּיער — צי דען איז די קאָנסטיטוציע בכּוח צו באַזייטיקן די אָרעמקייט און צו מאַכן אַ סוף צום הונגער. כּל־זמן אויף דער וועלט עקזיסטירן מענטשן, וועלכע זענען אָפּגעטיילט איינער פונעם אַנדערן מיט דער קרעץ פון נויט, — זאָגט ער צום אַדוואָקאַט לעפאָרט, אַ מיטגליד פון דער ליבעראַלער פאַרטיי, — האָט איר נאָך גאָרנישט אויפגעטון פאַר אונז, נישט קוקנדיק אויף אַלע איירע קאַרבאָנאַרישע פאַרשווערונגען און בורזשואַזע מאַניפעסטן. אוודאי, אויב די בורזשואַזיע זאָגט־צו צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די האָרעפּאַשנע מאַסן, זענען די לעצטע גרייט איר מיטצוהעלפן אין איר קאַמף קעגן די רעשטלעך פונעם פעאָדאַליזם. אָבער אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די בורזשואַזיע עקספּלואַטירט דאָס פאָלק, פּונקט ווי דאָס פּריצנטום פלעגט אַמאָל אונטערדריקן די בורזשואַזיע, דאַן, היט זיך, — שרייט אויס דער מייסטער פּיער, — דאָס פאָלק וועט זיך קאָנען מיט איר אַן עצה געבן! דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק וועט אַליין אויך קאָנען געפינען אַ וועג צו ליכט און פרייהייט. עס וועט קומען אַ צייט און דאָס פּשוטע פאָלק וועט שאַפן זיין אייגענע פילאָזאָפיע און זיין אייגענע מאָראַל. עס וועט באַקומען זיינע אייגענע פירער, נישט קיין זיך־אָנוואַרפנדיקע, נאָר אמתע, בלוט פון זיין בלוט און פלייש פון זיין פלייש, און אָט דידאָזיקע אַרבעטער־אינטעליגענץ וועט, לויט דעם מייסטער פּיערס מיינונג, פירן די האָרעפּאַשנע מאַסן אינעם אויסגעטרוימטן לאַנד אַריין, וואו עס וועט ווידעראויפגעשטעלט ווערן די „אורפּרימיטיווע גלייכהייט".

דער דיכטער פון אַטאַ דעם פאָלק, אויף וועלכן זשאָרזש

זאַנד האָט אַרויפגעלייגט אַזעלכע גרויסע האָפנונגען, איז געווען ב ע ר אַ נ ז ש ע.

בײ מיר און בײ מײן מוזע איז אײן דעוויז פֿאַראַן:
פֿאַרן פֿאָלק, דאָס גאַנצע לעבן פֿאַרן פֿאָלק!

אין דידאַזיקע קורצע ווערטער האָט ב ע ר אַ נ ז ש ע קלאָר און בולט אויסגעדריקט זײן פּאָליטישן און ליטעראַרישן אני-מאמין. בע-ראַנזשע איז געווען אַן עכטער שטאָטמענטש, אַ קינד פֿון פּאַריז, דעם „מלך פֿון דער וועלט" („דער אומקער קײן פּאַריז"). אמת, פֿון צײט צו צײט גיט ער אויך אַ וואַרף זײן בליק אין דאָרף אַרײן, אין דער כאַטע פֿון אַן אָרימען פּויער, ווען דער פּאָליצײ-שעף וואַרפֿט אַרויס, צוליב פֿאַרלעגענע חובֿות, צוזאַמען מיט אַן אַלטן פֿאָטער, און מיט אַ פֿרוי מיט זעקס קינדער אויף דער גאַס („זשאַק").

הינטער דער כאַטע איז פֿאַראַן אַ שטיקל פֿעלד,
באַמיסטיקן עס קענען מיר מיטן דלות בלויז,
פֿאַרזײט די תּבֿואה — אומגליק, און דער פּראָצענטיק בײז
נעמט דעם שניט אַראָפּ, וואו נעמט מען אויפֿן שטײער געלט?

אָבער ווען ב ע ר אַ נ ז ש ע שילדערט דאָס דאָרפֿישע לעבן און דעם דאָרפֿישן לעבנשטײגער, פֿילט זיך אַ געוויסער פֿאַלש און אויסגעטראַכט-קײט — מ'זעט, אַז ער האָט ווייניק געקענט די פּויערישע מאַסע. הײמיש פֿילט ער זיך בלויז אין שטאָט, אין דער קאַלטער מאַנסאַרדע, וואו עס טוליעט זיך דער קבצן-אינטעליגענט („דאָס בוידעמשטיבל", „דער פֿאַר-שאָלטענער פֿרילינג"), אין דער קאַזאַרמע, וואו עס לעבן אויס דאָס רעשט יאָרן די לעצטע סאָלדאַטן פֿון דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער אַרמײ, די גרענאַדירן פֿון נאַפּאָלעאָנען, וועלכער האָט געמאַכט דאָס פֿאָלק גליקלעך און רײך („דער אַלטער סערזשאַנט", „דער אַלטער קאַפּראַל", „צווײ גרענאַדירן"), אָדער בײ דעם יונגן אַרבעטער, אָן אַ הײם, וועלכער לעבט פֿון לוינאַרבעט.

באַזונדערס גערן האָט ב ע ר אַ נ ז ש ע קאָנצענטרירט זײן אויפֿ-מערקזאַמקײט אויף די מענטשן, וועלכע געפֿינען זיך מחוץ די ראַמען פֿון דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפֿט, אויף איר אָפּפֿאַל און אירע שונאים, וועלכע זענען בײ אים פֿאַרקערפּערט אין דער געשטאַלט פֿון „ציגײנער"-פֿרײַע ווי דער ווינט און זאָרגלאָזע ווי פֿויגלען.

מיר ווייסן נישט פון געזעצן „גערעכטיקע",
מעג פול זיין מיט זיי די וועלט,
מיר קריכן נישט אַרום טראָגנען מעכטיקע...

* * * * * * *

דאָס גאַנצע גליק אונזערס — די פרייהייט!

אָט זעען מיר „קאָנטראַבאַנדיסטן", זענען עס נישט קיין געוויינלעכע גנבים, נאָר ווידעראויפבויערס פון דער צעשטערטער גלייכהייט, קעמפערס פאַר אַ גערעכטער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג.

מיר באַגייען קיין זינד נישט פאַר קיינעם,
ווען מיר ווילן די רייכטימער
פאַר אַלע, נישט פאַר אייגעם;
נידער מיט די סוחרים און קרעמער!

אָדער, מיר זעען די „געלע זשאַן", די פריינדין פון אַ פרייען בראַקאָניער, פאַר וועמען ס'איז אומעטום „אין וואַלד דער וועג אַ פרייער", וועלכע גייט באַזוכן איר פריינט אין תפיסה.

אויף דער ברוסט ביי איר שלאָפט אַ קינד אינעם טיכל,
אַ צווייטס טראָגט זשאַן אויף דער פלייצע אין טאָרבעס,
דאָס עלטערע לויפט מיט איר צוזאַמען, זיין שיכל
איז אַלט און עס וואַרימט נישט דאָס פיסל, וואָס איז באָרוועס.

און אָט זעען מיר אַן „אַלטן וואַגאַבונד", וועמענס וויגל ס'איז ע ין די גאַס, און זיין געוויינלעך וואוינאָרט — די טורמע; מ'האָט נישט אויסגעלערנט ערלעך צו פאַרדינען זיין ברויט און מ'האָט ט געגעבן קיין מעגלעכקייט, אַז דער „וואָרעם", וואָס קריכט אין ‏'לאָטע", זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ „מוראַשקע", וואָס איז איבער- ע.עבן דעם „אַלגעמיינעם נוצן".

ווי ברידער וואָלט איך אייך ליב געהאַט דאַן,
אפילו פאַרבלייבנדיק אַן אָרימאַן;

איך, דער אַלטער וואַגאַבונד, שטאַרב אָבער הײנט,
ווי אײערער אַ שאַרפער, פאַרביסענער פײנט.

פון דער האַרעפּאַשנער מאַסע, און נישט פונעם לאַנגווײליקן סאַלאָן, איז אויך געקומען בעראַנזשעס געליבטע. דאָס איז נישט קײן „באַראָנעסע", נישט קײן „גרויסוועלטישע דאַמע", נאָר אַ „פאָלקס-מײדל" מיט ברענענדיקע אויגן, צאַרטע געפילן און אַ פרײען געדאַנק.

בײ וועלכע באַראָנעסעס, בײ וועלכע דאַמען גרויסוועלטישע
איז אַזויפיל פראַכט און באַשײדנקײט פאַרבאָרגן ?
דיך האָט מיר צוגעשיקט דאָס פאָלק אונזערס, דאָס אײדעלע,
זאָלן שוין אויפהערן אַמאָל זײנע זאָרגן !

בעראַנזשעס לידער זענען געוואָרן אַ פאָלקסאײגנטום ; עס פלעגן זײ זינגען די אַרבעטנדיקע מאַסן בײ דער אַרבעט און אין שענק, סאָלדאַטן אין די קאַזאַרמעס. די באַהעמע אויף די בוידעמער. זײן פּאָעזיע האָט מען באמת „אויפגענומען מיט פרײד אויף די אָרימע פּלעצער", און עס פלעגט זי אויסהערן „די אַרבעטער-מאַסע, פאַרגעסנדיק דעם יאָך פון איר נויט". דידאַזיקע פּאָעזיע האָט באמת „אַרומגעהילט די האַק, די לאָפּעטע, די זעג און דעם וועבשטול מיט אירע וואונדערלעכע בלומען".
אין אײנס פון זײנע לידער בעט בעראַנזשע די פּעיע פון דער פּאָעזיע, „די פּעיע פונעם ריטם", זי זאָל אַרײנברענגען אין לעבן פון דער האָרעפּאַשנער מאַסע ליכט און גליק, זי זאָל „באַפאַרבן אַ רע לײדן".

דעק זײ צו מיט דײנע פליגלען, זינגערין,
אין זײער שוואַכקײט גיב זײ צו כוחות !
נישט מיט ווײן פון צער, — מיט ווײן פון פרײד
וועק די הערצער בײ זײ און די מוחות !
אָ, מאַך אַזוי, זײ זאָלן זאָגן,
ווען זײ וועלן רעדן וועגן מיר :
געלויבט זײן זאָל ער ! ער האָט דער ערשטער
געבראַכט פּאָעזיע צו אונזער טיר !

דער דאָזיקער באַגער, בעראַנזשעס, איז מקויים געוואָרן: ער איז געוואָרן אַ „פאָלקס"-דיכטער.

טרוימענדיק וועגן יענער ווייטער צוקונפט, ווען די אַרבעט וועט באַפרייט ווערן פון יעדן מין פאַרשקלאַפונג, האָט בעראַנזשעס צו-זאָמען דערמיט פאָרויסגעזאָגט, אַז די פאַרגעסנהייט וועט צודעקן ווי מיט אַ טרומנע-ברעט די גאַנצע עקזיסטירנדיקע ליטעראַטור: „די שפּראַך פון ציימן פאַרגאַנגענע, די נישט-באַקאַנטע, די אומנוציקע, די אומפּאַר-שטענדלעכע, די צונויפגעשטופּעטע דורך חכמים".

איר גרויסע קעפּ, זעגנט זיך מיט אייער רום
אין יענעם לאַנגדערוואַרטן מאָמענט פון דורות, ווען
פאַרגעסנדיק וועגן געוועזענעם, וועלן אַלע פעלקער פון דער וועלט

זיך פאַראייניקן אונטער דער פאָן פון אַרבעט.

וואָס זענען אַלע פאָעמעס אייערע, אַלע אייערע דראַמעס,
ווען געפינענדיק זיך אונטערן דאַך פון רעכט פאַר אַלעמען,
וועלן פריינט און שונאים איינאיינעם ברידער ווערן?

V.

אינעם צווייטן פערטל פון נײַנצענטן יאָרהונדערט האָט אויך דײַטשלאַנד אָנגעהויבן אַלץ מער פאַרוואַנדלט צו ווערן פון אַ פעאָדאַל-לאַנדווירטשאַפטלעך לאַנד אין אַ מלוכה פון פאַבריקאַלער אינדוסטריע און מאַשינעלער טעכניק.

אין יאָר 1832, די נאַכט ערב ניי-יאָר, זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן די אינערלעכע צאָל-גרענעצן, וועלכע האָבן געוועסט פונאַנדערגעטיילט, ווי מיט פאַרצוימונגען, די באַזונדערע דײַטשישע מלוכות איינע פון דער אַנדערער. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ מער אָדער ווייניקער גאַנצע איינ-הייט, אַ „צאָל-פאַרבאַנד", וועלכער האָט אַריינגענומען אַחוץ פּרייסן, בײַערן און ווירטעמבערג נאָך אַ גאַנצע ריי קלענערע פירשטנטומס. די-דאָזיקע רעפאָרם, וועלכע איז אַדורכגעפירט געוואָרן דורך די רעגירו-נגען הויפּטזאַכלעך צוליב פינאַנציעלע אויסרעכענונגען, האָט גלייכצייטיק

געשאַפן אַ גרויסן אינערלעכן מאַרק, — וואָס איז אַן אומבאַדינגטער תּנאַי פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער גרויס-אינדוסטריע. אין דערזעלביקער צייט, ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן דער „צאָל-פאַרבאַנד" זענען געבויט געוואָרן די ערשטע באַן-וועגן און איינער אַ דעמאָלטיקער דיכטער האָט באַזונגען די באַן-שינעס, אַלס קידושין-רינגלעך, וואָס זייער אויפגאַבע איז ענגער צוזאַמענצובינדן די ביז-איצט פונאַנדערגעטיילטע דייטשישע לענדער.

אין דער פאָרגעקומענער עקאָנאָמישער איבערקערעניש האָט ד ע ר דור פון דער אינטעליגענץ, וואָס איז נאָך אויסגעוואַקסן אין דער אַטמאָספער פון די פריצישע הויפן און פונעם פריצישן לעבן, געזען נישט קיין פראָגרעס, נאָר אדרבה — אַ בייז. איינעם פון די אָנגעזעענע פאַרטרעטערס פון דעמדאָזיקן דור, א י מ ע ר מ אַ ן, האָט געשילדערט אינעם ראָמאַן „עפּיגאָנען" די גרונט-טעמע פון דער עפּאָכע — דעם זיג פון קאַפּיטאַליזם איבערן פעאָדאַליזם. אַ גרויס-אינדוסטריעלער שטויסט אַרויס אַ רייכן הערצאָג פון זיינע גיטער און דאָרטן, וואו אין פריערדיקע יאָרן האָט אַרויסגעשיינט אַ פּרעכטיקער פּאַלאַץ, אַרומגערינגעלט מיט אַ שאָטנדיקן פאַרק, וואו דאָס גאַנצע לעבן האָט געטראָגן דעם חותם פון פּאָעזיע און שיינקייט — אויף דעמזעלבן אָרט זעען זיך איצט אין טומל און רויך איינטאָניקע פאַבריק-געביידעס, און עס הערט זיך דער רעדער-גערויש פון די וועגענער, וואָס פירן אַריבער סחורות. אָבער דער מחבר אַליין פילט אַבסאָלוט נישט מיט דעמדאָזיקן זיג פונעם אינדוסטריעלער איבערן פריץ. ווען דער העלד פונעם ראָמאַן, דעם קאַפּיטאַליסטס פלימעניק קערט זיך אום פונעם פריצישן הויף צום פעטערס פאַבריק, פרווט ער מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן די צוויי קעגנגעזעצלעכע וועלטן און געפינט-אויס, אַז בעסער איז דער פריצישער הויף איידער דעם אינדוסטריעלערס פאַבריק. אמת, ביים פעטער אויף דער טעריטאָריע האָט אַלץ „געאָטעמט מיט ענערגיע", אַלץ איז געווען פול מיט דורשט נאָך „טעטיקייט" און אַלע האָבן געלעבט מיט דער „ממשותדיקערווירקלעכקייט", בעת אינעם הערצאָגס גיטער האָט מען מיט אַלע כּוחות זיך באַמיט אַריינצובלאָזן דאָס לעבעדיקע לעבן אין טויטע פאָרמען, דערפאַר אָבער איז אינעם פריצישן הויף אַלץ געווען אַדורכגעזאַפּט מיט שיינקייט און פּאָעזיע, און ביים פעטער אין פאַבריק און אין קאַנטאָר האָט געהערשט וואָכעדיקע געשעפטלעכע פּראָזע. דער יונגערמאַן האָט ווייטער צוגעזען מיט ווייטיק, ווי אין דער מלוכה פונעם קאַפּיטאַל

פאַרנעמען טויטע מאַשינען דאָס אָרט פון לעבעדיקע מענטשן, און עס האָט אים טיף דערשיטערט דער קאָנטראַסט צווישן די געזונטע צורות פון די פויערן, וואָס גייען־נאָך נאָכן אַקער, און די אויסגעהאָרעוועטע פיגורן פון די אַרבעטער, וועלכע שטייען ביי דער מאַשין.

דעריבער זעען מיר שפּעטער, ווען דעם פעאָדאַלס אייגנטום, וואָס איז געהאַט אַריבערגעגאַנגען צום קאַפּיטאַליסט, פאַלט דערנאָך אַריין בירושה צו זיין פלימעניק, נעמט ער גיך און מאַכט חרוב די פאַבריק און פאַרניכטעט די סקלאַדעס. ווערנדיק אַליין אַ קליינער גוטבאַזיצער, טיילט ער פונאַנדער די איבעריקע ערד־שטחים צווישן די פויערים. „זאָלן פאַלן די פאַבריק־געביידעס" — מיט אַזעלכע ווערטער פאַרענדיקט ער דעם ראָמאַן, — „לאָמיר אָפּגעבן די ערד דעם אַקער, דער זון און דעם רעגן. מיט שנעלע טריט גייט אונזער צייט אַנטקעגן אַ ריין־מעכאַנישן לעבן. נישט מיר, נאַטירלעך, זענען בכוח אָפּצושטעלן די ראָד פון דער געשיכטע, אָבער ווער ווייסט קאָנען האָבן צו אונז טענות, אויב מיר וועלן אָפּצוימען אַ קליינעם גרינעם אָאַזיס און מיר וועלן אים מיט אַלע כוחות באַשיצן פון די אַרומברויזנדיקע כוואַליעס פון דער אינדוסטריעלער תקופה".

אגב, די מערהייט פון דער דייטשישער אינטעליגענץ איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז דייטשלאַנד וועט גיין אויף אַן אַנדער היסטאָרישן אַנטוויקלונגס־וועג איידער ענגלאַנד און פראַנקרייך, ווייל צוליבן פעלן פון אויסלענדישע מערק, וועלכע זענען שוין דעראָבערט דורך די שכנים, וועט דער גרויסער קאַפּיטאַל נישט האָבן קיין מעגלעכקייט זיך צו אַנטוויקלען אויפן דייטשישן באָדן. אויב די געזעלשאַפט און די רעגירונגען וועלן זיך איבערגעבן אין די הענט פון דער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ, וועט זי, די אינטעליגענץ, אויסמיידנדיק די פאַזע פון קאַפּיטאַליזם, אַריבערפירן דייטשלאַנד פונעם פעאָדאַליזם, דירעקט אינעם אויסגעטרוימטן גן־עדן פון אַלגעמיינער גלייכהייט און גליק. די דאָזיקע גרופּע פון דער אינטעליגענץ, וואָס צו איר האָבן געהערט *גרין*, *העס* א. א. איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „עכטע סאָציאַליסטן", און אויף איר שטאַנדפּונקט איז אפילו אַ געוויסע צייט געשטאַנען דער יונגער *פרידריך ענגעלס*, וועלכער האָט שפּעטער צוזאַמען מיט *מאַרקסן* געקעמפט קעגן איר השפעה.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט איבערגעבויט דאָס דייטשישע לעבן, האָט גענומען אָפּשטאַרבן די אַלטע אי־

דעאָלאָגיע — דער ראָמאַנטיזם, אָפּטרעטנדיק דאָס אָרט פאַר דער נייער בורזשואַזער וועלטאָנשויאונג. אָבער דער דור פון דער אינטעליגענץ, וועלכער איז אַריינגעטרעטן אין לעבן אויף דער גרעניץ פון דערדאַזיקער איבערברוך-צייט, האָט נישט געקאָנט נישט זיך באַפרייען פון די אַלטע אָנשויאונגען, נישט ווערן דורכגעדרונגען מיט די נייע איבערצייגונגען. ער איז עפּעס הילפלאָז געבליבן שטעקן צווישן דער פאַרגאַנגענהייט און דער צוקונפט, קוקנדיק מיט איין אויג פאָראויס, און מיטן אַנדערן — אַהינטער.

דער בולטסטער פאָרשטייער פון דערדאָזיקער אינטעליגענץ איז געווען היינריך היינע.

אין זיינע ליטעראַרישע אָנשויאונגען און מעטאָדן, אין זיינע רעליגיעזע, פּאָליטישע און סאָציאַלע איבערצייגונגען לאָזט זיך באַמערקן אַ מאָדנע אומאַנטשלאָסנקייט, אַן אייביק וואַקלען-זיך און גוואַלדיקע שפּרונגען פון איין עקסטרעם צום צווייטן.

אין יאָר 1832, אינעם יאָר, ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן דער „צאָל-פאַרבאַנד" האָט היינע אָפּגעדרוקט אין אַ פראַנצויזישן זשורנאַל אַ ריי אַרטיקלען וועגן דער ראָמאַנטישער שולע, וועלכע האָבן אין פלוג געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן אומברחמנותדיקן פּאַמפלעט קעגן איר. היינע פאַלט שאַרף אָן אויף די פעאָדאַלע סימפּאַטיעס פון די ראָמאַנטיקער, אויף זייער נטיה צו פאַנטאַסטיק, אויף זייער קולט פאַרן קוויעטיזם. אויף זייער רעליגיעזן מיסטיציזם, אָבער נישט-קוקנדיק אויף דעם שאַרפן אַראָפּרייסנדיקן טאָן, וואָס גייט-דורך דורך דידאָזיקע אַרטיקלען, פילט זיך אויף יעדן זייטל ווי נאָענט און טייער אים איז געווען די ראָמאַנטישע פּאָעזיע. היינע לייגט אַריין אין די כאַראַקטעריסטיקעס פון טיקן, נאָוואַליסן און האָפמאַנען, וועלכע זענען אָנגעצייכנט מיט אַ וואונדערלעכן אַריינדרינגען אין זייער סטיל און אין זייערע בילדער, אַזוי פיל צערטלעכקייט און ליבע, אַז דער פּאַמפלעט קעגן דעם ראָמאַנטיזם ווערט אומבאַמערקבאַר פאַרוואַנדלט אין זיינס אַן אַפּאָטעאָז.

דיזעלביקע צעצווייטקייט לאָזט זיך באַמערקן אויך אין היינעס פּאָעזיע.

אָט האָט ער באַזונגען, לחלוטין אינעם גייסט פון די ראָמאַנטיקער, די ווייטע אינדיע, וואו עס שטראָמט דער הייליקער גאַנגעס און עס בליען די געהיימנישפולע לאָטאָסן, אָדער די לעגענדאַרישע לאָרעליי, וועלכע נאַרט צו זיך מיט איר ליד די פישערס; אַ פאַרזונקענע

שטאָט, וואו ביים פענסטער פון אַן אַלט הויז זיצט פאַרטראַכט אַ מיידל אָנגעטון אין אַ מיטלאַלטערלעכן קאָסטיום, אָדער לבנהדיקע פּייזאַזשן, אין וועלכע עס האַלטן זיך אויף גייסטער... און אָט איז ער פון אַ באַזינגער פון שיינקייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טענדענציעזן פּאָעט, אין אַ „פויקער פון דער רעוואָלוציע", וואָס באַמיט זיך מיט זיינע פערזן אויפצוּוועקן דעם פּאָליטישן זעלבסטבאַוואוסטזיין פון דייטשישן בירגערטום, פונעם „דייטשישן מיכעל", ווי ער פלעגט זיך איראָניש אויסדריקן. אָבער ווען עס איז אין די פערציקער יאָרן פון נייַנצעגטן יאָרהונדערט אַרויסגעטרעטן אַ נייער דור פּאָעטן, פאַר וועמען די דיכטונג איז בלויז געווען אַ כלי־זיין פון פּאָליטישן קאַמף, האָט היינע פלוצלינג רחמנות געקריגן אויף „די עלנטע מוזעס, וואָס מ'האָט זיי פאַרבאָטן אַרומצוּוואָגלען אָן אַ ציל איבער דער גרויסער וועלט, אַרויסגעבנדיק זיי אַ באַפעל, זיי זאָלן אָנקומען אויף אַ פּאָסטן צו דער דייטשישער נאַציע אַלס פאַרקויפערינס און וועשינס פון דער פרייהייט". אַלס קעגנגעוויכט צו זיי האָט האָט ער געשאַפן די פּאָעמע „אַטאַ טראָל", אַ סאַטירע אויפן אוטיליטאַריזם פון דער דעמאָקראַטיע, און צוזאַמען דערמיט איז עס געווען „דער לעצטער פרייער געזאַנג פונעם ראָמאַנטיזם, אַן אַדורכגעזאַפּטער מיטן וועלדער־אַראָמאַט". און אין זיין לעצטער פּאָעמע „גערמאַניע" האָט זיך היינע ווידעראַמאָל אומדערוואַרטעט פאַרוואַנדלט פון אַ ראָמאַנטיקער־טרוימער אין אַ פאָלקסטריבון און אָנפאַלנדיק מיט אַ בייסיקן סאַרקאַזם אויף דער פעאָדאַל־מאָנאַרכישער אָרדנונג, האָט ער גלייכצייטיק אויסגעזונגען אַ באַגייסטערטן הימן פאַר דער פּאָליטישער עמאַנסיפּאַציע פון לאַנד און פאַר דער סאָציאַלער באַפרייאונג פון דער אַרבעט.

דיזעלביקע צעווייטקייט איז אויך פאַראַן אין היינעס רעליגיעזע אָנשויאונגען. לכתחילה האָט ער געהאַט אָפּגעלייקנט יעטוועדע לערע וועגן אַן עקזיסטירנדיקן גאָט און וועגן עולם־הבא און ער האָט געהאַלטן פון דער פּאַנטעאיסטישער לערע, וואָס פאַרגעטערט דאָס ערדישע לעבן און דאָס ערדישע גליק.

אין דער פּאָעמע „גערמאַניע" דערציילט ער, ווי ער האָט אַמאָל באַגעגנט אַן אָרים מיידעלע, וואָס האָט געזונגען אַ ליד וועגן די פרעכטיקע הימלען, וואו עס הערן אויף לייד און פּיין, — די אומפאַרמיידלעכע באַגלייטער פון דער ערדישער וואָגלעניש, — און ער שטעלט אַנטקעגן אַ נייַ ליד, דעם רעליגיעזן הימן פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע:

די רחבותדיקע ערד, וואָס טוט אונז שפייזן,
פאַרמאָגט גענוג אונז אַלעמען צו געבן
ברויט און גרינס, ליבע און רויזן —
צוואָס־זשע אין די הימלען צו שטרעבן?
אַ פויליאַקישן בויך וועלן מיר נישט אָנזעטיקן
מיט פרוכט פון אַרבעט שווערער,
דאָס הימלישע לעבן וועלן מיר אָט דאָ באַשטעטיקן
אָן לייד, אָן פיין און אָן טרערן.

שפּעטער האָט זיך היינע אָפּגעזאָגט פון זיין אַטעאיזם, ער האָט זיך אומגעקערט צו גאָט, ער האָט געזוכט אַ טרייסט אין דער הייליקער שריפט, ער האָט געוואָלט פאַרברענען זיינע אפּיקורסישע יוגנט־ווערק און ער האָט, פאַרן טויט, אין זיין לעצט ווערק („ווידוי") אָפנהאַרציק זיך מודה געווען אין זיינע רעליגיעז־פילאָזאָפישע טעותן.

דיזעלביקע וואַקלענישן לאָזן זיך אויך באַמערקן אין היינעס פּאָליטישע אָנשויאונגען. צייטנווייז פלעגט ער זיך עפנטלעך דערקלערן אַלס אָנהענגער פון דער קעניגלעכער מאַכט: „איך האָב נישט ליב קיין רעפּובליקן, — באַמערקט ער, — מיך נעמען מער די טריאומפן פון געטריישאַפט איידער די טריאומפן פון פרייהייט, דערפאַר ווייל די לעצטע זענען אַ פועל־יוצא פונעם קאַלט־אויסרעכענענדיקן שכל, און נישט פונעם האַרץ, וואָס איז פאַרזונקען אין טרוים־דעמערונגען, און דעריבער זענען זיי נישט אַזוי פּאָעטיש".

אַזוי פלעגט היינע טראַכטן אַלס ראָמאַנטיקער, אָבער ווי נאָר עס פלעגט ביי אים איבערוועגן דער ליבעראַל, פלעגט ער שוין אָנרופן די ליבע צו פרייהייט אַלס זיין „רעליגיע", וואָס איר כוהן־גדול איז געווען קריסטוס, און אירע אַפּאָסטאַלן — די פראַנצויזן.

אַ משונהדיקע צעצווייטקייט כאַראַקטעריזירט אויך היינעס קלאַסן־פּאָזיציע. אָט האָט ער געשטורעמט דאָס פּריצנטום, אַלס אַ פּריווילעגירטן שיכט, און האָט געשריבן אַ באַגייסטערטע פאָרוואָרט צו אַ בוך קעגן דייטשישן יונקערטום, און אָט האָט ער מיט אים סימפּאַטיזירט, האַלטנדיק דאָס יונקערטום פאַר אַ היטער פון דער ציוויליזאַציע. וואָס קעמפט נישט אַזוי צוליב זיין קלאַסן־הערשאַפט, ווי „צוליב יענע קינסטלערישע קאָלעקציעס און בילדער־גאַלעריעס, וועלכע עס האָט צונויפגע־

קליבן אין משך פון יאָרהונדערטער". אָט האָט ער געקעמפט פאַר דער באַפרייאונג פונעם בירגערטום פונעם יאָך פון דער פעאָדאַלער מאָנאַרכיע, און אָט האָט ער זיך אָפגעקערט פון אים דערפאַר, וואָס עס „דערלויבט נישט דעם דיכטער צו באַזינגען די אַריסטאָקראַטישע רויזן, פאַרלאַנגענדיק הימנען צום פּראָזאַאישן קאַרטאָפל, וואָס מיט אים דערנערט זיך דאָס פאָלק", דערפאַר, וואָס עס איז גרייט „צו פאַרניכטן די פאַרנאַסגערטנער מיט זייער נאַכטיגאַל-געזאַנג, און דורכפירן דאָרטן אַ באַנליניע, איבער וועלכער עס וועלן נעמען רויכערן לאָקאָמאָטיוון און עס וועלן אַדורכפאָרן מענטשן, תמיד-פאַרנומענע מיט געשעפטן".

און צומלעצט: דיזעלביקע אומאַנטשלאָסענע וואַקלעדיקע כאַראַקטעריזירן אויך היינעס באַציאונג צו דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג. צייטנווייז קאָן מען מיינען, אַז ער איז אַן אומבאַדינגטער אָנהענגער פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און פון אַן אַרבעטס-אָרדנונג, כאָטש ער האָט נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם, זייענדיק באַגייסטערט סיי פון מ אַ ר ק ס ן, דעמדאָזיקן „פילאָזאָף פון דער רעוואָלוציע און גרויסן לאָגיקער", און סיי פון זיין אַנטיפּאָד פּ ר ו ד אָ ן, דעם „דעמאָן פון צעשטערונג". אָבער פונדעסטוועגן האָט זיך היינעס באַציִיגן טיף-אינערלעך צום פאָלק מיט אַ פריצישער גרינגשעצונג און ער האָט זיך אָפן מודה געווען, אַז אויב „זיין מאַיעסטעט, דער המון, וועט אים דריקן די האַנט, וועט ער תיכף-ומיד גיין זיך אַרומוואַשן".

אינעם פּראָלעטאַריאַט האָט היינע געזען עפּעס אַ מין האָרדע ווילדע מענטשן, וועלכע זענען גרייט צו מאַכן אַ תל פון דער ציוויליזאַציע און קונסט. „מיין האַרץ, — האָט ער געזאָגט, — ווערט צונויפגעפּרעסט פון ווייטיק, ווייל אַלס געלערנטער און אַלס קינסטלער פאַרשטיי איך אויסגעצייכנט, אַז דער זיג פון סאָציאַליזם דראָט מיט אַ חורבן פאַר אונזער ציוויליזאַציע". און ווען עס פלעגט זיך ביי אים שטעלן די פראַגע: וואָס-זשע איז וויכטיקער, אויפצוהיטן די ציוויליזאַציע פאַרן פּרייז פון איינהאַלטן די אומגלייכהייט, צי צו שאַפן די גלייכהייט ברענגענדיק פאַר אַ קרבן די ציוויליזאַציע, — פלעגט היינע פאַרענטפערן דידאָזיקע פראַגע פאַרשיידן, אָפּהענגיק פון דער שטימונג. אינעם פאָרוואָרט צו די פּאַריזער בריוו שטעלט זיך היינע פאַר אַ געוועלב אין דער סאָציאַליסטישער מלוכה, וואו די קאַווע און דעם טאַבאַק, וואָס עס קומט קויפן אַן אַלטיטשקע, וויקלט מען איין אין זיינע אייגענע לירישע לידער, און כאָטש ס'איז אים אַ שאָד דער אונטערגאַנג פון דער דיכטונג, איז ער

פונדעסטוועגן צופרידן, וואָס עס איז אויפגעשטעלט די גערעכטיקייט. און ווען ער האָט אין אַכטאונפערציקסטן יאָר, בעת דער פעברואַר-רעוואָלוציע, באַזוכט דעם לוור און געזען די ווענוס-סטאַטוע, האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון טרערן, וואָרום ער איז געווען זיכער, אַז דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס בויט אין גאַס באַריקאַדן, וועט אַראָפּשווענקן צוזאַמען מיט דער אַלטער אָרדנונג אויך אַלע וואונדער פון דער קונסט.

אַלס אַ מענטש, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אַ סביבה פון פעאָדאַלער מאָנאַרכיע און אין אַ צו-איר-אַנטשפּרעכנדיקער אידעאָלאָגיע, האָט היינע אַרויסגעוויזן אַ שוואַכקייט צו דער מאָנאַרכיע, צום פּריצנטום און צום ראָמאַנטיזם, און אַלס אַ מענטש, וואָס האָט אַדורכגעלעבט די אינדוסטריעלע איבערקערעניש, האָט ער געקעמפט פאַר דער באַפרייאונג פונעם בירגערטום און פונעם פּראָלעטאַריאַט. אין תוך גענומען האָט ה י י נ ע נישט געהאַט קיין שום באַשטימטע איבערצייגונגען, און אויב א י מ ע ר מ אַ ן איז אַנטלאָפן פון די בשעתודיק אומרוען און האָט זיך באַהאַלטן אונטערן דאַך פון פאָלקיסטישע אילוזיעס, האָט היינעס צעזוייטקייט געפונען אַ רעטונג אין דער איראָניע. וועלכע האָט אַריינגעטראָפן, ווי אַ גיפטיקער פייל, אין אַלע הייליקטימער, וואָס מענטשן זענען געווען געוואוינט זיך צו בוקן פאַר זיי. דידאָזיקע איראָניע האָט גאָרנישט און קיינעם נישט געשאַנעוועט, נישט קיין פערזענלעכקייטן, נישט קיין איבערצייגונגען, נישט די רעליגיע, נישט די געשיכטע, — זי האָט זיך דורכגעזאַפּט אויף דורך-און-דורך מיט שמוץ און בלאָטע, זי האָט זיך צעלאָזט אין אַ שפּאָטישן געלעכטער, און זי איז זיך פונאַנדערגעפלויגן אין אַלע זייטן מיט צינישע באַשפּייאונגען. פּונקט ווי אַ מאַסע צעבושעוועטע שיכּורטעס, וואָס דרייען זיך אין אַ ווילדן טאַנץ, אַזוי זענען פול היינעס ווערק מיט אומפאַרשעמטע וויצן און שמוציקע אָפּלאַכערייען. אין דידאָזיקע שטיק לאָזט זיך הערן די שטים פון אַ גאַנצן דור אינטעליגענץ, וואָס איז געשטאַנען צווישן דעם אַוועקגייענדיקן אַלטן און דעם אויפקומענדיקן נייעם לעבן, נישט וויסנדיק אין וואָס צו גלויבן און וואוהין צו גיין.

צו דעמזעלבן קראַנקן דור האָט אויך געהערט דער עסטרייכישער ליריקער ל ע נ אַ א ו. אין זיינע ווערק האָט זיך, אגב, אָפּגעשפּיגלט בלויז איין זייט פון דערדאָזיקער צעצווייטקייט, וואָס כאַראַקטעריזירט אָט די אינטעליגענץ, נעמלעך — דער רעליגיעזער קריזיס, אָבער קיינער

לודוויג בערנע

היינריך היינע

פון זיינע צייט-חברים האָט נישט אַדורכגעלעבט דעמדאָזיקן קריזיס אַזוי טיף און האָט אים נישט געבראַכט צום אויסדרוק אַזוי בולט-קלאָר, ווי ער.

דאָס גאַנצע לעבן האָט זיך לענאַאוס געוואַקלט אין אומאַנט-שלאָסנקייט צווישן פּאַנטעאיזם און קריסטנטום. דער העלד פון זיין ערשטער פּאָעמע פאַאוסט זאָגט זיך אָפּ פון דער רעליגיע, ווייל די געטלעכע אַנטפּלעקונג נעמט צו ביים מענטש די מעגלעכקייט אַליין צו דערגרייכן דעם אמת, און אויך דערפאַר, ווייל זי, די רעליגיע, האָט צעשפּאָלטן די וועלט אויף צוויי פיינטלעכע עלעמענטן — מאַטעריע און גייסט. איבערריייסנדיק מיטן קריסטנטום ווערט פאַאוסט אַ פּאַנטעאיסט, אַן אָנהענגער פון שפּינאָזען, וועלכער האָט „מיט די דימענטענע נעגל פון זיין „עטיק" צוגענאָגלט צום קרייץ קריסטוסן" — דעם סימבאָל פון ספּיריטואַליזם און אַסקעטיזם. אָבער אויך דער פּאַנטעאיזם שטעלט נישט צופרידן פאַאוסטן דערפאַר, ווייל ער וויל נישט זיין קיין פּשוט געווער אין די הענט פון דער נאַטור, וועלכע שטרעבט דורך אים אַריבערצוגיין פון אַן אומבאַוואוסטזיניקן קיום צום ליכט פון זעלבסטבאַוואוסטזיין. בלייבנדיק אַזויאַרום אָן קיין שום גלויבן, ווערט פאַאוסט אַדורכגענומען מיט אַ ליידנשאַפטלעכער בענקשאַפט נאָך אַ גאָט. אים ווילט זיך גלויבן נאַאיוו און פּשוט, פונקט ווי אין די קינדערשע צייטן און ער איז מקנא די אַלע, „וואָס זייער לעצטער אָטעם האָט זיך אויסגעהויכט מיט אַ תּפילה צו די הימלען".

אָט דערדאָזיקער רעליגיעזער פּאַראָקסיזם, וועלכער האָט אַרומגעכאַפּט פאַאוסטן, באַהערשט פולשטענדיק אויך דעם העלד פון לענאַאוס צווייטער פּאָעמע — סאַוואַנאַראָלאַ, וועלכער פאַלט-אָן שטרענג אויף דעם געצנדינערטום, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט דערהייבן צו אַ משיח-אידעע, און וועלכער רופט די פלאָרענטינישע געזעלשאַפט תשובה צו טון און צניעותדיק צו ווערן. „ווי ווייט אייערע געדאַנקען זאָלן זיך נישט אַוועקטראָגן און ווי שאַרפזיניק אייערע באַטראַכטונגען זאָלן נישט זיין, וועט איר משיג זיין דעם שעפער ערשט דאַן, ווען ער אַליין וועט דערבאַרעמדיק אַנטפּלעקן זיינע געהיימנישן; לערנט-זשע זיך אויס גלויבן, לערנט זיך אויס מתפלל זיין".

אָבער איידער לענאַאו האָט נאָך באַוויזן צו פאַרענדיקן זיין פּאָעמע וועגן סאַוואַנאַראָלאַן, וועגן דעם קריסט, וואָס פאַרניכטעט די היידנער, — האָט ער שוין געפּלאַנט אַ נייע פּאָעמע „די אַלביגענער",

אין וועלכער ער האָט באַזונגען דעם בונט פון הײדנישן גײסט אַקעגן דער קריסטלעכער קירכע. דידאָזיקע שײנע און קרעפטיקע פערזן אָטעמען מיטן רוף צו ערדישער פרײד און צו ערדישן קאַמף. „ווען די מענטשן װאָלטן נישט געװעסט איבערגעריסן מיט דער נאַטור, — רופט אויס לענאַאו, — װי פרעכטיק װאָלט דאַן געבליט זײער פרילינג און װי װאונדערלעך װאָלטן דאַן געקלונגען זײערע לידער". די אַל־ביגענער אפיקורסים פראָקלאַמירן אַ נײע רעליגיע פון אַ מענטש־גאָט און די ריטערס־טרובאַדורן טראָגן זי פונאַנדער אין אַלע עקן פון דער װעלט. „מיר דאַרפן שוין מער נישט עולה־רגל זײן קײן פּאַלעסטינע", — באַדויערן די קריסטן. „אונזער האַרס ארון געפינט זיך צװישן אונז, און איבער אים בליט זיך פונאַנדער, װי אַ רויז אויף אַ קבר, די פּאָעזיע פונעם הײדנטום, און איר אַראָמאַט צעטראָגט זיך איבער גאָר דער װעלט, פאַרשיכורנדיק און באַצױבערנדיק". אָפּזאָגנדיק זיך אין דער פּאָעמע „די אַלביגענער" פונעם קריסטנטום צוליבן הײדנטום, האָט אָבער לענאַאו אין זײן לעצט װערק — װאָס ער האָט געפּלאַנט און נישט אָנגעשריבן — װי ס'װײזט אויס װידער געהאַט בדעה זיך אָפּצו־זאָגן פון הײדנטום צוליבן קריסטנטום: דער העלד פון דעמדאָזיקן װערק האָט געזאָלט זײן קריסטוס.

אין דידאָזיקע תּמידיקע איבערגאַנגען פון אײן װעלטאַנשױאונג צו אַ צװײטער, אַ קעגנזעצלעכער, פילט זיך דאָס האַרצקלאַפּן פון אַ גאַנצן דור אינטעליגענץ, װאָס האָט זיך געפונען אָן אַ באָדן און אָן אַ גלויבן צװישן אַלטן און נײעם לעבן.

אויב הײנע איז צום סוף געװאָרן אַן איראָניקער, איז לענאַאו דאַקעגן געװאָרן אַ פּעסימיסט. לענאַאו האָט אַרונטערגע־װאָרפן אונטערן געזעץ פון לײדן נישט בלויז די מענטשהײט, װאָס פאַר איר װעלן דער אמת („פאַאוסט") און די ליבע („דאָן־זשואַן") אײביק פאַרבלײבן בלויז אַן אומדערגרײכבאַרער אידעאַל, נאָר אויך די גאַנצע נאַטור, װעלכע װײסט אויך נישט פון קײן רו און גליק. אין איר גרויס האַרץ איז פאַראַן די זעלביקע בענקשאַפט, װאָס דריקט דעם מענטשנס נשמה. אָט־אָדער בענקענדיקער אומעט צװינגט דעם פעלז אַזוי בײז זיך אַריבערצובויגן איבערן צאָרנדיק־ברויזנדיקן אָקעאַן און די װאָלקנס צװינגט ער, זײ זאָלן אַזױ אומרויִק זיך אַרומטראָגן איבערן גרויען הימל. דידאָזיקע בענקשאַפט לאָזט זיך אויך הערן אין די אומעטיקע טרעלן פונעם נאַכטיגאַל־געזאַנג און אינעם װאָיען פון אַ האַרבסטיקער

זאַוויערוכע אין נאַקעטן סטעפּ. אין אַט דעמדאָזיקן אָנסיבעהדיקן טרויער גיט איבער די נאַטור דעם מענטש, בעת ער ווערט געבוירן, ווי „אַ מאַמע גיט איבער איר ברכה" אויפן וועג. און אויב, ווידער, די גאַנצע נאַטור, פונעם שטיין ביזן מענטש, איז פאַרמשפּט אויף ליידן, — קאָן זיך אויך נישט פילן גליקלעך דער שעפּער, וואָס האָט אַלץ באַשאַפן. אין דער פּאָעמע „פאַאוסט" דערמאָנט מעפיסטאָ דעם העלד, ווי זיי האָבן איינמאָל ביינאַכט געטראָפן אין סטעפּ אַ פּאַסטוך, וועלכער האָט געדרייט אַרום קאָפּ אַ ברענענדיקן שייט-האָלץ, כּדי אָפּצוטרייבן די אָנגעקומענע נאַכט-סאָווע. אין אַזאַ לאַגע געפינט זיך לויט מעפיסטאָס מיינונג דער וועלט-באַשאַפער:

ווי יענער פּאַסטוך אין סטעפּ, נישט אַראָפּלאָזנדיק די הענט,
דרייט אַרום קאָפּ אַ שייט-האָלץ, וואָס ברענט,
אַזוי טוט אויך דער וועלט-פּאַסטוך: מיט אַ מעכטיקער האַנט
דרייט ער אַרום קאָפּ עפּעס אַ הימלישן בראַנד, —
עס זאָל אַנטלויפן די, וואָס פון אירע געשרייען זענען די
מענטשן פאַראומערט
די שרעקלעכע סאָווע, וואָס איר נאָמען איז — א ו מ ע ט.

אַזוי אַרום ווערט אין לענאַוס דיכטונג דער וועלט-ווייטיק —
Weltschmerz — פאַרוואַנדלט אין אַ גאָט-ווייטיק — Gottschmerz —

VI.

בעת דאָס דייטשישע בירגערטום האָט זיך געגרייט אָנצוהייבן אַ קאַמף מיט דער פעאָדאַלער מאָנאַרכיע, האָבן זיינע אידעאָלאָגן אויסגעשמידט פאַר אים אַ נייע פּאָליטישע, רעליגיעז-פילאָזאָפישע און עסטעטישע וועלטאַנשויאונג.

אויפן פּאָליטישן געביט האָבן זיי געפּרעדיקט אַ ליבעראַל פּראָגראַם. דער ערשטער פּיאָנער פונעם קאָנסטיטוציאָנאַליזם איז געווען ב ע ר נ ע. דאָס איז געווען אַן אמתער פאַנאַטיקער פון פּאָליטישער פרייהייט. ב ע ר נ ע האָט ווייניק געהאַלטן פון דער קונסט, אויף וועלכער ער האָט געקוקט פון אַן אוטיליטאַרן שטאַנדפּונקט, און נאָך

ווייניקער האָט ער געהאַלטן פון די קאַבינעט־פילאָזאָפן און פּראָפּעסאָרן, וועלכע מ'האָט געדאַרפט, לויט זיין מיינונג, צוליב דער טובה פון לאַנד אויפהענגען. ער האָט דורכגעלעבט בלויז איין ראָמאַן, וואָס זיין העלדין איז געווען די פרייהייט, און אָט דער פאַרבינדונג זיינער האָט ער קיינמאָל נישט פאַראַטן. אים איז געווען עגג אין זיין היימלאַנד, וואו ס'האָבן געהערשט דער דעספּאָטיזם פון די רעגירונגען, אַן אינקוויזיטאָרישע צענזור און געהיימע פּאָליטישע געריכטן, און ער האָט עמיגרירט קיין פּאַריז האָפנדיק דאָרט צו פאַרבלייבן אַלס „פרייער און ערלעכער בירגער". פון יענער זייט גרעניץ האָט ב ע ר נ ע אַריינגעוואָרפן קיין דייטשלאַנד זיינע „פּאַריזער בריוו", וועלכע האָבן ביי דער אַלגעמיינער שטילקייט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן אויפגעריסענער באָמבע. זיי האָבן געקלונגען ווי אַ שטורמישער רוף זיך אָפּצוזאָגן פונעם וויסנשאַפטלעכן און עסטעטישן קוויעטיזם און זיך אָפּצוגעבן מיט דער גאַנצער נשמה דעם אַקטיוון קאַמף. „די צייט פון טעאָרעטישע חקירות איז פאַרשוואונדן,— האָט בערנע געשריבן, — עס קומט אָן אַ צייט פון פּראַקטישער טעטיקייט, בלויז קאַמף קאָן אונז ראַטעווען, לאָמיר־זשע זיין אומברחמנותדיק".

אין זיינע „פּאַריזער בריוו" פלעגט בערנע אַמאָל צאָרנדיק, אַמאָל הומאָריסטיש קריטיקירן די אַלטע אָרדנונג, און דערך־אגב פלעגט ער אַנטוויקלען דאָס פּראָגראַם פונעם ליבעראַליזם. אַלס אַ טיפּישער אידעאָלאָג פון דער בורזשואַזיע האָט זיך בערנע באַצייגן צום סאָציאַליזם מיט אַן אינסטינקטיווער, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן, שנאה. דער אויפשטאַנד פון די ליאָנער וועבערס האָט אים אויפגעטרייסלט און האָט אים אַריינגעבראַכט אין שרעק פאַר דער קומענדיקער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. „וואָס אין פאַרגלייך מיט איר וועט די איבערקערעניש פון יאָר 1798 אויס.ען ווי אַ קינדער־שפּיל". מיט מורא האָט ער געטראַכט וועגן יענער צייט, ווען עס וועט דערוואַכן דער זעלבסטבאַוואוסטזיין ביים אַרבעטער־קלאַס. „דאַן זענען מיר פאַ פאַלן" — האָט ער געשריבן. אָבער פונדעסטוועגן האָט קיינער נישט אויפגעטון אַזוי פיל פאַר דער פּאָליטישער דערציאונג פונעם בירגערטום, ווי בערנע, און ווען עס איז אין יאָר 1832 פאָרגעקומען אינעם שטעטל האַמבאַך דער צוזאַמענפאָר פון די ליבעראַלן און ראַדיקאַלן פון גאַנצן לאַנד, האָט מען אים אויפגענומען מיט אַ באַגייסטערטער אָוואַציע און ער איז געווען דער העלד פון טאָג.

אין די פערציקער יאָרן פון נײַנצעגטן יאָרהונדערט, ווען דער קאַמף פאַר דער קאָנסטיטוציע האָט אָנגענומען אַלץ ברייטערע מאַס־שטאַבן, און דער קעניג האָט, אַלס הנחה פאַרן פאָלק, מסכּים געווען צונויפצורופן, אמת, נישט קיין אַלגעמיינעם פּאַרלאַמענט, נאָר בלויז אַ צוזאַמענפאָר פון די פּאַרייניקטע קרייז־לאַנדטאַגן, וואָס אין זיי האָט געהאַט אַ מערהייט דאָס פּריצנטום, — האָט י אָ ק אָ ב י אַרויסגעלאָזט אַ גלענצנדן פּאַמפלעט „פיר פראַגעס", אין וועלכן ער האָט אין נאָמען פון בירגערטום פּראָטעסטירט קעגן דעמאָזיקן שווינדל. „וואָס־זשע דאַרפן מיר טון", — אַזוי האָט געלויטעט זיין לעצטע פראַגע, און ער האָט געענטפערט: „דאָס, וואָס דער קעניג האָט צוגעזאָגט אַלס טובה (דאָ רעדט זיך וועגן דעם צוזאָג, וואָס דער פאַרשטאָרבענער קעניג האָט נאָך געגעבן אין יאָר 1815 מכּוח צונויפרופן אַ פּאַרלאַמענט), באַדאַרפן מיר דערוואָרבן אַלס אונזער רעכט". מער קיינמאָל האָט שוין אַ דייטשישער בורזשוי נישט גערעדט מיט אַזאַ דרייסטער און געוואַגטער שפּראַך.

דאָס דייטשישע בירגערטום האָט אויך געפונען אַ טאַלענטפולן פּאָליטעקאָנאָם אין דער פּערזאָן פון פ ר י ד ר י ך ל י ס ט, וועלכער האָט געזען אין דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אַ יסוד פאַר עקאָנאָמישן רייכטום און פּאָליטישער מעכטיקייט און ער איז שאַרף אַרויסגעטרעטן פאַר דער נויטווענדיקייט פון פּראָטעקציע־צאָלן, ווייל בלויז דער צאָל־פּראָטעקציאָניזם איז בכּוח צו געבן דער דייטשישער אינדוסטריע די מעגלעכקייט זיך צו פאַרפעסטיקן און אַריינצוטרעטן אין אַ זיגרייכן קאָנקורענץ־קאַמף מיט די ענגלישע און פראַנצויזישע קאַפּיטאַליסטן.

דאָס דייטשישע בירגערטום האָט אויך געפונען פאַר זיך אַ פילאָ־זאָף אין דער פּערזאָן פון ה ע ג ע ל ן, וואָס אין זיין לערע איז פון אונטער די סכאָלאַסטישע אַבסטראַקציעס קלאָר אַרויסגעטרעטן דער געדאַנק וועגן עוואָלוציע, ווי וועגן אַ גרונט־געזעץ, וואָס הערשט אין דער וועלט פון געדאַנק און געשיכטע. און ערשט ווען ה ע ג ע ל ס פילאָזאָפיע איז געוואָרן קאָנסערוואַטיווער, זיך צופּאַסנדיק צו דער פּרייסישער פּאָליציייִשער מלוכה, האָט די אינטעליגענץ זיך אָפּגעקערט פון איר פריערדיקן פירער און זי האָט אָנגעהויבן, אין דער פּערזאָן פון זיינע לינקע תּלמידים, אַ שאַרפע אַטאַקע אַקעגן אים.

אין דערזעלבער צייט, ווען די פּאָליטיקער פונעם בירגערטום

האָבן זיך אונטערגעגראָבן אונטער דער זעלבסטהערשערישער מאַכט. און ווען די פילאָזאָפן האָבן דאָסזעלביקע געטון לגבי דעם אומבאַוועגלכן וועלט-סדר, — האָבן די טעאָלאָגן פונעם בירגערטום זיך באַמיט אַ טרייסל צו טון דעם אַלטאַר. אין זיין בוך „דאָס לעבן פון קריסטוסן“ האָט שטראַוס אויפגעוויזן, אַז די עוואַנגעליע-דערציילונגען האָבן נישט קיין שום היסטאָרישן באַשטעטיקונג-יסוד, און זיי זענען נישט מער ווי ריין-ליטעראַרישע פאָרזעצונגען פון דער אַלטער יידישער לעגענדע וועגן משיח, דערביי זענען אַלס יסוד פאַר באַזונדערע עפּיזאָדן פונעם נייעם טעסטאַמענט גענומען די אָדער אַנדערע ערטער פון אַלטן טעסטאַמענט. לויט שטראַוסעס מיינונג איז קריסטוס נישט קיין רעאַלע פיגור, נאָר אַן אַבסטראַקטע סימבאָל. אַלץ וואָס ווערט וועגן אים דערציילט לאָזט זיך שלעכט איינפּאַסן אין די ראַמען פון איין מענטש, דערפאַר איז עס אָבער זייער צוגעפּאַסט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. קריסטוס איז טאַקע נישט עפּעס אַנדערש, נאָר אַ פאַרקערפּערונג פון דערדאָזיקער מענטשהייט, וועלכע גייט אויפן וועג פון פּראָגרעס, וואָס ווערט דעראָבערט דורך די ליידן פון דער איינצלנער פּערזענלעכקייט. פייערבאַך, ווידער, האָט אויפגעוויזן אין זיין בוך „דער מהות פון קריסטנטום“, אַז די רעליגיע קומט פון אַ ריין-פּסיכאָלאָגישער און נישט פון קיין טראַנסצענדענטאַלער אָפּשטאַמונג, אַז די גאָטהייט-אידעע איז בלויז אַן אידעאַליזירטע אָפּשפּיגלונג פון דער מענטשהייט ביי אַ געוויסער שטופע פון איר אַנטוויקלונג, און אַז אַזוי אַרום „האָט נישט גאָט באַשאַפן דעם מענטש, נאָר דער מענטש האָט באַשאַפן גאָט“.

און בשעת די טעאָלאָגן האָבן זיך אונטערגעגראָבן אונטערן אויטאָריטעט פון דער קירכלעכער לערע האָבן די קריטיקער פונעם בירגערטום פונאַנדערגעשרויפט די ליטעראַרישע אָפּגעטער פון דער אַריסטאָקראַטישער קולטור.

בערנע און מענצעל האָבן געשטורעמט געטען אַלס עסטעט, וואָס האָט געשטרעבט בלויז צו קאָמפאָרט און באַקוועמלעכקייטן, אַלס עגאָאיסט, וועלכער האָט קיין איין וואָרט נישט אַרויסגעזאָגט צו באַשיצן די אונטערדריקטע, אַלס קעניגלעכן הויפמאַן, וואָס האָט גערויכערט ווייִרויך פאַר יחוס און מאַכט. און רוגע האָט אַנטדעקט אין די אָפּהאַנדלונגען, וועלכע זענען געווען פאַרעפנטלעכט אין די „האַל-

לישע יאָרביכער", דעם רעאַקציאָנערן פעאָדאַל־מאָנאַרכישן אינהאַלט פונעם ראָמאַנטיזם.

מיט דער גרעסטער פולקייט איז די עסטעטיק פון דער בורזשואַזיע אַנטוויקלט געוואָרן אין װ י נ ב אַ ר ג ס „עסטעטישע אויפמאַרשן", וועלכער איז שאַרף אָנגעפאַלן אויף דער בשעתודיקער ליטעראַטור דערפאַר, וואָס זי זוכט אידעע סוזשעטן אין דער פאַרגאַנגענהייט אָדער אין די קברים, „בעת אינדעראמתן שיין זענען בלויז דאָס פאַראַנענע לעבן און די רעאַלע וועלט". אַלס דעם העכסטן טיפ אין עסטעטישער הינזיכט האָט װ י נ ב אַ ר ג געהאַלטן דעם קעמפער פאַר פאָליטישער און נאַציאָנאַלער פרייהייט. װ י נ ב אַ ר ג ס לעקציעס זענען געווען נישט אַזוי אַ ליטעראַריש פראָגראַם, ווי אַ רוף צו אַ לעבנספריידיקן און אַ קעמפערישן רעאַליזם. „זאָל דער מענטש, — אַזוי האָט ווינבאַרג פאַרענדיקט איינע פון זיינע לעקציעס, — שטיין מיט ביידע פיס אויפן באָדן פון דער פאַראַנענערווירקלעכקייט, הנאה־האָבן פון אַלע גרויסע אויפטוען, וועלכע ווערן געשאַפן אַרום, זאָל ער אַליין אויך אויפטון כאָטש עפּעס אַ נישט־גרויסן אויפטו, וואָס וועט איבערלאָזן אַ זכר נאָך אים, זאָל ער הנאה־האָבן פון ערדיש גליק און זאָל ער קעמפן פאַר פרייהייט, אמת און גערעכטיקייט".

מיט דעמזעלן לעבנספריידיקן און קעמפערישן רעאַליזם זענען געווען אַדורכגעדרונגען פ יי ע ר ב אַ כ ס „געדאַנקען" וועגן טויט און אומשטערבלעכקייט, וואו ער האָט דורגעפירט דעם געדאַנק, אַז אויפן אָרט פון קריסטנטום, וואָס האָט צוגעוואוינט די מענטשן צו פאַסיווע טרוימען וועגן עולם־הבאדיק גליק, דאַרף אויפקומען אַ נייע רעליגיע, וועלכע וועט זיך שטעלן פאַר אַ ציל, אָפלייקענענדיק די אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה, צו דערציען פיזיש און גייסטיק אַ געזונטן דור, וואָס איז פעאיק נישט בלויז אינטענסיוו הנאה צו האָבן און מוטיק צו דענקען, נאָר אויך דרייסט צו קעמפן פאַר רעאַלע ערדישע צילן.

אין ב ע ר נ ע ס פאָליטישע בריוו, אין װ י נ ב אַ ר ג ס עסטעטיק, אין פ יי ע ר ב אַ כ ס רעליגיעזע געדאַנקען — אומעטום פילט זיך איינאונדיזעלבע שטימונג: דער דורשט נאָך אַקטיוון קאַמף, עס פילט זיך אַ בשורהדיק ווינטל פון דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע.

אין די פערציקער יאָרן פון ניינצענטן יאָרהונדערט האָט געגו־

מען דערוואַכן נישט בלויז דאָס בירגערטום נאָר אויך די אַרבעטער־מאַסע, וועלכע איז נאָך באַשטאַנען אין אַ גרויסער מאָס פון מייסטער־געזעלן. פון אַט דערדאָזיקער באַלמעלאָכישער סביבה איז אַרויסגעקומען איינער פון די ערשטע דייטשישע סאָציאַליסטן, דער שניידער ווייטלינג, וועלכער האָט אין זיין ווערק „די גאַראַנטיעס פאַר דער געזעלשאַפט" אָנגעצייכנט אַ בילד פון אַן אַרבעטס־אָרדנונג אין גייסט פון פראַנצייזישן אוטאָפּיזם. אויב פאַרן בירגער שטראַוס איז קריסטוס געווען דער סימבאָל פון פּראָגרעס, איז ער פאַרן באַלמעלאָכע ווייטלינג געווען דער שטאַמפּאָטער פונעם קאָמוניזם.

אין דערזעלבער תקופה פון די פערציקער יאָרן פון נייַנצענטן יאָרהונדערט זענען אויך אַרויף אויף דער עפנטלעכער אַרענע די צוויי שעפערס פונעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם מאַרקס און ענגעלס. באַפרייענדיק זיך שטופנווייז, הויפּטזאַכלעך אַדאַנק פייערבאַכס השפּעה, פון דער ווירקונג פון העגעלס אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע האָבן זיי אָנגעהויבן אַ לעבהאַפטע שיסעריי אויף אַלע אינטעלי־גענטע סעקטעס, וועלכע האָבן גע עמפּט צווישן זיך פאַר דער גייסטי־קער העגעמאָניע. אינעם געמיינזאַם־אָנגעשריבענעם פאַמפלעט „די הייליקע פאַמיליע" זענען זיי אָנגעפאַלן אויף ברונאָ באַוערס קרייזל, וואָס האָט געפּרעדיקט, אַז די אינטעליגענץ איז דער אמתדיקער שעפער פון היסטאָרישן פּראָגרעס. פאַרענדיקנדיק מיט די „היסטאָריש־דענקענדיקע פּערזענלעכקייטן" האָבן זיך מאַרקס און ענגעלס אַרויפגעוואָרפן (אין אַ נישט אָפּגעדרוקט בוך) אויף די „עכטע סאָציאַ־ליסטן", אויף די דייטשישע פילאָסאָפן, וועלכע האָבן געגלויבט אין אַ באַזונדער אַנטוויקלונגס־וועג פאַר דייטשלאַנד, וואָס קאָן אויסמיידן די קאַפּיטאַליסטישע ציוויליזאַציע.

אָפּרייניקנדיק אַזוי־אַרום דעם באָדן פאַרן פּראָלעטאַרישן סאָציאַ־ליזם, האָבן מאַרקס און ענגעלס אַרויסגעגעבן אין 1847 דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", וואָס אין אים איז מיט אַן אויסערגעוויינ־לעכער קלאָרקייט פאָרמולירט די טעאָריע פונעם קלאַסנקאַמף און ס'איז אָנגעצייכנט די טאַקטיק פונעם אַרבעטער־קלאַס אין דער פאָרשטייענדי־קער בורזשואַזער רעוואָלוציע.



קאַרל מאַרקס

VII.

בעת דער דייטשישער בורזשואַזיע איז אויסגעקומען צו פירן אַ קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פונעם יאָך פון דער פעאָדאַלער מאָנאַרכיע, איז פאַר דער איטאַליענישער בורזשואַזיע, אַחוצדעם, נאָך פאָרגעשטאַנען אַ שווערע מלחמה פאַר דעם באַפרייען זיך פון אַ פרעמד-מלוכהשן (עסטרייכישן) יאָך.

די פליכט אָנצוצינדן אין די הערצער פון די דעמאָקראַטן דעם באַגער צו נאַציאָנאַלע טריאומפן, די פליכט זיי צו באַגייסטערן פאַר דער פאָרשטייענדיקער רעוואָלוציע האָט גענומען אויף זיך, צווישן אַנדערע, אויך די שיינע ליטעראַטור. די איטאַליענישע פּאָעזיע און בעלעטריסטיק פון דער ערשטער העלפט נייצענטן יאָרהונדערט איז אינגאַנצן געווען אַדורכגעדרונגען מיט אַ פּאַטריאָטישן גייסט. די שרייבער, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און פאַראייניקונג האָבן זיך אָנגערופן מיטן נאָמען „ראָמאַנטיקער“. אין זייערע אויגן האָט אויסגעזען, ווי ס'האָט זיך אויסגעדריקט סילוויאָ פּעליקאָ, אַ ראָמאַנטיקער ווי „אַ סינאָנים פון אַ ליבעראַל“, און דער ראָמאַנטיזם האָט, לויט די ווערטער פון גווערראַצי, געדאַרפט געבן איטאַליע „אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור און האָט געדאַרפט זיין דער אויסדריקער פון די אידעען און באַדערפנישן פון דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג“.

דער קעמפער פאַר דער פרייהייט פון לאַנד איז געוואָרן דער הויפט-העלד פון דער דיכטונג. אין אוגאָ פאָסקאָלאָס ראָמאַן „די לעצטע בריוו פון יאַקופּאָ אָרטיס“ ווערט געשילדערט אַ יונגער מענטש אַ באַטייליקטער אין דער פאַרשווערונג פון די קאַרבאָנאַרן, וועלכער וואָגלט אַרום נאָכן דורכפאַל פון דערדאָזיקער פאַרשווערונג, אַלס אַן אַנטלאָפענער אין די ענגאַדינער בערג, אַן אַריינגעטועטער אין טרויעריקע מחשבות וועגן דעם אונטערגאַנג פונעם געליבטן היימלאַנד און דער סוף איז, אַז ער ענדיקט מיט זעלבסטמאָרד. אין סילוויאָ פּעליקאָס טראַגעדיע „פראַנטשיסקאַ דאַ ראַמיני“ שטעמפּלט דער העלד מיט אַ פייערדיקן פערז די כאַראַקטערלאָזיקייט פון די איטאַליענער, וועלכע זענען אומפּעאיק זיך צו דערהייבן צו אַ מדרגה פון קרבנות

פאַר איטאַליע, וואָס „ווער עס דערזעט זי, קאָן נישט זי ליב־קריגן”. ד אַ נ ט ע ג אַ ב ר י ע ל ר אָ ז ע ט י וואַרפט אַרויס אין גאַס אַריין זיינע רעוואָלוציאָנערע לידלעך, און זיי ווערן גיריק אויפגעכאַפּט דורכן יוגנטלעכן המון. אָט אָ די אַלע שרייבערס זענען אַליין געווען אַקטיוו באַטייליקט אין דער קאַרבאָנאַרן־באַוועגונג און אָדער זיי זענען צוליב דעם געווען געצוואונגען צו עמיגרירן קיין אויסלאַנד, ווי ר אָ ז ע ט י, אָדער זיי האָבן באַצאָלט פאַר זייער בירגערלעכן מוט מיט תפיסה באַשטראָפונגען, ווי ס י ל וו י אָ פּ ע ל י ק אָ, וועלכער האָט באַשריבן זיינע אַרעסטאַנטישע ליידן אינעם בוך „מיינע תפיסות”.

דער שטילשטאַנד, וואָס איז אָנגעקומען נאָכן רעוואָלוציאָנערן אויפרייס האָט מיטגעווירקט צו דער פּאָפּולאַריטעט פון אַזעלכע מעסיקע שרייבער, ווי מ אַ נ צ אָ נ י, וואָס זיין ראָמאַן „חתן כלה” איז, אגב, אויך אויסגעטייטשט געוואָרן אַלעגאָריש אַלס אַ בילד פון איטאַליעס פאַרשקלאַפונג דורך פרעמדע דעספּאָטן, כאָטש דער מחבר אַליין האָט געפּרעדיקט אין זיינע ווערק געטריישאַפט צו דער קאַטויליִשער דאָגמע און די גויטוועגדיקייט פון קריסטלעכער הכנעה.

דער נייער אויפשטייג פון דער דעמאָקראַטישער באַוועגונג, וואָס איז אָנגעקומען אין די דרייסיקער און פערציקער יאָרן פונעם נייַנצעטן יאָרהונדערט, האָט אַרויסגערוקט אויף דער עפנטלעכער אַרענע אָנשטאָט מ אַ נ צ אָ נ י ן ראַדיקאַלערע שרייבער, ווי ג וו ע ר אַ צ י, וועלכער האָט אָנגעשריבן זיין ראָמאַן „די באַלאַגערונג פון פלאָרענץ” דערפאַר, ווייל ער האָט אַליין נישט געקאָנט נעמען קיין אָנטייל אין דער שלאַכט; ווי ד׳ אַ ז ע ל י אָ, וואָס זיין ראָמאַן „עטאָרע פיעראַמאָסקאַ” האָט באַוואויגן אַ היפּש ביסל יונגעלייט צו פאַרגעסן אָן עולם־הזהדיקע פאַרגעניגנס צוליב דער פּאָליטיק; ווי נ י ק אָ ל י נ י, וועלכער האָט אין זיין דראַמע „אַרנאָלד ברעשיאַנער” גערופן, דורך זיין העלדס מויל, צו אַן אויפשטאַנד קעגן פויפּסט און אימפּעראַטאָר; און ווי, באַזונדערס, ד ז ש י א ו ס ט י, וועלכער האָט אין זיינע סאַטירעס, וואָס מ׳האָט זיי צעכאַפּט לייענען אין מאַנוסקריפּט, געשמיסן די הערשערס, „וועלכע שערן די שאָף מיט פרעמדע הענט” (מיט די הענט פון דער ביוראָקראַטיע), די פּאָליציי, דעמדאָזיקן „מלוכהשן היישעריק” און דעם קלער, וואָס איז פאַרנומען מיט דער „קונסט פון ליידיקגייעריי”.

אין אַ זייט פון דערדאָזיקער נאַציאָנאַל ליבעראַלער ריכטונג אין דער ליטעראַטור איז געשטאַנען דער גרעסטער איטאַליענישער דיכטער

פון דער ערשטער העלפט ניינצענטן יאָרהונדערט — גראַף ד ז ש י אַ קאָמאָ ל ע אָ פּ אַ ר ד י. ער האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אַלס אַ דיכטער־פּאַטריאָט, וועלכער האָט באַזונגען אין רירנדיקע פערזן די ליידן פון דער היימאַט, „וואָס אירע ווייסע הענט זענען געשמידט אין שענדלעכע קייטן", „מיטן ווינט צעפליען אירע צעפלאָסענע האָר", „זי זיצט איינע אַליין, אַ פאַרגעסענע, אַן אומגעטרייסטע, און זי טליעט צו איר ברוסט איר טרויעריק פּנים" („איטאַליע").

אָבער נאָכן דורכפאַל פון דער נעאַפּאָליטאַנישער רעוואָלוציע (1821) האָט זיך גראַף ל ע אָ פּ אַ ר ד י אָפּגעקערט פון דער באַפרייאונגס באַוועגונג — טיילווייז, נאַטירלעך, צוליב דעם, וואָס דער פון די אבות געירשנטער פּסיכישער משפּחה־פעלער האָט פאַרשמעלערט זיין גייסטיקן האָריזאָנט און האָט אים געמאַכט פאַר לעבנסאומפּעאיק, אָבער נאָכמער צוליב דעם, וואָס אַלס אַ יורש פון אַ רייכראַסיקער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע, אַ פיינטלעך־געשטימטע צו דער נייער צייט, האָט ער אינסטינקטיוו פיינט געהאַט די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע קולטור, וועלכע האָט זיך גענומען אויסבילדן אַרום אין לאַנד. אין זיין „פּאַלינאָדיאַ" טרעט גראַף לעאָפּאַרדי שאַרף אַרויס אַקעגן דעם טעכנישן פּראָגרעס פון דער נייער צייט, אַקעגן דער מעכטיקייט פון די רעטאָרטן און מאַשינען, וועלכע הויבן אָן אַ קאַמף מיט גאָט אַליין, אַקעגן דער עלעקטריציטעט און דעם דאַמף, אַקעגן די אונטערערדישע באַנען, און אפילו אַקעגן דער פאַרפּולקאָמענונג פון די קיך־מכשירים. וואָרשיינלעך, וועלן אין דער נאָענטער צוקונפט — איראָניזירט ער — מענטשן זיך אַזוי אויסקליגלען, אַז זיי וועלן מילך און האָניק אַרויסבאַקומען פון דעמבעס און פון סאָסנעס און זיי וועלן צווינגען די ביימער צו טאַנצן ביי די קלאַנגען פון וואַלס. אין אַן אַנדער אָרט („דער שמועס פון טריסטאַנען און זיין פריינט") האָט גראַף לעאָפּאַרדי באַוויינט דאָס, וואָס די וויסנשאַפט האָט זיך פונאַנדערגעטיילט אויף אַ מאַסע ספּעציאַליטעטן. די ליטעראַטור האָט דעגענערירט און פון איר איז געוואָרן געמיינע זשורנאַליסטיק. די צייטונגען זענען די טאָנגעבערס און זיי זענען דער איינציקער אויפקלערונגס־קוואַל. די פאַראינטערעסירונג מיט פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראַגן האָט אַרויסגעשטויסן דעם אינטערעס צו דיכטונג. אָבער זאָל לעבן די סטאַטיסטיק — שרייט אויס מיט ביטערניש לעאָפּאַרדי — זאָל לעבן די פּאָליטיק און די פּאָליטישע עקאָנאָמיע! און זאָל לעבן ער אַליין, דער

ביינצענטער יאָרהונדערט, וואָס איז אַזוי אָרים אין מעשים און אַזוי רייך אין ווער. ער!

פונעם פּאַרהאַסטן בייעם לעבן האָט זיך גראַף לעאָפּאַרדי אויס־באַהאַלטן און פאַרשלאָסן אין זיין פינצטערער פילאָזאָפיע פון דער נירוואַנע, וועלכע ער אַנטוויקלט אין אַ ריי „דיאַלאָגן".

איבערן גאַנצן וועלטאַל הערשט איין געזעץ — דאָס געזעץ פון ליידן.

די נאַטור, וואָס האָט באַשאַפן דעם מענטש, איז פאַר אים נישט קיין ליבנדיקע מוטער, נאָר אַ ביי,ע שטיפמוטער, וועלכע פאַרפאָלגט אים מיט הונגער און קעלט, מיט הוראַגאַנען און וואולקאַנישע אויס־ברוכן, מיט ערדציטערנישן און פאַרפלייצונגען. זי איז אַ תלין פאַר אירע אייגענע קינדער. זי דאגהט נישט פאַרן וואוילשטאַנד פון אירע באַשעפענישן, נאָר בלויז פאַר זייער עקזיסטענץ. זי האַלט־אויף דאָס לעבן פון איינע מיטן טויט פון אַנדערע און זי האָט פאַרוואַנדלט דעם מעכאַניזם פון קיום אין אַן אייביקער קייט פון אַנטשטייאונג און אונ־טערגאַנג, וואָס מ'קאָן זיך נישט פאָרשטעלן איינע אָן דער אַנדערער. אָט פאַרוואָס ס'איז נישטאָ קיין שום זאַך, קיין שום וועזן, וואָס זאָל נישט זיין אונטערגעוואָרפן דעם געזעץ פון ליידן („אַ שמועס צווישן דער נאַטור און אַ מענטש פון איסלאַנד"). אָבער כאָטש די נאַטור האַלט טייער בלויז דעם פאַקט פון דער עקזיסטענץ פון די דורך איר באַשאַפענע וועזנס, איז פונדעסטוועגן דאָס לעבן פאַרן מענטש בלויז אַ מיטל פאַר אַן אַנדערן ציל — פאַרן גליק. דער אומגליק באַשטייט אָבער דערין, וואָס די פאַרגעניגנס, צוליב וועלכע אַ מענטש לעבט און קעמפט, זענען נישט קיין רעאַלע זאַך, נאָר בלויז אַ פוסטע אויסדוכ־טעניש. בעת דער מענטש האָט הנאה פון עפּעס אַ פאַרגעניגן, וואָס ער האָט ליידנשאַפטלעך באַגערט, וואָס ער האָט דערגרייכט דורך שווערע מאַטערנישן און צרות, שטעלט ער זיך דאָן נישט צופרידן מיט דעם, וואָס ער שפירט בעת־מעשה, נאָר ער דערוואַרט תמיד עפּעס העכערס און בעסערס, וואָס זאָל אין זיך אַריינגעמען דאָס גאַנצע, פולע גליק. דער מענטש איילט זיך באַגייסטערט צו ווערן פון די שפּעטערדיקע מאָמענטן פון הנאה, אָבער זי אַליין צעקריכט דערווייל און פאַרשווינדט. אַזויאַרום פאַרבלייבט אים בלויז איינס פון די ביידע: די בלינדע האָפענונג בעסער הנאה צו האָבן דאָס אַנדערע מאָל אָדער די פוסטע טרייסט איינצורעדן זיך און אַנדערע, אַז ער האָט באמת הנאה־געהאַט

מיט אַנדערע ווערטער: גליק איז פאַראַן נאָר אינעם געוועזענעם אָדער אינעם צוקונפטיקן, אין דערמאָנונגען אָדער אין טרוימען; גליק איז נישט קיין פאַקט, נאָר אַ באַגער, נישט קיין דערפאַרונג, נאָר אַ געפיל, וואָס ווערט געבוירן דורכן געדאַנק, אָדער אייגנטלעך אפילו נישט קיין געפיל, נאָר אַ באַגריף; גליק איז נישט קיין ריעאַלע זאַך, נאָר אַ במחשבהדיקע („אַ שמועס צווישן טאָרקוואַטאָ טאַסאָ און זיין גוטן גייסט").

אַלץ, וואָס פאַרשענערט דאָס לעבן, וואָס הויבט זיין ווערט, וואָס גיט אים צו אַ זין — ליבע, כבוד, פאָטערלאַנד, פּראָגרעס, — דאָס זענען בלויז אָפּ־אַרערישע אויסדוכטענישן און פוסטע אילוזיעס. און אויב פאַרגעניגן איז בלויז אַ זעלבסטאָפּנאַרעריי, איז דער מהות פונעם קיום, וואָרשיינלעך — די לאַנגווייליקייט. זייענדיק אַליין אַ פּראָדוקט פונעם באַוואוסטזיין פון דער אַלגעמיינער הבל־הבלימדיקייט, אַנטהאַלט אין זיך דאָסדאָזיקע געפיל גופא קיין שום נאַרישקייט. די לאַנגווייליקייט איז אַ פּשוטער באַגער פון גליק, וואָס איז נאָך נישט באַפרידיקט דורך הנאה און איז נאָך נישט צעטרייסלט דורך אַנטוישונג. און היות ווי דער פאַרווירקלעכטער באַגער דערפירט צום באַוואוסטזיין וועגן דער אומפאַרווירקלעכבאַרקייט פונעם גליק, איז קלאָר, אַז דאָס לעבן איז צונויפגעוועבט פון ליידן און לאַנגווייל („אַ שמועס צווישן פּלאָטין און פּאָרפירי"). אויב ווידער דער אָביעקטיווער ציל פונעם קיום איז נישט דאָס גליק, דאַרף מן הסתם זיין זיין איינציקע רעאַלע באַדייטונג — דער טויט. אַלע מענטשלעכע המצאות, מאַטערנישן און דאגות פירן סוף־כל־סוף בלויז צו אים. ער איז דער אמתדיקער ציל פונעם קיום און גלייכצייטיק דאָס העכסטע גליק פונעם לעבן („דאָס ליד פונעם איינזאַמען האָן"). כאָטש דער טויט ברענגט נישט מיט זיך קיין פּאָזיטיוו גליק, פונדעסטוועגן זאָגט ער אָבער צו אומגעשטערטע רו און אייביקע זעלבסטפאַרגעסונג („אַ שמועס צווישן פרידריך רויש און זיין מומיע").

אָט דאָס איז געווען די פּעסימיסטישע פילאָזאָפיע, וואָס גראַף לעאָפּאַרדי האָט אַנטקעגנגעשטעלט דער „מאַטעריאַליסטישער" און „עגאָאיסטישער" תקופה.

די איטאַליענישע דעמאָקראַטן האָבן געהאַט דאָס פולע רעכט אָנצופאַלן אויף אים מיט די ווערטער פון די פּערסאָנאַזשן אין זיין אייגענעם „שמועס צווישן טימאַנדערן און עלעאַנדערן" — „זיין אונזער צייט איז אַ שאַנדע אַזוי צו קאָקעטירן מיט דער אייגענער פאַר־

צווייפלונג, ווי איר טוט עס, און ס'איז אַ חרפה אַריינצוגעבן מענטשן דעם געדאַנק וועגן דער אומבאַדינגטער נויטווענדיקייט צו ליידן, וועגן דער הבלדיקייט פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט און וועגן דער געמיינער נישטיקייט פונעם מענטשלעכן מין, — ווייל אַזאַ מין פילאָזאָפיע וועט בלויז אָפּהאַרגענען זייער מוט און זי וועט ביי זיי צונעמען דאָס געפיל פון זעלבסטווירדע, און אָן אָט די אייגנשאַפטן איז כמעט ווי אוממעגלעך אַן אָרנטלעכע, נוצלעכע און גוטע ט ע ט י ק יי ט".

אגב, דער „אַריסטאָקראַט" ג ר אַ ף ל ע אָ פּ אַ ר ד י האָט אינערלעך אָנערקענט, אַז די צוקונפט געהערט טאַקע צו „סטאַטיסטיק, פּאָליטיק און פּאָליטישער עקאָנאָמיע" — צו דיזעלביקע, וואָס האָבן אַוועקגעהאַרגעט דעם אינטערעס צו דער דיכטונג, און ער איז אַראָפּ פון דער סצענע ווי אַן איבעריקער מענטש, טרוימענדיק בלויז וועגן אַ שנעלער זעלבסטפאַרגעסונג אינעם שויס פון טויט.

„איך לאַך נישט אָפּ פון די פּלענער און האָפענונגען פון דער איצטיקער תקופה, — הייסט ער אויסשרייען איינעם פון יענע אַראַסאַרן וואָס הינטער זייער פּלייצע שטייט ער אַליין (טריסטאַן אינעם „שמועס צווישן טריסטאַנען מיט זיין פריינט"), — איך ווינטש איר אַלערליי דערפאָלגן. איך ליב אפילו און האַלט פון אירע שטרעבונגען, אָבער איך בין נישט מקנא נישט דעם קומענדיקן דור, וואָס וועט דערזען די צוקונפט, נישט יענע פון היינטיקער צייט, וואָס האָבן נאָך לאַנג צו לעבן. ס'איז געווען אַ צייט, ווען איך פלעג מקנא זיין נאַראָנים און זעלבסטבאַרימערס, איך בין אפילו גרייט געווען זיך צו טוישן מיט זיי מיט דער לאַגע. איצטער בין איך שוין נישט מקנא נישט די נאַראָנים, נישט די קלוגע לייט, נישט די גרויסע, נישט די נישטיקע, נישט די שוואַכע, נישט די שטאַרקע, איך בין בלויז מקנא — די טויטע, און מיט זיי וואָלט איך זיך גערן געביטן מיטן גורל".

VII.

די בורזשואַזע לעבנסאָרדנונג און דער בורזשואַזער געדאַנקענגאַנג, וועלכע האָבן זיך אויסגעבילדעט אין דער צווייטער העלפט פון נײַנצעטן יאָרהונדערט אין אַלע מערב־אייראָפּעאישע לענדער, האָבן זיך נישט בלויז אָפּגעשפּיגלט אינעם אינהאַלט פון דער ליטעראַטור, נאָר זיי האָבן אויך אַרויפגעלייגט אַ חותם אויף איר פאָרם, אויפן קינסטלערישן סטיל.

די אינדוסטריעלע געזעלשאַפט, אַ קאָנצענטרירטע אין די גרויסע שטעט, אַ באַשעפטיקטע מיט דער אויסאַרבעטונג און מיטן אויסטויש פון סחורות, איז געשטימט אויסערגעוויינלעך פּראַקטיש און זי האָט נישט ליב „פּוסט צו טראַכטן", זי האָט נישט ליב זיך אַוועקצולאָזן אין טרוימערישע וועלטן. אין איינס פון זײַנע לעצטע לידער דערציילט ה יי נ ע, ווי ער האָט איינמאָל באַגעגנט אין וואַלד, וואו ער האָט געוועסט פאַרבלאָנדזשעט, אַ שיין מיידל מיט אַ פאַרטרויערט פּנים, וואָס האָט אים דערזעענדיק גענומען גיך אַנטלויפן. די דאָזיקע פאַרטראַכטע אַנטלויפערין איז געווען די פעיע פון טרוים, וועלכע האָט זיך דאָ אין דער וואַלדיקער שטילקייט באַהאַלטן פונעם גערודער פון די אייזנבאַנען, פונעם טומל פון די מאַרקפּלעצער און פונעם רויך פון די פאַבריק־קוימענס. דער שטאָטמאַן איז לויטן גאַנצן קאָמפּלעקס פון זײַן נאַטור אַ רעאַליסט און נישט קיין טרוימער. אים אינטערעסירן מער פאַר אַלץ פאַקטן און ציפערן. ער וואָלט געוואָלט, ווי איינער פון ד י ק ע נ ס ע ס העלדן, געשאַפן ספּעציעלע שול־קאָמיסיעס, וועלכע זאָלן גוט אַכטונג־געבן, אַז דער מענטש זאָל פון קינדווייז־אויף אָנערקענען בלויז „פאַקטן, פאַקטן און פאַקטן", און ער זאָל זיך היטן פאַר פאַנטאַזיעס ווי פאַר פייער. ב יי ר אָ ן און ש ע ל י פלעגן גערן אַרויסברענגען אין זייערע ווערק איבערערדישע וועזנס, מלאכים און דעמאָנס, — דער אַנדערער דור, ד י ק ע נ ס און ט ע ק ע ר יי האָבן אויף זייער אָרט אַוועקגעשטעלט די סאַמע געוויינלעכסטע בשר־ודמס — פאַבריקאַנטן און אַרבעטער. ו י ק ט אָ ר ה ו ג אָ, וועלכער האָט זיך אַמאָל באַגײַסטערט מיט זעאונגען

און מכשפות, ווערט דער סאַמע פרידלעכסטער באַזינגער פון דער היימישער פאַמיליע, ער ווערט אַ שרייבער פון וואָכעדיקער פראָזע („העריבסט־בלעטער"), די דייטשישע ראָמאַנטיקער, וועלכע האָבן אַרומגעשוועבט אין דער מלוכה פון איבערשטערנדיקע טרוימען, ווערן פאַרביטן דורך אַ דור פון ניכטערע פראַקטיקער, וועלכע באַזינגען דעם עקאָנאָמישן פראָגרעס און די פאָליטישע פרייהייט (בעק, האַרטמאַן, פרוץ).

אין דער אינדוסטריעלער געזעלשאַפט, צווישן סוחרים און פאַבריקאַנטן, פאָליטיקער און זשורנאַליסטן טרעט אָפ די פאָעזיע גישטווילנדיק איר אָרט דער פראָזע. אין ענגלאַנד, וואו בייראָן און שעלי האָבן הויפטזאַכלעך קולטיווירט די פאָעמע, טרעט זי, די פאָעמע, אָפ, אינעם צווייטן פערטל יאָרהונדערט, פאַרן ראָמאַן. דידאָזיקע פאָרם פון דערציילערישער שאַפונג ווערט דער הערשנדיקער מין ליטעראַטור אויך אין אַנדערע לענדער: אין פראַנקרייך (שאַטאָבריאַן, וויקטאָר הוגאָ, באַלזאַק, זשאָרזש זאַנד, סטענדאַל, מערימע), אין דייטשלאַנד (אימערמאַן, לאַאובע, גוצקאָוו), און אין איטאַליע (מאַנצאָני, גוועראַצי, אַזעליאָ). אין יענע לענדער, וואו די בורזשואַזיע באַקומט, ווי אין ענגלאַנד, די הערשאַפט אין אירע הענט, שטאַרבט אָפ די דראַמע אַלס ערנסטער מין פון קינסטלערישן שאַפן, און דאָרטן, וואו דאָס טעאַטער דינט נאָך אַלס אַרענע פאַרן קלאַסנקאַמף, ווי אין פראַנקרייך און אין דייטשלאַנד, ווערט די טראַגעדיע פאַרוואַנדלט פון אַ שילדערונג פון גרויסע פערזענלעכקייטן, .פון שאַרפע קאַטאַסטראָפעס און שטאַרקע ליידנשאַפטן, אין אַ שילדערונג פון היימישן לעבן, פון משפחה־קאָנפליקטן און שטייגער־סצענעס (אָזשיע, דיומאַ דער זון אין פראַנקרייך, גוצקאָוו און לאַאובע אין דייטשלאַנד).

אין דער אינדוסטריעלער געזעלשאַפט, אין דער שטאָטישער סביבה הערט אויף די פערזענלעכקייט צו שפילן די פריערדיקע אָנגעזעענע ראָל, זי הערט אויף צו זיין אַ זעלבסטאויסקומענדיקער אָרגאַניזם — דאָ פאַלט זי אַרונטער אונטער דער ווירקונג פון טויזנטער זיך־דורכקרייצנדיקע פאַקטאָרן און דאָ נעמט זי שטאַרקער שפירן איר אָפהענגיקייט פון דער אַרומיקער סביבה. די „סביבה" ווערט אַוועקגעשטעלט אין אויפמערקזאַמקייט־צענטער פון די שריפט־

שטעלער, און צייטנווייז פטרן זיי, ווי באַלזאַק, אויף איר שטודירונג און שילדערונג אַסאַך מער צייט און אָרט, ווי אויף דער שילדערונג פון די אין-איר-ווירקנדיקע פערזענלעכקייטן.

אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט ווערט די ליטעראַטור פאַר-וואַנדלט פון פּאָעזיע: פון איין זייט — אין זשורנאַליסטיק, און פון דער צווייטער — אין וויסנשאַפט.

אויף צומאָרגנס נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1848

I.

אין יאָר 1848 איז גאַנץ אייראָפּע פון אונטן ביז אַרויף אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט אַ רעוואָלוציאָנערן שטורעם.

אָנגעהויבן האָט ער זיך אין ענגלאַנד אין דער פאָרם פון דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג, און דערנאָך האָט ער זיך אין פעברואַר אַריבערגעוואָרפן קיין פראַנקרייך און אין מערץ האָט ער זיך שוין דערקייקלט ביז דייטשלאַנד. ווי נאָר עס האָבן זיך געלאָזט הערן די ערשטע שאָסן פון דער רעוואָלוציע, האָט זי ווי אַן עלעקטרישער פונק זיך אָנגעצונדן אין די הערצער פון דער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ. ס'האָט זיך אויס עדאַכט, אַז ס'איז שוין געקומען דער סוף צו יעדן מין טיראַניע, סיי עקאָנאָמישער, סיי פּאָליטישער, סיי גייסטיקער. „מיר זענען געווען איבערצייגט — האָט געשריבן איינער פון די אָנטיילנעמער אין דער באַוועגונג — אַז אויף דער וועלט גייט־איף אַ ליכטיקער, אָנוואָלקנדיקער פרייהייט־טאָג און אַז די שווערע בין־השמשות־צייט, וואָס איז הינטער אונז, וועט שוין מער קיינמאָל זיך נישט אומקערן".

דידאָזיקע האָפענונגען זענען נישט מקוים געוואָרן.

די רעוואָלוציע פון אַכטאונפערציקסטן יאָר איז דערשטיקט געוואָרן. דער פּראָלעטאַריאַט און דאָס בירגערטום זענען צעשלאָגן געוואָרן. אויף די חורבות פון צעשטערטע באַריקאַדן און צעשאָסענע קוואַרטאַלן האָבן אויפגעשטעלט זייער טראָן די בורזשואַזיע און דאָס פּריצנטום, שטיצנדיק זיך אויף די ביקסן און האַרמאַטן פון דער רעגירונג. די אינדוסטריע האָט זיך ווידער פונאַנדערגעבליט מיט אַ פּרעכטיקער בליאונג אַ דאַנק דער אַנטדעקונג פון די גאָלד־גרובנס אין קאַליפאָרניע און אין אויסטראַליע. דער קאַפּיטאַליזם האָט אַריינגעצויגן אין זיין קאַראַהאָד אַ חוץ ענגלאַנד אויך פראַנקרייך און דייטשלאַנד. אין

יאָר 1851 איז אין לאָנדאָן איינגעאָרדנט געוואָרן די ערשטע אַלוועלטלעכע אויסשטעלונג, דער סימבאָל פון דער אומצעשטערבאַרער מעכטיקייט און פונעם לעגענדאַרישן גלאַנץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער קולטור. דער אַרבעטער־סאָציאַליזם איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט אויף די באַריקאַדן, ער איז פאַרפייניקט געוואָרן אין די העסלעכע תפיסות, ער איז דערשאָסן געוואָרן דורכן מיליטערישן פעלד־געריכט. די ענגלישע אַרבעטער פאַרנעמען זיך אויפן וועג פון פרידלעכן פראָפעסיאָנאַליזם און זיי טרויען־אָן זייער גורל די הערשנדיקע קלאַסן. דער פראַנצויזישער פראָלעטאַריאַט קערט זיך אָפּ פון פּאָליטיק, ער נעמט זינקען מאַסנווייז אין אַלקאָהאָליזם און אין גלייכגילטיקייט, און זיינע בעסטע פאַרשטייער טרוימען צוזאַמען מיט פּ ר ו ד אָ נ ע ן וועגן אַ לאַגע פון זעלבשטענדיקע קליינע באַלעבאַטימלעך (זע ז אָ ל אַ ס ראָמאַן „די פּלאַפּקע"). אין דייטשלאַנד זענען די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־קרייזלעך (דער קאָמוניסטן־פאַרבאַנד) חרוב־ומוחרב, די אַרבעטער, וואָס זענען אַראָפּגעשלאָגן געוואָרן פון וועג, פּלוידערן עפּעס וועגן פּראָדוציר־פאַרייניקונגען, ווי וועגן אַן אויסגעטרוימט גליק. אומעטום איז שטילקייט און רו!

אַ געדיכט־גרויער בין השמשות האָט זיך אויך אָנגעוויקט אויף דער אינטעליגענץ.

דיזעלבע אינטעליגענץ, וואָס האָט אָקאָרשט נישט לאַנג אויף מיטינגען און באַריקאַדן געקעמפט פאַר דער באַפרייאונג פון דער אַרבעט, האָט זיך איצט אײנגעשטעקט מיטן גייסט פון מעסיקייט און נישטבדיקייט. נאָכן יאָר 1848 ווערט דער טיפּ פון אַ רעוואָלוציאָנערער, וואָס שטאַמט פון דער בורזשואַזיע, אַ זעלטענע דערשיינונג, עפּעס ווי אַ מין ווייסע קראָ.

אמת, די ענגלישע אינטעליגענץ האָט זיך פריער אויך נישט געהאַט אויסגעצייכנט מיט אַ באַזונדערן רעוואָלוציאָנערן אויפשוואונג, אָבער איצטער וואַרפט זי זיך אינגאַנצן צו די פיס ק אַ ר ל ע י ל ן, וועלכער שמייסט אין פנים אַריין דער באַזיגטער אַרבעטער־באַוועגונג זיין פאַמפלעט וועגן טשאַרטיזם, אין וועלכן ער טרעט שאַרף אַרויס קעגן דער שטרעבונג פונעם פּראָלעטאַריאַט צו דעראָבערן די פּאָליטישע מאַכט. די אינטעליגענץ גייט אַוועק אין די רייען פון די „קריסטלעכע סאָציאַליסטן", פּרעדיקנדיק קלאַסן־צוזאַמענאַרבעט און די גאולהדיקע באַדייטונג פון די קאָאָפּעראַטיוון.

נאָך שאַרפער האָט זיך געביטן די פראַנצויזישע אינטעליגענץ.

ביז דעם יוני־אויפשטאַנד פונעם פראָלעטאַריאַט האָט זי געפילט און געדענקט אין דער סאָציאַליסטישער ריכטונג, זי האָט געפאָדערט סאָציאַלע גערעכטיקייט, זי האָט פאַבריצירט כלערליי אוטאָפּיעס און זי האָט זיך געטיילט אויף כלערליי סאָציאַליסטישע סעקטעס: קאַבעטיסטן, סענסימאָניסטן, פוריעריסטן. נאָכן יאָר 1848 קערט זי זיך אָפּ פונעם אַרבעטער־קלאַס, פונקט ווי דער אַרבעטער־קלאַס קערט זיך אָפּ פון איר. די געשיכטע פון דעם דור פון דער אינטעליגענץ, וואָס האָט אַדורכגע־לעבט דאָס אַכטאונפערציקסטע יאָר איז צומבעסטן דערציילט אין פלאָ־בערס ראָמאַן „סענטימענטאַלע דערציאונג“. דידאָזיקע אינטעליגענץ איז אַריינגעטרעטן אין לעבן מיט רעפּובליקאַנישע איבערצייגונגען, מיט אַ ליידנשאַפטלעכער שנאה צום קעניג־בירגער לואי־פיליפּ, מיט אַ וואַרע־מער סימפּאַטיע צום אַרבעטנדיקן פאָלק, אין פעברואַר איז זי געשטאַנען אַ באַוואָפנטע און האָט געבויט באַריקאַדן. נאָכן אַכטאונפערציקסטן יאָר, איידער ס'האָט נאָך באַוויזן פאַרטריקנט צו ווערן דאָס בלוט אויף די גאַסן, גיט זיך שוין דידאָזיקע אינטעליגענץ אַ דריי אויף רעכטס. געווי־סע, ווי דער אַדוואָקאַט דעלאָריע, וואָס האָט פריער געשטורעמט מיט ווערטער יעדן מין מאַכטהאָבער, ענדיקן זייער קאַריערע אַלס מאַכט־האָבער־פרעפעקטן. אַנדערע, ווי סענעקאַל, וואָס האָט דעם 25־טן פעברואַר פאַרלאַנגט די „אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט“ און וואָס האָט דעם 26 רעקאָמענדירט צו שטורעמען דאָס ראָטהויז, גייען דינען דער רעאַקציע אַלס געהיימאַגענטן. די בעסטע עלעמענטן פון דערדאָזיקער אינטעליגענץ, ווי דער העלד פונעם ראָמאַן, פרעדריק, לעבן־אויס ווייער רעשט יאָרן אַלס פרידלעכע בורזשויען־רענטיערן, ווועלכע ווענען איבערצייגט, אַז דער טרעגער פון פּראָגרעס איז נישט דאָס פאָלק, נאָר די „אַריסטאָקראַטיע“, אַז יעטוועדע איניציאַטיוו מוז אומבאַ־דינגט אַרויסקומען פון אויבן, ווייל „דאָס פאָלק וועט אייביק פאַרבלייבן מינדעריעריק“.

אויף ווי ווייט ריכטיק פלאָבער האָט אויפגעכאַפּט דעם גרונט־שטריך אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דער דעמאָלטיקער אינטעליגענץ, קאָן מען זען פונעם ביישפּיל מיט באָדלערן. ביזן אַכטאונפער־ציקסטן יאָר האָט דערדאָזיקער דיכטער זיך געחברט מיט די אַרבעטער פון דער פאָרשטאָט סאַן־אַנטואַן, בשעתן אַכטאונפערציקסטן יאָר האָט ער געקעמפט האַנט־ביי־האַנט מיט זיי אויף די באַריקאַדן, און נאָכן

אַכטאונפערציקסטן יאָר האָט ער דערקלערט, אַז די זײַלן פון דער געזעלשאַפט דאַרפן זײַן „די גלחים, מיליטערלײַט און די דיכטערס", בעת אַלע איבעריקע קלאַסן זענען בלויז „נעבעכדיקע געהילפן, וואָס טויגן בלויז פאַרן פערדשטאַל".

די לאַגע פון דער דײַטשישער אינטעליגענץ איז נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע געווען נאָך אַ שווערערע, ווײַל איר איז אָקאָרשט אויסגעקומען צו קעמפן בלויז קעגן אַבסאָלוטיזם און פעאָדאַליזם און איצטער האָט זי ווידער געשטיקט דער שווערער שטײנערנער דאַך פון אַ פּאַטריאַרכאַלישער מלוכה. אַ מרה־שחורה האָט אַרומגענומען מיט אײַזערנע לאַפּעס אפילו די אַקטיווסטע און פּראָטעסטירנדיקסטע עלעמענטן. לודוויק פייערבאַך האָט נישט געוואוסט וואָס צו טון אויף דעמדאָזיקן „באַרג מיסט", אין דעמדאָזיקן „משוגעים־הויז", ווי ער האָט צאָרנדיק אָנגערופן די אַלטע „האַלב־פאַרפוילטע וועלט". ברונאָ באַוער באַזעצט זיך אין אַ דאָרף, ער טוט אָן אַ פּויעריש העמד און נעמט זיך פון לאַנגווײַליקייט צו אַקערן די ערד, און שטירנער, דער מחבר פון „אײנאונאײנציקן" פאַלט אַרײַן אין אַ שטילשווײַגעניש און ער גייט אונטער ווי אַ שאָטן.

בײַ איין טייל פון דער דײַטשישער אינטעליגענץ פאַרשפּרייט זיך שטאַרק דער פּעסימיזם. שאָפּענהויער ווערט אַ מאָדישער פילאָזאָף. מ'אָרדנט אײַן וועגן אים ספּעציעלע קורסן אויף די אוניווערזיטעטן, צו אים ווענדט זיך די יוגנט נאָך אַן ענטפער אויף געוויסנס־פראַגן, מענער און דאַמען קושן אים די האַנט, און דער מחבר פון דער „וועלט אַלס ווילן און פאָרשטעלונג" האָט געהאַט דאָס פולע רעכט זיך צו פאַרגלײַכן מיטן קעניג „אַרטור" פון די מיטלאַלטערלעכע לעגענדעס. אַ צווייטער טייל פון דער דײַטשישער אינטעליגענץ ווערט מיטגעריסן מיט דער גראָב־מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע פון גאָלעשאָטן און ביכנערן און ער געפינט אין איר אַ באַרעכטיקונג פאַר זײַנע עפּיקורעאישע שטימונגען, פאַר זײַן גלײַכגילטיקייט צו אידעען און קאַמף, פאַר זײַן שטרעבונג זיך אײַנצוטונקען מיטן קאָפּ אין דער בלאָטע פון באַלעבעסלדיקייט, אינעם באַלעבאַטישן געמויזעכץ.

אין אָט דערזעלבער צײַט, ווען די אייראָפּעאישע „לעגאַלע" אינטעליגענץ איז אָדער געוואָרן קאָנסערוואַטיוו אָדער זי האָט זיך צוגעפּאַסט צו דער רעאַקציע, כדי אַרויסצובאַקומען פאַר זיך וואָס מער נוצן, אָדער זי איז, צומלעצט, פאַרזונקען געוואָרן אין פּעסימיזם און מאַטע-

ריאַליזם, זענען זיך אין לאָנדאָן צונויפגעקומען די לעצטע איבערבליי־
בענישן פון דער צעשלאָגענער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. דאָס איז גע־
ווען אַ בונטע און משונהדיקע מאַסע, מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָ־
נאַליטעטן און פאַרשיידענעם עלטער, אינטעליגענטן און אַרבעטער־
טעאָרעטיקער און קעמפערס, ראַדיקאַלן און סאָציאַליסטן, — די לעצטע
גרענאַדירן פון דער רעוואָלוציע.

צווישן אָט דער לאָנדאָנער עמיגראַציע האָט עקזיסטירט, אייג ט־
לעך, בלויז איין פעסטע אָרגאַניזאַציע — דער פאַרבאַנד פון דייטשישע
קאָמוניסטן, דאָס אורערשטע קעמערל. וואָס פון אים איז אַרויסגעקומען
דער אינטערנאַציאָנאַל און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. אינדער־
שפּיץ פון דעמדאָזיקן פאַרבאַנד זענען געשטאַנען מ אַ ר ק ס און ע נ ־
ג ע ל ס. לכתחילה האָבן די ביידע פריינט נישט פאַרלוירן די האָפנונג
אויף אַ נייעם רעוואָלוציאָנערן אויפשוואונג. אין מערץ 1850 האָבן זיי
אַרויסגעלאָזט אין נאָמען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די קאָמוניסטן אַ
פּראָקלאַמאַציע, וועלכע האָט אויסגעדריקט די זיכערקייט אין אַ נייער
און נאָך גרויזאַמערער אויפפלאַקערונג פון דער באַוועגונג, און וועלכע
האָט אָנגעצייכנט פאַרן אַרבעטער־קלאַס זיין טאַקטיק בעת דער פאַר־
שטייענדיקער „קליינבירגערלעכער" איבערקערעניש. זומער 1850 איז גע־
וואָרן קלאָר, אַז דערדאָזיקער האָפנונג איז נישט באַשערט מקוים צו
ווערן. דאַן האָבן ביידע פריינט מיט אַ זעלטענעם מוט געמאַכט אַ סוף
צו זייערע רעוואָלוציאָנערע אילוזיעס און זיי האָבן זיך גענומען מיט אַ
טאָפּלטער ענערגיע צו אָרגאַניזאַטאָרישער און איבערהויפּט צו טעאָרע־
טישער אַ בעט. מ אַ ר ק ס האָט גענומען צוגרייטן מאַטעריאַל פאַ־
„קאַפּיטאַל", דאָס ווערק, וואָס האָט געמאַכט אַן אויפט ייסלענדיקערע אי־
בערקערעניש, ווי די רעוואָלוציע פון אַכטאונפערציקסטן יאָר אפילו. ביי־
דע פריינ , האָבן זיך איצטער גענומען צו דער באַאַרבעטונג פון דער
פראַגע, וואָס פאַר אַ סיבות האָבן דערפירט צום צוזאַמענברוך פון דער
באַוועגינג, וואָס האָט געהאַט אויפגעטרייסלט גאַנץ אייראָפּע, און בשעת
די ראַדיקאַלן פונעם אייראָפּעאישן צענטראַלן קאָ יטעט. (מ אַ ד ז י נ י ,
ר ו ג ע , ל ע ד ר י ־ ר אָ ל ע ן) האָבן איינגעזען דעם יסוד פון דע־
קאַטאַסטראָפע אין די טעאָרעטישע חילוקי־דעות צווישן די פירער (אינ־
דיווידואַליסטישע דערקלערונג פון דער געשיכטע), האָט מ אַ ר ק ס
דערוויזן, אַז די באַוועגונג איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך אַ קריזיס
און זי איז צעשלאָגן געוואָרן אָנטרעפנדיק אויף אַ נייעם אינדוסטריעלן

אויפשטייג (מאַטעריאַליסטישע דערקלערונג פון דער געשיכטע). מאַכנ־דיק אַ סוף צום גלויבן אין דער רעוואָלוציע פון מאַרגנדיקן טאָג זע־נען מאַרקס און ענגעלס געווען גלייכצייטיק איבערצייגט, אַז „אַ נייע רעוואָלוציע איז פונקט אַזוי אומפאַרמיידלעך, ווי ס'איז אומ־פאַרמיידלעך אַ נייער קריזיס". און ביי דעמדאָזיקן גלויבן האָט זיך אויך געהאַלטן זייער פריינט, דער דיכטער פרייליגראַט.

אין יאָר 1851, אַקוראַט דעמאָלט, ווען די אינטערנאַציאָנאַלע בור־זשואַזיע האָט איינגעאָרדנט אין לאָנדאָן איר גלאַנצפולן ראַנדעוואו האָט פרייליגראַט איר געוואָרפן אין פנים אַריין, אין נאָמען פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט דעם באַקאַנטן הימן לכבוד דער רע־וואָלוציע זי, וואָס איז דער שטראַלנדיקער סימבאָל פון פּראָגרעס, קען נישט אונטערגיין:

„כאָטש איר האָט דערשאָסן די רעוואָלוציע, ווי אַ געפאַנגענע אויפן פעסטונגס־וואַל, כאָטש איבער איר איז אָנגעשאָטן אַ בית־הקברות בערגל, וואָס אַ יונגע פויערטע פאַרשרייט יעדן פרימאָרגן מיט בלומען, — טאָ האָט פונדעסטוועגן קיין טעות נישט: זי לעבט נאָך. ווי די גאָטהייט, וואָס האָט דעם וועלטאַל באַשאַפן, זאָגט זי צו אונז: איך בין געווען, איך בין, איך וועל אייביק זיין".

II.

די שיינע ליטעראַטור נאָכן יאָר 1848 האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ספּעציעלער אויפגאַבע צו צעטרייבערן די רעוואָלוציע און אירע אָנטיילנעמער.

דיקענס נעמט זיך פלוצלינג צו געשיכטע און ער שרייבט זיין לעצטן ראָמאַן „צוויי שטעט", וואָס זיין טעמע איז די פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון יאָר 1789. אונטער זיין פעדער ווערט דער העראָאישער קאַמף פונעם קליינבירגערטום פאַרוואַנדלט אין אַ מאַלצייט פון די ווילדע אינסטינקטן, אין אַ יום־טוב פון מערדער און מכשפות, אין אַ פייערונג פונעם „מענטש־חיה". אָט וויאַזוי דיקענס מאָלט אָפּ די יאַקאָבינער. — אויפן הויף אַרום דער שלייפעריי האָט זיך צונויפגעקליבן אַ המון גנבים מיט צעשויבערטע האָר. פרויען האָבן זיי אונטערגעטראָגן צו די ליפּן וויין, וואָס האָט זיך פאַרגאָסן אויף דר'ערד. דערדאָזיקער זיך־גיסנדיקער

זוייִן און די פונקען, וואָס זענען געפלויגן פונעם שטיין, האָבן אַרום זיי געשאַפן אַן אַטמאָספער פון פייער און בלוט. אָנשלייפנדיק די מעסערס האָבן זיי זיך אַ לאָז-געטון אויף דער גאַס אַרויס און אַ רויטער פלאַם האָט ביי זיי געברענט אין די אויגן. „יעדער שכל-הישרדיקער מענטש — גיט צו דיקענס — וואָלט אַ האַלב לעבן אַוועקגעגעבן, מ׳זאָל קאָנען מיט איין גוט-געצילטן ביקסן-שאָס אויף אייביק פאַרגליווערן דידאָזיקע אויגן". אָדער אָט וויאַזוי ער שילדערט דעם רעוואָלוציאָנערן קאַרמאַניאָלאַ-טאַנץ: ביים גאַסנראָג האָט זיך באַוויזן אַ מחנה פון אַ מאַן — 500. געטאַנצט האָבן זיי ווי טייוואָלים. קיין שום שלאַכט האָט נישט געקאָנט זיין גרויזאַמער פאַרן דאָזיקן טאַנץ. דיקענס שטרייכט באַזונדער אונטער, אַז די פרויען זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן פון פרידלעכע היטערינס פון דער פאַמיליענהיים אין אַ סטאַדע ווילדע און אומברחמנותדיקע פוריעס. מיטן חותם פון פאַרדאָרבנקייט אויף דער נשמה, מיט אַ פיסטאָלעט אין בוזעם און מיט אַ מעסער ביי די לענדן זענען זיי געווען ענלעך אויף גרויזאַמע טיגערינס. אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט דיקענס איינגעזעען אַ באַלערנדיקן ביישפיל פאַר די ענגלישע קאַפּיטאַליסטן. אויב די לעצטע וועלן באַלעבאַטעווען פונקט אַזוי דעספּאָטיש, ווי די פראַנצויזישע אַריסטאָקראַטיע, וועלן די אַרבעטער זיך צעבונטעווען און זיי וועלן אַרויסברענגען אַלע גרוילעכקייטן פון דער יאַקאָבינישער דיקטאַטור. און כדי דערדאָזיקער געדאַנק זאָל נאָך זיין קלאָרער, שטעלט דיקענס אַנטקעגן דעם פראַנצויזישן המון, וואָס דערמאָרדעט די אַריסטאָקראַטן, אַן אַריסטאָקראַט, וואָס זאָגט זיך פריייוויליק אָפּ פון זיינע פּריוויליגיעס, און אַנטקעגן די פראַנצויזישע בירגערינס, וועלכע האָבן געמאַכט אַ בונט אַקעגן דעם הערשנדיקן קלאַס, שטעלט ער אַוועק אַ טיפּ פון אַן ענגלענדערין — אַ דינסט, אַן אָנפּניותדיקע באַשיצערין פון די אינטערעסן און לעבן פון אירע באַלעבאַטים.

אין דייטשלאַנד דערשיינט נאָכן יאָר 1848 אַ גאַנצע ריי ראָמאַנען, וועלכע וואַרפן שמוץ אויף די אָנטיילנעמער פון דער מערץ-באַוועגונג, וועלכע ווערן געשילדערט אַלס אַ דור פון גאָטלעסטערנדיקע אַטעאיסטן און קראַנקע ערָאטאָמאַנען. מיט אַן אַנאַלאָגישער טענדענץ איז אויך אַדורכגעדרונגען שפּילהאַגענס ראָמאַן „רעטזלהאַפטע נאַטורן". אַלע העלדן זענען אַנטיילנעמער פון דער רעוואָלוציע. דאָס איז דער

ווילנלאָזער טרוימער אָסוואַלד, וועלכער פאַרליבט זיך לויט דער ריי נאָך אין אַלע מיידלעך און דאַמען, דער באַראָן אָלדענבורג, וועלכער איראָניזירט וועגן אַלץ, דער פעסימיסט, פּראָפעסאָר בערגער, וועלכער גלויבט בלויז אין דער נירוואַנאַ, אינעם גרויסן „גאָרנישט”, און צומלעצט, דער עפּיקורעער און אַפּעריסט טים. ביים סוף ראָמאַן באַגעגענען זיך די העלדן אויף די באַריקאַדן אין בערלין. וואָס ברענגט זיי אַהין? אָסוואַלד און אָלדענבורג האָבן אַ פאַרבאָרגענע האָפענונג, אַז דער פון זיי ביידע, וואָס וועט בלייבן לעבן, וועט קאָנען חתונה־האָבן מיט דער שיינער מעליטאַ. טים, „וועלכער האָט נישט געשפּירט קיין שום סימפּאַטיעס צו דער פאָלקסמאַסע”, האָט אינסטינקטיוו אָנערקענט, אַז אין אַזאַ צייט, ווען „אַלץ גייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף”, קאָן אַזאַ אַוואַנטוריסט, ווי ער, „נישט בלויז נישט פאַרשפּילן, נאָר ער קאָן נאָך געווינען”. צומלעצט, פּראָפעסאָר בערגער גייט שטאַרבן פאַר דער פרייהייט, ווייל זיינע „נערוון” זענען שוין נישט מער בכוח אויסצוטראָגן דעם לעבנס־האַרמידער. מיט איין וואָרט, קאָנקורענץ צוליב ליבע, אַ נטיה צו אַפּערעס און אַוואַנטורעס, און, שליסלעך, אַנטוישונג אין לעבן, — אָט דאָס זענען, לויט שפּילהאַגענס מיינונג, די מאָטיוון, וואָס האָבן באַוואויגן די דייטשישע אינטעליגענץ אָנטיילצונעמען אין דער רעוואָלוציע פון דער בורזשואַזיע און דעמאָקראַטיע אַקעגן דער פעאָדאַלער מאָנאַרכיע.

אין פראַנקרייך איז די ליטעראַטור, וואָס אַן אמת, נישט געווען פאַרנומען מיט אַזאַ בכבודיקער מלאכה ווי באַשפּייען די אין־בלוט־אָפּגעגאַנגענע רעוואָלוציע, דערפאַר איז זי אָבער געווען אַדורכגעזאַפּט מיט אַ האָפנונגסלאָזן פעסימיזם...

דער גרעסטער דענקמאָל פון דער רעאַקציאָנערער עפּאָכע איז געווען באָדלערס לידער־זאַמלונג „די בלומען פונעם בייז”, וואָס אין איר זענען אויך אַריין אַזעלכע לידער, וועלכע זענען געשריבן געוואָרן נאָך אין דער צייט, ווען באָדלער איז מיטגעריסן געוואָרן ניט דער רעוואָלוציע און האָט סימפּאַטיזירט מיטן פּראָלעטאַריאַט. אַ־אַ איז, למשל, „די הוליאַנקע פון די שמאַטע קלויבערס”. אויף די גאַסן פון דער פאַרשטאָט, וואו ס'איז אַ בלאָטע נישט צום אַדורכקריכן, שלעפּט זיך אַ חברה שמאַטע־קלויבערס, וועלכע האָבן אָקאָרשט געמאַכט אַ שנעפּסל. די נשמה איז צעוואַרעמט, מאָלן זיי זיך בילדער פון דער ליכטיקער

צוקונפט. אינדערשפּיץ גייט אַן אַלטער, אַ פֿאַרמאַטערטער פֿון דער נויט איצט איז אים נישט צו דערקענען.

וואַקלענדיק, אָן די ווענט זיך אָנקלאַפּנדיק, ווי אַ פּאָעט,
פֿאַרגעסנדיק אינגאַנצן אָן די אַגענטן די באַהאַלטענע
צעלאָזט ער זיך כּסדר מיט פּראָיעקטן צעשטראַלטע,
ער גיט געזעצן אַרויס פֿאַר אַלע פֿעלקער פֿון דער ערד.

הינטער אים גייען זיינע חברים, אַלע זענען זיי אין אַזאַ געהויבענער שטימונג...

זייערע אויגן זעען זון־שיין, און פֿאָנען, און בלומען,
און אין טומלדיקע אָרגיע — אַ ליכטיקע טרוימען —,
טראָגן זיי די פֿרייהייט מיט געשרייען און לידער,
די בשורה פֿון דערוואַכונג — דער מאָסע דער מידער.

נאָכן יאָר 1848, ווען באָדלער איז געוואָרן אַן אָנהענגער פֿונעם אַבסאָלוטיזם און פֿון די יעזואיטן, ענדערט זיך לגמרי דער קאָלאָריט פֿון זיין דיכטונג.

אמת, ער קען אויך איצט נישט ליידן די נייע לעבנס־באַלעבאַטים — די זאַטע בורזשוען און די בירגער. ווען דאָס געוויסן זאָל נישט געוועסט אינגאַנצן פֿאַרשווינדן ביי זיי, וואָלטן זיי אין האַלבנאַכטיקער שעה, ביים מתוודה־זיין זיך, — ווען זיי בלייבן אויג אויף אויג מיט זיך אַליין, — געדאַרפֿט זאָגן צו זיך:

דעם גאָט פֿון אמת, יעזוס,
האָבן מיר שענדלעך פֿאַרלאָזן,
די גראָבע קראַפֿט האָבן מיר געחנפֿעט,
און באַוולט האָבן מיר די שוצלאָזע.

מיר האָבן אַ ליב געזונגען דעם טעמפּן גליווער,
די קייטן אונזערע האָבן מיר באַגריסט,
און אַלץ, מיט וואָס די יוגנט רייך איז,
וואָס עס לויכט פֿון שטאָלצן זינגער,

האָבן מיר אין פֿאַרשיכּורטקייט פֿון תאוות
צעטרעטן און באַשפּיגן.
און געפרעסן און געזויפֿט,
תמיד ווײַן נאָר טרינקען —

— — — — — —

לאָמיר-זשע פֿאַרלעשן די לאָמפּאַדע, וואָס לויכט,
לאָמיר אין נאַכטיקער פֿינצטערניש פֿאַרזינקען.

ברענענדיק מיט שנאה צו די טריאומפֿירנדיקע בורזשויען, האָט אָבער באָדלער נישט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פֿון אַן אַנדערער, בעסערער צוקונפֿט.

און דעריבער האָט אים די גאַנצע וועלט אויסגעזען ווי אַ משוגעים-הויז, ווי אַ געקנויל פֿון גרויזאַמקייטן און שענדלעכקייטן, פֿון אַזאַרט-הייזער און שטינקענדיקע שפּיטעלער, ווי אַ צוזאַמענגעלאַף פֿון אַלקאָהאָליקער, האַשישיסטן און האַלוצינאַציאַטאָרן.

אומעטום, פֿון אויבן ביז אַראָפּ, האָט באָדלער געזען בלויז „אַ ספּעקטאַקל פֿון צעיושעטע לײַדנשאַפֿטן", די פֿרוי איז — „אַ זעלבסט-צופֿרידענע און געמיינע שקלאַפֿין", דער מאַן — ער פֿאַרמאָגט אַ נשמה, וואָס איז ענלעך אויף אַן „אָפּפֿלוס-רער", די מאַכט איז פֿאַרשיכּורט מיט אַ גרויסקייט-מאַניע, און דאָס פֿאָלק, „וואָס טראָגט אַלץ אַריבער, שפּירט אַ זונעשע ליבע צו דער בײַטש". אַלץ, אין וואָס מ'האָט ווען-עס-איז געגלויבט, איז נישט מער, ווי כימערעס. יעדעס אינזעלע, וואָס גיט אַ בלענד-דורך פֿאַר אונזערע אויגן, זענען מיר גרייט אָנצונעמען ווי עפּעס אַן עלדאָראַדאָ, און ביים אויפֿשיינען פֿון טאָג דערזעען מיר, אַז ס'איז נישט מער ווי „קאַלטער און וויסטער גראַניט". פֿון דער מלוכה פֿון לאַנגווייל און געמיינקייט פֿלעגט באָדלער פֿון צייט-צו-צייט זיך אַריבערטראָגן אויף נישט לאַנג אין דער ווייטער פֿאַרגאַנגענהייט אַרײַן — צו די צײַטן פֿון דער רואיקער קינדהייט אָדער צו דער אַלטערטימלעכער עלאַדע, וואו אַ זונשטראַל האָט געוואָרפֿן אומעטום אַ גאָלדענעם אָפּשײַן אויף די סטאַטועס פֿון די געטער און די העלדן, וואו „ברענענדיק מיטן פֿײַער פֿון נישט-צעפּטרטע כּוחות" האָבן מענער און פֿרויען „אָן פֿאַלשער שעמעוודיקייט הנאה-געהאַט פֿון די פֿאַרגעניגנס פֿונעם לעבנסשאַפֿנדיקן געטראַנק". אָבער די פֿאַרגאַנגענהייט איז שוין

געשטאָרבן. קיין צוקונפט איז נישט פאַראַן. פאַרן דיכטער איז איבערגעבליבן בלויז איין האָפענונג, אַז זיין שיף, וואָס מיט איר פירט אָן דער טויט, וועט אים וואָס גיכער אַוועקטראָגן אין אַן אַנדערער, אַלצאיינס צי בעסערע צי ערגערע, אַבי אין אַן אומבאַקאַנטער וועלט אַריין.

אָ אַלטער קאַפּיטאַן, אָ טויט, לאָמיר זיך רירן געשווינד,
ס'איז שוין נמאס דאָס לאַנד, שוין צייט זיך צו נעמען אין וועג,
זאָלן הימל און ערד אפילו שוואַרץ ווערן ווי טינט,
ביי אונז אין די הערצער גייען־אויף פרייד און ליכטיקע טעג!
גיס־זשע אַריין אין זיי אָט דעם קרעפטיקן סם יענעם
מיט דער אייביקייט לאָז אונז דורשטיקע זיך פאַרכלינען,
אָ, אַלצאיינס צי אין גן־עדן, צי דער וועג איז צום גיהנום,
אין אַ וועלט אַן אומבאַקאַנטער לאָז אונז עפּעס נייס געפינען.

בשעת די שיינע ליטעראַטור האָט באַשפּיגן די רעוואָלוציע אָדער זי האָט זיך אין בעסטן פאַל, פאַרזונקען אין פּעסימיזם, האָבן מ אַ ר ק ס און ע נ ג ע ל ס געאיילט צוצונאָגלען צום שאַנדסלופּ די פּחדנישע בורזשואַזיע און דאָס וואַקלדיקע בירגערטום, וועלכע האָבן פאַרקויפט דער אַלטער אָרדנונג די פאָלקס־אינטערעסן און זייער אייגענע פרייהייט. מאַרקס און ענגעלס האָבן עס געטון אָדער דורך ווייטע עקסקוריעס אויפן געשיכטלעכן געביט (ענגעלס: „דער פויערים־קריג פון זעכצענטן יאָרהונדערט"), אָדער דורך באַגרינדונגען פון דער קעגנוואַרט (מאַרקס: „לואי נאַפּאָלעאָנס אַכצענטער ברימער"). פון דידאָזיקע מייסטערהאַפטע פּאַמפלעטן קומט בולט אַרויס די פיגור פון די בורזשואַזע און בירגערלעכע פּאָליטיקער, וועלכע זענען מסוגל צו כלערליי קאָמפּראָמיסן, וועלכע האַלטן זיך אויך נישט אָפּ פון פאַראַטן, וועלכע ווענדן זיך אַמאָל צו די פריינט פון לינקס, כדי אַראָפּצוּוואַרפן די שונאים פון רעכטס, און אַמאָל דערקלערן זיי די לינקע אַלס שונאים, כדי צו שליסן פריינטשאַפט מיט די רעכטע; פּאָליטיקער — פאַרעטערישע און אומזיכערע, עגאָאיסטישע

און קלייניגלעכע, וועלכע פּאַסן זיך צו צו אַלערליי אומשטענדן, אין אַ מאָמענט פון רעוואָלוציאָנערן אויפשוואונג שטעלן זיי זיך אַוועק אין אַ דראָענדיקער פּאָזע לגבי דער אַלטער אָרדנונג און ווען די רעוואָלוציע איז שוין דערשטיקט, פּייפן זיי זי שענדלעך אויס און באַשפּייען זי מיט שמוץ.

דער אויפבלי פונעם קאַפּיטאַליזם

I.

אין דער צווייטער העלפט פון נײַנצעטן יאָרהונדערט הויבט אָן דאָס קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע־סיסטעם זיגרײַך צו געוועלטיקן אין אַלע מערב־אייראָפּעאישע לענדער. פון דעמדאָזיקן מאָמענט אָן ווערט דער קאַפּיטאַליזם, לויט זאָמבאַרטס אויסדרוק, צווישנפעלקערלעך, „אינטערנאַציאָנאַל״. איבערבויענדיק אויף אַ נײַעם אופן אַלע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן, האָט דער קאַפּיטאַליזם גלײַכצײַטיק באַרײַכערט די ליטעראַטור מיט אַ נײַעם אינטערעסאַנטן אינהאַלט, מיט נײַע שטימונגען, אידעען און בילדער.

וואָס ווײַטער עס גייט די אַנטוויקלונג פון דער מאַשינעלער אינדוסטריע אַלץ מער טראָגט זיך אַריבער דער אויפמערקזאַמקייט־צענטער פונעם ווירטשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן אין שטאָט אַרײַן.

דאָס דאָרף איז אָפּגעשטאָרבן, פאַרוויסט געוואָרן.

דער בעלגישער דיכטער עמיל ווערכאַרן האָט באַשריבן אין פּרעכטיקע פערזן דידאָזיקע גסיסה פון דער פויערישער וועלט אין זײַן לידער־זאַמלונג „דערפער־שאָטנס״. ערגעץ אויף אַ טרויעריקער לאַנד־פלאַך זעט מען אָרימע כאַטעס מיט אינגאַנצן אויפגעפראַלטע טירן. עס הערט זיך בלויז, ווי פויערים, וואָס זענען פון הונגער חסר־דעה געוואָרן, יאָמערן: „די ערד און די זריעות זענען פאַרמשפט פאַרניכטעט צו ווערן. עס וועלן אונז שוין נישט העלפן נישט קיין תפילות און נישט קיין טרערן. עס וועט שוין קיינמאָל קיין גוטע גערעטעניש נישט באַלוינען די שווערע האָרעוואַניע פונעם אַקערער״. אויף די פּרוכטלאָזע פעלדער וואָגלען אַרום, ווי בײַזע שאָטנס, בעטלערס, — וועלכע זענען אָקאָרשט נישט לאַנג געווען ערד־אײַגנטימערס, און ווען זיי פאַלן פון

אויסגעמאַטערטקייט ערגעץ אין אַ שמוציקן גרוב אַריין, קוקט אַרויס פון זייערע אויגן „אַ גרויל אַסאַך אַ טיפערער, ווי די אָפּגרונטן פון ים". די איבעריקע פאַרלאָזן די היימישע פעלדער. זיי זעען פאַר זיך גאָרנישט אַ חוץ דעם „גרויסן, ברייטן שליאַך", אויפן שפּיץ פון שטעקן טראָגט יעדערער אין אַ בלוי-געקעסטלט טיכעלע „דאָס אָפּגעטראָגענע וועש פון זיינע האָפענונגען". הילפלאָז, ווי ריטלעך, הענגען-נאָך זייערע הענט און די פינגער האָבן קיין כוח נישט זיך צונויפצודריקן אין אַ פויסט. און דאָרטן אויפן האָריזאָנט הויבט זיך אויף, ווי אַ שיינענדיקע האַלוצינאַציע, וואָס ציט-צו און כישופט, די שטאָט — די פאַרזעעניש. ס'איז פאַרוויסט געוואָרן דאָס דאָרף. ס'הערט זיך שוין נישט מער נישט קיין גלאָקנגעקלאַנג, נישט קיין גערויש פון די מילרעדער. צוזאַמען מיט די לעצטע הילכן פון דער אָוונט-תּפילה איז אָפּגעשטאָרבן דאָס פעלד. און אַלץ אַרום האָט זיך געביטן. דאָרטן, וואו פריער האָבן זיך געטוליעט ציכטיקע הייזעלעך, וואו עס האָבן געבליט סעדער און גערטנער. האָבן זיך איצט אויך געצויגן, ווי אַ שוואַרצער באַנד, רעגולער אויסגעבויטע פאַבריקן, וואו „אונטער שווערע, דערדריקנדיקע באַלקנס, ווייט פון דער זון, אָז אַן אָפּרו, סיי בייטאָג סיי ביינאַכט, אַרבעטן טויזנטער אומגליקלעכע שקלאַפן".

די שטאָט האָט דערהאַרגעט און אויפגעפרעסן דאָס דאָרף.

דער חורבן פון דער פויערישער וועלט, וועלכער איז געקומען אַ דאַנק דעם וואוקס פון די שטעט און פון דער אינדוסטריע, איז אויך געשילדערט אינעם ראָמאַן פון עסטרייכישן פאָלקיסט ר אָ ז ע ג ע ר „יאַקאָב דער לעצטער".

דאָס טיראָלער שטעטל אַלטעמאָאָז, וואו די פויערים האָבן אַמאָל געלעבט אין נחת און אין פרייד, שטאַרבט ביסלעכווייז אָפּ. די פויערים פאַרקויפן-אויס זייערע ערד-שטחים און זיי וואַנדערן-אויס — אַנדערע פאָרן אַוועק אין פרעמדע לענדער, און אַנדערע גייען אַוועק אַרבעטן אין דער פאַבריק אַריין. בלויז איין יאַקאָב שטיינרייטער האַלט זיך פעסט ביי זיין ערד פונקט ווי ער וואָלט געוועזן „צו איר צוגעוואַקסן". ער באַמיט זיך מיט אַלע כוחות אָפּצוהאַלטן דאָס אַנטלויפן פון זיינע דאָרפלייט. „פּחדנים זענט איר — שרייט ער זיי אין פּנים אַריין. — איר אַנטלויפט פון דער פויערישער אַרבעט, ווייל זי איז שווער. שכנים, עס הויבט זיך אָן דער חורבן פון דער וועלט. מענטשן פאַראַטן צומערשט זייער היימאָרט, זייערע אבות און זייער הויז, און דערנאָך וועלן זיי

פאַראַטן אַלע אַלטע, גוטע מידות, די נאָענטסטע מענטשן, די פרוי און די קינדער. ווי אַן אָפּגעריסן בלאַט טראָגט איר זיך אַרום אינדערלופטן, און פונקט אַזוי וועט איר שוין מער קיינמאָל נישט גרינען פונדאָסניי". אָבער די צייט איז שטאַרקער פאַרן איינגעקעקשנטן זקן. זיין ווירטשאַפט הויבט אָן, נישט געקוקט אויף זיין גאַנצער ענערגיע, צו גיין באַרג-ראָפּ. זיינע אייגענע קינדער פאַרלאָזן אים. די בהמות פונעם שכנישן פריץ מאַכן אַ תל פון זיינע זריעות און גערטנער. פאַרלירנדיק די האָפנונג אויסצוקעמפן די גערעכטיקייט דורכן געריכט. וואָס באַשיצט די אינטערעסן פון די שטאַרקערע, ווענדט יאַקאָב אָן געוואַלד און ער דערהאַרגעט דעם פריצישן וואַלד-שומר, אָבער דאָס געוויסן נעמט אים פייניקן און ער באַגייט זעלבסטמאָרד. אויף זיין קבר אין געדיכטעניש פון וואַלד, וואָס טראָגט דעם נאָמען „גאָטס ווינקעלע", איז פאַראַן אַ קורצער אויפשריפט — אײן עטלעכע ווערטער אַ גאַנצע סאָציאַלע דראַמע: „דאָ רוט יאַקאָב שטיינרייטער, דער לעצטער פויער פון אַלטענמאָאָו".

די שווערע דאָליע פון האָרעפּאַשנעם פויערטום, וואָס צאַפּלט ביים קאַפּיטאַל אין די קלעמענדיקע הענט, וואָס ווערט געדריקט דורכן גרויסן פריצנטום, איז אויך אויסגעצייכנט געשילדערט אינעם ראָמאַן פון דייטשישן שרייבער פּאָלענץ „דער פויער".

ווי די מערהייט דייטשישע פויערים איז אויך דער אַלטער ביטנער שוין פון לאַנג פאַרמשכּונט ביי די שטאָטישע וואוכערערס, די חובות וואַקסן, מאַכנדיק צונישט אַלע פאַרבעסערונגען, וואָס ער פירט איין אין דערווירטשאַפט. „יאָ, זיפצט ער, — שווער, זייער שווער, אָפט טרעפט אַזוי, אַז כאָטש נעם און פאַרמשכּון זיך אַליין, כדי איינצוצאָלן די פּראָצענטער. מ'פאַרגינט זיך שוין אַזוי אויך קיין שום זאַך נישט און מען אַרבעט אָן אַן אויפהער בייטאָג און ביינאַכט. קיינמאָל עסט מען נישט צו דער זעט, ווייל אומעטום פעלט עפּעס". ביטנער עקספּלואַטירט אויסערגעוויינלעך די אַרבעט פון זיינע שטוב-מענטשן, אַזוי אַז די קינדער דרייען זיך אַרום מיט אומצופרידענע טענות. און די אַלטע קלאָגט זיך, אַז מ'האָט איר עפּעס איבערגעביטן דעם מאַן. „נישט האָבנדיק די מינדסטע פאָרשטעלונג וועגן דער באַדייטונג פונעם קאַפּיטאַל, וואָס גייט איבער פון האַנט צו האַנט, וועגן יענע אייזערנע געזעצן, אַ דאַנק וועלכע געוויסע קלאַסן גייען-אונטער און געוויסע קלאַסן קומען-אויף" האָט דער אַלטער דאָס גאַנצע לעבן געפילט, ווי ער וואָלט זיך געוועסט געפונען ביי עמיצן אינדערקלעם. אַלץ, וואָס איז פאָרגע-

קומען אַרום אים, האָט זיך אויסגעוויזן אים אַלס אַ פאַרשווערונג פון טייוולאָנישע כוחות. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז הינטער דער פּליצע געפינט זיך עפּעס אַ „שאָטנגייסט, וואָס יאָגט אָן אַ גרויל", עפּעס „אַ גיריקע חיה, וואָס רייט אויף אים און דערפירט אים ביז משוגעת". כאָטש דאָס אייגנטום זיינס איז שוין פון לאַנג נישט קיין גליק פאַר אים נאָר אַ משא, איז ער פונדעסטוועגן אַזוי צוגעוואַקסן דערצו, אַז ער וויל זיך דערפון נישט אָפּזאָגן, און ווען מ'לייגט אים פאָר צו פאַרקויפן די ערד און ווערן אַן אַרענדאַטאָר, ווייזט ער אָן אויפן מיסטבאַרג, וואָס אויפן הויף, און ענטפערט עקשנותדיק: „איך וועל בעסער פּגרן אויף דעמדאָזיקן מיסטבאַרג, איידער איך זאָל פאַרקויפן מיין האָב און-גיטס". דער אַלטער האָט פון שרעק אויפגעהויבן אַ פויסט, אָבער ער האָט אַליין נישט געוואוסט וועמען ער דראָט: „ווער איז געווען שולדיק דערין, וואָס זיין אַרבעט האָט קיין פּרוכט נישט געבראַכט, ווער איז געווען זיין שונא. וואו האָט זיך געפונען יענער כוח, וואָס האָט ביי אים אָפּגענומען דאָס גיטס וואָס האָט געהערט צו אים?" און דער אַלטער האָט חסר-דעהדיק זיך געוואָרפן אַהין און אַהער ביז ער האָט זיך אויפגעהאָנגען אויף אַ בוים, פּנים-אל-פּנים מיט זיין אייגנטום, וואָס איז אים געווען אַזוי טייער, און וואָס האָט אים דערשטיקט!

די מאַטעריעלע לאַגע און די אַ דאַנק איר אויסגעבילדעטע פּסיכאָלאָגיע פונעם קליינעם אַרענדאַטאָר זענען פּרעכטיק געשילדערט אינעם ראָמאַן פון פראַנצויזישן שרייבער ג י ל י אָ מ ע ן „די געשיכטע פון אַ פּראָסטן מענטש".

דער זיידע טיענאָן איז בלויז נאָמינעל אַ פרייער מענטש, אינדעראמתן אָבער איז ער נישט מער ווי אַ שקלאַף. אויב דער פּריץ ביי וועמען ער אַרענדירט דאָס שטיקל ערד איז אַ יעגער, מוז ער בעת דער יאַגד אָפּשטעלן זיין אַרבעט. אויב יענער איז אַ קאָנסערוואַטיסט, מוז ער אָפּגעבן זיין שטימע פאַר די קאָנסערוואַטיסטן, אויב ער, דער פּריץ, איז אַ פרומער, מוז מען יעדן זונטיק גיין אין קירכע אַריין, אויב דער פּריץ האָט קינדער, זענען דעם פּערמערס קינדער מחויב זיך מיט זיי צו שפּילן, געדולדיק אַריבערטראָגנדיק יענעס קלעפּ און קאַפּריזן. די מאַטעריעלע לאַגע פון אַזאַ אַרענדאַטאָר איז נישט צום מקנא זיין. אָפּבאַלעבאַטעווענדיק אויף דער פּערמע פינפאונצוואַנציק יאָר, פאַרלאָזט ער זי זייענדיק פּונקט אַזאַ אָרימאַן, ווי ווען ער איז אַהערגעקומען. בלויז

זעלטן געלינגט צונויפצוקלייבן אַ פּאָר גראָשן און קויפן עפּעס אַ לילי-
פּוטיש ערד-פאַרמעגן, אָבער אויך דאָס גליטשט זיך גיך אַרויס פון די
הענט. אין דער מערהייט פאַלן מוז ער אַרבעטן פאַר זיך און נאָך צו-
פאַרדינען אַ גראָשן אָן אַ זייט. זיין גייסטיקער האָריזאָנט איז נישט קיין
ברייטער, און זיין לעבנס-פילאָזאָפיע איז אַ גאַנץ פרימיטיווע. די ליבע
איז, אין זיינע אויגן, בלויז אַ זאָאָלאָגישער פּראָצעס און חתונה-האָבן
איז אַ מיטל צו פאַרבעסערן די ווירטשאַפט. אויף דער טאָכטער פונעם
וואַלד-באַאַמטן וואַגט ער נישט אויפצוהויבן די אויגן, ווייל זי שטייט
העכער פון אים, און ווידער חתונה האָבן מיט אַן ערד-אַרבעטערין, דער-
צו נאָך אַן אומגעזעצלעכע טאָכטער, — דאָס האַלט ער פאַר „דערנידע-
ריקנדיק" פאַר זיך.

דאָס פּאָליטישע לעבן פון לאַנד אינטערעסירט אים נישט. צי איינ-
דערשפּיץ פון דער מלוכה שטייט „פּעטער אָדער פּויל" דאָס איז פאַר אים
קיין חילוק נישט. זיין רעליגיע באַזירט זיך אויף בלויזער אויסרעכענונג.
ער גלויבט אין גאָט, וואָס פאַרוואַלטעט מיט דער גאַנצער וועלט, פּונקט
אַזוי ווי ער אַליין פאַרוואַלטעט מיט דער פערמע, און היות ווי דער באַ-
דייטנדיקער טייל פונעם „פאַרדינסט" געפינט זיך אין די הענט ביים
„באַלעבאָס פון דער נאַטור , באַמיט ער זיך אויף אַלע אופנים אים צו-
פרידנצושטעלן. אינעם יסוד פון זיין פּסיכיק ליגן די אינסטינקטן פון אַן
אייגנטימער. כאָטש די ערד געהערט נישט צו אים, איז ער זיך אָבער
מיט איר צונויפגעוואַקסן מיט זיין גאַנץ וועזן. ער האָט נישט קיין גרע-
סער גליק, ווי זיך צוצוקוקן, ווי עס וואַקסט ז י י ן תבואה, ווי עס גרינען
ז י י נ ע פעלדער. אין זיינע גיטער פילט ער זיך ווי אַ קליין מלכל,
און דאָס לעבן זעט אים אויס „הערלעך". און פונדעסטוועגן איז ער נישט
מער ווי אַ נאָמינעלער באַלעבאָס. דער פּריץ קען אים יעדע מינוט אַר-
טרייבן. אין זיין מוח הויבט נעפלדיק אָן זיך צו רירן אַ געדאַנק וועגן
דער אומגערעכטיקייט פון אַזאַ סיסטעם, ווען איינער איז אַ באַלעבאָס
איבער אַ גאַנץ דאָרף, און דער צווייטער פאַרקויפט זיין אַרבעט אין
פאַרד נט קוים אויף דורכלעבן זיך. און פונדעסטוועגן בלייבט ער דרך-
ארצדיק שטיין פאַר דעמזעלביקן פּריוואַט-אייגנטום, וואָס שטיקט אים,
און ער שטעלט זיך אַנטקעגן סיי קעגן דער „פאַרצעלירונג" סיי קעגן
דער „פאַרגעזעלשאַפטלעכונג" פון דער ערד. זיינע טרוימען גייען נישט
ווייטער דערפון, ווי אַז יעדער אַרענדאַטאָר זאָל ווערן אַ פאַקטישער
באַלעבאָס פונעם ערד-שטח, וואָס ער אַרענדירט. און ווי אַזוי זאָל ער

טאַקע צושטיין צום סאָציאַליזם. בעת ער איז דאָך אַליין „באַלעבאָס" און ער באַנוצט זיך מיט געדונגענער אַרבעט. דערצו איז ער אַ באַלעבאָס אַ שטרענגער און אַ גרויזאַמער. אין שניט־צייט פילט ער זיך אין זיין קליין הויפל, ווי אין אַ „פיינטלעכן לאַגער". „די בהמות ווען נישט אויסהאַלטן" — קלאָגט זיך אים אַן אַרבעטער. — „אין טורמע איז שוין בעסער" — העלפט אונטער אַ צווייטער.

ווען דער זיידע טיענאַן האָט אָנגעהויבן באַלעבאַטעווען, האָבן אין לאַנד נאָך געהערשט די פאַטריאַרכאַלישע זיטן, און ווען ער לאָזט אַרויס דעם אַקער פון די זקנישע הענט, קומט שוין פאָר אַ שנעלע אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם. דאָרטן וואו פריער זענען קיין וועגן נישט געווען רויכערן איצטער לאָקאָמאָטיוון און אויטאָמאָבילן. דער דאַמפּקער און די דאַמף־דרעשמאַשין שטויסן אַלץ מער און מער אַרויס די האַנט־אַרבעט. שאַרפער ווערט די קאָנקורענץ צווישן די פערמערס, שווערער ווערן די אַרענדע־באַדינגונגען, עס וואַקסט די אַרמיי פון דאָרפישע אַרבעטער. אין דאָרף, וואו אַקאָרשט נישט לאַנג איז נאָך געווען דער טאָנגעבער — דער גלח, לאָזט זיך איצט הערן די לײדנשאַפטלעכע רעדע פונעם אַגיטאַטאָר — דעם סאָציאַליסט. אַקעגן די צוזאָגן פון אַן ערדישן גן־עדן ווערט פאַרטונקלט די עוואַנגעליע פון עולם־הבאדיק גליק.

און ווען דער זיידע טיענאַן מאַכט־צו זיינע מידע אויגן נאָך אַ האָרעפּאַשנעם לעבן, וואָס איז אינגאַנצן אַוועק אויף צו באַרייכערן „די גראָבבייכיקע ליידיקגייערס", הערט ער ווי איבער די גיטער און פערמעס הילכט אַלץ העכער אָפּ דער קאַמפס־רוף פונעם אַרבעטער־קלאַס: „נידער מיט דער בורזשואַזיע! זאָל לעבן די סאָציאַלע רעוואָלוציע!" (קאַפּיטל 72).

II.

אין דערזעלבער צייט, ווען דאָס דאָרף איז אין דער צווייטער העלפט פון ניינצעטן יאָרהונדערט פאַרוויסט געוואָרן, זענען געוואַקסן און האָבן זיך געמערט די שטעט — די „אַכטפיסיקע", ווי ווערהאַרן האָט זיי באַצייכנט. אין ענגלאַנד איז צווישן די יאָרן 1850—1890 די צאָל שטעט מיט אַ באַפעלקערונג פון איבער הונדערט טויזנט איינוואוינער

געוואַקסן פון אַכט אויף דרייאונצוואַנציק, מיט אַ באַפעלקערונג ביז הונדערט טויזנט איינוואוינער פון פיראונפופציק אויף הונדערט-אייננאונזעכציק, און מיט איבער צוואַנציק טויזנט איינוואוינער — פון דרייאונזעכציק אויף הונדערט-פינפאונאַכציק. אין פראַנקרייך האָט דאָס דאָרף פאַרלוירן לטובת דער שטאָט ביי זעכציק טויזנט מענטשן יערלעך. אין גאַליציע איז אין משך פון אַ יאָרצענדליק (1880—1890) פאַרקלענערט געוואָרן די לאַנדווירטשאַפטלעכע באַפעלקערונג פון אַ מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזנט נפשות אויף איין מיליאָן, און אין דייטשלאַנד איז אין משך פון איינע פינף יאָר פאַרגרעסערט געוואָרן די צאָל פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג אויף צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן מענטשן באַזונדערס שנעל זענען זיך פונאַנדערגעוואַקסן די גרויסע צענטערן — די הויפּטשטעט. אין משך פון פערציק יאָר (1850—1890) האָט זיך די לאָנדאָנער באַפעלקערונג פאַרטאָפּלט אין צאָל (פון צוויי מיליאָן אויף פיר מיליאָן), די באַפעלקערונג פון פאַריז איז דורך דערזעלבער צייט זעקספאַכיק פאַרגרעסערט געוואָרן (פון 500,000 אויף דריי מיליאָן), און די באַפעלקערונג פון בערלין — פינפאַכיק (פון 400,000 אויף צוויי מיליאָן).

די שרייבערס און פּאָעטן פון דער צווייטער העלפט ניינצעטן יאָרהונדערט זענען געווען פון קאָפּ ביז פיס שטאָטלייט. אויב דיקענס און הוגאָ האָבן זיך נאָך געהאַט באַצויגן צו דער שטאָט נעגאַטיוו, איז אָבער פאַר זאָלאַן, למשל, די שטאָט געווען די פאַרקערפּערונג פון לעבן און פראָגרעס. „ווען איך בין געווען יונג און אָרים, — דערציילט זאָלאַ אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען אינעם זאַמלבוך „מיין שנאה", — האָב איך געוואוינט אין אַ פאַרשטאָט, אויף אַ בוידעם, פונוואַנען מ'האָט געקאָנט זען גאַנץ פאַריז. און די דאָזיקע קאָלאָסאַלע שטאָט, וועלכע האָט זיך אומבאַוועגלעך און גלייכגילטיק אָפּגעצייכנט אין דער ראַם פון פענצטער, האָט ביי מיר אויסגעזען ווי אַ שטומער עדות פון מיינע פריידן און פון מיינע ליידן. אין איר שפיגל האָב איך געהונגערט און געוויינט, אין איר שפיגל האָב איך ליב געהאַט און בין גליקלעך געווען, און שוין דעמאָלט, אַלט-זייענדיק צוואַנציק יאָר, האָב איך געטרוימט אָנצושרייבן אַ ראָמאַן, וואָס אין אים זאָל פאַריז מיט איר ים דעכער שפּילן אַן אָנגעזעענע ראָל, אַ ראָל פון עפּעס אַן אַלטערטימלעכן כאָר. מיר איז נויטיק געווען עפּעס אַן אינטימע דראַמע פון דריי אָדער פיר מענטשן און אַ קליין צימערל, און אויפן האָריזאָנט

זאָל זיך זען די גוואַלדיק־גרויסע שטאָט, ווי אַ כּסדרדיקער עדות, וואָס קוקט זיך צו מיט זײַנע שטיינערנע אויגן צו די ליידן פֿון דידאָזיקע מענטשן".

דעמדאָזיקן איינפֿאַל האָט שפּעטער זאָלאַ אויסגעווּצט אַלס יסוד פֿון זײַן ראָמאַן „אַ בלעטל ליבע".

די שרײַבערס און פּאָעטן פֿון דער צווייטער העלפֿט נײַנצענטן יאָרהונדערט האָבן ליב געהאַט די שטאָט אַפֿילו מיט אירע נעגאַטיווע זײַטן, מיט אירע אומגליקן און חולאתן, מיט אירע שענקען און הײַזלעך, פּונקט ווי באָדלער ן האָט זיי פֿאַרשיכּורט די שטאָטישע לופֿט, וואָס איז פֿול מיט דער עלעקטריציטעט פֿון לעבן און באַוועגונג, נישט קוקנ־אויף דער מיאוסקייט און גרויזאַמקייט, וואָס מיט זיי זענען איבערפֿולט די גאַסן פֿון די הויפּט־שטעט.

פֿון די הויכקייטן וואַרף איך פֿרײַלעך מײַן שטאָלצן בליק אַראָפּ — רופֿט אויס באָדלער אין איינס פֿון זײַנע לידער.

זי איז אינגאַנצן אָפֿן פֿאַר מיר די אָנברעגיקע שטאָט.
שפּיטעלער, זינד, מאַטערניש, אַ גיהינום פֿון צעלאָזנקייט
צעבליט זיך אַרום מיר אין אַ פּרעכטיקער גרויזאַמקייט.

זײַענדיק ווײַט דערפֿון צו פֿאַרשילטן די „פּאַסקודנע שטאָט" פֿאַלט צו באָדלער מיט גיריקייט צום בעכער פֿון די אומרײַנע פֿאַרגעניגנס, שעפּנדיק פֿון אים יוגנט און באַגייסטערונג.

אָט דאָ זאָגט־צו דאָס גאַנצע אומבאַקאַנטע פֿאַרגעניגן:
צווישן מערדער און זונות זעטיק זיך
מיט הנאות גרויליקע, וואָס זענען נישט צום קריגן.

די גרויסע שטאָט האָט באַשאָנקען די פּאָעטן פֿון דער צווייטער העלפֿט נײַנצעטן יאָרהונדערט מיט אַ שלל נײַע סוזשעטן.

אין די אַכציקער יאָרן פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, ווען בערלין איז געוואָרן די הויפּטשטאָט פֿון דער פֿאַראייניקטער אימפּעריע, איז זיך אַהין מאַסנווײַז צוזאַמענגעקומען פֿון דער ווײַטער פּראָווינץ די יוגנט, האָפֿנדיק דאָ צו דערגרייכן עשירות און כּבוד. איינער אַ פּאָר־שטייער פֿון דעמדאָזיקן זור, דער דיכטער אַרנאָ האָלץ, האָט אין אַ לידער־זאַמלונג „דאָס בוך פֿון הײַנטצײַטיקן לעבן" פֿאַראייביקט יענע געדאַנקען און געפֿילן, וואָס דידאָזיקע יוגנט האָט גענומען טראַכטן און

פילן אין דער נייער שטאָטישער אַטמאָספער. איך טריט אַרײַן און שריט האָבן ייי דאָ אַרומגערינגלט טרויעריקע בילדער.

געהויבן האָט זיך אינדערהויך שיער נישט ביז די שטערן
אַ הויז ווי אַ קאַזאַרמע, אַזעלכע זענען נישט קנאַפּ.
אין שכנות האָט אַ פאַבריק געקלאַפּט;
אַרום האָבן זיך קאַטאַרינקע־קלאַנגען געלאָזט הערן...
אין קעלער האָבן זיך מייז געקליבן מחנותווייז,
ווײַן און ביר האָט מען פאַרקויפט אינדערנידער
און איבערן גאַנצן גרויסן הויז
האָט זיך צעשפּרייט דער דלות אָן אַ דערווידער.

און דאָרטן ערגעץ אויבן אויפן בוידעם האָט זיך אַן אָרט געפונען דער אָרימער דיכטער:

דאָרטן פלעגט איינזאַם, ביי אַ ליכט, ביינאַכט
זיצן דער טרוימער, פאַרחלומט, פאַרטראַכט:
אויף צו־להכעיס פון שפּאָט דעם קלאַנג
שרייבט ער לידער — זייענדיק קראַנק!
זיין אָרים צימער האָט בלויז פאַרמאָגט
אַ טיש און אַ בעט אַ געבאָרגט,
אָפּגעגעבן אויף איינזאַמקייטס באַראָט
געווען איז ער ווי יענער נצרתער גאָט.

אָדער אָט זעען מיר עפּעס אַן אָרימע קאַמער, וואו ס'שטאַרבט אַוועק אַ יונגע נייטאָרין. דורך דער צעבראָכענע ער שויב רייסט זיך אַריין דער קאַלטער ווינט. מיט פאַרבראָכענע הענט שטייט ביים בעט די אומגליקלעכע מוטער.

אָנגעטון אין לייוונט, פון זאָרגן
איז דער גאַנצער קאָפּ שוין גראָ
זי וואַרט מיט אומגעדולד פון פרימאָרגן:
דער אַפּטייקער וויל שוין מער נישט באָרגן
און דער „פאַרנומענער" דאָקטאָר איז נאָך אַלץ נישטאָ.

ס׳פינקלען שטערן, פינצטערניש טריבע
האָט וועלט באַדעקט. גענוג שוין מאַמע!
הער אויף דיין טאָכטער צו באַיאָמערן
מיר איז בעסער, ווי דיר, ליבע.

.   .   .   .

ווי אַ טורמע — די שטאָט אומענדלעך
רויכערט מיט בלוט און מיט טרערן.
אָ־ימע, זייט וויסן, דאָס לעבן איז שענדלעך,
ס׳זויגט אויס מיין האַרץ, עס פאַרלענדט מיך
און מען קאָן זיך נישט ווערן.

אין דער גרויסער שטאָט איז אויך אַנטשטאַנען אַ נייער מין ליריק — דאָס גאַסנליד. זיין וויגל איז דאָס פּאַריזער שענקל אָדער קאַבאַרעט. דער טאַלענטירטסטער פון דידאָזיקע אימפּראָוויזאַטאָרן — לידלער איז געווען דער אייגנטימער פונעם שענקל „דאָס שוואַרצע קעצל" אַ ר י ס ט י ד ב ר י אַ ן. אין זיינע לידלעך (אויף דער גאַס"), וואָס ער פלעגט מיט זיי מכבד זיין דאָס פּובליקום, וואָס האָט באַזוכט זיין שענקל, לעבט־אויף די פּאַריזער גאַס מיט אירע אָפּפאַלן, — די פּראָסטיטוטקעס, אַלפאָנסן, אַלקאָהאָליקער און גנבים, דער גאַנצער אומריינער שוים פון דער הויפּטשטאָט וואָס באַהאַלט זיך בייטאָג ערגעץ אין אונטערערדישע לעכער, און וואָגלט אַרום ביינאַכט לענגאויס די בולוואַרן זיך יאָגנדיק נאָך אַ לייכט פאַרדינסטל... אינעם ליד „אין שפּיטאָל סען־לאַזאַר" שרייבט אַ פּראָסטיטוטקע אַ בריוו צו איר אַלפאָנס. זי באַאומרואיקט זיך זייער מכּוח אים. זי האָט מורא, אַז אָן איר קאָן ער זיך נאָך עפּעס אַ מעשה אָנטון. ער איז דאָך צו שטאָלץ, ער זאָל פּונקט ווי זיינע חברים אין אַ שווערער מינוט נעמען אויפקלויבן פּאַפּיראָסן־שטיקלעך אין גאַס. זאָל ער־זשע בעטן די גראָבע אַנגע, זי זאָל אים לעת־עתּה זען פאַרזאָרגן, און ווי נאָר זי וועט אַרויסגיין פון שפּיטאָל, וועט זי זיך מיט אַנגען צעחשבונען: אַלצאיינס, מ׳איז דאָך עפּעס אייגענע מענטשן. און די פּראָסטיטוטקע פאַרענדיקט דעם בריוו מיט די ווערטער, אַז זי ליבט איר פריינט פּונקט אַזוי צערטלעך ווי זי האָט ליב־געהאַט איר פאָטער, בעת זי איז געווען אַ קליינינקע, אָדער ווי זי האָט ליב געהאַט דעם גוטן גאָט, ווען זי איז צום ערשטן מאָל געגאַנגען זיך מתוודה זיין אין דער קירכע פון דער הייליקער מאַרגעריט.

צייטנווייז שלאָגן זיך אויך דורך אין בריאָנס לידלעך ליכטיקערע בילדער פונעם לעבן פון די געוועזענע מענטשן, עפּעס אַ יום־טובדיקער שפּאַציר פון גנבים און פּראָסטיטוטקעס, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט אַ גראַנדיעזער הוליאַנקע, צייטנווייז לאָזן זיך אויך הערן אין די דער־מאָנטע לידלעך מער־קעמפערישע נאָטקעס, עס קלינגט אָפּ אַ רוף אַ סוף צו מאַכן מיט די גבירים און מיט די גלחים, צוצוטרעטן צו רויב און צעטיילונג, אַ רוף צו אַנאַרכיע.

דער אויסדריקלעכסטער זינגער פון דער שטאָטישער קולטור איז דער בעלגיער ווערכאַרן, וועלכער האָט פאַרייניקט מיט דער זאַמ־לונג „דערפער—שאָטנגייסטער” די זאַמלונג „שטעט־אַכטפּיסיקע”, וואו ער האָט אָנגעוואָרפן אַ בונט בילד פון שטאָטישע גאַסן, געשעפטן, פאַבריקן מיט זייער האַוועניש און אומרואיקייט. אין אַנדערע געדיכטן האָט ווערכאַרן אָנגעצייכנט די פּאָרטרעטן פון די צוויי העלדן, וועל־כע זענען די הערשערס פון דער שטאָט. פון איין זייט — דער גרוי־סער אונטערנעמער, וואָס באַשליסט אין דער שטילקייט פון זיין קאַבי־נעט וועגן „די גורלות פון לענדער און מזלות פון קעניגן”. איינגעהויקערט אין אַן אָפּגעבליאַקעוועטן פאָטעל, זיצט ער אַ צעשטרייטער און שרייבט ציפערן־רייען, און די געדאַנקען זיינע זענען ווייט:

ער זעט באַטאַוויע, קאָלאָמבאָ און קאַפּשטאָט,
דעם אינדישן אָקעאַן און די פּאָ־טן פון כינע,
ער זעט פּאַנ־אַנען, וואָס שפּריצן מיט נאַפּטיקע ראָפּע
און א־ן שאַכטן פינצטערע די מענטשן, וואָס אים דינען,
ער הערט דעם קלאַנג פון זייע קאַנטאָרן איבער גאַנץ אייראָפּע.

ווי אַ גיריקע שפּין האָט ער אַרומגעוועבט די גאַנצע שטאָט מיט זיין בלישטשענדיקן שפּינוועבס, און זיין גאָלד ציט־צו צו זיך, ווי אַ בישופדיקער מאַגנעט.

פאַרמעגן, רייכטום, און גראָשנס אָפּגעשפּאָרטע,
וואָס געקליבן האָט
אַן אָרימאַן,
מיט שווערן שווייס זיי פאַרהאָרעוועט.



ווערכאַרן



מעטערלינק

און בײַ אים צונויפגיסנס ווערט שוין רײַף דער בונט, דעם אָרגאַניזאַטאָר פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט קרײַצט דורך דעם וועג דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער פאָלקס־רעוואָלוציע:

אויסגעוואַקסן איז ער אויף די שמוציקע טראָטואַרן
פון דער בלאָטיקער, פון בײַז־צעפּרעסענער פאָרשטאָט,
אין דער שווערער לופט פון האָרעווען אויף ברויט,
וואו יעדן טאָג איז צום טיש געקומען אויך די נויט.

די דורות־לאַנגע לײַדן פון דער מאַסע האָבן זיך אין אים קאָנדענסירט און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אומברחמנותדיקער שנאה צו די אונטערדריקערס, און „זײַן געדאַנק דער לעבעדיקער, אינגאַנצן אַ פײַערדיקער, אַן אויסגעהאַמערטער פון ווילן און לײַדנשאַפטן" האָט אַרויסגערופן די אַרבעטער אויף די פּלעצער און שײַדוועגן צו דער לעצטער אַנטשײַדנדיקער שלאַכט.

און די שלאַכט פּלאַקערט זיך פונאַנדער.

אין איינס פון זײַנע געדיכטן שילדערט ווערכאַרן דעם אויפשטאַנד אין דער הויפּשטאָט. בײַם הילך פון גלאָקנגעקלאַנג שטײַט־אויף די פאַרשקלאַפּטע מאַסע. די גאַסן ווערן גיך באַדעקט מיט באַריקאַדן. אַ זאַלפּ פון ביקסן־שאָסן גיסט זיך צונויף מיט די קלאַנגען פון דער מאַרסעליעזע. נאָך איין אָנגריף און דער פאָלקס־נצחון איז אַ געזיכערטער.

בײַ די טונקעלע אײַנגענג פון די שטאָטישע מערן
ברעכט דער המון די טירן די שווערע,
עס טרעשטשען די ריגלען, עס פליען די שלעסער,
מען גראָבט אויף קאַסטנס, מ׳נעמט אַרויס פּעסער
ביכער, חשבונות און רעכנפּאַפּירן:
זייערע פּאַקעלן, מיט די צינגער זיי לעקן
און ווילן אײַנגאַנצן דעם אַמאָל איצט פאַרמעקן.
שוואַרצט זיך דער רויך אינדערהויך אין זיגזאַגן,
די שטאָט איז צעפּלאַטערט מיט רויטע, מיט בלוטיקע פלאַגן!

III.

וואָס מער ס'האָבן זיך אַנטוויקלט די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטנישן, האָט זיך די געזעלשאַפט אַלץ מער פונאַנדערגעשפּאָלטן אויף צוויי קעגנזעצלעכע קלאַסן: בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט. די ליטעראַטור האָט באַקומען אַ נייע טעמע: די סאָציאַלע פראַגע. אמת, די צאָל ווערק, וואָס האָבן באַרירט די קעגנזייטיקע פאַרהעלטנישן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, איז נישט קיין גרויסע. דער הערשנדיקער קלאַס האָט אינסטינקטיוו מורא פאַר דער דאָזיקער טעמע און ער דערלויבט נישט, די שרייבערס זאָלן זיך מיט איר צו אָפט פאַראינטערעסירן. דאָס בורזשואַזע פּובליקום האָט געצוואונגען הויפּטמאַנען עפנטלעך צו דערקלערן, אַז זיין דראַמע „די וועבערס" איז נישט אויסן קיין רעוואָלוציאָנערע, נאָר פילאַנטראָפּישע צילן, און דאָסזעלבע פּובליקום האָט געצוואונגען די צענזור צו פאַרבאָטן אויפצופירן קאָפּעס פּיעסע „דער גייסטלעכער" נאָר דערפאַר, ווייל די אַקציע קומט פאָר אין די צייטן פון דער פּאַריזער קאָמונע.

זייער אַסאַך פון די דאָזיקע ווייניקע ווערק, וועלכע באַהאַנדלען די סאָציאַלע פראַגע, זענען, חוצדעם, דורכגעדרונגען מיט אַ פיינטלעכן גייסט צום סאָציאַליזם, און זיי באַמיען זיך צו מאַכן מיט דער בלאָטע צוגלייך די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פונעם פּראָלעטאַריאַט. אַזאַ ווערק איז, למשל, קרעצערס ראָמאַן „אינעם שטורעם פון סאָציאַליזם", וואו די דייטשישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער-פּאַרטיי ווערט געשילדערט, ווי אַ כאָפּטע כבודזוכערס און אונטערהעצערס.

אין יענע פאַלן ווען די מחברים ווייזן אַרויס אַ סימפּאַטיע צום סאָציאַליזם, קומט עס אָפט נישט דערפאַר, ווייל זיי רעכענען זיך מיט די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט, נאָר ווייל זיי הערן זיך צו צו דער שטים פון זייער געוויסן, זיי זעען דאַן אינעם סאָציאַליזם נישט קיין פּאָליטישע באַוועגונג, נאָר אַ פילאַנטראָפּישע שטימונג. אַזוי זעען מיר אין הויפּטמאַנס דראַמע „פאַרן זונאויפגאַנג", ווי לאָט ווערט אַ סאָציאַליסט דערפאַר, ווייל ער האָט מיט זיינע אייגענע אויגן צוגעזען דאָס אומגליק און די פאַרצווייפלונג פון איינער אַ פּראָלעטאַרישער משפחה און נאָך דעם קאָן ער שוין נישט „לעבן רואיק".

די סאָציאַליסטישע סימפּאַטיעס פון די שרייבערס זענען דערביי ווייער אומזיכערע און גאָר-גאָר נישט קיין שטאַנדהאַפטע. די דייטשישע נאַטוראַליסטן פון די אַכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט (הויפּטמאַן, שליאַף, פּולדאַ), וועלכע האָבן אָנגעהויבן מיט דער באַשיצונג פון די אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט, זענען שפּעטער אין די ניינציקער יאָרן אַלע אַריבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון דעם הערשנדיקן קלאַס.

זייענדיק נאָענט לויט זייער סאָציאַלער לאַגע צו דער קליינבורזשואַזיע, וואָס פון איר זענען זיי צומגרעסטנטייל אַרויסגעקומען, זענען די שרייבער נוטה-געווען צו לעזן די סאָציאַלע פּראַגע נישט אין אַ רעוואָלוציאָנערן, נאָר אין אַן אָפּאָרטוניסטישן גייסט. זיי האָבן איינגעזען די ישועה פאַר דער וועלט נישט אין קלאַסנקאַמף, נאָר אין קלאַסן-צוזאַמענאַרבעט.

דידאָזיקע שרייבערס האָבן ליב צו שילדערן אידעאַלע אונטערנעמערס, וואָס שטרעבן נישט צו גרויסע רווחים, נאָר האָבן אינזינען די טובה פון די אַרבעטער (איבסען: „די זיילן פון דער געזעלשאַפט"; זודערמאַן: „די שטיינהאַקערס"); זיי שטעלן גערן אַרויס פּרעדיקערס פון סאָציאַלן שלום (בעטכער: „דער שטורעמווינט") און זיי האָבן ליב אָנצווייזן די אַרבעטער, אַז דאָס אַריבערגיין אין די רייען פון דער בורזשואַזיע איז אייגנטלעך די ריכטיקסטע לעזונג פון דעם סאָציאַלן פּראָבלעם (זודערמאַן: „ערע"; קרעצער: „אינעם שטורעם פון סאָציאַליזם").

זייענדיק פּשרהניקעס לויט זייער עצם נאַטור, פאַרענדיקן זיי דעריבער גערן דעם סאָציאַלן קאָנפליקט מיט אַ באַרואיקנדיקן אַקאָרד, מיט אַן אידילישן בילד פון שלום און ליבע (מאַריאַ דעלעגראַציע: „י קאַטאַסטראָפע"; ביערנסאָן: „איבער אונזערע כוחות", II-טער טייל).

דידאָזיקע שרייבערס, וועלכע זענען אויסגעוואַקסן אין שויס פון דער קליינבורזשואַזיע, געהערנדיק אַליין, לויט זייער לאַגע, צו דער קליינבורזשואַזיע — ווייזן נאַטירלעך אַרויס אַ גרעסערע נייגונג צום אינדיווידואַליסטישן אַנאַרכיזם איידער צום קאָלעקטיוויסטישן סאָציאַליזם (זאָלאַ: „פּאַריז"; מירבאָ: „די שלעכטע פּאַסטוכער"; פּשיבישעווסקי: „די קינדער פונעם שטן"; מאַקיי: „אַנאַרכיסטן").

ס׳איז שווער אָנצווייזן אַזאַ ווערק, וואָס זאָל אָנרירנדיק די סאָ-
ציאַלע פראַגע זיין אַדורכגעדרונגען נישט מיט קיין בורזשואַזן און אינ-
טעליגענטישן, נאָר מיט אַ פּראָלעטאַרישן גייסט. מעגלעך, אַז דאָס
בעסטע בילד פון פּראָלעטאַרישן לעבנשטייגער איז נאָך אַלעמען, נישט-
קוקנדיק אויף דער בולטער בורזשואַזער טענדענץ, זאָלאַס ראָמאַן „די
קוילנגרעבערס״. די אַקציע, וואָס קומט פאָר אינעם ראָמאַן, געהערט צו
דער עפּאָכע, ווען ס׳איז אַנטשטאַנען דער אינטערנאַציאָנאַל, — איינס פון
די סאַמע רומפולסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון דער פּראָלע-
טאַרישער באַוועגונג. זאָלאַ באַווייזט אין אַ דערשיטערנדיק בילד, ווי די
שווערע אַרבעט-באַדינגונגען פון די קוילנגרעבערס ווירקן צעשטערנדיק
אויף זייערע זיטן און אויף זייער פּסיכיק, און וויאַזוי דידאָזיקע באַ-
דינגונגען רופן אַרויס אויף דער גאַנצער ליניע אַ פיזישע און מאָראַ-
לישע דעגענעראַציע. אָבער דידאָזיקע פאַרשקלאַפטע מאַסע הויבט אָן
נעפּלהאַפט קומען צום באַוואוסטזיין, אַז זי האָט פאַר זיך איין געמיינ-
זאַמען שונא, וואָס ס׳איז אים שווער בייצוקומען. די אַרבעטער האָט זיך
געדאַכט, אַז „ערגעץ ווייט, שרעקלעך ווייט איז פאַראַן עפּעס אַ גע-
היימנישפולע מדינה, און דאָרטן ערגעץ אין אַ געצעלט אויף אַ טראָן
זיצט אָט דער אומבאַקאַנטער גאָט — דער קאַפּיטאַל. זיי האָבן אים נישט
געזען, נאָר פונדערווייטנס האָבן זיי געשפּירט זיין כוח״. אָטאָדי נעפּל-
האַפטע שטימונגען ווערן, צומלעצט, קלאָר אין די קעפּ פון די פאָרגע-
שריטענע אַרבעטער און אין פּלאַמיקע רעדעס רופן זיי דאַן צו אַ קאַמף
פאַר באַפרייאונג. און אָט נעמט טאַקע אַלץ אַרום דערוואַכן. דער האָרי-
זאָנט ברייטערט זיך אויס. אַ ליכט-שטראָם רייסט זיך אַריין אין דער
פינצטערער עקזיסטענץ פון די קוילנגרעבערס. „ווען אַפילו גאָט דער
דערבאַרעמדיקער איז געשטאָרבן, איז אָבער געבליבן די גערעכטיקייט
און זי וועט פאַרפעסטיקן אויף דער ערד דאָס גליק פון אַלע״. אַלע ווי
איין מענטש נעמען זיך צונויף די קוילנגרעבערס אויף צו פאַרטיידיקן
זייערע רעכט, די פרויען פאָרויס, אַלע זענען זיי גרייט אויף „זעלבסט-
קרבנות און מאַרטירעריי״: בעסער שטאַרבן איידער זיך אונטערגעבן. און
ווען דער שטרייק וואַקסט זיך אַלץ מער פונאַנדער. אַרומנעמענדיק אַלץ
גרעסערע מאַסן קוילנגרעבערס, נידערט אויף זיי אַראָפּ אַ „רעלי-
גיעזער עקסטאַז״ און „ער טראָגט זיי אַוועק ווייט פון דער ערד״.

אויפן פאָן פון דערדאָזיקער פרילינג-דערוואַכונג, פון דערדאָזי-
קער מאַסן-באַוועגונג טרעטן בולט אַרויס דריי פיגורן, וואָס פאַרקער-

פֿערן מיט זיך יענע דריי אידעאָלאָגיעס, וועלכע קעמפֿן עד־היום צווישן זיך פֿאַר דער העגעמאָניע איבער דער אַרבעטער־מאַסע — רעפֿאָרמיזם, סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם.

אויף דער רעכטער זייט שטייט דער געוועזענער אַרבעטער, איצטער אַ שענקער, ראַזענער. דאָס איז אַן עוואָלוציאָניסט און פּשרהניק. זייענדיק אַ קליינבירגער, וואָס איז אינגאַנצן אָפּהענגיק פֿון די קליענטן־אַרבעטער, בלייבט ער נישט־ווילנדיק שטיין אויפֿן מיטן וועג. ער ווייזט אויף די אַרבעטער, אַז „מ׳קען די וועלט נישט איבערמאַכן אין איין טאָג", אַז „פֿון גוואַלטטאַטן קומט קיינמאָל קיין גוטס נישט אַרויס", אַז „מ׳דאַרף פֿאַרלאַנגען רעפֿאָרמען", דערביי דאַרף מען שטעלן אַזעלכע פֿאָדערונגען, וואָס ס׳איז זיי „מעגלעך" צו פֿאַרווירקלעכן.

אויף דער לינקער זייט שטייט דער פֿאַרפֿראַנצויזישטער רוסישער אַריסטאָקראַט, דער אַנאַרכיסט סוואַרין. אין דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג זעט ער איין בלויז אַן אויסדרוק פֿונעם בירגערלעכן גייסט. די אויפֿגאַבע פֿונעם אינטערנאַציאָנאַל האַלט ער פֿאַר אַ „נאַרישקייט", זיינע אָרגאַניזאַטאָרן האַלט ער פֿאַר „כּבֿוד־זוכערס", און דער מאַסן־רעוואָלוציע שטעלט ער אַנטקעגן דעם אינדיווידועלן טעראָר: „צען דרייסטע חברהלייט וועלן אויפֿטון מער, ווי אַ גאַנצער המון".

אינדערמיט צווישן דעם רעפֿאָרמיסט ראַזענער און דעם אַנאַרכיסט סוואַרין שטייט דער זון פֿון דער וועשין זשערוועז (אַ העלדין אינעם ראָמאַן „די פֿאַנג־נעץ") עטיען לאַנטיע.

לכתחילה האָט ער געהאַלטן פֿון פּרודאָנס אידעע וועגן אַ פֿאָלקס־באַנק, שפּעטער איז ער געווען אַן אָנהענגער פֿון לאַסאַלן און זיין לערע וועגן פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, און צומלעצט האָט ער איבערגענומען מאַרקסנס שטאַנדפּונקט וועגן קלאַסנקאַמף און ער האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם גרובן וואָרע, אינעם שטעטל מאָנסו, אַלס אַ פֿאָרפּאָסט פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־געזעלשאַפֿט".

זאָלאַס בורזשואַזער שטאַנדפּונקט ווייזט זיך ערגעץ נישט אַרויס אַזוי קלאָר, ווי אין דער שילדערונג פֿון דעמדאָזיקן אַרבעטער־סאָציאַליסט. זאָלאַ האָט באַשאָנקען דעמדאָזיקן פּראָלעטאַרישן אַגיטאַטאָר מיט אַ ריין־בורזשואַזן־אינטעליגענטישער פּסיכאָלאָגיע. עטיען האַנדלט נישט אַזוי אונטער דער ווירקונג פֿון חברשע געפֿילן און רעוואָלוציאָנערן אינסטינקט — שטאַרקער פֿאַר אַלץ איז די כּבֿוד־זוכעניש און דער באַגער צו מאַכטּ, ביים בלויזן געדאַנק, אַז ער וועט ווערן „דער צענטער פֿון דער

באַוועגונג", אַז „דאָס גאַנצע לעבן וועט זיך דרייען אַרום אים, דעם
געוועזענעם מאַשיניסט און דעם שפּעטערדיקן קצב־יונג מיט די שמוציקע
און פאַרגרעבטע הענט", ווערט זיין האַרץ אָנגעפילט מיט אַן אומאויס־
דרוקבאַרן שטאָלץ. פאַר זיינע אויגן האָט זיך פאָרגעשטעלט פּאַריז,
וואוהין מ'וועט אים שיקן אַלס דעפּוטאַט. אין דעם פּרעכטיקן זאַל וועט
ער פון דער טריבונע־הויכקייט דונערן אויף די זאַטע בורזשויען אין
דער „ערשטער רעדע, וואָס אַן אַרבעטער האַלט דאָ". ער וועט „רעגירן
מיט מענטשן מיטן כּוח פון וואָרט". און דערנאָך וועט אָנקומען דער
גראַנדיעזסטער מאָמענט אין זיין לעבן. ער וועט דערגרייכן די מאַכט
און ער וועט זי גערנוויליק איבערגעבן אין די הענט פון אַרבעטער־
קלאַס. עטיען באַמערקט, ווי ער גייט אַליין ווייטער אַוועק פון זיינע
חברים־אַרבעטער, ווי זיין געשמאַק „איידלט זיך אויס", ווי זיינע פאַר־
לאַנגען ווערן אַליין „סובטעלערע", ווי צווישן אים און זיי וואַקסט אויס
„אַ גאַנצער תהום". ער רעכנט אינגאַנצן אַוועקצווואַרפן דאָס חיהשע
לעבן פון אַ פּראָסטן אַרבעטער", אַוועקצופאָרן קיין פּאַריז, דינגען אַ
באַזונדער צימער, זיך אינגאַנצן ווידמענען „גייסטיקער אַרבעט" און ווערן
„אַ פּראָפעסיאָנעלער פּאָליטיקער". אַזויאַרום איז ביי אים אומבאַמערקבאַר
„אויסגעוואַקסן אַ נשמה פון איינעם פון יענע בורזשויען, וועלכע ער
האָט פריער אַזוי פיינט געהאַט". פאַרלאָזנדיק די וואָרעער גרובנס, אי־
בעררייסנדיק מיט דער אַרבעטער־סביבה, גיט זיך עטיען אַ וואָרט, „ער
זאָל אינץ זיינע פאַרלאַמענטאַרישע רעדעס אַרומרינגלען מיט אַן אָרעאָל
אָט־דעמזעלבן פיזישן אַרבעטער, וואָס זיין אָרימקייט האָט אויף אים איצט
געמאַכט אַליין אַ שווערערן איינדרוק".

דער שטרייק פון די קוילנגרעבערס, וואָס איז אָרגאַניזירט גע־
וואָרן דורך עטיענען, פונקט אַזוי ווי דאָס פאַרניכטן די גרובנס, וואָס
איז געמאַכט געוואָרן דורך סוואַרינען, ברענגען נישט דעם אַרבעטער־
קלאַס צום זיג איבער יענעם אָפּגאָט אין געהיימנישפולן געצעלט. דער
מאַסן־קאַמף און דער פּערזענלעכער טעראָר זענען, ווי ס'ווייזט אויס,
גלייכמאָסיק קראַפטלאָז צו צעברעכן די מאַכט פונעם קאַפּיטאַל. דער
סאָציאַליסט און דער אַנאַרכיסט פאַרלאָזן ביידע וואָרע און זיי לאָזן
איבער דעם טעטיקייט-געביט פאַרן רעפאָרמיסט ראַזענער. אין מאָמענט
פון רעוואָלוציאָנערן אויפשוואונג האָבן זיינע רעדעס אויסגעזען ביי די
אַרבעטער, ווי אַן „אָפּקיל־געטראַנק אויף איינצושלעפערן די פּחדנים",
איצט, נאָך דער מפּלה, דערהויבט מען אים פייערלעך צום סאַמע שפּיץ.

דער פראָלעטאַריאַט גייט פאַרביי דעם אַנאַרכיזם און סאָציאַליזם און גיט זיך אָפּ אין די ווייכע אָרעמס פונעם פשרהניק. די גוואַלט־מיטלען ווערן אָפּגעשאַפט. אָט דאָס איז די קליינבירגערלעכע טענדענץ פונעם ראָמאַן. און פונדעסטוועגן איז, נישט געקוקט אויף אַלעם, אין דער מערב־אייראָפּעאישער ליטעראַטור נישט פאַראַן נאָך אַ ווערק, וואָס מ'זאָל עס קאָנען גלייכשטעלן מיט זאָלאַס „קוילנגרעבער". דאָסדאָזיקע ווערק איז בלי־ספק אַ זעלטענער שעדעוור פון מאַסן־פּסיכאָלאָגיע און מאַסן־באַוועגונג.

דער איבערגאַנג פון דער עקזיסטירנדיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג צו דער צוקונפט־געזעלשאַפט, וואָס וועט זיין געבויט אויף די יסודות פון פרייהייט און אַרבעט־גלייכהייט, איז צומבעסטן געשילדערט אין ווערכאַרנס דראַמע „באַגינען".

אונטער דעם אייזערנעם דרוק פון שטאָטישער קולטור איז ביסלעכווייז אונטערגעגאַנגען דאָס דאָרף. איבער דער אויסגעמאָגערטער ערד־פלאַך האָט געוועלטיקט אין בלוטיקן גלאַנץ די הויפּט־שטאָט אָפּידאָמאַן (די גרויסשטאָט). אַלע דערפער, אַלע שטעטלעך זענען געוואָרן אַ מדבר. די פויערים־ערדאייגנטימער זענען פאַראָרימט געוואָרן און ז נען שוין פון לאַנג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאַרמעגנסלאָזע לוין־אַרבעטער. אָבער אויך די גוטבאַזיצערס האָבן סוף־כל־סוף נישט אויסגעהאַלטן די קאָנקורענץ פון דער שטאָט. דער אויסגעמאָגערטער באָדן האָט שוין מער נישט אַרויסגעגעבן נישט קיין ברויט־תבואה, נישט קיין פלאַקס. דאָס אומגליק פון די פערמערס איז אויפגענומען געוואָרן מיט פרייד צווישן די אַרבעטער. „ס'זענען פאַריאָגט געוואָרן פון דער ערד יענע, וועלכע האָבן אונז פאַריאָגט", — האָבן זיי זיך געפרייט. אַ פאַרצווייפלטע שנאה האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַנטוויקלען צווישן שטאָט און דאָרף. „ווען נישט איר, — זאָגן די פויערים צו די שטאָטלייט, — וואָלט אונזער שניט געווען אַ ברכהדיקער, אונזערע שפּייכלערס וואָלטן געווען פול מיט תבואה, ווען נישט איר וואָלטן אונזערע טעכטער נישט געוואָרן קיין פּראָסטיטוטקעס, און אונזערע זין וואָלטן נישט געווען קיין זעלנער". „און איך, — ענטפערן זיי אָפּ די שטאָטלייט, — וואָלט די שטאָט געווען נערוועז, לייכט און מונטער. איר זעט געקומען פון די ווייטע סטעפּעס האַנדלען און רויבן מיט אַ ביטערער עקשנות. מ'קאָן נישט אונטערשיידן צווישן אייך און פּשוטע גזלנים". אַ פאַרצווייפלטע קלאַסן־שנאה האָט אויך געבורזשעט אין דער שטאָט גופא. די אַרבעטער,

װעלכע זענען אַרויסגעבראַכט געװאָרן פֿון געדולד דורך די רדיפֿות פֿון קאַפּיטאַל און פֿון דער רעגירונג, האָבן פּראָקלאַמירט אַן אַלגעמײנעם שטרײק און האָבן זיך פֿאַרבאַריקאַדירט אױפֿן באַרג אַװענטין. דער בירגער־קריג איז געװען אין פֿולן ברען. אין אָט דעם מאָמענט האָבן פּרעמדלענדישע מיליטער־מחנות אַרומגערינגלט מיט אַן אײַזערנער קײט די שטאָט אָפּידאַמאַן. אינעװײניק — אַן אױסמאַטערנדיקער קלאַסנקאַמף, פֿונדרויס; — אַ פֿאַרװיסטנדיקע מלחמה מצד דעם שונא, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס לאַנד גײט שױן פֿולשטענדיק אונטער, און אָט האָט זיך באַװיזן דער װעלט־גואל, דער פֿאָלקס־טריבון ערעניען. שױן אַסאַך יאָרן, אַז ער פֿירט אַ לײדנשאַפֿטלעכע אַנטי־מיליטאַריסטישע אַגיטאַציע. דער פֿירער פֿונעם פֿרעמדלענדישן מיליטער איז זײַנער אַ תּלמיד. און זײ באַשליסן בײדע אומצוברענגען מיט אײן קלאַפּ די מלחמה — דעם העכסטן אױסדרוק פֿון דער אָרגאַניזירטער גװאַלט — און מיט איר צוזאַמען די גאַנצע אַלטע װעלט פֿון שנאה און פֿײַנטשאַפֿט. זײער אַגיטאַציע טרעפֿט אָן אױף זײער אַ גינציקן באָדן. װאָס לענגער עס דױערט די בלאָקאַדע, אַלץ מער װאַקסט די אומצופֿרידנהײט צװישן די זעלנער. עס הױבן אָן אָפּט טרעפֿן פֿאַלן פֿון נישט־געהאָרכזאַמקײט לגבי דער אָנפֿירונג, עס געשעען מאָרדן איבער אָפֿיצירן. עס װערן פֿאַרניכטעט די בלאָקאַדע־אַרבעטן; מ׳פֿאַרשטאָפּט די האַרמאַטן; קױלן און פּולװער װערן געװאָרפֿן אין טײַך אַרײַן. עס װערט באַשטימט דער טאָג פֿון שטורעם־אָנגריף אױף אָפּידאַמאַן. די זעלנער פֿאַרװאַנדלען אים אין אַ באַנײַאונג־יום־טוב. זײ װאַרפֿן אַװעק דאָס געװער — און די נעכטיקע שונאים דריקן זיך די הענט אײנער דעם אַנדערן. איצט, װען די טיראַניע איז געװאָרן צו שטױב, פֿאַרײניקן זיך די אַרבעטער פֿון אַלע לענדער און זײ מאַכן אַ תּל פֿון די לעצטע רעשטלעך פֿון דער אַלטער װעלט. עס ברענען די פֿלאָטישע און אַרטילערישע קאַזאַרמעס. עס טרעשטשען צעפֿאַלנדיק די בענק און די בערזעס. עס װערן צעשמעטערט די תּפֿיסות און די קירכעס. פֿון די פֿאַרקױלטע חורבות פֿון דער פֿערגאַנגענהײט שטײַגט שטאָלץ אַרױס בלױז אײן סטאַטוע, דער דענקמאָל פֿון דער רעגירונגס־מאַכט. אַרום איר קלײַבט זיך שױן אַ טױזנטקעפּיקער עולם. פֿון אַלע זײַטן לאָזן זיך הערן זיד־לערײַען אױפֿן אַדרעס פֿון דערדאָזיקער „אַלטער פֿאַסקודע". עס פֿליען שטיקער בלאָטע אױף דײַמדאָזיקן „עקלהאַפֿטן גענץ". ס׳הערן זיך אַלץ העכער די אױסגעשרײען „נידער". די אַרבעטער לאָזן זיך מיט דרענ־

גער צום פּיעדעסטאַל. „דער דענקמאָל פאַלט" — הערט זיך צווישן עולם, אונטער די טריאומפירנדיקע געשרייען פון פאָלק פאַלט־אום די גיגאַנטישע סטאַטוע. בלויז דער קאָפּ אַ קאַלטער און מעכטיקער, איז פאַרבליבן גאַנץ. מיט שווערער מי הויבן אים די אַרבעטער אויף אינדערלופטן און צעשמעטערן אים ביי די פיס פון דעם פאָלקס־טריבון. דער גאַנצער פּלאַץ ווערט פאַרהילכט פון פרייהייט־הימנען. און איבער אים דערהויבט זיך צו די הימלען, וועלכע זענען פאַרגאָסן מיט זון־ליכט, וואָס באַדעקט דעם טומל פון די יום־טובדיקע קולות, פונקט ווי אַ גרוס צו דער גליקלעכער צוקונפט, די הערשנדיקע שטים פון דעם גרייזגראָען נביא — „זאָל זיך שוין איצט אָנהייבן דער באַגינען".

IV.

דער קאַפּיטאַליזם האָט פאַרענדערט נישט בלויז די געזעלשאַפטלעכע, נאָר אויך די געשלעכטלעכע פאַרהעלטנישן צווישן מענטשן; נישט בלויז די פיזיאָנאָמיע פון דער געזעלשאַפט, נאָר אויך דעם אינהאַלט און די פאָרם פון דעם ליבע־געפיל.

עס לאָזט זיך באַמערקן אַזאַ מין דערשיינונג: ווען אין אַ לאַנד אַנטוויקלט זיך דער קאַפּיטאַליזם, קומט־אויף אין די בורזשואַזע שיכטן אַ טענדענץ צו פאַרקלענערן דעם נאָכדור. אינעם לעצטן פערטל פון XIX יאָרהונדערט איז אין ענגלאַנד, בעלגיע און דייטשלאַנד פאַרקלענערט געוואָרן די באַפעלקערונג אויף 4 פּראָצענט אומגעפער. אין פראַנקרייך, אַוואו דערדאָזיקער פּראָצעס האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן פריערנאָך און ער ווערט קאָמפּליצירט דורך געוויסע זייטיקע סיבות. האָבן געטראָפן יאָרן, ווען די געבורטלעכקייט איז נישט אַריבערגעשטיגן די שטערבלעכקייט, ווען בערטיליאָן האָט, אין תוך גענומען, געהאַט אַ יסוד אויסצורופן: „ס'קומט אָן פראַנקרייכס סוף!", און זאָלאַ האָט דאַן אַריינגעלייגט אין מאַטיע פּראָפּאַגאַנדע מויל (אינעם ראָמאַן „קינדער־האָבן") די ווערטער: „אָ, גאָט! פאַריז וויל שטאַרבן". אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער האָט דער מאַלטוסיזם אין דער צווייטער העלפט פון נײַנצעטן יאָרהונדערט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג. אין די זיבעציקער יאָרן אַנטשטייט אין ענגלאַנד אַ גרויסע ליטעראַטור געווידמעט דערדאָזיקער פראַגע, עס שאַפט זיך „די מאַלטוסיאַנישע ליגע", וועלכע פּראָקלאַמירט

זין איר מאַניפעסט, אַז דער, וואָס „ברענגט אויף דער וועלט מער קינדער, וויפיל ער איז בכּוח אויף אַ בכּבודיקן אופן צו דערנערן און דערציען, באַגייט אַ גרויסן סאָציאַלן חטא". אין זאָלאַס ראָמאַן „קינדער־האָבן" וויל גישט דער גרויסער קאַפּיטאַליסט באַשען צעברעקלען זיין קאַפּיטאַל צווישן אַסאַך יורשים, און ער באַשליסט צו באַגרעניצן זיין פאַמיליע און זיך באַגנוגענען מיט דעם איינציקן זון, דערפאַר ווען ער דערוואוסט זיך, אַז דער אַרבעטער מוּאַנאָ האָט צען קינדער, פרעגט ער אים בייסיק: „און איר וואונדערט זיך נאָך, אַז איר האָט נישט וואָס צו עסן". אויף דעמזעלבן וועג פון דער גרויס־בורזשואַזיע שלעפּט זיך נאָך די קליינע. אינבריעס פּיעסע „די מאָדיסטין" (Petite amie) זעען מיר אַן אייגנטימער פון אַ מאָדע־מאַגאַזין, וואָס פאַרמאָגט בלויז איין זון, און ער דערקלערט עס דערמיט, וואָס סיי זיין, סיי ער, פרוי האָבן זיך נישט געוואָלט קאַליע מאַכן דאָס לעבן, און גלייכצייטיק האָבן זיי געוואָלט געבן זייער איינציק קינד אַ מעגלעכקייט צו מאַכן אַ גלענצנדע קאַריערע.

דערדאָזיקער פּראָצעס פון קינסטלעכן פאַרקלענערן דעם נאָכדור, וועלכער איז פאָרגעקומען אין די בורזשואַזע שיכטן, האָט פון איין זייט געבראַכט צו דער פאַרשפּרייטונג פון כּלערליי געשלעכטלעכע אַנאָמאַליעס, ווי למשל, צו איינגעשלעכטלעכער ליבע. אין דער ענגלישער „געזעלשאַפט" האָט צוזאַמען מיטן מאַלטוסיזם געהערשט אויך די גריכישע ליבע, ווי דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אינעם פּראָצעס פונעם דיכטער אָסקאַר אואַילד, וועלכער איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף קאַטאָרגע־אַרבעט; אין פראַנקרייך האָט די איינגעשלעכטלעכע ליבע אויך פאַרמאָגט אַסאַך אָנהענגער צווישן דער רייכער בורזשואַזיע (זאָלאַס ראָמאַן „פּאַריז") און זי האָט געפונען פאַר זיך באַגייסטערטע פּרעדיקער (פּ. לואיסעס ראָמאַן „אַפראָדיטאַ").

דערזעלבער פּראָצעס פון קינסטלעכן פאַרקלענערן דעם נאָכדור האָט, פון דער צווייטער זייט, געבראַכט צו אַ נעגאַטיווער באַציאונג צו דער פיזישער ליבע, צו אַ ווידעראויפלעבונג פונעם פּלאַטאָניזם און אַסקעטיזם.

אין איינער פון די דערציילונגען פונעם שוועדישן שרייבער אָל האַנסאָן (זאַמלבוך Sensitiva Amorosa) האָבן דער העלד און די העלדין קיינמאָל נישט אויסגערעדט קיין איין וואָרט צווישן זיך, און זייער גאַנצע ליבע האָט זיך באַגרעניצט דערמיט, וואָס זיי פלעגן לאַנ־

נע שעהן זיצן איינער קעגן אַנדערן ביים ים־ברעג, און זיי פּלעגן שווייגנדיק זיך קוקן אין די אויגן אַריין. „קיין שום פּיזישע באַהעפטונג — זאָגט דער מחבר אין דעם צוזאַמענהאַנג — וואָלט נישט געקאָנט זיין אינטימער פאַר דערדאָזיקער צונויפגיסונג פון צוויי וועזנס, וואָס זייערע געפילן און געדאַנקען האָבן, צוזאַמענפלעכטנדיק זיך, באַפרוכפּערט איינס דאָס אַנדערע“. אַ צווייטער שוועדישער שרייבער הײדענסטאַם פאַרגלייכט די ליידנשאַפטלעכע ליבע צו אַן עקלהאַפטן דראַקאָן מיט פליגלען און נעגל אָדער צו דער עגיפּטישער געטין האַטאָר, אַ פרוי — אַ מיאוסניצע מיט אַ קאָפּ פון אַ מיאַוקענדיק קעצעלע. אַמאָל טראַכט ער אויס נאָך טריבערע סימבאָלן. אין אַן אַלטער קירכע הענגט אַ בילד, וואָס שטעלט פאָר אַ טייוול, וועלכער דרייט אַרום זיין באַקענעם קאָפּ אַ מענטש, וואָס איז אָנגעשטאָכן אויף פייערדיקע גאָפּלען און איז צוזאַמענגעדרייט, ווי אַ רינג, אַזוי אַז די פינגער פון די הענט רירן אָן די פיס־זוילן: דערדאָזיקער טייוול — דאָס איז די ליבע! אין אַ צווייטער דערציילונג שילדערט הײדענסטאַם אַ יונגעמאַן, וועלכער זאָגט זיך אָפּ פון קערפּערלעכער ליבע אין נאָמען פון יענער ליבע, וואָס פאַרלאַנגט גאָרנישט פון איר אָביעקט, פאַרוואַנדלענדיק אים אין אַן אָנקערפּערדיקן גייסט, אין אַ אידעאַל. ציטנווייז רופט ער צונויף געסטע און אָנווייזנדיק אויף אַ ליידיקן שטול זאָגט ער צו זיי: „אָט דאָרט זיצט מיין פרוי, וועלכע ווערט קיינמאָל נישט אַלט. קיין גליקלעכערע הייראַט ווי אונזערע איז גאָר אויף דער וועלט נישט פאַראַן. אָוונט־צו, ביים שיין פון לאָמפּ, לייען איך איר לידער, וואָס איך שאַף לכבוד איר, און ווען איך וועל שטאַרבן, וועט זי זיך זעצן ביי מיר צוקאָפּנס אַ שטילע און צניעותדיקע ווי תמיד“.

אין דער נייערער פראַנצויזישער ליטעראַטור באַווייזן זיך אויך אָפּט פיגורן פון צַסקעטן, וועלכע גייען אַוועק אין אַ קלויסטער־צעלע, פאַרלאָזנדיק ערדישע תענוגים (היסמאַנס: „אין וועג“), מענטשן, וועלכע זענען פאַרליבט אין אַ פרויע־מאַנעקען (ווילע דע ליל אדאן: „די צוקונפטיקע חווה“), אָדער אין אַ בלימל (מאָפּאַסאַן: „דער גט“), מענטשן, וועלכע טרוימען וועגן אַ „מיסטישער חתונה“, וועגן אַ „קוש פון צוויי נשמות“, וועגן אַ „מוחדיקער באַהעפטונג“ (פּרעוואָ: „לעאַ“). אין דער ליטעראַטור און אין דער מאַלעריי באַקומען די שליטה, לויט זאָלאַס ווערטער, „אָנקערפּערדיקע בתולות, וועלכע טוליען זיך אין די אָרעמס פון געליבטע, ענלעכע צו גייסטער“. „זאָל דער לעצטער מאַן און די לעצטע

פרוי אויסגעלאָשן ווערן אין בתולהדיקער עלטער, — רופט אויס איינער פון ע. ראָד׳ס העלדן („דער געלאַף צום טויט"), — זאָלן זיי שטאַרבן מיט גרויסן געדאַנק, אַז צוזאַמען מיט זיי פאַרשווינדט פון דער ערד דאָס באַוואוסטזיניקע לעבן".

אין דער עקזיסטירנדיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט האָט אַ מיידל פון אַ בורזשואַזער פאַמיליע אַסאַך ווייניקער שאַנסן חתונה צו האָבן, ווי פריער. דאָס איז סיי צוליב דעם, וואָס דער פאַרשאַרפטער קאַמף פאַר עקזיסטענץ האַלט אַלץ אָפטער אָפּ דעם מאַן פון חתונה־האָבן און סיי צוליב דעם, וואָס די מאַשין, וועלכע האָט פאַרקלענערט די ספערע פון דער פרויס הויז־אַרבעט, האָט צוזאַמען דעמיט פאַרקלענערט דעם ווערט פון חתונה־האָבן אַלס באַלעבאַטישקייט־אינסטיטוציע. און דאָס, וואָס איז געוואָרן פאַר דער פרוי אַ באַלקאָרכעדיקייט (דאָס נישט חתונה־האָבן), האָבן די פעמיניסטקעס פאַרוואַנדלט אין אַ טוגנט. זיי האָבן אָנגעהויבן פרעדיקן אַ באַוואוסטזיניקע שנאה צום מאַן. אין דער נייערער ליטעראַטור נעמען זיך אָפּט באַווייזן פיגורן פון קעמפערישע אַמאַזאָנקעס, ווי ראָמען פירניץ און פרעדעריקאַ סיריע אין פרעוואָס ראָמאַן „לעאַ", וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אַזוי צו דערציען דעם יונגן פרויען־דור, אַז ער זאָל זיך נישט נויטיקן נישט אין דעם געלט, נישט אין דער ליבע פון אַ מאַן. צייטנווייז פלעגט די דאָזיקע נעגאַטיווע פיינטלעכע באַציאונג מצד די פעמיניסטקעס צום מאַן אָננעמען אַ מין פּאַטאָלאָגישן כאַראַקטער. אַזוי, למשל, זעען מיר אין מאַדאַם אַסעניעווס ראָמאַן „דאָס טאָגבוך פון אַן עמאַנציפּירטער פרוי", ווי די העלדין פאַלט אַריין אין אַזאַ גרימצאָרן, ווען אַ יונגערמאַן פאַלט איר אויף די קני און דערקלערט זיך איר אין ליבע, אַז זי שלאָגט אים, בייסט אים די האַנט, און ווען ער פאַלט אַנידער אויף דר׳ערד שטעלט זי אים אַרויף איר פוס אויף דער ברוסט, אַז מ׳הערט אַזש ווי די ביינער קנאַקן.

אויב אין דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט לערנט זיך אויס די פרוי צו קוקן אויפן מאַן, ווי אויף אַ שונא, געוואוינט זיך אויך דער מאַן צו אַלץ מער און מער צו זען אין איר אַ פיינט, וואָרום זי באַקעמפט זיגרייך זיין העגעמאָניע אויפן אַרבעט־מאַרק, ביי דער וואַל־אורנע, און צומלעצט, אפילו אין דער פאַמיליע־נעסט. אין אַ גאַנצער ריי ווערק („דער ווידוי פון אַ נאַר", „קרעדיטאָרן", „חברים") איז דער שוועדישער שרייבער ס ט ר י נ ד ב ע ר ג אָנגעפאַלן אויף דער פרוי פונקט מיט אַ אַ ליידנשאַפטלעכער שנאה, פונקט מיט אַזאַ פינצטערן פאַנאַטיזם, ווי אַמאָל

די מיטלאַלטערלעכע אַסקעטן. סטרינדבערג רופט-אָן די פרוי „האַלב-מענטש, האַלב-מאַלפּע", „די פאָרשטייערין פון דער בראָנזענער תופה", ער ווייזט-אויף, ווי נישטיק, פויל און נאַריש די פרוי איז, און זי לעבט ווי אַ פּאַראַזיט מיטן געלט און מיט די געדאַנקען פונעם מאַן; ווי זי איז זיך פאַרבאָרגענערהייט נוקם אין אים פאַר זיין העכערקייט, און צומלעצט, צעבונטעוועט זי זיך מיט צינישער פרעכהייט אַקעגן איר פון געבוירן-באַרופענעם הערשער, „דעם שעפער פון די קונסטן און מלאכות", „דעם שעפער פון דער ציוויליזאַציע".

פאַרן שריפטשטעלער אין דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט שטעלט זיך די פרוי נישט-ווילנדיק פאָר, אַלס די בייזע אומברענגערין פונעם מאַן, וועלכע זויגט זיין בלוט און נאָגט-אויס זיין מאַרך. אין דער ליטעראַטור פונקט ווי אין דער מאָלעריי באַקומט שליטה דאָס בילד פון דער בלוטדורשטיקער בעל-תאווהניצע סאַלאָמע (אָ. ווילד: „סאַלאָמע", זודערמאַן: „יאָהאַן"). אין היסמאַנסנס ראָמאַן „אדרבה" פאַרקוקט זיך דער הערצאָג דעזעסענט זייער לאַנג אויף גוסטאַוו מאָראָס בילד, וואָס שטעלט פאָר סאַלאָמען אַלס „ משוגעדיקע חיה, וואָס סמט-אָפּ יעדערן, ווער עס טרעט נאָר צו נעענטער צו איר".

אין די אויגן פון דעם איצטיקן קינסטלער ווערט די פרוי אומבאַמערקבאַר פאַרוואַנדלט אין אַן אויסברוך פון גיהנום, אין אַ בייזבשורהדיקן „ערדגייסט", וואָס מאַכט חרוב אַלץ, וואָס געפינט זיך אויף זיין וועג: אַזוי שילדערט זי וועדעקינד אין דער געשטאַלט פון לולו, אָט-דאָס שרעקלעכע מיידל, וואָס געדענקט נישט אין אירע עלטערן, וואָס איז פרעמד פון יעדן מין גייסטיקע ענינים און מאָראַלישע געפילן, וואָס ווייסט אַפילו נישט צי זי פאַרמאָגט אַ נשמה, וואָס דערהרגעט יעדערן, מיט וועמען זי פאַרבינדט איר גורל — פונקט ווי אַ בייזע פוריע טרעט זי איבער טויטע קערפּערס צו רייכטום און מאַכט מיט אַ פאַקל פון פאַרניכטונג אין האַנט.

און וויבאַלד מאַן און פרוי שטייען איינער אַקעגן אַנדערן ווי שונאים, איז קיין וואונדער נישט, אַז אויך די ליבע ווערט אין דער נייערער ליטעראַטור פאַרוואַנדלט אין אַזאַ געפיל, אין וועלכן די קעגנזייטיקע ליידנשאַפט ווערט מגולגל אין אַקעגנזייטיקער פיינטשאַפט. לייטענאַנט גלאַן און עדוואַרדאַ, אין דעם נאָרוועגערס, קנוט האַמסונס, ראָמאַן „פאַן", ווייזן אַרויס זייער ליבע איינער צום אַנדערן דורך משוגעדיקע נקמהדיקע שפּיצלעך. דאָס גרעסטע גליק זייערס באַשטייט

אין אַוועקשטעלן איינער דעם אַנדערן אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע, אין פאַרשאַפן איינער דעם אַנדערן, פאַר מענטשן אין די אויגן, עגמת־נפש און באַליידיקונגען.

און פונקט ווי די ליבע ווערט אונטער דער פעדער פון דעם מאָדערנעם שריפטשטעלער פאַרוואַנדלט אין שנאה, אַזוי ווערט אויך דאָס פאַמיליע־לעבן אַ כסדרדיקע פאַרמאַסקירטע מלחמה. אין *סטרינדבערגס* דראַמע „דער פאָטער" זענען מאַן און ווייב דאָס גאַנצע לעבן צווישן זיך אויף מעסערס, זייער צוזאַמענלעבן איז נישט מער, ווי אַ קאַמף פאַר מאַכט, דערביי איז די פרוי, אַלס וועזן פון אַ נידעריקערער ראַסע, „אינסטינקטיוו געמיין" און זי זאָגט זיך נישט אָפ פון קיין שום מיטלען, אויף צו דערגרייכן איר ציל, — זי באַנוצט סיי אָפנאַרעריי, סיי רכילות.

אַזויאַרום איז אין דער מאָדערנער קאַפיטאַליסטישער געזעלשאַפט די ליבע געוואָרן אָדער אַ סעקסועלע אַנאָמאַליע אָדער אַן אַסקעטישער אויסברוך אָדער אַ פאַרמאַסקירטע שנאה. און אין יענע פאַלן, ווען איר איז אַ דאַנק עפעס אַ נס געלונגען זיך צו ראַטעווען פון די דערמאָנטע אייגנשאַפטן, ווערט זי דעגענערירט צוליב דער נערוועזיטעט, נישטגלייכגעוויכטיקייט און נישט־שטאַנדהאַפטיקייט פון דעם היינטיקן מענטש, און זי פאַרוואַנדלט זיך אין אַ גיכפאַרשווינדנדיקע שטימונג, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך צופעליקע אויסערלעכע איינדרוקן, און זי וועפט זיך, געוויינלעך, אויס פונקט אַזוי שנעל ווי שנעל און פלוצלינג זי איז געקומען. *הויפטמאַנס* העלדן („פאַר זונאויפגאַנג"), *פשיבישעווסקיס* („האָמאָ סאַפיענס"), *לאַנגמאַנס* („דער יונגערמאַן פון 95־סטן יאָר"), *האַלבעס* („יוגנט") פאַרליבן זיך געוויינלעך באַלד פון ערשטן בליק, אומדערוואַרט און צופעליק, זיי פאַרליבן זיך גיכער מיט די נערוון איידער מיטן האַרץ, און ס'רוב קילן זיי זיך אַזוי גיך אָפ, ווי גיך זיי האָבן זיך פונאַנדערגעפלאַקערט. די ליבע פון דעם היינטיקן מענטש באַקומט, אַזויאַרום, אַן אימפרעסיאָניסטישן כאַראַקטער. און אויב מאַן און פרוי בינדט שוין מער נישט קיין טיף געפיל, וואָס כאַפט אַרום אַלע זייטן פון דער פסיכאָפיזיק, נאָר אַ גיכפאַרשווינדנדיקע שטימונג, וואָס איר שורש איז הויפטזאַכלעך אין די נערוון, איז קיין וואונדער נישט, אַז דאָס געפיל גופא ווערט דערפירט צו אַ פשוטער פיזיאָלאָגישער באַפרידיקונג.

ס'איז שווער בעסער צו פאַרמולירן די עראָטיק פון דער קאַפי־

טאַליסטישער עפּאָכע, ווי דאָס טוט אין שניצלערס „קאַראַהאָד" דער גראַף, וואָס באַזוכט די אַקטריסע:

„דאָס, וועגן וואָס מ'רעדט צוממערסטן, — באַמערקט ער, — עקזיסטירט לגמרי נישט. צום ביישפּיל, ליבע־באַפרידיקונג, פאַר־שיכורונג, — דאָס איז, לכל הפחות, עפּעס אַ רעאַלע זאַך. איצט באַ־פרידיק איך מיך, גוט, ווייס איך, אַז איך האָב אַ באַפרידיקונג. אָדער איך בין פאַרשיכורט. אויסגעצייכנט. דאָס איז אויך עפּעס רעאַלס. אָבער ווען אַלץ איז דורכגעגאַנגען, איז עס פאַרשוואונדן".

אויב שניצלערס גראַף דערקלערט די פילאָזאָפיע פון דער מאָ־דערנער אימפּרעסיאָניסטישער ליבע, זעען מיר, ווי דער מאַרקיז קאַסטי־פּיאַני אין וועדעקינדס פּיעסע „דער טויטנטאַנץ" פאַרווירקלעכט זי אין דער פּראַקטיק כּולשטענדיק אין גייסט פון גרויס־אונטערנעמע־רישקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָ־כע. האַלטנדיק זיך ביים געדאַנק, אַז „בלויז די באַפרידיקונג איז דער איינאונאייבציקער שטערן, וואָס לייכט אונז אין די יסורים פון לעבן און טויט", האָט זיך דער מאַרקיז פאַרנומען מיט פרויען־האַנדל אין סאַמע ברייטסטן מאַסשטאַב מיטן ציל צו פאַרוואַנדלען די גאַנצע וועלט אין אַ גראַנדיעז הייזל, אין אַ גראַנדיעזן ליבע־מאַרק.

ביי די באַדינגונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז, אַזויאַרום, דאָס עראָטישע געפיל באַדייטנדיק געענדערט געוואָרן. עס איז אָדער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געשלעכטלעכער אַנאָמאַליע, אָדער עס איז מגולגל געוואָרן אין אַ קעגנזייטיקער פיינטשאַפט, אָדער צומלעצט, עס איז דעגענערירט געוואָרן און דערגאַנגען צו דער מדרגה פון אַן אימפּרעסיאָניסטיש־גיכפאַרשווינדנדיקער שטימונג. אָט אין אַזאַ געענדערטער געשטאַלט האָט זיך עס אויך אָפּגעשפּיגלט אין דער ייִערער ליטעראַטור.

V.

דאָס קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע־סיסטעם, וואָס האָט זיך איינ־געשטעלט אין ז״ע מערב־אייראָפּעאישע לענדער אין דער צווייטער העלפט פון נייַנצענטן יאָרהונדערט, האָט נישט בלויז באַרייכערט די ליטעראַטור מיט אַ נייעם אינהאַלט, איבערבויענדיק די געזעלשאַפט־

לעכע און געשלעכטלעכע פאַרהעלטנישן, נאָר דאָסדאָזיקע סיסטעם האָט אומדירעקט אויך געשאַפן אַ נייעם קינסטלערישן סטיל, פאַרענדערנדיק די פסיכיק פון דער בורזשואַזיע און פון דער אינטעליגענץ.

דאָס פיבערהאַפטיקע לעבן פון דער גרויסער שטאָט. די פאַרשאַרפטע קאָנקורענץ, די נויטווענדיקייט זיך דורכצושלאָגן אַ וועג אין לעבן דורך נויט און טויזנטער מכשולים, דער באַגער צו באַפרידיקונגען און קאָמפאָרט, דאָס אַלץ האָט געמאַכט דעם אייראָפּעער פון נײַנצעטן יאָרהונדערט פאַר אַן אויסערגעוויינלעך-נערוועזן. ער גיט זיך זייער לייכט אונטער די קלענסטע אויסערלעכע איינדרוקן, וועלכע פאַרשקלאַפן אים אַזוי שטאַרק, ביז עס פאַרלירט זיך אינגאַנצן זיין פערזענלעכקייט.

אין אַל האַנסאָנס דערציילונגען „Sensitiva Amorosa" איז געשילדערט אַ גאַנצע קאָלעקציע טיפּן, וועלכע פאַרמאָגן די פילבאַרקייט פון אַ מימאָזע, וועלכע זענען אַזוי ווייט עמפינדלעך, אַז אפילו „דער שאָטן, וואָס פאַלט פון אַ קאָמאַרס אַ פליגעלע, אָדער אַ פעלדעלע, וואָס מאַכט זיך אויף אַ רויזנבלעטעלע", זענען בכוח זיי אַרויסצוברענגען פון גייסטיקער גלייכגעוויכט. לייכט אונטערפאַלנדיק פאַרשיידענע איינדרוקן נעמט זיי אויף דער נערוועזער מענטש נישט טיף און ער איז תיכף עלול זיי צו פאַרגעסן. אין הויפטמאַנס דראַמע „די איינזאַמע" איז יאָהאַן פאָקעראַט גרייט „צו שפרינגען ביזן באַלקן", ווען ער דערהערט די בשורה, אַז ביי אים איז געבוירן געוואָרן אַ זון, און אין אַ מינוט אַרום איז ער שוין לחלוטין גלייכגילטיק צו דעמדאָזיקן פאַקט. דער נערוועזער מענטש גייט דעריבער לייכט אַריבער פון איין שטימונג אין אַ צווייטער, אין ממש אַ קעגנזעצלעכער, ווי דער פּאָעט פאַלק אין פשיבישעווסקיס ראָמאַן „האָמאָ סאַפּיענס", וועלכער שפרינגט אַ ליאַדע מינוט אַריבער פון זעלבסטבאַרימעריי צו זעלבסטפייניקונג, פון דעפּרעסיע צו טריאומפירונג. געפינענדיק זיך אייביק אונטער דער ממשלה פון צופעליקע איינדרוקן און גיכפאַרשווינדנדיקע שפירונגען — האָט נישט דער נערוועזער מענטש נישט קיין צייט, נישט קיין מעגלעכקייט אויסצואַרבעטן ביי זיך אַ כאַראַקטער און פעסטע איבערצייגונגען. שילדערנדיק אין דער זאַמלונג „נערוועזע נאָוועלן" אַ ריי אַזעלכע נישט-שטאַנדהאַפטיקע און נישט-גלייכגעוויכטיקע מענטשן, באַמערקט טאָוואָטע, אַז מ׳קען פון זיי נישט פאַרלאַנגען

קיין „פעסטן כאַראַקטער", וואָרום זיי בייטן זיך כסדר אָפּהענגיק פון „אויסערלעכע אומשטאַנדן, אומאויפכאַפּבאַרע שטימונגען, אָפט פון איין צופעליק וואָרט". דער נערוועזער מענטש נעמט־אויף, בכן, די וועלט אימפּרעסיאָניסטיש, ד. ה. אין דער געשטאַלט פון איינצלנע, אָפּגעזונדערטע, נאָר דערפאַר בונטע איינדרוקן, וועלכע רופן אין אים אַרויס שנעל־אויפפלאַמענדיקע און גלייכצייטיק שנעלפאַרשוואונדנדיקע, אָפט זייער סובטעלע, שפּירונגען און שטימונגען.

דידאָזיקע אימפּרעסיאָניסטישע מאַניער אין דער וועלט־אויפפאַסונג איז ענג פאַרבונדן מיט אַ פאַטאַליסטישער לעבנס־קאָנצעפּציע.

אין איינער פון לאַנגמאַנס דערציילונגען זעט אַ יונגערמאַן פאַר זיך עפּעס אַן אומבאַקאַנטע דאַמע און, אָפּגעבנדיק זיך פאַסיוו דער ממשלה פון די אויף אים שטראָמענדיקע זע־איינדרוקן, פאַרליבט ער זיך אין איר, און אים דאַכט זיך דעריבער, אַז זיין גורל איז שוין לכתחילה „באַשטימט געוואָרן דורך עמיצן אַנדערש". אין פּשיבישעווסקיס ראָמאַן „Homo sapiens" פאַרליבט זיך פאַלק פּונקט אַזוי אומבאַוואוסטזיניק און פאַסיוו אין איזען, הויפּטזאַכלעך דערפאַר, ווייל ער זעט זי אַ באַליכטענע מיטן רויטן שיין פונעם אַבאַזשור. דאָסדאָזיקע רויטע ליכט צווינגט אויפצוציטערן דעם אַנטשפּרעכנדיקן נערוו. „איך ציטער, איז אַ סימן, אַז איך ליב". ווערנדיק אַ פאַסיווער קרבן פון צופעליקע איינדרוקן, זעט־איין פאַלק אין אָט־דעם גאַנצן עפּיזאָד עפּעס פאַטאַלס, און די פרוי, וואָס האָט אין אים דערוועקט דאָס געפיל, שטעלט זיך נישטווילנדיק פאָר, ווי אַן „אַנטפּלעקונג פון גורל". אין ראָדענבאַכס ראָמאַן „העכער פון לעבן" ליבט דער אַרכיטעקט באַרליט עפּעס אַ מיידל, אָבער אַ חתונה־פאָרשלאַג מאַכט ער איר שוועסטער. „איין בליק פון דער לעצטער האָט אַלץ געענדערט, אַלץ אַנטשיידן". זייענדיק אָפּהענגיק אינגאַנצן פון צופעליקע איינדרוקן, ווערט דער אַרכיטעקט אַ פאַטאַליסט. „אונזער לעבן, — טענהט ער, — גייט זיך זיין אייגענעם וועג, און אַלץ קומט פאָר נישט אַזוי, ווי מיר מיינען. אָנשטאָט אונז ווירקן די אומשטאַנדן, וועלכע באַפאַלן אונז אומדערוואַרט. אַמאָל שטויסט זיך אָן אונזער ווילן און ער שפּירט די פאַר אים פונאַנדערגעשפּרייטע נעצן, ער וויל אונז ראַטעווען, אָבער דער גורל איז שטאַרקער פאַר אונז און מיר איילן מקבל־פּנים זיין אונזער אומגליק"...

דידאָזיקע אָפּהענגיקייט פון טויזנטער צופעליקייטן, דידאָזיקע

אומפעאיקייט זיך צו פאַרטיידיקן פאַר די אָנגריפן פון דער אויסער־לעכער וועלט מאַכט מסוגל דעם אייראָפּעער פון סוף נײַנצעטן יאָר־הונדערט צו זײַן תמיד אין אַן אינסטינקטיווער מורא — אַ שרעק פאַרן לעבן ווערט די דעצידירנדיקע שטימונג אין זײַן נשמה. אין איינער פון אַל האַלסאַנס דערציילונגען ווערט געשילדערט אַ יונגער מענטש, וואָס אפילו בעת אַ שמועס, צו וועלכן ער האָט זיך צוגע־הערט זייער אויפמערקזאַם, פלעגט אים פּלוצלינג באַפאַלן אַ פּחד און עס פלעגט זיך אים אויסדאַכטן, אַז „ערגעץ ווייט האָט זיך אים עפּעס באַוויזן אַ דראָאונג, אַנזאָגנדיק אומגליק". „דערדאָ יקער פּחד האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט, ווי אַ ראַק, אויף זײַן גאַנץ גייסטיק לעבן, ער האָט אָפּגעשטעלט דעם מעכאַניזם פון זײַנע געפילן, ער האָט אים געצוואונגען אַלץ צו טון פאַרקריפּלט און ער האָט זײַנע נערוון אויס־געטון נאַקעט".

אַן אימפּרעסיאָניסטישע מאַניער אין פילן און אַ פאַטאַליסטישע מאַניער אין דענקען — אָט דאָס זענען די קענצייכנס פון דער נער־ווועזער פּסיכאָפיזיק, און דידאָזיקע ביידע שטריכן זענען געוואָרן דער יסוד פון דעם נייעם קינסטלערישן סטיל — פון דעם סטיל־מאָדערן.

דער אימפּרעסיאָניזם און דער פאַטאַליזם טרעטן בולט אַרויס שוין אין זאָלאַס ליטעראַרישער מאַניער. זייענדיק אַ מענטש זייער אַן עמפּינדלעכער, באַזיצנדיק אַן אויסערגעוויינלעך־אַנטוויקלטע ראיה, אַ געשמאַק און אַ געהער, פאַרמאָגנדיק אַ סינטעטישן זכּרון, האָט זיך זאָלאַ באַמיט קינסטלעריש אַרויסצוברענגען אויף ווי ווייט מעגלעך אַלע איינדרוקן, וואָס ער האָט באַקומען פון דער אויסערלעכער ווירקלעכ־קייט און איין קריטיקער איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז אין דער שילדערונג פונעם פּאַראַד־גאָרטן („דער חטא פון אַבאַט מירע") אָדער פונעם פּאַריזער פויגל־מאַרק („דער בויך פון פּאַריז") פילט זיך דער ריח פון בלומען און פון דעם אויסגעשטעלטן געפליגל. זייענדיק אַ מענטש, וואָס פלעגט זיך לייכט און פּאַסיוו אונטערגעבן איינדרוקן, וועלכער פלעגט זיך צוליב דעם פילן נישט־פריי און געפּענטעט; זייענ־דיק אַ מענטש, וואָס פלעגט לײַדן, לויט די רייד פון דאָקטאָר טולוז, וועלכער האָט אים באַהאַנדלט, פון אַ נטיה צו אַבערגלויבענישן, וועל־כער פלעגט זיך האַלטן פאַר אָפּהענגיק פון צופעליקע קעגנשטאַנדן, איז זאָלאַ לויט זײַנע שטימונגען אַ האָפענונגסלאָזער פאַטאַליסט. זײַן

גאַנצע גראַנדיעזע עפּאָפּעע ריגאָן־מאַקאַר איז, ווי באַקאַנט, געבויט אויף דער אידעע פון אַ ירושהדיקייט, וועלכע האָט פון פאָרויס באַשטימט דעם גורל פון אַלע מיטגלידער פון דעמדאָזיקן שטאַם. איין טייל — דער בורזשואַזער צווייג — האָט אָפּגעיאַרשנט פון זיידן, דעם גערטנער ריגאָן, זיין אומאויסשעפּבאַרע ענערגיע, וועלכע איז געקומען צום אויסדרוק ביי עאוגענען („זיין הויכקייט עאוגען ריגאָן") אין דער פאָרם פון כבוד־זוכעניש, ביי אַריסטידן („געלט") אין דער פאָרם פון ליידנשאַפטלעכער געלט־גייציקייט, ביי פּאַסקאַלן („דאָקטאָר פּאַסקאַל") אין דער פאָרם פון אַרבעטזאַמקייט. דער אַנדערער טייל — דער פּראָלעטאַרישער צווייג, וואָס האָט געשטאַמט פון דער הייראַט פון דער אלמנה ריגאָן מיטן אַלקאָהאָליקער מאַקאַר, — האָט ווידער אָפּגעיאַרשנט דורך דער וועשין זשערוועז („די פּולאַפּקע") כלערליי פּאַטאָלאָגישע אייגנשאַפטן, פאַרשיידענע פאָרמען פון משוגעת, ווי עטיען („קוילנגרעבער", אַ לייכטע פאָרם פון mania homicidalis), זשאַק („אַ מענטש־חיה", דיזעלביקע קרענק אין אַ שאַרפער פאָרם) און קלאָד („שאַפונג", אידיאָטיזם). פון דער צוזאַמענקרייצונג פון דעם ריגאָן־בלוט און דעם מאַקאַר־בלוט איז אַרויסגעקומען אַ דריטער צווייג, וואָס איין טייל פון זיינע מיטגלידער האָבן אָפּגעיאַרשנט ריגאָנס ענערגיע, ווי אָקטאַוו („דאַמען־גליק") און אַ צווייטער טייל — מאַקאַרס פּאַטאָלאָגישן כאַראַקטער, ווי סערזש („דער חטא פון אַבאַט מירע"). די גרעסטע גראַנדיעזקייט דערגרייכט דידאָזיקע פּאַטאַליסטישע לעבנס־קאָנצעפּציע אינעם ראָמאַן „אַ מענטש־חיה", וואו זשאַק לאַנטיע קאָן נישט אַ קוק־טון אויף אַ פרוי, ס'זאָל זיך אין אים נישט דערוועקן אַ חשק זי צו דערהאַרגענען. פון געהיימנישפולע שיכטן פון זיין נאַטור, פון פינצטערע אָפּגרונטן פון זיין אומבאַוואוסטזיניקער פּסיכיק דערהויבט זיך פלוצלינג, פאַרשיכורנדיק זיין בלוט, פאַרטונקלענדיק דעם פאַרשטאַנד, אַ ליידנשאַפטלעכער באַגער פון נקמה, עס קומען אויף די אַטאַוויסטישע אינסטינקטן פונעם „הייל־מענטש", וועלכער איז געווען געגאַרט אין באַליידיקט דורך אַ פרוי. זשאַק פלעגט פילן ווי די האַנט, נישט פאָלגנדיק אים, הויבט זיך כדי אַ קלאַפּ צו טון. „מ'האָט געקענט מיינען, אַז דידאָזיקע הענט זענען נישט זיינע, נאָר פרעמדע, וועלכע זענען צו אים אַריינגעפאַלן בירושה פון עפּעס אַן עלטער־זיידע, וואָס האָט געלעבט אין די פאַרהיסטאָרישע צייטן, ווען דער

מענטש האָט געמוזט אין די ווילדער שטיקן מיט די אייגענע הענט די רויב חיות".

אָנהויבנדיק פון די אַכציקער יאָרן פון נײַנצענטן יאָרהונדערט האָט דער נײַער סטיל גענומען איבערפאָרמירן אַלע מינים ליטעראַטור.

1. היות ווי דער נערוועזער מענטש לעבט מיט שנעל זיך־טוישנדיקע, גיכפאַרשווינדנדיקע אײַנדרוקן, איז דער ראָמאַן פאַרקירצט געוואָרן ביז דער מאָס פון אַ נישט־גרויסער דערציילונג, וואָס פאַרנעמט בלויז עטלעכע זײַטן, פון אַ קורצינקער נאָוועלע אָדער אַ מיניאַטור (שלאַפּס און האָלצס דערציילונגען: „נײַע וועגן"; אַל האַנסאָנס: „סענסיטיוואַ אַמאָראָזאַ"; פּעטער אַלטענבערגס: „ווי די וועלט זעט אויס אין מײַנע אויגן"). די מחברים האָבן זיך דערבײַ באַמיט אַרויסצוברענגען די קלענסטע דעטאַילן פונעם באַטרעפנדיקן קעגנשטאַנד אַזש ביז ליכט־שאָטן (שלאַפּס דערציילונגען „אין שטילן ווינקל") און די קוים־אויפכאַפּבאַרע, האַלב־באַוואוסטזיניקע זעלישע עמאָציעס (האַנסאָן, פּשיבישעווסקי, האַמסון), וועלכע דויערן אַ טויזנט־חלק סעקונדע, „וועלכע זענען צו קורץ פאַר אונזער באַוואוסטזײַן" (פאַלקס ווערטער אין פּשיבישעווסקיס ראָמאַן „האָמאָ סאַפּיענס").

2. היות ווי דער נערוועזער מענטש לעבט מיט באַזונדערע אײַנדרוקן אָדער גיכפאַרשווינדנדיקע שטימונגען, איז די ליריק פאַרוואַנדלט געוואָרן פון איין זײַט אין אַ פּשוט אָנשנירלען באַזונדערע אײַנדרוקן איינעם נאָכן אַנדערן (האָלץ) אָדער אין אַ טראַנספאָרמירונג, דורך ספּעציעלן צונויפּנעם פון קלאַנגען, פון געוויסע אומבאַשטימטע מוזיקאַלישע שטימונגען (ווערלען).

3. עס האָט זיך אויך באַדײַטנדיק געענדערט די דראַמאַטישע טעכניק.

א) היות ווי דער נערוועזער מענטש לעבט מיט שטימונגען און אײַנדרוקן, האָט די נײַע דראַמע גענומען אַרויספירן אויף דער סצענע נישט קיין האַנדלונגען, נאָר צושטאַנדן — דער סטאַטישער עלעמענט העגעמאָנירט אין איר איבער דעם דינאַמישן. אַזוי זעען מיר, ווי איבסען באַווײַזט אויף דער סצענע נישט דעם קאַמף פון די העלדן מיט שטערונגען, נאָר די זעלישע עמאָציעס, וועלכע ווערן דורך זיי דורכגעלעבט שוין נאָך דעם, ווי זיי האָבן אָדער דערגרייכט דעם ציל („די זײַלן פון דער געזעלשאַפט") אָדער ווי זיי האָבן געליטן אַ דורכ־

פאַל („דושאַן באָרקמאַן"). הויפּטמאַנען געפעלט בעסער צו שילדערן אויף דער סצענע נישט די עצם־קאָנפליקטן, נאָר זייערע פּסיכאָלאָגישע פועל־יוצאס („דער יום־טוב פון דער וועלט"). ער טראָגט איבער די האַנדלונג גופא אויף דער סצענע („פלאָריאַן גייער", „ראָזאַ בערנד"). פונקט אַזוי טוט אויך מעטערלינק. אין זיינע קליינינקע פּיעסעס פירט ער אַרויס נישט די געשעענישן און צוזאַמענשטויסן, נאָר בלויז די אָדער יענע שטימונגען.

ב) היות ווי דער נערוועזער מענטש איז בעצם אַ פּאַסיווע נאַטור, און נישט קיין אַקטיווע, ווערן אין דער נייער דראַמע אַרויסגעפירט נישט קיין העלדן־קעמפער, וועלכע שטרעבן אַקטיוו צו אַזאַ אָדער אַן אַנדער ציל, נאָר מענטשן, וועלכע גיבן זיך אונטער הכנעהדיק און פּאַסיוו די אומשטאַנדן. אַזוי זענען אַלע העלדן פון הויפּטמאַנס פּיעסעס (פּאָקעראַט, היינריך, קראַמפּטאָן, שולץ) אַכטע נעוראַסטעניקער, וואָס אָדער ביי זיי איז „דער ווילן פונקט ווי אַ שטרויעלע", אָדער „זיי פאַרמאָגן קיין ברעקל ווילן נישט". דאָס זענען מענטשן, וואָס וואַקלען זיך תמיד און קאָנען אַליין זייער גורל נישט איינאָרדנען (שאָלץ, הענשל), דאָס זענען מענער, וואָס מ׳קאָן זיך וועגן זיי אויסדריקן מיט דער ווערקע לואיזעס ווערטער: „שמאַטעס זענט איר, און נישט קיין מאַנסבילן". אַזוי האַלטן אויך מעטערלינקס העלדן פאַר דער גרעסטער חכמה דאָס „געדולדיקע ליידן", און „בוקנדיק זיך אויף די קני", גיבן זיי זיך אָפּ דער ממשלה פון די אומשטאַנדן, און מעטערלינק גופא האָט געהאַלטן פאַר דעם אמתדיקן העלד פון אַ דראַמע „אַ מענטש אַ פּאַסיוון" („דער אוצר פון די געדולדיקע").

ג) היות ווי דער נערוועזער מענטש איז אוממעכטיק צו מאַכן אונטערטעניק צו זיך די סביבה, פאַרנעמט ממילא די סביבה (ירושהדיקייט־געזעץ, מאַטעריעלע באַדינגונגען, דערציאונג א. אַ. וו.) אין דער נייער דראַמע מער אָרט, ווי די פּערזענלעכקייט (איבסען: „וויזיעס", „נאָראַ"; הויפּטמאַן: „פאַר זונאויפגאַנג", „מיכאַל קרעמער" א. אַ. וו.; האַלבע: „אייזגאַנג", „יוגנט"). דער אייגנטלעכער העלד פון דער דראַמע ווערט דער בלינדער צופאַל, וועלכער באַלעבאַטעוועט זעלבסטהערשעריש איבערן לעבן פון מענטשן, דערשיינענדיק אַמאָל אין דער געשטאַלט פון דעם בעטלערישן שלעפער טיו (האַמסון: „די לעבנס־דראַמע"), אַמאָל אין דער געשטאַלט פון דער ווייסל, וועלכע פּלייצט פּלוצלינג אַרויס פון די ברעגעס (האַלבע: „אייזגאַנג"), אַמאָל ווידער אַלס

אידיאָט, וואָס שפּילט זיך מיט געווער (האַלבע: „יוגנט"), און אַן אַנדערש מאָל אַלס פאַרבלאָנדזשעטע זעלנערישע קויל, וואָס דערהאַרגעט אַ לחלוטין אומשולדיקן מענטש (הויפּטמאַן: „די וועבערס").

ז) היות ווי די דעצידירנדיקע שטימונג אין דער נשמה פונעם נערוועזן מענטש איז די שרעק, האָט די נייע דראַמע, באַזונדערס אין דער פּערזאָן פון מ ע ט ע ר ל י נ ק ן, זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו דערוועקן טאַקע ביי די צושויער אַ שרעק פאַרן לעבן.

די מענטשן, וואָס מעטערלינק פירט־אַרויס, שרעקן זיך פאַר אַלץ, וואָס זיי זעען און הערן. יעדע זאַך מאַכט זיי ציטערן און פלאַטערן: דער קלאַנג פון אַ קאָסע, וואָס דער גערטנער שאַרפט זי אין סאָד, דער בלאָז פון ווינט, וואָס רייסט זיך אַריין אין פענצטער („די אומגעבעטענע אורחטע"), דער קנאַק פון טרוקענע צווייגן, דאָס זשומען פון פויגלען און דער ברום פון ים („בלינדע"). „וועגן וואָס זאָלסט נישט אַ טראַכט טון, איז אַלץ אַזוי שרעקלעך ז" אָט דידאָזיקע נערוועזע אומרואיקייט דרינגט אַריין אין אַלע ווינקעלעך פון זייער עקזיסטענץ און זי שפּיגלט זיך אָפּ אפילו אין זייער דיאַלאָג — שרעקנדיק זיך פאַר די אייגענע ווערטער, איילן זיי תמיד איבערצורייסן דאָס שוין אָנגעהויבענע רעדן, פול־זייענדיק מיט אַבערגלויבערישן פּחד. אין אַלעם, וואָס קומט פאָר אַרום זיי, זעען זיי איין אַן אַריינרייסן זיך אין לעבן פון עפּעס געהיימנישפולע און שרעקלעכע כוחות. אייביק מאַטערן זיי פאָרגעפילן און יעדע זאַך איז פאַר זיי אַן אָנזאָג־צייכן — דער געשריי פונעם אוהו, אַ האָגל, וואָס קלאַפּט אין פענצטער, אַ פאַנטאַן, וואָס הערט אויף צו פונקציאָנירן („פּרינצעסין מאַלען"). אָטאָ דידאָזיקע אומדערגרייכבאַרע־אומברחמנותדיקע כוחות, וועלכע געוועלטיקן איבערן לעבן, רופן מענטשן אָן מיט איין אַלגעמיין וואָרט „פאַטום". אמת, נישט תמיד ווייסן זיי דערפון, אַז דער פאַטום לויערט איבער זיי מיט אַ דאַמאָקלעס־שווערד, אַז שרעק און טויט שטייען הינטער דער טיר, אָפּוואַרטנדיק זייערע קרבנות, אָבער דאָס קומט פאָר בלויז אַ דאַנק אַ צו־גרויסער „צוטרוילעכקייט" — די טיר וועט זיך אַן עפן טון און דאָס גליק און די רו וועלן פאַרשוואונדן ווערן ווי רויך („דאָרט אינעווייניק"). יעטוועדער קאַמף אַקעגן דעם פאַטום איז נוצלאָז, וואָרום ווי דער מענטש זאָל נישט זיין העלדיש און דרייסט, וועלן דאָך אַלע זיינע אָנשטרענגונגען צעקלאַפּט און צעשטויבט ווערן, אָנשלאָגנדיק זיך אָן דעם אייזערנעם טורעם, וואו עס קיניגט דער פאַטום אין אומבאַזיגבאַרער

געהײמנישפולקײט („טענטאַזשילס טויט“), דעריבער איז גלײכער און שכלדיקער צו פאַרלײגן די הענט אויפן האַרץ און הכנעהדיק אָפּוואַרטן דער קלאַפּ פון גורל.

אין זײַנע אָפּהאַנדלונגען „דער אוצר פון די געדולדיקע“ האָט מעטערלינק פשוט דערקלערט, אַז אַ דראַמע דאַרף קודם-כל אַרויסרופן אַ געפיל פון שרעק. דאָס איז דערזעלבער „נישט-ווילנדיקער פחד פאַרן לעבן“, וועלכער האָט זיך, לויט אָל האַנסאָנס ווערטער, „ווי אַ פּאַראַזיט אײַנגעזויגן אינעם אָרגאַניזם פון דעם הײַנטיקן דור, און ער לײגט אין אים זײַנע אײַעלעך און פּרוכפּערט זיך“.

VI.

כאָטש די נײַע ליטעראַטור פונעם מערב האָט זיך אַנטוויקלט אין דער קאַפּיטאַליסטישער סביבה, וועלכע האָט אַרויפגעלײגט אַ בולטן שטעמפּל אויף איר אינהאַלט און פאָרם, האָבן אָבער אין איר שאַפונג זיך באַטײליקט, הויפּטזאַכלעך, אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע גרופּעס, וועלכע געפינען זיך, אין תוך גענומען, אויף יענער זײַט פון דעם בורזשואַזן קעניגרײַך. קודם-כל זענען עס געווען פאַרשײדענע שיכטן פון דער אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט אין דער צווײטער העלפט פון נײַנצעטן יאָרהונדערט אויפגעהערט צו זײַן דער הערשנדיקער קלאַס.

די אידעאַלן און די שטימונגען פון דעם קעמפערישן פּריצנטום, וואָס האָט נאָך נישט געהאַט פאַרלוירן די האָפענונג אויף דער צוקונפט, דעם גלויבן אין זײַן היסטאָרישער „מיסיע“, זענען צומגלענצנדיקסטן געקומען צום אויסדרוק אין די אימפּרעסיאָניסטיש-געשריבענע פילאָזאָפישע טראַקטאַטן און פּאָעמעס פון פ ר י ד ר י ך נ י ט ש ע („אויף יענער זײַט גוטס און שלעכטס“; „דער ווילן צו מאַכט“).

ניטשע איז אַ פאַרביסענער שונא פון דער עקזיסטירנדיקער בורזשואַזי-דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט. ער פאַלט-אָן מיט שוים אויף די ליפּן אויף דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט פּראָקלאַמירט די גלײַכהײט פון אַלע בירגער, בשעת די העכערע גערעכטיקײט פאַרלאַנגט: „פאַר גלײַכע גלײַכע רעכט, פאַר נישט-גלײַכע נישט קײן גלײַכע רעכט“. די קאָנסטיטוציאָנעלע רעגירונג-פאָרם זעט בײַ אים אויס, ווי דאָס גרעסטע בײז, ווײַל זי מאַכט אַ תּל פונעם „מאַכט-אינסטינקט“, אויס-

גלייכנדיק „טאָלן מיט בערג״. לויט זיין מיינונג קאָן האָבן אַ צוקונפט בלויז אַזאַ נאַציע, וועלכע בויט אירע פּאָליטישע אינסטיטוציעס אויף די יסודות פון „אויטאָריטעט״ און „טראַדיציע״, ווי דאָס האָט זיך געפירט, למשל, אין דער רוימישער אימפּעריע און ווי עס פירט זיך נאָך אין רוסלאַנד (אינעם פאַר־רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד).

מיט נאָך מער ליידנשאַפטלעכקייט, ווי קעגן דער דעמאָקראַטיע, טרעט ניטשע אַרויס אַקעגן דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם סאָציאַליזם. דער עצם־פאַקט, וואָס עס עקזיסטירט די סאָציאַלע פראַגע, זאָגט עדות, לויט זיין מיינונג, אַז עס האָט אַבסאָלוט דעגענערירט דער מאַכט־אינסטינקט ביים הערשנדיקן קלאַס. אַנשטאָט מען זאָל מאַכן פונעם פּראָלעטאַריער עפּעס אַ מין „כינעזער״, וועלכער זאָל זיין צופרידן מיט זיין גורל, האָט מען אים געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך צו אָרגאַניזירן און מ'האָט אים אויסגעלערנט ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיט געווער. „אויב איר ווילט האָבן שקלאַפן, — זאָגט ניטשע צו די געזעצגעבער, — צו־וואָ־זשע דערציט איר האַרן ?״ אויף די סאָציאַליסטן קוקט ניטשע, ווי אויף אַ באַנדע „אונטערהעצערס״, וואָס לערנען די אַרבעטער „נישט־פאַרגינעריי און נקמה״. „די אומגערעכטיקייט באַשטייט נישט דערין, — זאָגט ער מכוח זיי, — וואָס עס עקזיסטירט אומגלייכהייט, נאָר דערין, וואָס אַלע ווילן האָבן גלייכע רעכט״.

ניטשע טרעט אַרויס אויך קעגן דער פעמיניסטישער באַוועגונג, וועלכע שטרעבט אויסצוגלייכן די רעכט פון די פרויען מיט די מענער. אַלס די איינציקע נאָרמאַלע פאָרם פון די געשלעכטלעכע פאַרהעלטנישן האַלט ניטשע די מיטלאַלטערלעכע אומצערייסבאַרע הייראַט, וועלכע באַזירט אויף די „הערשערישע״ און „אייגנטימערישע״ אינסטינקטן פונעם פאָטער.

די מאָדערנע דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט, וועלכע איז אַ רעזולטאַט פון אַ צוזאַמענמישונג פון פאַרשיידענע קלאַסן און געשלעכטער האָט, לויט ניטשעס מיינונג, געבראַכט צו אַ פולשטענדיקער דעגענעראַציע פון דער פּסיכיק, צו אַ פאַרקליינלעכונג פונעם מענטש־טיפּ. „יעדעס מאָל, ווען ראַסעס און שיכטן, וואָס האָבן אַ לענגערע צייט געלעבט אָפּגעזונדערט איינס פון דאָס אַנדערע, מישן זיך צונויף, מוז אָט דידאָזיקע צונויפמישונג פּראָדוצירן קרענקלעכקייט, נערוון־אָפּגעשוואַכטקייט. די נייע דורות, וואָס אין זייער בלוט צירקולירן צופיל פאַרשיידנאַרטיקע ווערטן און עלעמענטן, ווערן דורכגעדרונגען מיט ספקות, זוכע־

גישן, מיט אומרו. זייער ווילן ווערט אָפּגעשוואַכט און ער דעגענערירט. דידאָזיקע דורות ווייסן נישט פון העלדישע אויסברוכן און אַנטשליסונגען, און אפילו אין חלום ספקן זיי וועגן זייער האַנדלונגען-פרייהייט, ווילנלאָזיקייט ווערט אַן אַלגעמיינע קרענק, און זי פּרוווט זיך דאַן באַהאַלטן אונטער כּלערליי שילדן: אַמאָל טרעט זי אַרויס אַלס ווּיסנשאַפטלעכע אָביעקטיוויטעט, אַמאָל אַלס אָנטענדענצנדיקע פילאָזאָפישע דערקענטניש, און אַמאָל אַלס ריינע קונסט".

קעגנאיבער דער מאָדערנער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט, דעם פּראָדוקט פון קלאַסן-און מינים-צונויפמיש, שטעלט אַוועק ניטשע אַ שטאַנדן-היעראַרכישע אָרדנונג, וועלכע איז געבויט אויף אַ שטרענגער אָפּזונדערונג פון די „ראַסעס" און „קאַסטעס". נאָר ביי דער עקזיסטענץ פון אַזאַ „אַריסטאָקראַטישער אָרדנונג", פון אַזאַ „פּאַטאָס פון מרחק" צווישן די קלאַסן און געשלעכטער איז מעגלעך, לויט ניטשעס מיינונג, אַ הויכע און פרוכטבאַרע ציוויליזאַציע. יעדער העכערער מענטשן-טיפּ איז געווען ביז איצט און וועט תּמיד זיין אַ פּראָדוקט פון אַן אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט, פון אַזאַ געזעלשאַפט, וואָס גלייבט נאָך אין דער פאַרשיידנווערטיקייט פון מענטשן און קאָן זיך נישט באַגיין אָן שקלאַפן". היות ווי די אַריסטאָקראַטיע איז געווען און זי איז די שעפערין און שיצערין פון דער קולטור, האָט זי דאָס פולע רעכט אויפצונעמען „מיט אַ רואיק געוויסן" „די קרבנות פון אַ גרויסער צאָל מענטשן", וועלכע דאַרפן און מעגן טאַקע צוליב איר „דערנידעריקט ווערן צו דער מדרגה פון מענטשן נישט קיין פולשטענדיקע, צו דער מדרגה פון געצייג און שקלאַפן".

פונקט אַזוי, ווי די געזעלשאַפט טיילט זיך אויף הערן און אויף שקלאַפן, אַזוי איז אויך מיט דער מאָראַל. זי אַנטשטייט אָדער „ביי דעם הערשנדיקן קלאַס, וועלכער דערגייט צום באַוואוסטזיין פון זיין אויסדערוויילטקייט לגבי די אים אונטערטעניקע מענטשן" אָדער „צווישן די שקלאַפן און נישט פרייע מענטשן פון אַלע מדרגות". דער „אַריסטאָקראַטישער מענטש" אידעאַליזירט אין זיין מאָראַל אַזעלכע אייגנשאַפטן, וועלכע דערמעגלעכן אים הערשן איבערן המון, ער האַלט פאַר „גוטס" דאָס אַלץ, וואָס „פאַרגרעסערט" זיין ווילן צו מאַכט, זיין „מעכטיקייטגעפיל", און אַלס „בייז" באַטראַכט ער אַלץ, וואָס דרינגט אַרויס פון „שוואַכקייט". דער עגאָאיזם איז אַ ווינקלשטיין פון דער הערישער עטיק. אַן אַריסטאָקראַט „נעמט-אויף דעם פאַקט פון זיין אייגענעם עגאָאיזם

אָן אַ פראַגעצייכן“, פונקט ווי אַ זאַך, וואָס „וואָרצלט טיף אין דעם פונדאַמענטאַלן געזעץ פון אַלץ“, און ווען ער וואָלט גענומען אויסזוכן פאַר דעם געפיל עפעס אַ נאָמען, וואָלט ער געזאָגט: „דאָס איז די גערעכטיקייט גופא“. דאַקעגן די קאַסטע פון שקלאַפן רינגלט צרום מיט אַן אָרעאָל דווקא יענע אייגנשאַפטן, וועלכע קאָנען „פאַרלייכטערן די עקזיסטענץ פון די ליידנדיקע“, ווי למשל, „מיטלייד, קעגנזייטיקע הילף, באַשיידנקייט“.

און פונקט ווי די מאָראַל אַזוי האָט אויך די רעליגיע אַ ריין קלאַסנדיקע אָפשטאַמונג. אינעם שויס פון דער אַריסטאָקראַטיע, דער „אײדל-דענקענדיקער“, זענען אַנטשטאַנען דער בודיזם, דער איסלאַם און באַזונדערס די פערסישע געזעצן פון מאַנו, אין וועלכע עס זענען פאַראייביקט די אַריסטאָקראַטישע ווערטן: „דאָס באַוואוסטזיין פון דער אייגענער פולקאָמענהייט, אַ טריאומפירנדיקע זעלבסטצופרידנקייט, אַ לעבנס-פרייד“ — אָט דידאָזיקע געזעצן האָבן דערמעגלעכט די „פילאָזאָפן“ און די „קריגספירער“ צו האַלטן אין אונטערטעניקייט דעם געמיינעם המון. דאַקעגן דאָס קריסטנטום איז אַ טיפּישע רעליגיע פון שקלאַפן, פון פאַריער, פונעם המון. די אַפּאָסטאָלן פונעם קריסטנטום זענען געווען פלעבעער, פון וועלכע ס'האָט זיך געשפּירט קנאַבל און שווייס. זיי האָבן אויפגעהויבן ביז אין הימל „די אינסטינקטן פון די פאַרשקלאַפּטע און אונטערדריקטע“. פרעדיקנדיק „גייסטיקע גלייכהייט“ האָבן זיי דערביי געהאַט אַ הינטערגעדאַנק — איינצופירן אויף דער וועלט „סאָציאַלע גלייכהייט“. די אידעע פון „יענעוועלטיקער גלייכהייט“ איז געווען יענער „דינאַמיט“, מיט וועלכן דידאָזיקע שמוציקע און נישטדערצויגענע „אַנאַרכיסטן“ האָבן אויפגעריסן אינדערלופטן דעם גראַנדיעזן געביי פון דער רוימישער אימפּעריע. דער טריאומף פון קריסטנטום איבער דעם היידנטום איז געווען דער זיג פונעם המון איבער די האַרן, דאָס איז געווען אַן אויפשטאַנד פון שקלאַפן קעגן „די פּריווילעגיעס פון די איידלגעבוירענע“. דאָס קריסטנטום איז געווען און פאַרבליבן עד-היום אַ „געהיימע פאַרשווערונג“ פון אַלץ, וואָס שמוגלט זיך דורך און קריכט קעגן „שיינקייט, געזונט, העלדישקייט, קעגן שכל, קעגן דעם לעבן גופא“. קריסטוס, וועלכער איז אייגנטלעך געווען אַ גאַנץ אומשולדיקער טרוימער, וואָס האָט געחלומט וועגן גאָטס קעניגרייך, וואָס געפינט זיך אין אונז גופא, איז שפּעטער מיטן לויף פון דער צייט געוואָרן דער גאָט פון דער מאַסע („פון אַ גרויסער צאָל“),

דער „גאָט־דעמאָקראַט”, דער גאָט פון אַלע „פינצטערע געסלעך און אומ־געזונטע קוואַרטאַלן פונעם וועלטאַל”. דער קאַמף קעגן קריסטוסעס רע־ליגיע האָט זיך פאַר ניטשען אַזויאַרום אידענטיפיצירט מיטן קאַמף אַקעגן דער הערשאַפט פון דער דעמאָקראַטיע, מיטן קאַמף קעגן המון. צו ניטשעס דערנענטערט זיך רענאַן.

אין צוויי דראַמעס „קאַליבאַן” און „דער קוואַל פון יוגנט”, וועל־כע דינען אַלס פאָרזעצונג פון שעקספירס „שטורעם”, האָט רענאַן דער־קלערט זיין סאָציאַלע פילאָזאָפיע, וואָס איר גרונט־געדאַנק באַשטייט דערין, אַז „יעטוועדע ציוויליזאַציע איז אַן ענין פון דער אַריסטאָקראַ־טיע, וואָרום זי האָט געשאַפן די גראַמאַטיק, די געזעצן, די מאָראַל און זי האָט דיסציפלינירט די נידעריקערע קלאַסן אָדער דורך דעם, וואָס זי איז זיך מיט זיי באַגאַנגען אויפן סאַמע אכזריותדיקן אופן, אָדער דורך דעם, וואָס זי האָט זיי טעראָריזירט מיט דער הילף פון איבערנאַטירלעכע גלויבונגען”.

דער הערצאָג פראָספעראָ איז אַ טיפּ פון אַזאַ מין אַריסטאָקראַט־ציוויליזאַטאָר. ער האָט מיט געוואַלט פאַרכאַפּט דאָס אינזל, וואָס האָט גע־הערט צו קאַליבאַנען און ער האָט דעם לעצטן פאַרוואַנדלט אין זיינס אַ קנעכט. דורך דער הילף פון דער רעליגיע, וועלכע איז צונויפגעוועבט געוואָרן פון פאַלשע כימערעס און שרעקלעכע זעאונגען (די לערע וועגן אַ יענעוועלטיקער עקזיסטענץ) האָט ער געהאַלטן קאַליבאַנען אין קנעכ־טישער צו עבֿודנקייט, און ווען די רעליגיע האָט שוין מער נישט גע־האָלפן, האָט ער זיך גענומען באַנוצן מיט די דורך אים דערפונדענע טויטמאַכנדיקע „גאַזן”. און קאַליבאַן האָט אָן אַ ווידערשטאַנד „געהאַקט האָלץ פאַרן הערצאָג, געמאַכט פייער און געטראָגן וואַסער”. באַקומענ־דיק די ממשלה איבערן המון, האָט פראָספעראָ געפרווט אים ציוויליזירן, ער האָט אים אויסגעלערנט „רעדן”, ער האָט אין אים אַריינגע־בלאָזן „פאַרשטאַנד”. דער הערצאָג האָט נישט באַמערקט, ווי קאַליבאַן איז ביסלעכווייז געקומען צום זעלבסטבאַוואוסטזיין, ווי ער האָט פאַרבאָרגע־נערהייט פראָקלאַמירט, אַז „איין מענטש זאָל עקספּלואַטירט ווערן דורך אַן אַנדערן מענטש” איז „אַן אומדערלאָזבאַרע זאַך”, און אַז אַ בונט איז „די סאַמע הייליקסטע פליכט”. און קאַליבאַן הייבט ענדלעך אויף די פאָן פון בונט. אונטער זיין אָנפירונג וואַרפט זיך דער המון קודם־כל אויף די ביכער, אויף אָט־די „גיהנומדיקע פאַרשקלאַפונגס־אינסטרומענטן”, ווייל דער, וואָס באַזיצט זיי, „הערשט איבער אַנדערע מענטשן”. איצטער

האָט שוין פּראָספּעראָ גאָר שטאַרק חרטה, אַלעמאַי ער האָט ציוויליזירט
„אַ זון פון טייוול און אַ כישופמאַכערין", אַלעמאַי ער האָט דערצויגן
דידאָזיקע „חיה, וואָס האָט איצט אויסגענוצט אַלס געווער קעגן אים אָט־
דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אים ווען־עס־איז געלערנט". ער פּרוווט זיך
מיט אַלע מיטלען נאָכאַמאָל צו פאַרשקלאַפן דאָס פאָלק. „איצט וועט אונז
די מאַגיע נישט העלפן" — שעפּטשעט אים אין אויער דער געניוכ
אריעל. „דאָס פאָלק איז אַ פּאָזיטיוויסט — אַלץ, וואָס ס'איז אידעאַל,
נישט־סובסטאַנציאָנעל האָט פאַר אים קיין ווערט נישט". און דער הער־
צאָג דע יסיאָנירט. ער טרעט אַריין אויף דינסט צו דעם נייעם הערשער
פון דער וועלט, צו דער דעמאָקראַטיע. אָבער אויך שוין זייענדיק איני־
גאַנצן צעשרויפט, הערט ער נישט אויף צו האָפן, אַז ער וועט ווידער
ווען־עס־איז אָנהויבן געוועלטיקן איבערן המון. דאָס וועט פאָרקומען
ערשט דעמאָלט, ווען זיין „פאַרשטאַנד" וועט זיין „באַוואָפנט". „איך וועל
דערפינדן גראַנאַט", — שרייט־אויס דער הערצאָג, — מיט וועלכע דאָס
פאָלק וועט זיך נישט קאָנען באַנוצן".

לכתחילה האָט רענאַן גערעכנט אומצוקערן דעם הערצאָג פּראָס־
פּעראָ די פאַרלוירענע מאַכט דורך אַ קלעריקאַל־מיליטע־ישער פאַרשווע־
רונג, אָבער דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דעמדאָזיקן געדאַנק,
פאַרשטייענדיק, אַז אַ „מאַגיקער־ציוויליזאַטאָר", וואָס וואָלט געקומען צו
דער מאַכט אַ דאַנק „יעזואיטן און פּויפּסטלעכע משרתים". וואָלט געווען
נישט קיין „ווידעראויפלעבונג", נאָר אַ רעגרעס. דעריבער שטעלט פאָר
רענאַן, אין דער דראַמע „דער קוואַל פון יוגנט", פּראָספּעראָן אַלס אַ
שוואַכן און וואָפנלאָזן, וועלכער זוכט צו לעזן זיין „מאַכט־פּראָבלעם"
בלויז מיט דער הילף פון דער וויסנשאַפט.

דערזעלבער קאַמף צווישן דעם ציוויליזאַטאָר און דעם המון ביל־
דעט די גרונט־טעמע פון ס ט ר י נ ד ב ע ר ג ס שאַפן.

אין דער דראַמע „טשאַנדאַלאַ" ענדיקט זיך צופעליק דערדאָזי־
קער קאַמף מיטן זיג פון דעם אַריסטאָקראַט „פון מאַרך און נערוון".
פּראָפעסאָר טערנער פאַלט אַריין אין דער משפּחה פון אַ שווינדלערישן
ציגיינער און ער הייבט־אָן צו באַמערקן מיט שרעק, ווי ער אַליין נעמט
ביסלעכווייז איבער יענעמס מאַניער פון דענקען און רעדן, יענעמס
געוואוינהייטן און זשעסט. ער איז גרייט חתונה־צו־האָבן מיט דער יונ־
גער ציגיינערקע, און ער פילט ווי ער זינקט אַראָפּ צו דער שטופע פון
אַ חיה. דער שמוציקער און אַמעראַלישער המון דעטראָניזירט און פאַר־

שקלאַפּט אַ מענטש פון דער העכערער „איידלגעבוירענער" ראַסע. דאָן שטאַרקט זיך דער פּראָפעסאָר צו באַשיצן זיין זעלבשטענדיקייט און אומאָפּהענגיקייט און באַנוצנדיק זיך מיט די נישט־ערלעכע קאַמפּס־מעטאָדן פונעם קעגנער, דערפירט ער יענעם ביז משוגעת און זעלבסטמאָרד. ווען ער זיצט שוין ווידער ביי זיך אין קאַבינעט, נעמט ער אַראָפּ פון דער ביכער־פּאָליצע די געזעצן פון מאַנו, דאָס בוך, וואָס לויט ניטשעס ווערטער ליגט דערויף „אַן אָפּשיין פון דער זון", און ער שרייבט אַריין צו זיך אין נאָטיצביכל פאָלגנדיקן אויסצוג: „זאָלן די נאָכדורות פון דער טשאַנדאַלע (המון) זיך דערנערן בלויז מיט שטינקעדיקן קנאָבל און מיט ציבעלע, און זייער דורשט זאָלן זיי שטילן אין די מוטנע בלאָטעס. זאָלן זיי זיך נישט וואַשן און נישט בויען קיין הייזער. זאָל זיי דינען אַלס צירונג אַ שטיק אייזן, אַלס קליידונג — די שמאַטעס פון אַ געשטאָרבענעם, און אַלס גאָטהייט — אַ בייזער דעמאָן".

אין אַ צווייטן ראָמאַן, כטרינדבערגס, „צווישן פעלזאינזלען", זעען מיר פאַרקערט, ווי די מאַסע באַזיגט דעם אַריסטאָקראַט „פון מאַרך און נערוון". דער אינזשינער־פילאָזאָף באַזעצט זיך אין אַ קליין פישער־דערפל. ער לעבט לחלוטין איינזאַם, כדי אויפצוהאַלטן „די זעלבשטענדיקייט פון זיין פערזענלעכקייט", אָבער פילנדיק זיך איבעריק אין דער סביבה פון די נידעריקערע וועזנס, באַפאַלט אים אַמאָל עפּעס אַ שגעון־אַטאַק און ער זעצט זיך אַריין אין אַ שיפל און פאָרט אַוועק אין אָפענעם אָקעאַן, כדי זיך שוין קיינמאָל פון דאָרט נישט אומצוקערן.

אַ ניטשעאַנער לויט די שטימונגען און אידעאַלן איז אויך דער איטאַליענישער דיכטער ג אַ ב ר י ע ל ד׳ אַ נ ו נ צ י אָ.

זיין ראָמאַן „די מיידלעך פון די פעלזן" איז דורכגעזאַפּט מיט אַ טריבער און ליידנשאַפטלעכער שנאה צו דער דעמאָקראַטיע (צו דער בורזשואַזיע און צום פּראָליעטאַריאַט). דער העלד פונעם ראָמאַן, דזשועפּע קאַנטעלמאָ שאַפט אַ באַגייסטערטן הימן צו די אבות — פעאָדאַלן פאַר יענע „פּרעכטיקע וואונדן, וואָס זיי פלעגן מאַכן, פאַר די פּרעכטיקע שרפות, וואָס זיי האָבן אָנגעצונדן, פאַר זייער גאַנצן קאָמפאָרט, פאַר די שחיטות און פאַר דער אויסגעלאַסנקייט". ער האָט ליידנשאַפטלעך פיינט די בורזשואַזיע, וועלכע איז געקומען צו דער מאַכט נאָך דער רעוואָלוציע פון די גאַריבאַלדיער, דידאָזיקע „נייע אויסדערוויילטע

פונעם מזל, וואָס זייער נידעריקע אָפּשטאַמונג האָבן נישט געקאָנט פאַרמאַסקירן נישט דער פאַבריקמאַכער, נישט דער שוסטער, נישט דער שניידער", דידאָזיקע „פּרעכע פאַרשוינען, וואָס פאָרן אַרום שפּאַצירן איבער די פּירשטלעכע גאַסן", וואָס „די הילכיקע טופּעריי פון זייערע פערדלעך קלינגט־אָפּ איבער גאַנץ רוים. און זייערע אָנגעצויגענע פּאָזעס, זייערע גיריקע הענט אין די אומגעלומפּערטע הענטשקעס דריקן אויס: בוקט זיך פאַר אונז, מיר זענען די נייע באַלעבאַטים פון דער וועלט". ווי אַ חרובמאַכנדיקער הוראַגאַן האָט זיך דורכגעטראָגן די טריאומפירנדיקע דעמאָקראַטיע איבער די גרויסע דענקמעלער פון אַלטערטום, איבער די אומשטערבלעכע קונסט־שעדעוורען: אויפן אָרט פון פּרעכטיקע פּאַלאַצן און וואונדערשיינע טעמפּלען בויען זיך אויפדערגיך אויף גראָבע בירגערלעכע געביידעס. „פּונקט ווי איבער רוים וואָלט זיך דורכגעטראָגן אַ הוראַגאַן פון באַרבאַריזם. ס'איז פאַרשוואונדן יעטוועדע אַכטונג צו דער פאַרגאַנגענהייט". דזשוזעפּע קאַנטעלמאָ האָט אויך שרעקלעך פיינט דעם אַרבעטער־קלאַס, וועלכער טראַכט, לויט זיין מיינונג, בלויז וועגן דעם, וויאַזוי צו פאַרניכטן די ציוויליזאַציע, „צו פאַרברענען די ביכער, צו פאַרשמוצן די בילדער און צו צעברעכן די סטאַטועס". מיט שוים אויף די ליפּן באַפאַלט ער די פירער פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכע טרוימען צו מאַכן אַלע קעפּ „גלייך", דידאָזיקע „אומזיניקע אידיאָטן", דידאָזיקע „אָנטרייבערס פון דער עקלהאַפטער חיה — דעם המון". פונדעסטוועגן פאַרלירט אָבער נישט דער דיכטער די האָפענונג, אַז די „איידלגעבוירענע קאַסטע" וועט פריער אָדער שפּעטער ווידעראַמאָל באַצווינגען און מאַכן אונטערטעניק צו זיך די „גראָבע סטאַדע" דערפאַר, ווייל „די פּלעבעער זענען קנעכט פון געבוירן" און ס'איז ביי זיי פאַראַן „אַן איינגעבוירענע באַדערפעניש אויסצוציען די הענט צו קייטן". עס וועט קומען דער גרויסער אויסלייזער פונעם לאַנד, עפּעס אַ מין העלד, וואָס וועט מיט זיך פאָרשטעלן אַ סינטעז פונעם קינסטלער לעאָנאַרדאָ דאַווינטשי און פונעם קאָנדאָטיער צעזאַר באָרדזשיאַ און ער וועט אַריבערלייגן צו דער צוקונפט יענע בריק, איבער וועלכער „דער פּריווילעגירטער שטאַם וועט אַריבערשפּרייזן דעם תהום, וואָס טיילט אים לעת־עתה אָפּ פון דער מאַכט".

אין זיינע ראָמאַנען און דראַמעס האָט ד'אַנונציאָ אָנגעצייכנט אַ גענוי בולטן טיפּ פון אַ פאָרשטייער פון דער „איידלגעבוירענער קאַסטע". אינעם יסוד פון דער פּסיכיק פונעם „אַריסטאָקראַטישן מענטש" ליגט

לויט ניטשעס לערע, „אַכטונג צו אַלטערטימלעכקייט און צו יחוס". אָט־
טאַקע דאָסדאָזיקע געפיל איז באַוואוסטזיניק צי אומבאַוואוסטזיניק תמיד
דער הויפט־שטריך פון ד'אַנונציאָס העלדן. צוליב אַכטונג צו אַלטער־
טימלעכקייט זענען זיי עלול צו באַגיין כלערליי פאַרברעכנס. ווען אינעם
ראָמאַן „דער אומשולדיקער קרבן" דערוויסט זיך גראַף טוליאָ, אַז זיין
פרוי דאַרף ווערן אַ מוטער פון באַציאונגען מיט אַ גישט־יחוסדיקן
מענטש, רעגט אים נישט אויף דער עצם־פאַקט פון פאַראַט, נאָר דער
אומשטאַנד, ה'אָס דער יורש פון זיין נאָמען וועט ווערן עפּעס אַ פּלע־
בעער, און אָן וואַקלענישן באַשליסט ער צו טויטן דאָס קינד. ד'אַנונציאָס
העלדן האַנדלען אין די מערסטע פאַלן אונטער דער ווירקונג פון פון־
די־אבות־אָפּגעיאַרשנטע אינסטינקטן און נייגונגען. אָפט קומען אַרויס פון
די טיפענישן פון זייער נאַטור, פון דאָרטן, „וואו עס שלאָפט די אומ־
שטערבלעכע נשמה פון זייערע אבות", „פאַרברעכערישע אידעען" און
„גרויזאַמע פאַרלאַנגען". אָפטמאָל הורן זיי פשוט אומבאַוואוסטזיניק
איבער טאַטן, וועלכע זענען באַגאַנגען געוואָרן דורך זייערע ווייטערע
אבות. אַזוי, למשל, שפּירט עפּעס נעפלהאָפט גראַף טוליאָ, ווען ער
דערהאַרגעט דאָס קינד, אַז פונקט אַזוי, ביי אַנאַלאָגישע אומשטענדן, האָט
געהאַנדלט עפּעס זיינער אַן „אומבאַקאַנטער פאָרגענגער". דידאָזיקע
פאַטאַלע מאַכט פון דער פאַרגאַנגענהייט איבער דער קעגנוואַרט באַ־
קומט איר סאַמע גראַנדיעזסטן אויסדרוק אין דער דראַמע „די טויטע
שטאָט" וואו דער אַרכעאָלאָג לעאָנאַרדאָ, וועלכער איז פאַרנומען מיט אויפ־
גראָבונגען פון דער אַלטערטימלעכער הויפּטשטאָט פון די אַטרידן, פאַלט־
אַרונטער אונטערן כישוף פון די בלוטגעמישטע נייגונגען פון דער
לאַנג־אויסגעשטאָרבענער קייזערלעכער פאַמיליע און ער פאַרליבט זיך
אין זיין אייגענער שוועסטער.

ד'אַנונציאָס אַריסטאָקראַטן זענען פון קאָפּ ביז די פיס עגאָאיסטן
דערפאַר, ווייל דער עגאָאיזים איז, ווי ניטשע האָט געלערנט, אַ ווינקל־
שטיין פון דער האַרישער מאָראַל. זיי זאָגן זיך אין קיין שום זאַך נישט
אָפּ און זיי „צוימען קיינמאָל נישט זייערע פאַרלאַנגען". אַנדערע מענטשן,
אפילו די סאַמע נאָענטסטע, זענען פאַר זיי בלויז „שקלאַפן" און „אינס־
טרומענטן". פאַר דער טובה פונעם „אַריסטאָקראַטישן מענטש" ברענגט
זיך אַלס קרבן די פרוי פונעם פּאָעט אַלעקסאַנדראָ („די טויטע שטאָט"),
וועלכע לאָזט איבער אָן תרעומות איר פלאַץ פאַר איר קאָנקורענטין.
די וויל נישט שטערן דער „פרייער אַנטוויקלונג פון זיינע אידעלע

קרעפטן״, איבערהויפט בשעת זי ווייסט, אַז איר „נעבעכדיק ווען״ איז גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט יענער „אומענדלעכער וועלט פון דיכטונג, וואָס ער טראָגט אין זיך, כדי זי צו אַנטפלעקן פאַר מענטשן״. פאַר דער טובה פון אַן „אַריסטאָקראַטישן מענטש״ איז מקריב אירע מוטערלעכע געפילן די פרוי פון גראַף טוליאָ, וועלכע איז אָן אַ ווידערשטאַנד מסכים אויף דער דערמאָרדונג פון איר קינד, כדי נישט צו פאַרפלעקן די ריינקייט פון דעם אַריסטאָקראַטישן הערב. און פונקט ווי אַ פרוי און אַ מוטער זענען בלויז „אינסטרומענטן״, „מענטשן נישט קיין פולשטענדיקע״, אַזוי איז אויך דאָס פאָלק נישט מער ווי אַ „שקלאַף״. אַלס אידעאַלע טיפּן פון דער פּראָסטער מאַסע זענען אין ד׳אַנונציאָס אויגן דער קאַמערדינער (טערענציאָ אין „באַפרידיקונג״), וואָס זיין „געהאָרכזאַמקייט״ און „איבערגעגעבנקייט״ צום באַלעבאָס דערגייען ביז צו דער מדרגה פון „גאָט דינען״ אָדער דער לוינאַרבעטער (דזשיאָוואַני סקאָרדיאָ אינעם „אומשולדיקן קרבן״), וועלכער קאָן אַרבעטן פאַרן באַלעבאָס „אָן אויפהער״ און „שטום״ אַריבערטראָגן אַלע אומגליקן פון לעבן.

אין דער מאָדערנער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט איז דער „אַריסטאָקראַטישער מענטש״ — דער איינציקער באַשיצער פון דער „אַלטער טראַדיציע פון עלעגאַנץ און פון צוגעבונדנקייט צו דער קונסט״. ד׳אַנונציאָס אַריסטאָקראַטן זענען הונדערטפּראָצענטיקע עסטעטן. ווי אַנדרעאַ ספּערעלי („באַפרידיקונג״) זענען זיי דורכגעזאַפּט דורך-און-דורך מיט עסטעטיק. ווי דער סקולפּטאָר לוטשיאָ סעטאַלאַ („דזשיאָקאָנדאַ״) האַלטן זיי אַ שיינע מאָדעל-פּאָזירערין העכער פאַר אַן איבערגעגעבענער פרוי. ווי דער פּאָעט סטעליאָ („דאָס פייער״), זעען זיי איין אין דער קונסט דאָס איינציקע מיטל אַרויסצורופן צו אַ ניי לעבן די לאַטיינישע ראַסע.

„די ליבע, ווי אַ ליידנשאַפט, איז אומבאַדינגט פון אַריסטאָקראַטישער אָפּשטאַמונג״, האָט ניטשע געזאָגט. ד׳אַנונציאָס אַריסטאָקראַטן זענען אמתדיקע ספּעציאַליסטן אויפן געביט פון עראָטיק. „באַפרידיקונג״ איז פאַר זיי דער הויפּט-ציל פון לעבן. דערדאָזיקער קולט פאַר דער עראָטיק איז צומבעסטן אויסגעדריקט אין דער דראַמע „אַ חלום אין אַ האַרבסטיקן בין-השמשות״. אויף דער ברענטע שווימט פּאַמעלעך בוטשענטאָראָס אַ שיף. פּאַנטעע — די קעניגין פון די קורטיזאַנעס — פאָרט טריאומפירנדיק אַריין אין דער שטאָט ווענעדיק. די אויגן פון

גרויע פאַטריציער און פון יונגע מאַטראָסן עסן זיך גיריק איין אין איר שיינעם קערפּער. די דאַגאַרעסאַ גראַדעניגאַ שטייט איינע אַליין אויף דער וועראַנדע פון איר פּאַלאַצאָ. ס'זענען פאַרגעלט געוואָרן די בלע־טער, ס'זענען אַראָפּגעפאַלן די רויזן. ס'איז אָנגעקומען דער האַרבסט. איר געליבטער געפינט זיך אויך צווישן די פאַרערער פון דער קורטי־זאַנע. פון דער ברענטע דערטראָגט זיך אַ גרויסער טומל. אויפן הימל־פלאַקערס־אויף דער האָריזאָנט מיטן אָפּשיין פון אַ שרפה. עס הערט זיך די געצאַנקעריי פון שווערדן. די לופט איז אַדורכגעזאַפּט מיט בלוט און מיט זיפצן. אויפן שיפדעק וואַלגערן זיך קערפּערס פון דערהאַרגעטע און דער דאָזשאַרעסעס אויער כאַפּט אַלץ קלערער אויף דעם טריאומ־פאַלן אויסגעשריי: „פּאַנטע, פּאַנטע!" די גאַנצע וועלט פאַלט צו די פיס פון דער מיט בלומען באַצירטער קורטיזאַנע, דעם סימבאָל פון ליי־בע־באַפרידיקונג.

אָט דאָס איז די פּסיכאָלאָגיע פון ד'אַנונציאָס אַריסטאָקראַטן, וועלכע פאַלט צונויף מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון ניטשעס „אַריסטאָקראַ־טישן מענטש".

אָבער די אַלטע פּריציש־האַרישע וועלט איז פאַרמשפּט אויף אונ־טערגאַנג.

אין ד'אַנונציאָס דראַמע „אַ פאַקל אין באַהעלטעניש" איז געשיל־דערט אַ האַלב־חרובער פּריצישער הויף. ער איז אינגאַנצן פול מיט „שפּאַלטן" און מיט „שפּינוועבס". אַלץ באַדעקט זיך מיט „פלעקן, עס בויגט זיך אַלץ און עס פוילט".

„דאָס גרויסע הויז סאַנגראָ פאַלט זיך פונאַנדער" — רופט־אויס דער לעצטער פאַרשטייער פון דער אַלטער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע, טיבאַלדאָ.

אַ חותם פון האָפענונגסלאָזער דעגענערירונג ליגט אויף דעם פּריצס קינדער. סימאָנעטאָ, זיין בכור, איז אַ לעבעדיקער מת, אין וועמענס אָדערן עס פליסט אַ „בלוט, וואָס איז ווייס ווי פּערל". זיין שוועסטער, דזשילאָלאַ, וואַנדלט אַרום מיט „חסר־דעהדיקע אויגן" איבער די אַלטע זאַלן פונעם שלאָס, נישט ווויסנדיק פון קיין „רו", זייענדיק אינגאַנצן אַ „פאַרצווייפלטע", אַ „דורכגעברענטע". זי איז ריין געוואָרן נישט אויף דער זון, נאָר „אין שאָטן פון קברים". דורך איר מויל רעדט אַלץ, וואָס ס'איז „אויסגעמאַטערט", אַלץ, וואָס ס'איז „נאָענט צום טויט".

„דו ביסט די שטים פון אונזער חורבן, — זאָגט איר די באָבע, — פון אונזער האָפנונגסלאָזן אונטערגאַנג !“.

אינעם אַלטן פריצישן הויז האָט אָנגעהויבן געוועלטיקן ווי אַ פולשטענדיקע באַלעבאָסטע די דינסט, וועלכע איז געווען „געוואוינט צו שמוץ“, אַ געבוירענע פון אַ „הויפן אומריינקייט“. זי ברענגט מיט זיך אַלע פעלערן, וועלכע זענען די אייגנשאַפטן פונעם המון — ליגנערישקייט, גיריקייט, אומדאַנקבאַרקייט, פאַלשקייט און גאַוודיקייט. זי „שטעקט אָן דערמיט דאָס גאַנצע הויז, זי דעמאָראַליזירט, פאַרסמט, מאַכט אַ תל פון אַלץ“. זי איז „אַ ווילדע חיה“, וועלכע מ׳דאַרף „אומברענגען“.

די איינוואוינער פון דער פריצישער נעסט צעבונטעווען זיך ענדלעך קעגן דער בייזער „פאַרוויסטערין“, קעגן דערדאָזיקער „חיה, וואָס האָט קיין נאָמען נישט“, אָבער זייער צו־שפּעטיקע אויפרעגונג איז שוין נישט בכוח אָפּצוהאַלטן דעם אומפאַרמיידלעכן צוזאַמענברוך.

דער גאַנצער אָפּשטאַם פון טיראַלדאָ שטאַרבט אויס, און ביים ליכט פון די קבורה־פאַקעלן פאַלט זיך פונאַנדער דער אַלטער הויף־פּאַלאַץ, וואָס זיינע אייגנטימער האָבן אים געפּרוווט מיט כלאַמיטלען פאַריכטן און רעמאָנטירן.

„מיין גאַנצער אַלטער שטאַם האָט אויפגעהערט צו לעבן, — רופט־אויס טרויעריק טיבאַלדאָ, דער לעצטער פונעם הויז סאַנגראָ, — אַ גורל אַזאַ !“

VII.

גלייכצייטיק מיטן ניטשעאַניזם לאָזט זיך בולט באַמערקן אין דער נייער ליטעראַטור פונעם מערב נאָך אַ באַוועגונג פון אַריסטאָקראַטישן שאַפן, וועלכע שפּיגלט אָפּ די שטימונגען און די אידעאַלן פון די פונאַנדערפאַלנדיקע פריצישע שיכטן.

איינער פון די צומשטאַרקסטן בולטע פאָרשטייער פון דעמדאָזיקן אַריסטאָקראַטישן דעקאַדאַנס איז היסמאַנס, דער מחבר פון די דריי ראָמאַנען : „פאַרקערט“, „דאָרטן אונטן“, „אין וועג“.

היסמאַנס שטרייכט נישט איינמאָל אונטער די אַבסאָלוטע דעגענערירונג פונעם (פראַנצויזישן) פריצנטום. „עס זענען פאַרשוואונדן די שלעסער, די דורותדיקע הערבן, דער פרעכטיקער גלאַנץ פון דער אור־

אַלטער קאַסטע" — שרייט־אויס דער הערצאָג דעזעסענט („פּאַרקערט"). „ערד־שטחים ווערן פּאַרקויפט דורך ליציטאַציעס. די מער אומפּאַרשעמטערע פּריצים האָבן זיך אַ לאָז געטון צום געשעפּטלעכן שמוץ. די אַנדערע זענען געוואָרן געמיין און וואַלגערן זיך אין די סאַלאָנען, זענען פּאַרטעמפּט געוואָרן ביי די שפּיל־טישן אָדער אין דער געזעלשאַפט פון קאָקאָטעס". דער באַלעבאָס פון לעבן איז געוואָרן די בורזשואַזיע. „ס'האָט זיך אויסגעבילדעט אַ קאַליפּאַט פון דעם געשעפּטס־קאַנטאָר, פונעם האַנדל מיט זיינע שמאָלע מאַרקישע אידעאַלן, מיט די באַרימערישע און שווינדלערישע אינסטינקטן". אַלס רעזולטאַט פון דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַל מוז מען קאָנסטאַטירן „אַן אונטערדריקונג פון יעטוועדער אינטעליגענץ, אַן אַפּלייקענונג פון אָרנטלעכקייט און אַ טויט פאַר דער קונסט". „וואוהין זאָלסט נישט אַ קוק־טון, — באַמערקט אַ צווייטער העלד, היסמאַנסעס, דער דאָקטאָר דע־ערמי („דאָרטן אונטן"), — זעסטו אומעטום דעם טריאומף פון פאַרברעכערס און מיטלמעסיקייטן, דעם אַפּאָטעאָז פון שווינדלערס־באַנקירן און פּאָליטיקער־דרייקעפּ".

היסמאַנסעס העלדן גלויבן נישט, צוגלייך מיט אים אַליין, אין דער מעגלעכקייט פון אַ מאָראַלישער און גייסטיקער ווידערגעבורט פון דערדאָזיקער מלוכה פון „קרעמערס" און „קצבים". „די קינדער וועלן טון פּונקט דאָס זעלבע, וואָס די עלטערן!" — זאָגט דער שרייבער דיטראַל („דאָרטן אונטן"). — „זיי וועלן זיך אָנפּאַשען גראָבע פּוזעס, און אין דעם וועט באַשטיין זייער גאַנץ גייסטיק לעבן". נאָך ווייניקער גלויבן זיי אין אַ ווידערגעבורט פון דער געזעלשאַפט אונטערן דרוק פון אַ קלאַסן־איבערקערעניש, — אין אַ ניי לעבן און אַ נייע מאָראַל, וואָס עס וועלן ברענגען מיט זיך די באַפרייטע אַרבעטער. „דאָס פאָלק ווערט אַלץ ערגער" — צאָרנט דער דאָקטאָר דע־ערמי. „דערמאָנט זיך אַן דער קאָמונע, דערמאָנט אייך דעם שגעון פונעם האַלבהונגעריקן באַוואָפנטן המון! ווי ווייט מיר זענען עס איצט פון דער נאַאיווער מיטליידפולער פאָלקסמאַסע פון מיטלאַלטער". „נישט דער „סאָציאַליזם", נישט קיין „אַנדערע פלוידערייען פון אַמעראַצישע און פאַרביטערטע אַרבעטער" זענען נישט בכוח צו ענדערן, לויט דאָקטאָר דע־ערמיס מיינונג, „דעם תּוך פון די זאַכן", „איבערצומאַכן די וועלט".

האַלטנדיק, אַזוי־אַרום, די בורזשואַזע געזעלשאַפט פאַר אַן אייביקע, נישט גלויבנדיק אין די אויפטו־מעגלעכקייטן פון רעפאָרמען, און אָפּלייקענענדיק די גאולה־ראָל פון דער רעוואָלוציע, ווערן היסמאַנסעס

העלדן אַדורכגעזאַפּט, אין באַצוג צו דערדאָזיקער בורזשואַזער געזעל-
שאַפֿט, מיט אַ פּרוכטלאָזער פֿאַרביטערונג און אַ ציללאָזער שנאה, זייער
גאַנץ ווען ברויזט מיט נקמה-דורשט און אין זייער קאָפּ פּרוכפּערן זיך
די סאַמע ווילדסטע אַנאַרכישע איינפֿאַלן. אַזוי, למשל, זעען מיר ווי דער
הערצאָג דעזעסענט געוואוינט צו אַ בחורל — אַן אייננבינדער — צו לוקסוס
און אויסגעלאַסנקייט, כּדי דערנאָך, ווען ער וועט שוין זיין ווי געהע-
ריק אַריינגעצויגן אין דעמדאָזיקן לעבן, זאָל ער אים פּלוצלינג אויפֿ-
הערן צו געבן די געלט-שטיצע. דער בחור וועט אָנהויבן גנבֿענען און
וועט, וואָרשיינלעך, זיך אויך נישט אָפּהאַלטן פֿון מאָרד. „דעמאָלט האָב
איך דערגרייכט מיין ציל, — דערקלערט דער הערצאָג, — איך האָב
דערצויגן אַ גזלן, אַ שונא פֿון דערדאָזיקער עקלהאַפֿטער געזעלשאַפֿט,
וועלכע באַגזלט אונז".

זייענדיק פּאַסיווע און אַנאַליזירנדיקע נאַטורן, — פּאָעטן און
קינסטלער, — און לגמרי נישט קיין רעוואָלוציאָנערן, האַלטן איבעריקנס
היסמאַנסעס העלדן מער פֿון דערווייטערן זיך אָן קאַמף פֿון די פֿאַר-
האַסטע קליינבירגער, פֿון אַוועקגיין ערגעץ אין אַ פֿאַרוואָרפֿענעם קלויס-
טער אָדער איינזאַמען שלאָס. זיי האָבן ליב צו טרוימען וועגן אַ „וואונ-
דערבאַרער מדבר", וועגן אַן „אומבאַוועגלעכן געמיטלעכן געצעלט" און
זיי באַמיען זיך מיט די אָדער אַנדערע מיטלען „צו פֿאַרטויבן דעם
טומל פֿונעם אומברחמנותדיקן לעבן", פּונקט ווי „פֿאַר קראַנקע בעטן זיי
אויס די גאַס מיט שטרוי". זייענדיק פֿרעמדע און איבעריקע אין לעבן,
פֿאַרלייקענען דידאָזיקע לעצטע מאָהיקאַנער פֿון דער אוראַלטער איידל-
געבוירענער קאַסטע די „ווירקלעכקייט" אין נאָמען פֿון „טרוימען", זיי
איגנאָרירן די „נאַטור" אין נאָמען פֿון דער „קונסט" (ריכטיקער: אין
נאָמען פֿון קונץ). פּונקט ווי דער הערצאָג דעזעסענט לעבן זיי „פֿאַר-
קערט", נישט אַזוי ווי די בורזשוען און קליינבירגער. דער הערצאָג
שלאָפֿט בייטאָג און איז וואַך ביינאַכט. זיין שלאָפֿצימער איז ענלעך צו
דער צעלע פֿון אַ מאָנאַך, און דאָס עסצימער צו אַ שיף-קאַיוטע. ער
קליידט זיך אין ווייסע אַטלאַסענע בגדים, אין וועסטן אויסגעשטיקטע
מיט גאָלד, און אָנשטאָט אַ קראַוואַט טראָגט ער אַ בוקעט פֿיאָלקעס. ער
רינגלט זיך אַרום מיט בלומען, וועלכע האָבן נישט קיין שום געמיינ-
זאַמעס מיט דער „בורזשואַזער פֿלאָרע", דאָס זענען בלומען „קינסטלע-
כע, וועלכע זעען אויס ווי אמתדיקע", און בלומען „נאַטורעלע, וואָס
זעען אויס ווי נאָכגעמאַכטע". ער פּוצט אויס די צימערן מיט בילדער

וועלכע שטעלן נישט פאָר קיין פּאָרטרעטן און פּייזאַזשן, נאָר אומבאַקאַנטע וועלטן און משונהדיקע זעאונגען. ער לייענט בלויז די שרייבער פון דער רוימישער דעקאַדאַנס־עפּאָכע, פּעטראָניוסן, העליוסן, אַפּולעאוסן, ער באַגייסטערט זיך פון באָדלערן, דעם זינגער פון די „חרובגעוואָרענע נשמות", וועלכער אַנטדעקט „די קרענקלעכע פּסיכאָלאָגיע פונעם גייסט, וואָס האָט דערגרייכט דעם האַרבסט פון זיינע עמפּינדונגען", פון באַרבע ד'אָרווילי, דעם פּאָעט פון „דעמאָנישער עראָטאָמאַניע", און פון עדגאַר פּאָ, וואָס זיינע ווערק, וועלכע זענען, קאָן מען זאָגן, געשריבן מיט די „נערוון", האָבן אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ „גייסטיקן חולי־נופל". צוליב דער שנאה צו אַלדאָס געוויינלעכע און באַנאַלע איז דער הערצאָג גרייט געווען צו אָנערקענען „די סאַמע באַשיינפּערלעכסטע שגעונות" „און די סאַמע אומגעלומפּערטסטע שטותערייען". ער האָט גערויכערט אָפּיום און האַשיש, כּדי צו פאַרגעסן די בירגערלעכע פּראָזע אין אַ וועלט פון שאָטנגייסטער און כימערעס. אין זיין ליידנשאַפט צו אַלדאָס אויסערגעוויינלעכע איז דער הערצאָג דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן דערנערן אויך קינסטלעך, מיט דער הילף פון פּעפּטאָנישע קליומעס.

אַוועקשטעלנדיק אויפן אָרט פון דער נאַטור — כימערעס און אויסטראַכטענישן, האַלטן היסמאַנסעס העלדן מער פון פּלאַטאָנישער ליידנשאַפט איידער פון פיזישער ליבע. פונקט ווי דער שרייבער דיטראַל, וואָלטן זיי געוואָלט ליבהאָבן בלויז „פונדערווייטנס" און „האָפענונגסלאָז", „נישט געהערנדיק איינער צום אַנדערן", „טרוימענדיק אומשולדיק וועגן דער בלייכער שיינקייט, וועגן די אומצוטריטלעכע קושן, וועגן די צערטלעכקייטן, וואָס שוועבן איבערן שטערן פון דער טויטער". העכער פאַר דער מאָדערנער עקזאַקטער וויסנשאַפט האַלטן זיי די מיטלאַלטערלעכע אַלכעמיע, אַסטראָלאָגיע און מאַגיע, וועלכע זענען איצט „צום באַדויערן געשטאָרבן ביי אַ פיינטלעכער גלייכגילטיקייט מצד דעם אומכּבֿודיקן פאָלק". זיי אָנערקענען, ווי דער דאָקטאָר דע־ערמי, אַלדאָס „איבערנאַטירלעכע", אפילו בלויז צוליב דעם, וואָס לייקענען דערין וואָלט געהייסן, פונקט ווי די געמיינע קליינבירגער, „זיך אַרומוואַלגערן אין שטאַל פונעם מאַטעריאַליזם".

היסמאַנסעס העלדן איילן זיך צו אַנטלויפן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וואו „זיי האָבן דורכגעלעבט אַ שיפבּרוך", און זיך צו באַ־

האַלטן „אונטערן ווענטל פון קאַטאָליציזם", אינעם „שטילן האַפן פון גלויבן". ווי דירטאַל („אין וועג") פאַרלאָזן זיי דאָס פרײדענקערישע פאַריז און זיי זענען עולה־רגל צום קלויסטער פון די טראַפּיסטן, וואו זיי לאָזן זיך אַריין אין שטרענגן אַסקעטיזם, זיי רעדן מיט קיינעם נישט, עסן בלויז פרוכטן, שלאָפן נישט מער ווי פיר שעה, אין אַ צימער, וואָס ווערט נישט באַהייצט אפילו אום ווינטער. זייער אידעאַל ווערט אַ הייליקער מיסטיקער־אַסקעט, ווי דער קלויסטערישער חזירים־פּאַשער דער ברודער סימאָן, אַ מענטש פון אַנדערע וועלטן, וועלכער האָט נישט געזען קיינמאָל קיין פרוי, האָט נישט געלייענט קיין צייטונג, האָט נישט געוואוסט אין וואָס פאַר אַ יאָרהונדערט און אויף וואָס פאַר אַן ערד־פּלאַך ער לעבט. „אַזעלכע נשמות, — באַמערקט היסמאַנס, — זענען ענלעך צו אָאַזיסן, וואו עס באַזעצט זיך גאָט, נאָכדעם ווי ער האָט איינגעזען, ווי מדברדיק עס זענען די איבעריקע הערצער".

צו דעמזעלביקן טיפּ אַריסטאָקראַטן־דעקאַדענטן געהערט אויך אַ צווייטער בעלגישער דיכטער זש. ראָדענבאַך. זיין בעסטער ראָמאַן „העכער פון לעבן" איז אינגאַנצן אַדורכגעדרונגען מיט פאַראַכטונג צו דער פּראָזע פון דער בורזשואַזער ציוויליזאַציע. דער אַרכיטעקט באָרליט טרעט אַרויס קעגן דעם פּלאַן צו פאַרוואַנדלען די „שטאָט בריזשע", די שטאָט פון שיינקייט, אין אַ האַנדלס־פּאָרט, כּדי „די קאַנאַלן זאָלן ווידער פול ווערן מיט שיפן און די קעשענעס — מיט גאָלד". אָבער ער בלייבט איינער. אַרום אים ווערן צעוואָרפן פּרעכטיקע אוראַלטע געביידעס און קירכעס, עס ווערן אויפגעשטעלט קאַנטאָרן און שפּייכלערס, הייזער פון רויטע ציגל, אַלע געבויט אויף איין שטייגער מיט גראָבע באַפּוצונגען; אין די מאָלעריש־שיינע קוואַרטאַלן, וועלכע זענען נאָך ביז נישט לאַנג געווען פאַרזונקען אין שטילשווייגן, לויפן שוין איצט עלעקטרישע טראַמווייען. באָרליט איז אַריינגעפאַלן אין גרויליקער אויפרעגונג פונעם „רויך און האַרמידער" פון נייעם לעבן, פונעם ווילדן אוטיליטאַריזם פון „זיינע מיטמענטשן, אַלץ, וואָס איז געשען, האָט ביי אים אויסגעזען ווי אַ גרויסע איינשטימיקע פּראָפּאַגאַציע". פון דער קעגנוואַרט, וועלכע האָט זיך אָנטשפּעריש אַריינגעריסן צו אים אין פענצטער, איז ער אַנטלאָפן אויף אַ הויכן גלאָקנטורעם, וואָס אַראָפּקוקנדיק פון דאָרט האָט נאָך אַלץ די שטאָט אויסגעזען טויט, ד. ה. פּרעכטיק. די קאַמער פון די פאָלקספאָרשטייער נעמט ענדלעך אָן דעם פּלאַן צו פאַרוואַנדלען בריזשע אין אַ קאָמערציעלן פּאָרט. דאָס בירגערטום טרי־

אומפירט, אויף די גאַסן באַוועגט זיך מיט פּענער אַ צעיאָכ־מעטע, זעלבסטצופרידענע מאַסע. די גלעקער פון די אַלטע טו־רעמס קלינגען, נישט לכּבוד די הימלען, נאָר לכּבוד דעם גאָלד. דער אַרכיטעקט האָט נישט געוואָלט איבערלעבן די ירידה פון זיין געליב־טער שטאָט. פונעם טומל און רויך פון דער קעגנוואַרט איז ער אַוועק צו די זיילן פון אייביקן שווייגן.

ראָדענבאַכס העלדן זענען מסוגל צו לעבן בלויז אין דער פאַר־גאַנגענהייט, אין דערינערונגען און טרוימען. פאַר זיי זענען אַבסאָלוט צוגעפּאַסט די פאָלגנדיקע פערזן זיינע:

זאָל אונז דאָס לעבן רופן, זאָל שאַלן דער האָרן צו אונז,
אונז וועט דער קורצער קופּערנער רוף נישט באַווירקן:
מיר ליבן בלויז די טרוימען מיט ליבע אומפּאַ־ראַטענער, —
אויפהערן זיי ליבן קאָנען מיר נישט, ווי פריינט שוין לאַנג פאַרשטאָרבענע.

אַזאַ מין טרוימער, וואָס איז מיט אייזערנע קייטן צוגעשמידט צו דער פאַרגאַנגענהייט, איז ראָדענבאַכס העלד אין דער דערציילונג „דאָס טויטע בריזשע". גלייך נאָכן טויט פון זיין געליבטער פרוי באַזעצט זיך גיג וויאַן צווישן די פּוסטע גאַסן און אומבאַוועגלעכע קאַנאַלן, אין אַ וועלט פון „אומענדלעכן שווייגן". אָט־דאָ גיט ער זיך איבערגאַנצן אָפּ זיינע דערינערונגען, דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. עפּעס איין מאָל איז ער אַריין אין טעאַטער. מ׳האָט געשטעלט „ראָבערט דער טייוול". אין דער שבועה־סצענע איז פון קבר אַרויס אַ באַלערינע, וועלכע איז געוואָלדיק ענלעך געווען צו זיין פאַרשטאָרבענער פרוי. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די פאַרשטאָרבענע אַליין איז טאַקע אויפ־געשטאַנען פון קבר. די פאַרגאַנגענהייט איז ווידעראַמאָל געוואָרן קעגנ־וואַרט. לכתחילה האָט גיג ליב געקריגן זשאַננען בלויז צוליב איר ענלעכקייט, צוליב דער „אילוזיע פון מיראַזש". עפּעס איינמאָל האָט ער זי געבעטן, זי זאָל אָנטון דעם קאָסטיום פון דער פאַרשטאָר־בענער פרוי און ער האָט שוין פריער געקוויקט זיך מיט דער מינוט, ווען די דערינערונגען וועלן זיך אָנקליידן אין לעבעדיקע פאָרמען.

קאָקעטירנדיק און קרימענדיק זיך, איז זשאַננע אַרויפגעשפּרונגען אויפן טיש, פון אונטער דעם אַפערגעהויבענעם קליידל האָט אַרויסגעקוקט אַ נאַקעטער פוס, אויף איר פּנים האָט זיך באַוויזן אַ נאָכגעמאַכטער טעאַטראַלישער שמייכל. גיג איז דערשראָקן און אויפגעבראַכט געוואָרן, די פאַרגאַנגענהייט, ווערנדיק קעגנוואַרט, האָט געקוקט אויף אים מיט אַן עקלהאַפטער גרימאַסע. ער האָט שוין געוועסט באַשלאָסן איבערצורייסן מיט דער געליבטער, און דאַן האָט ער פּלוצלינג באַמערקט, אַז ער ליבט זשאַננען מיט אַן עכט־אמתדיקער ליידנשאַפט. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס לעבן האָט טריאומפירט איבער דעם טויט. אָבער אָט איז זשאַננע אַריין אינעם צימער, וואו עס זענען געלעגן באַהאַלטן, ווי רעליקוויעס, געדענק־זאַכן פון דער פאַרשטאָרבענער פרוי, און אַ כאַפּ־טוענדיק פון אונטער אַ גלעזערנעם צודעק אירע האָר, האָט זי זיי מיט אַ שנעלער באַוועגונג אָנגעטון אויפן קאָפּ. די אילוזיע איז געווען אַ שטוינענדיקע. ווי אַ לעבעדיקע איז פאַרן אַלמן געשטאַנען זיין פאַרשטאָרבענע פרוי. אָבער וואָס אויפמערקזאַמער ער האָט זיך צוגעקוקט צו די באַקאַנטע שטריכן, אַלץ בולטער האָט זיך פון זיי אַפּערגעוויזן די פיזיאָנאָמיע פון אַ פּשוטער, גאַסיקער גריזעטקע. גיגן איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט פאַרלוירן די גלייכגעוויכט. און ער האָט מיט די האָר פון זיין פרוי דערשטיקט די געליבטע. און דערנאָך האָט ער זיך ווידער פאַרזונקען אינעם „אומענדלעכן שווייגן" פון די פּוסטע גאַסן און אומבאַוועגלעכע קאַנאַלן, אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, אין דעריננערונגען און טרוימען.

צו אַלע געפילן, וואָס עס לעבן־דורך ראָדענבאַכס העלדן, ווערט תמיד צוגעמישט, ווי אַ טראָפּן ווערמוט, דער געדאַנק וועגן אומפאַרמיידלעכן טויט. אפילו די ליבע, אין וועלכער ס'ווייזט זיך אַרויס, לויט שאָפּענהויערס ווערטער, אין אַ קאָנצענטרירטער פאָרם דער ווילן צום לעבן, האָט ביי זיי תמיד אַ ביטערן בייגעשמאַק פון אַש און צעפאַלונג. „ליבע און טויט בילדן, אין תוך, איין וועזן", — זאָגט ראָדענבאַך. דאָס איינציקע, וואָס וואָלט נאָך געקאָנט שלום מאַכן צווישן דידאָזיקע משונהדיקע טרוימער מיט דער וועלט, — דאָס איז די קונסט. אָבער אויך זי דינט פאַר זיי בלויז אַלס מיטל „צו פאַרגעסן דאָס לעבן". פאַר שיין האַלטן זיי נישט דאָס, וואָס איז פול מיט קראַפט און געזונט, נאָר דאָס, וואָס עקזיסטירט שוין נישט, וואָס איז



שאָפּענהויער



ניטשע

שוין לאַנג „געשטאָרבן". ברײַזשע — איז דער סימבאָל פון דעקאַדענטער נישטדאַאיקער שיינקייט. אין איר „טויטלעכקייט" ליגט איר צויבער.

א גרויס שווייגן הערשט דאָרט פייערלעך,
אומעטום, פאַרכאַפּנדיק און קרעפטיק;
אויף די דורכגייער געוועלטיקט עס מעכטיק,
ס'נעמט זיי דורך ווי אין קירכע דער ווייַרויך.

און אַלס אַ נישטדאַאיקע שיינקייט איז אויך די קונסט פאַר ראָדענבאַכס העלדן אַ מין פינגער, וואָס ווייזט אין דער זייט פון יענער וועלט. ברײַזשע — איז דער סימבאָל פון דעקאַדענטער רעליגיעזער קונסט. די גאַנצע שטאָט האָט אַן אויסזען פון אַ „גלויביקן". פון אירע קירכעס, וואָס זענען אויס פונקט „ווי אויף די קני-שטייענדיקע אין שטיינערנע תפילה-העמדער", פון אירע „קלויסטערדיקע און שפּיטאָלישע ווענט" ווייעט עפּעס דער גייסט פונעם שיינעם אַלטערטום. „די הייזער, וואָס זענען ענלעך צו קלויסטערס", און „די לופט, וואָס איז פול מיט גלאָקנקלאַנג", און „די גאַסן, וואָס זענען באַצירט מיט מאַדאָנעס", — אַלץ דערוועקט דאָ אַ בענקשאַפט צו די הימלען, אַלץ „מאַכט גענייגט צום קאַטאָליציזם".

אַזוי האָבן די אַריסטאָקראַטישע גרופּעס דורך זייער אינטעליגענץ אַרײַנגעבראַכט אין דער נייער ליטעראַטור, פון איין זייט, אַ ליידנשאַפטלעכע שנאה צום המון און צו זיינע אידעאָלאָגן, און דעם טיף פון אַן „אַריסטאָקראַטישן מענטש" מיט זיין קולט פאַר אַלט-יחוסדיקער אָפּשטאַמונג, מיט זיין עגאָאיסטישער פילאָזאָפיע, מיט זיינע עראָטישע און עסטעטישע שטימונגען (די ניטשעאַנער), און פון דער צווייטער זייט — אַ נישט-ווייניקער ברענענדיקע שנאה צו דער הייַנטיקער בורזשואַזער ציוויליזאַציע און דעם טיפ פונעם בעל-תשובהניק-טרוימער, וועלכער אַנטלויפט פון דער קעגנוואַרט צו דער פאַרגאַנגענהייט, פונעם לעבן צו דערינערונגען, וועלכער בויט זיך אויף אין דער פאַנטאַזיע אַן אַבסאָלוט זעלבשטענדיקע קינסטלעכע וועלט — „פאַרקערט", וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט אַ נטיה צום מיסטיציזם און קאַטאָליציזם, וועלכער טרוימט וועגן דער רו פון קלויסטער אָדער קבר („די דעקאַדענטן").

VIII.

אַחוץ דער אַריסטאָקראַטיע האָט אויף דער נייער ליטעראַטור אויך אָרויפגעלייגט זיין גייסטיקן שטעמפּל דאָס קליינבירגערטום (דורך זיין אינטעליגענץ). די בין־המצרימדיקע לאַגע, וואָס דאָס קליינבירגערטום פאַרנעמט אין דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, צווינגט דעמדאָזיקן קלאַס זיך צו וואַקלען אין אומאַנטשלאָסנקייט צווישן דער אָנערקענונג פון פּריוואַט־אייגנטום אויף די פּראָדוקציע־געצייג און אָפּלייקענונג פון דעמזעלבן, צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם, צווישן דער וועלט פון אונטערנעמערס און דער וועלט פונעם פּראָלעטאַריאַט.

די אומזיכערקייט פון דער סאָציאַלער פּאָזיציע פון דעמדאָזיקן קלאַס דערוועקט ביי זיינע פאַרשיידענע איינצלנע מיטגלידער, און באַזונדערס ביי זיין אינטעליגענץ, אַ קריטיק פון דער אַרומיקערווירקלעכקייט, דערביי דינען פונדעסטוועגן אַלס אויסגאַנג־פּונקט פאַר דערדאָזיקער קריטיק נישט אַזוי די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן צווישן מענטשן, ווי די מאָראַלישע חסרונות פון דידאָזיקע מענטשן, וועלכע זענען דאָך בלויז אַ רעזולטאַט פון די דערמאָנטע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן. דער קליינבירגער איז נוטה צו זען די סיבה פונעם בייז, וואָס לאַסטעט אויף דער וועלט, נישט אַזוי אינעם אינסטיטוט פון פּריוואַט־אייגנטום, ווי אין דער עקזיסטענץ פון דער עקזיסטירנדיקער אָבליגאַטאָרישער מלוכהשער אָרגאַניזאַציע, אינעם אינסטיטוט פון דער רעגירונגס־מאַכט. ער איז נישט בלויז אַ מאָראַליסט, און דערביי, צוליבן מאַנגל אין אַ קלאָרן צוקונפט־אידעאַל, אַ נודנער און קליינלעכער מאָראַליסט, נאָר ער איז אויך אַן אַנאַרכיסט, אויב נישט לויט זיינע טאַקטישע קאַמף־מעטאָדן, איז, לכל־הפחות, לויט זיין מאַניער פון דענקען. היות ווי דאָס קליינבירגערטום אַלס קלאַס צעפאַלט זיך סוף־כל־סוף, ווערט עס דאָך צעריבן צווישן די מיל־רעדער פונעם היסטאָרישן פּראָצעס, צייכענען זיך אויס זיינע איינצלנע מיטגלידער, באַזונדערס זיין אינטעליגענץ, מיט אַן אויסערגעווינלעכער נערוועזיטעט, און אויפן באָדן פון דערדאָזיקער נערוועזיטעט בילדעט זיך ביי זיי אויס אַ האָפנונגלאָז־פאַטאַליסטישע לעבנסקאָנצעפּציע. אינעם קאָפּ פונעם קליינבירגער פאַרפעסטיקט זיך לייכט די איבערצייגונג, אַז דער מענטש איז גאָרנישט,

אַ בלינד שפּילצייג אין די הענט פון עפּעס אומבאַקאַנטע כּוחות, אַז די סביבה איז שטאַרקער פאַר זיין ווילן, אַז דער באַלעבאָס פון דער וועלט איז דער אָנשכּלדיקער, בייזער גורל.

די בולטסטע אויסדריקער פונעם קליינבירגערלעכן געדאַנק אין דער נייער ליטעראַטור זענען א י ב ס ע ן און ה ו י פּ ט מ אַ ן. זיי אַליין זענען טאַקע נישט געווען קיין קליינבירגער לויט זייערע סימפּאַטיעס ; אדרבה, זיי זענען ביידע געווען שונאים דעם קליינבירגערטום, איינער אַ קעמפנדיקער און שטרענגער, דער צווייטער — אַן אַנטוישטער און אומעטיקער. און פונדעסטוועגן זענען זיי ביידע, לויט זייער מאַניער פון אָפּשאַצן דאָס לעבן און מענטשן, לויט זייערע פּאָזיטיווע אידעאַלן, נישט אַרויס מחוצן תחום פון קליינבירגערלעכן האָריזאָנט.

צווישן די שאַפונגען פון איבסענען און הויפּטמאַנען עקזיסטירט ביי דער גאַנצער ענלעכקייט פון די גרונט־מאָטיוון אַ באַדייטנדיקער אונטערשייד. אויף וויפיל ער איז נישט קיין פּועל־יוצא פון צופעליקע, ריין־אינדיווידועלע אייגנשאַפטן פון ביידע דיכטער, דערקלערט זיך דער דאָזיקער אונטערשייד דערמיט, וואָס במשך פון די פינפאונצוואַנציק יאָר, וואָס טיילן־אָפּ הויפּטמאַנען פון איבסענען, איז דאָס קליינבירגערטום, אונטערן דרוק פון דעם זיך־אַנטוויקלענדיקן קאַפּיטאַליזם, נאָך מער צעוואַקלט און דיפערענצירט געוואָרן און דעריבער ווייזט זיך אַרויס אין הויפּטמאַנס פּסיכיק און אין זיין שאַפן מער נערוועזיטעט, פאַרלוירנקייט, נישט־שטאַנדהאַפטיקייט און פּעסימיזם, ווי ביי איבסענען.

אין דעם נאָרוועגערס דיכטונג פילט זיך נאָך יענץ אַקטיווע פּראָטעסטירנדיקע קליינבירגערטום, וואָס האָט גענומען אַזאַ טעטיקן, כאָטש גלייכצייטיק פאַטאַלן אָנטייל אין די רעוואָלוציאָנערע שטורעמס פון אַכטאונפערציקסטן יאָר, בשעת דער דייטשישער דיכטער דריקט אויס די שטימונגען פון דעמזעלבן קלאַס, ווען ער איז שוין צעפּרעסן דורכן ראַק פון סאָציאַלן פונאַנדערפאַל און ווען ער פאַרלירט שוין וואָס ווייטער אַלץ מער די האָפענונג איינצוהאַלטן זיין זעלבשטענדיקע קלאַסן־עקזיסטענץ.

איבסענס שאַפונג איז אויסגעוואַקסן אויף דער שוועל פון צוויי עפּאָכעס, ביי זייער גרעניץ.

ווען ער האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט, איז נאָרוועגיע נאָך געווען דאָס טיפּישע לאַנד פון קליינבאַלעבאַטישקייט

(הויפּטזאַכלעך, פון פויערישער). דער טאָגגעבער אין לעבן איז געווען דער קליינבירגער, אַ מענטש אַ וואַקלדיקער און נישטיקער, וואָס, לויט די ווערטער פון בראַנדן, איבסענס ערשטער בולטער העלד, „וויל ער צוביסלעך זיין אַלץ, אַ ביסל דאָס און אַ ביסל יענץ, וועלכער איז „סיי ביי גרויסע זאַכן, סיי ביי קליניקייטן אַ נישטיקייט“, וועלכער „שטרעבט צו ווערן גלייך מיט אַלעמען, און נישט זוכן קיין וועגן באַזונדערע“, וועלכער שטעלט העכער פון אַלץ שלום און רו און וועלכער שטעלט זיך אויך גאָט פאָר לויט זיין אייגענער געשטאַלט און מוסטער, ווי אַ גוטמוטיקן באַלעבאַטישן מענטש, ווי אַ זיידן „אין אַ שלאָפראָק און פאַנטאָפל“, מיט וועלכן מ׳קאָן זיך „אַ ביסל דינגען“.

אָנערקענענדיק די ווערטלאָזיקייט פון דערדאָזיקער נישטיקער און וואַקלדיקער וועלט, וועלנדיק דערציען די בירגער אינעם שטרענגן גייסט פון דעם אָנקומענדיקן נייעם לעבן, שטעלט זיי בראַנד אַנטקעגן זיין נייע לערע, וועלכע איז געבויט אויף דער אידעע פון צילבאַוואוסטקייט, קראַפט און ווילן. זייענדיק פרעמד פון קאָמפּראָמיס-מאַכעריי, פּראָקלאַמירט ער זיין זייער-שיינעם דעוויז: „אַלץ אָדער גאָרנישט“. דער זיסלעכער פילאַנטראָפּיע פונעם קליינבירגערטום וואַרפט ער אין פּנים אַריין זיין שטאָלץ וואָרט „שנאה“, וואָס איז „דער זאָמען פון אַ קאַמף אַ גרויסן, אַן אַלוועלטלעכן“. אַקעגן דער אָנגענומענער פונאַנדערגרעניצונג צווישן לעבן און אידעאַל שטעלט ער אויף זיין לערע פון פאַראיינהייטלעכן דעם אידעאַל מיטן לעבן, פון אַזאַ אָרדנונג פון פאַרהעלטענישן און געדאַנקען, וואָס „זאָל אין איינס צונויפגיסן דאָס טאָגטעגלעכע לעבן מיטן גייסטיקן פלי אין די איבערשטערנדיקע הויכקייטן פון די הימלען“. און אויפן אָרט פונעם גרויסמוטיקן און פאַרשלאָפענעם קליינבירגערלעכן גאָט שטעלט ער אַוועק זיין גאָט, דעם „יונגן הערקולעס“, די העכסטע פאַרקערפּערונג פון דער „צילבאַוואוסטער און זיך-טרייער פּערזענלעכקייט“.

אַלע פּרוּוון, וואָס בראַנד נעמט-אונטער מאָראַליש איבערצודערציען דאָס אַרומיקע קליינבירגערטום, ליידן אַ דורכפאַל, דאַן ווערט ער פאַרוואַנדלט פון אַ מאָראַליסט-פּרעדיקער אין אַ בונטאַר-אַנאַרכיסט. איצטער אַנטדעקט ער פּלוצלינג דעם קוואַל פון דער מענטשלעכער פאַרקליינלעכונג אין אַ זייטיקער סיבה, און נעמלעך: אין דער עקזיסטענץ פון אַ מלוכהשער און קירכלעכער צוואַנג-אָרגאַניזאַציע. דער פּרעפעקט און דער גלח, די רעגירונג און די קירכע — אָט דאָס זענען

די אמתע שונאים פון דער פערזענלעכקייט: זיי האָבן אויסגעזויגן פונעם מענטש זיינע „פעסטע זאַפטן", זיי „האָבן צעברעקלט אויף טיי־לעכלעך יענע נשמה, וועלכע איז אַ גאַנצע באַשאַפן געוואָרן", זיי פאַרניכטן אינעם מענטש די פרייע פערזענלעכקייט, דעם העראָאישן חילן און די דרייסטע אימפּולסן, זיי ווילן, אַז אַלע „זאָלן גיין צוזאַ־מען מיט אַ גלייכן טריט". און בראַנד רופט אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט, דאָס „פאָלק", צו אַן אָפענעם בונט אַקעגן אַלע פּרעפעקטן און גלחים. ער רופט „פונאַנדערצובינדן אַלע פּענטעס און שטריק", אַרויסצולאָזן אויף דער פריי „אַלע נשמות, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט". — דאַן וועלן פאַרשווינדן „פון פוילקייט און צע־קראָכנקייט די לעצע שפּורן", און אויף דער וועלט וועט שליטה באַ־קומען דער באַגערטער אידעאַל פון „אַ פערזענלעכקייט אַ גאַנצער און אַ זיך־טרייער".

די מאַסע, וועלכע ווערט אויף אַ מאָמענט עלעקטריזירט דורך בראַנדס רעדע, קילט זיך גיך אָפּ און זי פאַרלאָזט דעם פירער. פאַריאָגט אויף אַ פעלזנשפּיץ, פאַרזינקט ער אין איינזאַמער אין טרוי־עריקע מחשבות. ער זעט, ווי אין דער פאַרשלאָפענער מלוכה פון קליינבירגערלעכער רו הויבט זיך אָן שאַפן אַ גרויסע מאַשינאַלע פּראָ־דוקציע. צווישן די פיאָרדן און פעלזן קומט צו דער מאַכט אַ נייער הערשער — דער קאַפּיטאַל. עס שפּרייטן זיך שוין וואָלקנס רויך אי־בער די כאַטעס פון די פישערס און ערדאַרבעטער. אויף די פאַב־ריקן און אין די שאַכטן גייט אַ לעבהאַפטע אַרבעט. אין בראַנדס אויגן זעט אויס דידאָזיקע צוקונפט זייער אין זייער נישט קיין פריילעכע.

פון ענגלישן קוילן־שטויב
שטייט אַ וואָלקן איבערן לאַנד און רויכערט,
פאַרשוואַרצט דאָס פרישע גרינס.
מיאוס און שמוציק איז דאָס פאָלק געוואָרן,
אין די שאַכטן די טיפע הערט מען קיין ליד נישט.
ס'דערטראָגט זיך בלויז אַ קלאַנג אַן איינטאָניקער, —
דער שאַרפער קלאַנג פון העק, — דער קוויטש פון בויער־
אייזן.

דער פויער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פּראָלעטאַריער. מיט אַ האַר־באַטער פּלייצע און אַ האָרבאַטער נשמה: „זיינע ליפּן ווייסן נישט פון קיין זוניקן שמייכל, און דאָס האַרץ איז טויב צו דיליידן פון די ברידער". אויב די לאַגע פון דער „קריטיש־דענקענדיקער פּערזענלעכ־קייט" איז נישט געווען קיין געהויבענע אין דער פּאַטריאַרכאַלישער קליינבירגערלעכער געזעלשאַפט, וועט אין דערדאָזיקער אָנקומענדיקער מלוכה פון אייזן און רויך דער אינטעליגענט ווערן לגמרי אַן איבע־ריקער מענטש.

עס בויט די מאַסע, זי שניצט און פּוצט —
נישטאָ שוין דער לעצטער טרעגער
פון ליכט, אמת, ווייסן און גוטס.

און בראַנד שטאַרבט פאַרשילטנדיק די פאַרגאַנגענהייט, אָן אַ גלויבן אין דער צוקונפט.

און אַרום טרעטן אַרויף אויף דער סצענע נייע מענטשן, די בויערס פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

דער קאָנסול בערניק („די זיילן פון דער געזעלשאַפט") האָט באַשלאָסן צוצוציען צו זיין פאַרשלאָפן און לאַנגווייליק היימשטעטל אַ צווייג פון דער באַן־ליניע און ער פרייט זיך שוין פריער מיט יענער „פרייקייט, וואָס וועט זיך עפענען פאַר דער פאַבריק־אינדוסטריע, און דזשאָן באָרקמאַן („דזשאָן באָרקמאַן") שילדערט זיך מיט אַנטציקונג דאָס בילד פון דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג פון לאַנד. „עס טומ־לען, עס רוישן די פאַבריקן, די אַרבעט זידט בייטאָג און ביינאַכט, עס דרייען זיך די רעדער, עס פינקלען די וואַלצן, שיפן קומען־אָן און גייען־אָפּ, עס ברידערן זיך לענדער און פעלקער, ליכט און וואַרעמקייט נידערן אַראָפּ צו טויזנטער פאַמיליעס".

שילדערנדיק אין זיינע רעאַל־שטייגערישע פּיעסעס די קאַפּיטאַ־ליסטישע געזעלשאַפט, האָט זי איבסען פונדעסטוועגן כסדר געזען מיט די ברילן פון דעם אָפּשטאַרבנדיקן קליינבירגערלעכן שטייגער. נישט זיינע רויבערישע אונטערנעמערס (קאָנסול בערניק, דזשאָן באָרקמאַן), נישט די אינטעליגענץ, סיי מענער סיי פרויען, פונעם אינדיווידואַליס־טישן טיפּ (דער אַרכיטעקט סאָלנעס און היִלדאַ) שטייען נישט אויף דער הויך פון דער מאָראַל פון דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע, וועלכע

באַזירט זיך אויף עקספּלואַטאַציע און פאַרניכטונג, — וואָרום סוף־כּל־סוף זאָגן זיך זײַנע העלדן אָפּ פון זייער עקסטרעמען עגאָאיזם צוליב דער טובה פון אַנדערע. אין קיין איינס פון איבסענס ווערק זענען נישט אַרויסגעבראַכט יענע צווײ פיגורן פון אָפּלייקענער און בונטאַרן, וועלכע זענען באַשאַפן געוואָרן דורך די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַדינגונגען פונעם קאַפּיטאַליזם: ס'איז נישט די באַוואוסטזיניקע פּעמיניסטקע, וואָס זאָל קעמפן פאַר דער סאָציאַלער און פּאָליטישער גלײַכבאַרעכטיקונג פון דער פרוי, און ס'איז נישטאָ דער באַוואוסטזיניקער אַרבעטער, וועלכער זאָל בונטעווען קעגן דער עקספּלואַטאַציע פון די באַלעבאַטים אין נאָמען פון דער באַפרייאונג פונעם פּראָלעטאַריאַט. דער אידעאַל פון אַ פרוי איז אין איבסענס אויגן די געטרייע פרײַנדין און מאָראַלישע דערציערין פון די מענער (אַגנעס, לאָנאַ, הילדאַ), דער אידעאַל פון אַן אַרבעטער — אַ פּראָלעטאַריער, וואָס גיט זיך פרײַוויליק אונטער דער השגחה פונעם אונטערנעמער (מאָונע).

אין קעגנזאַץ צו בראַנדן איז איבסען גרייט געווען צו באַגריסן די געבורט פון דער נייער קאַפּיטאַליסטישער קולטור. די ממשלה פון קליינבירגערטום האָט זיך געענדיקט. ס'זענען ליכטיקער געוואָרן די האָריזאָנטן, ברייטער די אויסקוקן אין דער צוקונפט אַרײַן. פּונקט ווי דאָקטאָר שטאָקמאַן („דער שונא פון פאָלק"), אַזוי איז אויך איבסען די ערשטע צײַט געווען ווי פאַרבלענדט פונעם „יונגן, אומעטום־דערוואַכנדיקן לעבן". ער איז צוזאַמען מיט אים גרייט געווען אויסצושרײַען: „וואָס פאַר־אַ וואונדערלעכע צײַט מיר לעבן איבער! אַרום אונדז בליט זיך פונאַנדער אַ גאַנצע נײַע וועלט. עס שפּרייטן זיך פונאַנדער אויסבליקן אויף דער צוקונפט. דו דערזעסט פאַר דיר אַן אָנצאָליקע מאַסע פּראָבלעמען, צוליב וועלכע עס לוינט צו אַרבעטן, עס לוינט צו קעמפן". און פּונקט ווי דאָקטאָר שטאָקמאַן, האָט אויך איבסען זייער גיך פאַרשטאַנען, אַז דאָסדאָזיקע קאָכעדיקע און גלענצנדיקע לעבן איז אין זײַן עצם־„קוואַל" פאַרסמט, אַז עס „דרייט איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ די גערעכטיקייט און מאָראַל", אַז די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע געבײַדע, וואָס איז פונדרויסן באַגילדט און באַפּוצט, באַזירט אויף פונדאַמענטן פון „אָפּנאַרערײַ און פאַלשקייט". און פּונקט ווי דאָקטאָר שטאָקמאַנען, אַזוי איז אויך איבסענען געוואָרן „שרעקלעך" צו לעבן.

ווי בראַנד האָט אַמאָל געפּרוווט מאָראַליש איבערצודערציען די קליינבירגער, אַזוי בעמט זיך איצט דאָקטאָר שטאָקמאַן צו לערנען די

בורזשויען, ווי מ'דאַרף לעבן, אָבער אויך ער ליידט אַ פולשטענדיקע מפּלה. אַקעגן אים, דעם קעמפער פאַר „מאָראַלישקייט" און „גערעכטיקייט", פאַראייניקן זיך אין אַ זעלטענער איינשטימיקייט, סיי די הויזבאַזיצערס, סיי די פרעסע, סיי די אַרבעטער, ווייל אַלע זענען זיי גרייט אויפצובויען זייער אייגענעם וואוילשטאַנד אויף פרעמדן אומגליק, אויף דעם חורבן פון נאָענטן. פונדעסטוועגן פאַרלירט נישט דאָקטאָר שטאָקמאַן די האָפענונג, אויב נישט איצט, וועט ער, לכל הפּחות, אין דער צוקונפט אויסבעסערן דידאָזיקע פאַלשע געזעלשאַפט און ער נעמט זיך מיט אַן אומאויסשעפּבאַרן אָפּטימיזם צו דערציען דעם יונגן דור (הויפּטזאַכלעך קינדער פון דער גאַס), כדי ער זאָל זיך שפּעטער אָננעמען פאַר דער פאַרטריבענער גערעכטיקייט און ער זאָל זי צוריק איינפירן אויף דער וועלט.

דאָקטאָר שטאָקמאַנען פאַרטרעט גרעגאָר ווערלע („דאָס ווילדע ענטל") — אַ צווייטער „אַפּאָסטאָל פון אמת". ער קלאַפּט־אָן פעסט מיט זיין פרעדיקונג פון מאָראַלישער באַנייאונג פריער אין האַרץ פון דעם פאָטער־קאַפּיטאַליסט, וועלכער האָט אויפגעבויט זיין לעבן אויף פאַלשקייט, אָפּנאַרעריי און עקספּלואַטאַציע, דערנאָך אין דער נשמה פונעם קליינבירגער — דעם פאָטאָגראַף עקדאַל, וועלכער איז פאַרזונקען געוואָרן אין נישט־אמת און אין פראַזעס, אָבער נישט דאָ, נישט דאָרט וויל מען אים נישט קענען און ער שפּילט אומעטום די ראָל פון „אַ פינפטן ראָד צום וואָגן". „נישט דער אמת, — פּרוווט איינרעדן גרעגאָרן דער פילגעניטער דאָקטאָר רעלינג, — נאָר די פאַלשקייט, אָט דאָס איז די אמתדיקע סטיכיע פון דעם היינטיקן מענטש".

אַזוי האָט זיך איבסען אַנטוישט אין דער מעגלעכקייט אויפצוהייבן די בורזשואַזע געזעלשאַפט אויף אַ העכערער שטופע פון מאָראַלישע פאַרהעלטנישן און ער האָט געמוזט קומען צום אויספיר, אַז אַ רעטונג פאַר דער וועלט קאָן מען דערוואַרטן סיידן בלויז פון אַ נייעם קלאַס, וועלכער ברענגט מיט זיך אַ נייע מאָראַל און אַ ניי לעבן. אין די לעצטע יאָרן זיינע האָט ער אַלץ אָפטער געווענדט זיינע בליקן אויפן פּראָלעטאַריאַט, באַהויפּטנדיק, אַז ער וועט באַנייען די אַלטע געזעלשאַפט מיט אַן איידעלן, „אַריסטאָקראַטישן" גייסט. איבסען האָט דאַן באַדויערט, אַלעמאַל זיינע „פעאיקייטן דערלויבן אים נישט אומיטלבאַר צו אַרבעטן פאַר דער באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס".

איבסען



הויפטמאַן

אויסדריקנדיק זיין אויפריכטיקע זיכערקייט אין זיין אומפאַרמיידלעכן „נצחון" און פרייענדיק זיך דערמיט. אָבער איבסען איז אויך נישט געוואָרן קיין סאָציאַליסט. ער האָט אַרויסגעוויזן, פונקט ווי בראַנד, אַ גרויסע נטיה צום אַנאַרכיזם. אין זיינע בריוו צום דענישן קריטיקער ב אַנדעס האָט ער געשטעמפּלט די מלוכה אַלס דעם הויפּט-שונא פון דער פּערזענלעכקייט און אַלס דעם סאַמע געפערלעכסטן אָפּהאַלט פון פּראָגרעס. ער האָט פּראָקלאַמירט די „בירגערלעכע" רעכט, דאָס וואַלרעכט און בודזשעט-רעכט פאַר זאַכן, וואָס פאַרדינען נישט קיין ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט, און ער איז שאַרף אָנגעפאַלן אויף די פראַנצויזישע אַרבעטער-קאָמונאַרן דערפאַר, וואָס זיי האָבן פּראָקלאַמירט אַ דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, אָנשטאָט צו פאַרניכטן יעטוועדע מאַכט-פאָרם. אין זיינע פּיעסעס („ראָסמערסהאָלם", „דער שונא פון פאָלק") איז איבסען צאָרנדיק אַרויסגעטרעטן קעגן יעטוועדער פּאַרטייאישקייט. ער האָט רעקאָמענדירט אַרויסצוטרייבן פון לאַנד אַלע „גרויע וועלף" (די פּאָליטיקער) און די רעטונג פון דער וועלט האָט ער איינגעזען אין דער אָנפירונג פון דער אויסנקלאַסנדיקער, אומפּאַרטייאישער אינטעליגענץ, וועלכע וועט איינאָרדנען אויף אונזער ערד שלום, האַרמאָניע און וואוילטעטיקייט. אין אַ געשפּרעך מיטן פירער פון דער עסטרייכישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע וויקטאָר אַדלער האָט איבסען זיך אָפן דערקלערט אַלס אַנאַרכיסט.

אַנאַרכיסטן-אינדיווידואַליסטן, לכל-הפּחות, לויטן טעמפּעראַמענט, לויט די שטימונגען, אויב נישט לויט זייער וועלט-אָנשויאונג, זענען געוויינלעך אויך איבסענס העלדן, וועלכע רייסן-איבער מיט דער פאַמיליע (נאָראַ), מיט דער קירכע (די פּאַסטאָרס בראַנד און ראָסמער), מיט דער געזעלשאַפט, אין נאָמען פון דער אומבאַגרעניצטער פרייקייט פאַר זייער זעלבסטהערשערישער פּערזענלעכקייט. אָבער זיי פאַרמאָגן נישט קיין קלאָרן קאָנקרעטן אידעאַל. ווי דער אינזשיניער באָרגהיים האָבן זיי ליב „דורכצוברעכן נייע וועגן" אָבער מער פאַר אַלץ אינטערעסירט זיי דער עצם-פּראָצעס, היות ווי זיי ווייסן אַליין נישט וואוהין פירן אייגנטלעך די דאָזיקע וועגן. צוליבן מאַנגל אין אַ קלאָרן אידעאַל זענען זיי געצוואונגען אָנצוקומען צו נעפּלהאַפטע, כאָטש שיינע סימבאָלן, טרוימענדיק וועגן די אָנברעגיקע אַמעריקאַנער סטעפּעס („די זיילן פון דער געזעלשאַפט"), אָדער וועגן דעם ענדלאָזן ים („עלידאַ"), אָדער, צומלעצט, וועגן הויכע בערג, באַשיינטע מיט די שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון („ווען מיר, טויטע, דערוואַכן"). דערדאָזיקער

סימבאָליזם איז, לויט פּלעכאַנאָוס טרעפלעכער באַמערקונג, אַ מין אָרימ־קייט־צייגניש. „ווען אין דער קונסט פון דער באַטרעפנדיקער געזעל־שאַפט ווייזט זיך אַרויס אַ שטרעבונג צו סימבאָליזם, — באַמערקט ער, — איז דאָס אַ זיכערער צייכן דערפאַר, אַז דער מוח פון דערדאָזיקער געזעלשאַפט אָדער דער מוח פון דעמדאָזיקן קלאַס אירן, וועלכער לייגט אַרויף זיין שטעמפּל אויף דער קונסט, קאָן נישט תופס זיין דעם זין פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, וואָס קומט פאָר פאַר זיי־ערע אויגן".

איבסענס דיכטונג איז, צומלעצט, אַדורכגעדרונגען מיט אַ האָפ־נונגסלאָזן פּעסימיזם.

אויף זיינע העלדן לאַסטעט תמיד די פאַטאַלע מאַכט פון דער פאַרגאַנגענהייט, אָפּסמענדיק זייער פיזישן אָרגאַניזם (אָסוואַלד אין „זעאונגען", ראַנק אין „נאָראַ"), צווינגענדיק די קינדער איבערצוחזרן די פעלערן פון זייערע עלטערן (נאָראַ, רעגינאַ), שטערנדיק זיי אָנצו־הויבן אַ ניי לעבן (ראָסמער), און עס דאַכט זיך זיי תמיד אויס, אַז אָדער אין זיי גופא זיצן עפּעס געהיימנישפולע בייזע גייסטער — „טראָלן", וואָס פאַרשקלאַפן זייער ווילן (דער אַרכיטעקט סאָלנעס) אָדער אַרום זיי שפּאַצירן אַרום עפּעס שלעכט־בשורהדיקע געשטאַלטן, וועל־כע פאַרסמען מיט זייער קברדיקן גייסט דאָס לעבעדיקע לעבן (פרוי אַלוויג אין „גייסטער".

אַזוי שפּיגלט אָפּ איבסענס דיכטונג די גרונט־שטריכן, וועלכע זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קליינבירגערלעכער פּסיכיק, און נעמ־לעך: די אומאַנטשלאָסענע וואַקלעניש צווישן דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט, די נטיה צו מאָראַליזם און אַנאַרכיזם, און, צומלעצט, דער האָפנונגסלאָזער פּעטאַליסטישער פּעסימיזם.

ה ו י פּ ט מ אַ ן שפּיגלט אָפּ אין זיינע דראַמעס דיזעלביקע סאָציאַ־לע סביבה, וואָס איבסען.

במשך פון די פינפאונצוואַנציק יאָר, וואָס טיילן פונאַנדער ביידע דיכטער, האָט דאָס קליינבירגערטום לחלוטין אויפגעהערט צו זיין אַ רעוואָלוציאָנערער קלאַס. אַלץ זעלטענער קומען אַרויס פון איר סביבה נאַטורן קעמפערישע, פּראָטעסטאַנטן לויט זייער גייסט און בונטאַרן לויטן טעמפּעראַמענט. די קעמפערישע היץ, וואָס האָט אַמאָל באַלעבט דעמדאָזיקן קלאַס, ווערט איצט פאַרביטן דורך מרה־שחורהדיקייט און אומעט.

דער קאָמפּראָמיסלאָזער גייסטלעכער בראַנד, וועלכער האָט גערופן צו אַן אָפענעם בונט קעגן דער קירכע און מלוכה, ווערט אונטער הויפּטמאַנס פעדער פאַרוואַנדלט אינעם אַנטוישטן און אומעטיקן קינסטלער לאַכמאַן („מיכאַל קראַמער"). אויך אים איז ענג אין דער „פינצטערער נאָרע פון דער שמאָלינקער קליינבירגערלעכער עקזיסטענץ". ער פילט זיך דאָ אַ „לעבעדיק־באַגראָבענער", ער הערט־אויף „זיך צו פאַרשטיין", „זיך צו דערקענען". און נישטאָ וואו צו אַהינטון זיך פון דערדאָזיקער „איידעלער" געזעלשאַפט, „אפילו נישט אויף די פליגלען פון דער פרימאָרגן־זון". אָבער דאָ זעט מען שוין נישט קיין פּרוּוו „פונעם ווילן אויפצוּוועקן דעם לייב פון זיין שלאָף", ס'איז שוין פאַרגעסן געוואָרן דער גרויסער לאָזונג „אַלץ אָדער גאָרנישט", עס הערן זיך שוין מער נישט די רופן צו אַ העלדישן אויפשטאַנד. לאַכמאַן וויל נישט „צעברעכן די שפּיז צוליב דער טובה פון דידאָזיקע נעבעכדיקע מענטשעלעך". פּאַסיוו, מיט צונויפגעלייגטע הענט, גייט ער אַוועק פון דער פאַרהאַסטער „שעפּסן־סטאַדע" אין דער ווייטער, ליכטיקער וועלט פון דער קונסט.

במשך פון די פינפאונצוואַנציק יאָר, וועלכע טיילן־אָפּ הויפּטמאַנען פון איבסענען, האָט דאָס קליינבירגערטום באַוויזן נאָך מער זיך צו צעפאַלן — אַלץ מער ווערן באַדייטנדיקע טיילן זיינע אַראָפּגעשלייַדערט אונטערן דרוק פון קאַפּיטאַליזם אין די רייען פון פּראָלעטאַריאַט. עס ווערט שטאַרקער ביי דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ די נייגונג צום סאָציאַליזם. עס קלינגען שוין העכער ביי איר געוויסע סאָציאַליסטישע מאָטיוון.

דער אַפּאָסטאָל פון אמת, גרעגאָר ווערלע, ווערט אונטער הויפּטמאַנס פעדער פאַרוואַנדלט אינעם סאָציאַלדעמאָקראַט לאָט („פאַר זונאויפגאַנג"). און פונדעסטוועגן איז דער „סאָציאַליסט" לאָט, אין תוך גענומען, דערזעלביקער מאָראַליסט, ווי ווערלע. אויך ער האַלט לאַנגווייליקע פּראָפּאַגאַנדע־רעדעס קעגן אַלקאָהאָליזם און עקספּלואַטאַציע, אָנשטאָט ער זאָל עפּעס אויפטון אַן אַקטיווע זאַך (אָרגאַניזירן די אַרבעטער פון די קוילנגרובנס), ער איז נישט קיין קעמפער־פּאָליטיקער, נאָר אַ פילאַנטראָפּ, וואָס איז אַריינגעטרעטן אין די רייען פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי צוליב זיין מיטלייד־געפיל צו די באַליידיקטע און דערנידעריקטע. ער איז אַ „בעל־תשובהדיקער" אינטעליגענט, וועלכער קאָן נישט לעבן „רואיק" צוזעענדיק פרעמדע ליידן. דער קליינבירגער איז אַ סאָציאַליסט

בלויז אויף אַ געוויסער צייט. אים ציט אַסאַך מער אין דער וועלט פון די בורזשועו, איידער צו די פּראָלעטאַריער. דעם אַגיטאַטאָר לאָט פאַרטרעט דערייבער יאָהאַן פּאָקעראַט („די איינזאַמע"), וועלכער האָט אַמאָל געטרוימט אָפּצוגעבן די אָרימעלייט זיין גאַנץ פאַרמעגן, ווייל זיין האַרץ פלעגט „אָפּגיין מיט בלוט" צוזעענדיק אַ פרעמד אומגליק, און דערנאָך האָט ער אויסגעפונען פאַר גלייכער צו לעבן פאַר זיין אייגענעם פאַרגעניגן וועגן אונטערן שילדל פון דער אינדיווידואַליסטישער פילאָזאָפיע.

דידאַקטיקע משונהדיקע וואַקלעניש צווישן סאָציאַליזם און אינדיווידואַליזם כאַראַקטעריזירן בכלל הויפּטמאַנס שאַפן. נאָך דער דראַמע „די וועבער", וועלכע שילדערט דעם בונט (דערביי אַ ריין־אַנאַרכישער בונט) פון די שלעזישע קוסטאַרן קעגן די נייע מאַשינען, שרייבט הויפּטמאַן דאָס מעשהלע „דער פאַרזונקענער גלאָק", אַוואו עס רעדט זיך שוין בלויז וועגן בונט פון דער פּערזענלעכקייט קעגן די פאַרעלטערטע פאָרמען פון דענקען און שאַפן. ס'איז אין דער גרעסטער מאָס כאַראַקטעריסטיש אויך דער אומשטאַנד, וואָס יעדעס מאָל, ווען הויפּטמאַן האָט זיך גענומען צו דער שילדערונג פון „רעוואָלוציע", האָט ער אויסגעקליבן אַלס סוזשעט אַ רעוואָלוציע, וואָס איז לכתחילה פאַרמשפּט אויף אַ דורכפאַל, היות ווי זי האָט זיך אַקעגנגעשטעלט דעם היסטאָרישן פּראָצעס אַקעגן די אָביעקטיווע געזעצן פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג („די וועבער", „פלאָריאַן גייער").

במשך פון די פינפאונצוואַנציק יאָר, וואָס טיילן־אָפּ דעם דייטשישן דיכטער פון דעם נאָרוועגישן דראַמאַטורג, האָט דאָס קליינבירגערטום, וואָס איז זיך אָן אַן אויפהער פונאַנדערגעפאַלן און צעבראָקלט געוואָרן, אַלץ מער פאַרלוירן דאָס געפיל פון היסטאָרישער פּערספּעקטיוו. „צו וועלכן האַפן זאָלן מיר צושווימען" — רופט אויס אין בענקעניש מיכאַל קראַמער. „וואוהין טראָגן מיר זיך? מיר ווייסן דען, וואוהין אַלץ גייט? דער יום־טוב פון דער ערד — נישט אין דעם גייט עס (ד. ה. נישט אין סאָציאַליזם — וו. פּ.), דער הימל פון די פּאַסטאָרס — נישט דאָס איז עס (ד. ה. אויך נישט אין קריסטנטום — וו. פּ.)! נישט דאָס ערשטע, נישט דאָס אַנדערע קאָן העלפן — טאָ וואָס־זשע דען? וואָס־זשע, סוף־כל־סוף?"

במשך פון די פינפאונצוואַנציק יאָר, וואָס טיילן־אָפּ הויפּטמאַנען פון איבסענען, איז די לאַגע פון דעם קליינבירגערטום נאָך אַ מער אומ־

זיכערע און א האפנונגסלאזערע. אין דער קליינבירגערלעכער פאמיליע וואקסן אנטיבהדיקע אומרו און אויפרעגונג. די קינדער קריגן זיך מיט די עלטערן, די עלטערן לעבן נישט בשלום צווישן זיך („מיכאל קראמער", „דער יום־טוב פון דער וועלט"). מענטשן ווערן נערוועז, נישט־שטאנדהאפטיק און פארלירן די גלייכגעוויכט. זיי פאלן אויסערגעוויינלעך לייכט ארונטער אונטער דער ממשלה פון איינדרוקן און עמפינדונגען, זיי ווייסן נישט, וואס זיי זאלן מיט זיך טון, זינלאז שליידערן זיי זיך פון איין עקסטרעם צום צווייטן (די איינזאמע). אפטמאל דערגייען זיי צו אזא אויפרעגונג, אז זיי האלטן נישט אויס און פאלן חלשות („דער יום־טוב פון דער וועלט"). זיי זינקען שנעל און ווערן שיכורים (ארנאלד קראמער ; דער קינסטלער קראמפטאן). אלע זענען זיי נאטורן ווילנלאזע און שוואכע, וועלכע גיבן זיך פאסיוו אונטער דער מאכט פון די געשעענישן, וועלכע פארלירן זיך ביי דעם קלענסטן אפנויג, וואס דאס לעבן מאכט פונעם נארמאלן לויף — אמתע נעווראסטעניקער.

אין דערדאזיקער צעפאלנדיקער סביבה קאן נישט געבוירן ווערן קיין פריידיקע שאפונג, וואס זאל זיין מעכטיק ווי דער אטעם פון פרילינג און פינקלענדיק ווי א באזונטע שויב. אויף הויפטמאנס פאעזיע איז אויסגעגאסן א טובערקולאזע פארוויטלטקייט — דער שאטן פון אומפארמיידלעכן טויט. זייענדיק אן אויסערגעוויינלעך־עמפינדלעכער מענטש, האט הויפטמאן געקענט שאפן א ריי וואונדערבאר־זאפטיקע און פארביקע בילדער. זיין אויג באזיצט די פינקטלעכקייט פון א פאטאגראפישן אפאראט. זיין פענזל לעבט און אטעמט, ווי די נאטור אליין. און פונדעסטוועגן שלאגט נישט ארויס דער טאלאנט זיינער פון דער ברוסט, ווי א ברויזנדיקער און פרייער קוואל. ס'איז אין אים פאראן עפעס א דערשלאגנקייט, א געפענטעטקייט, כמעט אן אויסגעמאטערטקייט. ער חזרט זיך אפט איבער און צום סוף פון דער פיעסע ווערט ער עטוואס שוואכער. אין אלע זיינע דראמעס הערט זיך איינאונדערזעלבער אויסרוף, וואס איז פול מיט אומעט און פארצווייפלונג, מיט וועלכן דער מייסטער היינריך צעברעכט זיין נייע שאפונג („דער פארזונקענער גלאק") : „א, ווי מיד, ווי מיד איך בין !" זיינע לעצטע פיעסעס זענען אזוי שוואך און פוסט, אז עס לוינט זיך וועגן זיי נישט צו רעדן. אויב דאס פובליקום האט זיי סיסטעמאטיש אויסגעפייפט, איז עס אפשר געווען גרויזאם, אבער

גערעכטיק. די מידקייט פונעם דיכטער ווערט דאָ פאַרוואַנדלט אין טויט פון זיין דיכטונג.

מיט פאַרמאַטערטקייט ווייעט נישט בלויז פון הויפּטמאַנס שאַפונג, נאָר אויך פון זיין וועלטאַנשויאונג. וואַקלענדיק זיך דאָס גאַנצע לעבן צווישן דער וועלט פון די בורזשוען און דער וועלט פון פּראָלעטאַריער, צווישן דער קעגנוואַרט און דער צוקונפט, האָט הויפּטמאַן דערנאָך פּראָקלאַמירט, דורכן מויל פונעם בעל־תשובהניק־קינסטלער מיכאל קראַמער, דעם טויט פאַר דאָס העכסטע גליק און פאַרן ציל פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ.

„דער טויט — הערט איר — איז עפּעס אַ גרויסע זאַך! דער טויט — זעט איר — דערהויבט! דער טויט איז אַזוי פיין, ווי די ליבע. הערט אויס, מ'האָט רכילות גערעדט אויפן טויט! דאָס איז דער געמיינסטער ליגן אויף דער וועלט. דער טויט, דאָס איז די דינסטע פאָרם פון לעבן, דאָס גרויסע ווערק פון אייביקער ליבע".

דאָס איז אַ פילאָזאָפיע פון אַ פונאַנדערפאַלנדיקן קלאַס, וואָס האָט קיין צוקונפט נישט!

אַזוי שפּיגלט־אָפּ הויפּטמאַנס דיכטונג די גרונט־שטריכן פון דער קליינבירגערלעכער פּסיכיק אינעם מאָמענט פונעם וואַקסנדיקן צעפאַלונגס פּראָצעס פון דעם קלאַס. זי שפּיגלט אָפּ זיין נישט־שטאַנדהאַפטיקייט און אומאָנטשלאָסנקייט, זיי וואַקלען זיך צווישן אינדיווידואַליזם און סאָציאַליזם, זיין זיך־אַלץ־מער־אַנטוויקלענדיקע אומרו און די פאַרשטאַרקטע נערוועזיטעט, זיין מרה־שחורהדיקייט און מידקייט.

IX.

אין דער שאַפונג פון דער נייער מערבדיקער ליטעראַטור האָט געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָל נאָך איין געזעלשאַפטלעכע גרופּע — דער אינטעליגענטער פּראָלעטאַריאַט, די באָהעמע.

אין דער צווייטער העלפט פון נייַנצעטן יאָרהונדערט האָט זיך אויסגעבילדעט אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע מערב־לענדער, אַלס רעזולטאַט פון דער פאַראָרימונג פונעם קליינבירגערטום און פון דער איבערפּראָדוקציע פון גייסטיקע אַרבעטער, אַ פילצאָליקער גייסטיקער פּראָלעטאַ־

ריאַט, וועלכער פאַרנעמט אין די רייען פון דער בורזשואַזיע אומגעפער אַזאַ אָרט, ווי די וואַגאַבונדן אין די רייען פונעם אַרבעטער-קלאַס.

אָט אויף דערדאָזיקער סאָציאַלער גרופּע האָבן טאַקע געמיינט אָנצושפּאַרן זיך די פּיאָנערן פון דער „נייער קונסט“, ווי מ׳קאָן עס זען אין די דערינערונגען פון איינעם פון די ערשטע פראַנצויזישע סימבאָליסטן, קאַן („סימבאָליסטן און דעקאַדענטן“).

פון דערדאָזיקער באָהעמע שטאַמט ביים היינטיקן טאָג דער גרעסטער טייל שרייבער און קינסטלער, און דעריבער טראָגט די נייע קונסט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס דעם גייסטיקן חותם פון אָט-דער טומלערישער גרופּע, פון דעמדאָזיקן קראַנקן אָנוואוקס אויף דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

פונקט ווי די קליינבורזשואַזיע, אַזוי וואַקלט זיך אויך דער אינטעליגענטער פּראָלעטאַריאַט (וועלכער איז דאָס רוב אַרויסגעקומען פון דעם פאַראָרימטן קליינבירגערטום) אין אומאַנטשלאָסנקייט צווישן דער אָנערקענונג און פאַרלייקענונג פון דער עקזיסטירנדיקער עקאָנאָמישער אָרדנונג. דער אינטעליגענטער פּראָלעטאַריער איז היינט אַ סאָציאַליסט און מאָרגן אַ בורזשוי — און בורזשוי איז ער אין אַסאַך אַ גרעסערער מאָס, ווי סאָציאַליסט.

אין שלאַפּס ראָמאַן „דאָס דריטע קעניגרייך“, אין פּשיבישעווסקיס ראָמאַן „האָמאָ סאַפּיענס“ זעען מיר, ווי די העלדן, ווען ס׳איז אין דער יוגנט געגאַנגען זייער שלעכט און וועלכע האָבן געהונגערט ערגער, ווי אַן אַרבעטער, שטייען-צו לכתחילה צו דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי, און דערנאָך, ווען זייער מצב ווערט בעסער, ווען זיי דערגרייכן צו אַ געוויסער שטופע פון וואוילשטאַנד, רייסן זיי איבער מיטן פּראָלעטאַרישן סאָציאַליזם אין נאָמען פון בירגערלעכן אינדיווידואַליזם.

פונקט ווי די קליינבורזשואַזיע, אַזוי איז אויך איר געזעצלעכער זון, דער אינטעליגענטער פּראָלעטאַריער, אין תוך גענומען, נישט קיין קאָלעקטיוויסט, נאָר אַ הונדערט-פּראָצענטיקער אינדיווידואַליסט. זיין סאָציאַלע פילאָזאָפיע איז צום בעסטן אַרויסגעבראַכט אין די ראָמאַנען פונעם פראַנצויזישן שרייבער באַרעס („אונטערן אויג פון די באַרבאַרן“, „דער פרייער מענטש“, „דער שונא פון געזעץ“). לויט דער מיינונג פון באַרעסעס העלדן, קאָנען מיר וויסן מיט זיכערקייט, ווי וועגן עפּעס אַ רעאַלער זאַך, בלויז וועגן אונזער איך, בשעת דער וועלטאַל איז

בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון דעמדאָזיקן איך. אַן אמתדיק „פרייער מענטש" האָט דעריבער דאָס פולע רעכט „זיך צו רעכענען בלויז מיט זיינע אייגענע אינסטינקטן". זיין פּערזענלעכער „געשמאַק" איז פאַר אים דער איינציקער „געזעץ". אַ פרייער מענטש איז נישט מחויב זיך אונטערצוגעבן קיין שום „אויסערלעכער" זאַך. די „געזעלשאַפט" און אירע אינסטיטוציעס זענען „שונאים" פון דער פּערזענלעכקייט, און די פּערזענלעכקייט דאַרף זיך אַקעגנשטעלן קעגן דידאָזיקע „באַרבאַרן". „לאָמיר אָפּהיטן אונזער איך פון פרעמדע, פון באַרבאַרן", — רופט-אויס איינער פון באַרעסעס העלדן.

איינע קאָפּ פון דעם אינדיווידואַליסט-אינטעליגענט פאַרקערפּערט זיך דערדאָזיקער בונט קעגן די „באַרבאַרן" נאַטירלעכערהייט אין דער פאָרם פון אַנאַרכישן טעראָריזם.

אין פּשיבישעווסקיס ראָמאַן „דעם שטנס קינדער" איז וואָראָנסקי, אַ פויערן-זון, אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט און ער פירט אַ נעבעכדיק לעבן עפּעס אין אַ נאָרע, אַ צוגעדעקטער מיט „שימל און שוואָמען", דערנערנדיק זיך מיט ברויט, וואָס ער הויבט אויף אין קלאָזעט. אין אים הויבט אָן ברויזן אַן אויסערגעוויינלעך-שטאַרקע פאַרביטערונג קעגן די זאַטע בורזשויען. „נקמה דאַרף ווערן אונזער סאַמע מעכטיקסטער אינסטינקט" — שרייט ער אויס. „נקמה — דאָס איז דאָס סאַמע איידלסטע געפיל, דאָס סאַמע קעגנזעצלעכע פון דער קליינבירגערלעכער מאָראַל". וואָראָנסקי רופט זיך גערן אָפּ אויפן פאָרשלאַג פון געפאַלענעם פריץ גאָרדאָן אַריינצוטרעטן אין די רייען פון די אַנאַרכיסטן-טעראָריסטן. „איך וויל נקמה-נעמען דערפאַר, וואָס איך בין אַזוי אומגליקלעך. איך באַגער בלויז נאָך איין זאַך — גיט מיר די מעגלעכקייט צו דערלעבן די מינוט פון גרעסטן גליק, פונעם גרויסן חורבן, ווען אַלץ אַרום מיר וועט אומקומען צוזאַמען מיט מיר". און וואָראָנסקי שילדערט פאַר זיך מיט גרויס הנאה אַ בילד פון אַן אַלוועלטלעכער שרפה, אַ בילד פון וועלט-חורבן.

און ווען דער בונט קעגן די באַרבאַרן געלינגט נישט, בלייבט איבער פאַרן באָהעמיאַנער, וועלכער געפינט זיך אויף יענער זייט בורזשואַזער וועלט, נאָך איין פאָרם פון פּראָטעסט — ער טראָגט אַריבער זיין בונט אויפן געביט פון רעליגיעזע גלויבונגען, ער מישט צונויף רעליגיע מיט עראָטיק און, ווי פּשיבישעווסקי, וואַרפט ער אין פנים אַריין די „זאַטע בורזשויען" אַ בוך „דעם שטנס טעמפּל", אין וועלכן עס זע-



פשיבישעווסקי

האַמסון

נען מיט אַנאַרכיסטישער אָנצערעמאָניעדיקייט איבערגעקערט מיט די פיס אַרויף אַלע זאַכנס און דער גאַנצער ריטואַל; אַ בוך, אין וועלכן עס ווערט געזידלט און באַשפּיגן אַלץ, וואָס די קליינבירגער האַלטן פאַר הייליק. גאָטס אָרט פאַרנעמט דאָרט דער טייוול, אָנשטאָט דער קירכלעכער ליטורגיע. זעען מיר עראָטישע וואַכנאַליעס, אויפן אָרט פון גלח — אַ מכשפה. דאָסדאָזיקע חוזק-מאַכן פון דאָס אַלץ, וואָס איז אָנגענומען דורך די „מאַכטהאָבער" נישט בלויז אויפן געביט פון די „ציווילע אינסטיטוציעס", נאָר אויך אין דער ספערע פון „רעליגיעזע גלויבונגען", איז דאָס לעצטע רעכט פונעם אינטעליגענט, וועלכער האָט זיך „אַנטוישט", צו געפינען אַן „אויסוועג": נישט האָבנדיק קיין כוח צו ענדערן די פאַרהאַסטע „לעבנסבאַדינגונגען", איז ער זיי אויף אַזאַ אופן „מקבר" ביי זיך אין קאָפּ.

די פּסיכאָלאָגיע און די אידעאָלאָגיע פון דעם אינטעליגענטן פּראָלעטאַריאַט זענען אַ פּועל-יוצא סיי פון זיין מאַטעריעלער, סיי אויך פון זיין סאָציאַלער לאַגע.

זייענדיק פאַרמשפּט אויף הונגער און אַרבעטסלאָזיקייט, אויף פּריצייטיקער פּסיכאָפיזישער אויסמאַטערונג, האָט די דאָזיקע סאָציאַלע גרופּע אַריינגעבראַכט אין דער ליטעראַטור שרעקלעכע נערוועזיטעט, שרעקלעכע ווילנלאָזיקייט, פּאַטאַליסטישן פּעסימיזם און פּאַטאָלאָגישע סוזשעטן. פּשיבישעווסקיס העלדן זענען געוויינלעך מענטשן מיט אַן אויסערגעוויינלעכער עמפּינדלעכקייט, וועלכע פאַלן אַרונטער אונטער גיכפאַרשווינדיקע שפּירונגען, מענטשן, וועלכע טוען אָפּ די סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכסטע זאַכן אונטערן איינפלוס פון צופעליקע שטימונגען („האָמאָ סאַפּיענס"), די סוזשעטן פון זיינע ווערק זענען אין די מערסטע פאַלן קרענקלעכע קאָשמאַרן און עראָטישע אַנאָמאַליעס („דע פּראָפונדיס", „אַנדראָגינאַ", „די זין פון דער ערד"), און זיין סטיל צייכנט זיך אויס מיט אַ נישט-נאָרמאַלער דערהויבנקייט, מיט אַן אויסערגעוויינלעכער באַרעדעוודיקייט און מיט אַ גוזמאדיקייט אין די בילדער און אין די אויסדרוקן. שלאַפּס העלדן זענען אויך דאָס רוב פּאַטאָלאָגישע נאַטורן, וועלכע געפינען זיך אונטער דער ממשלה פון איראַציאָנעלע שטימונגען, פאַרבאָרגענע אינסטינקטן, זע-און הער-האַלוצינאַציעס („דאָס דריטע קעניגרייך", „די זוכנדיקע").

און, צומלעצט, אויך קנוט האַמסונס העלדן לעבן געוויינלעך מיט „גיכפאַרשווינדיקע עמפּינדונגען, וועלכע גיבן אַ פינקל ווי אַ

שטראָל און פאַרשווינדן באַלד", אויך זיינע העלדן פירן זיך אויף משוגהדיק, אַז מ'נעמט זיי אָן פאַר משוגעים, זיי ליידן פון אַ מאַניע זיך צו דערנידעריקן פאַר אַלעמען אין די אויגן. זיי „לעקן", נישט זיי קושן, גראָז און זיי ווייסן נישט פון קיין „גרעסער גליק", ווי שפּירן, אַז אַ „ליבע האַנט רייסט זיי פאַר די האָר" אָדער אַז „זיי ווערן צע-טרעטן דורך דער געליבטערס פוס" (נילסען נאַגעל אין די „מיסטער-יעס", לייטענאַנט גלאַן אין „פּאַן").

די אַלע דערמאַנטע העלדן זענען שרעקלעכע פּאַטאַליסטן, וועלכע זעען, ווי פאַלק ביי פּשיבישעווסקין, אין די סאַמע קלענסטע לעבנס-גע-שעענישן די מעשים פון דער געטין אַנאַנקע (פונעם פאַטום), וועלכע קוקן יעדע מינוט, ווי דאָקטאָר פאַלקע ביי שלאַפן, דעם „גורל" אין די אויגן אַריין, וועלכע זענען איבערצייגט, ווי דער לייטענאַנט גלאַן ביי האַמסונען, אַז איבער זיי הענגט אַ כּאַטאַלער „שטערן", וואָס פאַרפירט זיי קעגן זייער ווילן אויף אַ „פאַלשן וועג".

אויב די פּסיכאָלאָגישע אייגנטימלעכקייטן אין דער שאַפונג פון די באָהעמע-קינסטלער זענען אַ פועל-יוצא, סוף-כל-סוף, פון דער מאַ-טעריעלער לאַגע פון דערדאָזיקער גרופּע (פון דער פּסיכאָפיזישער אויס-געמאַטערטקייט, וועלכע קומט פון זייער אָרימקייט), לאָזן זיך זייערע אידעאַלן דערקלערן מיט דער סאָציאַלער לאַגע פון דערזעלבער גרופּע.

דער אינטעליגענטער פּראָלעטאַריאַט געפינט זיך, אין תוך, מחוץ פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט.

אין די אַכציקער יאָרן פון נייצענטן יאָרהונדערט איז אין דייטש-לאַנד דערשינען קאָנראַדיס אַ ראָמאַן „פּראַזועס", אין וועלכן ס'ווערט אויסגעצייכנט געשילדערט די סאָציאַלע דעקלאַסירטקייט, די סאָציאַלע באָדנלאָזיקייט פון דער באָהעמע. מיר זעען דאָרט פאַר זיך אַ דור פון יונגע פּראָווינציאַלן, וועלכע זענען אַריינגעפאַלן אין דער הויפּטשטאָט אין רעכטן ברען פון דער קאַפּיטאַליסטישער איבערקע-רעניש. דידאָזיקע יונגעלייט האָבן זייער שנעל פאַרשטאַנען, אַז אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט זענען זיי „איינזאַם". זיי האָבן מיט דער גאַנ-צער נשמה פיינט געהאַט די גרויסבורזשואַזיע, וועלכע האָט דערוויי-טערט אַלע אידעען און יעטוועדע קונסט, אָבער זיי האָבן גלייכצייטיק אויך נישט געפילט קיין שום סימפּאַטיעס צו די גראָשנדיקע אידעאַלן און שמאָלע אינטערעסן פונעם קליינבירגערטום, וואָס פון אים האָבן זיי

געשטאַמט. אַלס „אַריסטאָקראַטישע" נאַטורן, אַלס „ריטערס פון גייסט", האָט עס זיי אינסטינקטיוו געצויגן צו דער אַריסטאָקראַטיע, „צו דער וועלט פון די הערן מיט אַן אומבאַפלעקטן עטיקעט", אָבער זיי האָבן דאָך נישט געקאָנט פון זיך פאַרהוילן, אַז די אַריסטאָקראַטיע איז נישט מער ווי אַ שיין איבערבלייבעכץ פון אַלטע צייטן. דאַן האָבן זיי געווענדט זייערע בליקן אויפן אַרבעטער־קלאַס. זייענדיק אַליין באַקאַנט מיט הונגער און נויט, זענען זיי געווען גרייט מיטצופילן אַלע אונטערדריקטע און ליידנדיקע. אָבער דידאַקטיקע „גייסטיקע פּראָלעטאַריער" האָבן געהאַלטן, אַז זיי האָבן אַנדערע אינטערעסן, ווי די פּראָלעטאַריער פון פיזישער אַרבעט. טרוימענדיק שטאַרק וועגן אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועגן דעם „גרויסן טאָג פון באַפרייאונג" האָבן זיי אין האַרץ מורא געהאַט פאַר זיין אָנקומען. „אויב דער פּראָלעטאַריאַט וועט זיגן, — האָבן זיי גענעיינט, — איז אייך מיט אונז ביטער".

אַזוי שטייט דער באָהעמיאַנער מחוץ דער קלאַסן־סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט, ער לעבט עפּעס ווי אינדערלופטן, וואו ער האָט נישט מיט וואָס צו זעטעמען און ס'איז נישטאָ פונוואַנען צו שעפּן נייע כוחות... ער איז אין פולן זין פון וואָרט אַ וואַגאַבונדישער אַרומוואָגלער אָן אַ פאַמיליע, אָן אַ היים, אָן אַ פאָטערלאַנד. פונקט „ווי אַ ווילדער וואָגלט ער אַרום אין ווילדן וואַלד" ווי באַרעס האָט זיך אויסגעדריקט אינעם ראָמאַן „די באָדנלאָזע", אין וועלכן ער האָט געשילדערט דעם דור אינטעליגענטע פּראָלעטאַריער וועלכע זענען אין די אַכציקער יאָרן אַריינגעפאַלן פון דער פּראָווינץ (עלזאַס־לאָטאַרינגיע) אין פאַריז.

פון דערדאָזיקער סאָציאַלער באָדנלאָזיקייט איז אַרויסגעוואַקסן דער ערשטער אידעאַל פון דער באָהעמע — דער קולט פאַר וואַגאַבונדישקייט.

אין זיינע „גראָטעסקן" האָט ווערלען געשאַפן אַ מין מאַרסעליעזע פון דער באָהעמע. „שלעפּט זיך, איר אומרואיקע וואָגלערס, איבער תהומות און אָפּגרונטן, שלעפּט זיך, פאַרשאָלטענע, אומגליקלעכע. דער בירגער זידלט אייך פאַרביטערט, עס לאַכן פון אייך מיידלעך, און קינדער שטעקן אייך די צונג אַרויס. אָבער אין די אויגן אייערע ווייַנט און לאַכט די ליבע צו אַלץ, וואָס איז אייביק, צו פאַרשטאָרבענע און צו פאַרשוואונדענע געטער".

די ליידנשאַפט צו אַ פּרימיטיוון שטייגער, צו אַן אַרומוואָגלעריש לעבן — דאָס איז דער כאַראַקטער־שטריך פון די באָהעמע־העלדן. דער

לייטענאַנט גלאַן (האַמסון: „פּאַן“) לעבט ווי אַן אמתער ווילדער, אין אַ יעגערישביידל, וואָס איז אויסגעפּוצט מיט חיהשע פעלן און פויגלשע פליגלען, ער דערנערט זיך מיטן פלייש פון חיות, וועלכע ער דערשיסט אַליין, און ער איז אַזוי פאַרווילדעט געוואָרן אין זיין איינזאַמקייט אַז „ער מוז מאַכן גרויסע אָנשטרענגונגען איבער זיך“, כדי ער זאָל זיך קאָנען אויפפירן אַזוי, ווי ס'איז אָנגענומען אין דער געזעלשאַפט. פּילנדיק זיין נישט־צוגעפּאַסטקייט צו די באַדינגונגען פון קולטורעלן לעבן, פאַרלאָזט ער אייראָפּע און באַזעצט זיך אַלס פרייער יעגער, ווייט פון יעטוועדער ציוויליזאַציע, צווישן פרימיטיווע ווילדע. אָט דידאָזיקע וואַגאַבונדישע נטיות, דידאָזיקע ליידנשאַפט צו אַן אַרומוואָגלעריש לעבן, צו הייסלאָזע וואַנדערונגען, זענען אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אין דער פּסיכיק פון דעם אינטעליגענטן פּראָלעטאַריער, „דעם זון פון דער פרייער באַהעמע“, אַז זיי שווימען־אַרויף ביי אים אפילו דעמאָלט, ווען ער האָט שוין באַוויזן זיך צו דערשלאָגן צו אַ געוויסן וואוילשטאַנד, ווען ער האָט שוין באַוויזן אַריבערצוגיין אין די רייען פון דער בורזשואַזיע. אַזוי זעען מיר, למשל, ווי דאָקטאָר פאַלקע אין שלאַפּס ראָמאַן „די זוכנדיגע“, — אַ מענטש אַ רייכער — ווערט פּלוצים אַדורכגעדרונגען מיט אַן עקל נישט בלויז צו די אַרומיקע געמיינע קליינבירגער, נאָר אויך צו זיין אייגענער קלוגער און גוטער פרוי און צו זיין אייגן ניט געשמאַק איינגעאָרדנט הויז. עס שטיקן אים „די פּענטעס פון זאַטער פאַרגליווערונג“, און אים דאַכט זיך אויס, אַז אַלץ, וואָס אַרום אים — דאָס טייערע מעבל, די פּערסישע דיוואַנען, די פּרעכטיקע שפּילעכלעך — אַלץ רעדט צו אים: „דו ביסט דאָ אַן איבעריקער“. עפּעס איינמאָל האָט מען דעם דאָקטאָר גערופן צו אַ קראַנק מיידל, צו „אַ נישט געטשעפּעטער דורך דער ציוויליזאַציע“, אַ ווילדע, ווי אויך די היימלאַנד — דער אונגאַרישער סטעפּ. דאַן רייסט ער איבער מיט דער פאַמיליע, ער זאָגט זיך אָפּ פון זיין פּראָפעסיע, ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך אַלע התחיבותן און ער לאָזט זיך אַוועק אַרומוואָגלען צוזאַמען מיטן ווילדן מיידל איבער דער גרויסער וועלט, וואוהין די אויגן טראָגן, אָן אַ פּלאַן און אָן אַ ציל. פון אַ רואיקן, היימישן און פאַמיליעדיקן בירגער ווערט ער צוריק פאַרוואַנדלט אין אַ „פרייען זון פון דער באַהעמע“.

די סאָציאַלע דעקלאַסירטקייט ווייזט זיך אַרויס ביים אינטעליגענטן פּראָלעטאַריער אויך אין זיינע געשלעכטלעכע באַציאונגען. ווי אַ

ווילדער אָנערקענט ער נישט אויף דעמדאָזיקן דעליקאַטן געביט קיין שום פאַרפליכטונגען און קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ער גייט איבער פון איין פרוי צו דער צווייטער אויסשליסלעך צוליב דער באַפרידיקונג פון זיינע געשלעכטלעכע באַדערפענישן און מיט דער אַבסאָלוטער רואיקייט וואַרפט ער אַרויף אַלע פאָלגן פון געשלעכטלעכן צוזאַמענזיין אויסשליסלעך אויף אירע פּלייצעס (גלאַק ביי פשיבישעווסקין). ער היט זיך אינסטינקטיוו פאַר יעדן מיידל, וואָס וועט פאַרלאַנגען פון אים דאָס בויען אַ פאַמיליענהיים און ער האַלט בעסער פון באַנוצן זיך מיט פרעמדע, שוין איינגעאָרדנטע פרויען (גלאַן ביי האַמסונען). כדי צו באַרעכטיקן דידאָזיקע אומנאָרמאַלע געשלעכטלעכע פאַרהעלטנישן, וואָס דערמאָנען די אורפּרימיטיווע ווילדע, שאַפט ער אַ ספּעציעלע טעאָריע פון דער אייביקייט און אַלמעכטיקייט פון געשלעכט (פשיבישעווסקי: „האָמאָ סאַפּיענס", שלאַף: „די זוכנדיקע"). — זייענדיק געצוואונגען זיך צו באַגנוגענען מיט פרויען פון אַ נידעריקערן קרייז, הויבט ער אויף צייטנווייז די אויגן צו דאַמען און מיידלעך פון דער בורזשואַזיע און היות ווי זיי זענען פאַר אים „אומדערגרייכבאַר", שפּירט ער צו זיי אַ משונהדיק צווייאיק געפיל, אַ געמיש פון איבערגעגעבנקייט און שנאה פון צערטלעכקייט און נקמה (האַמסון: „פּאַן", „מיסטעריעס", „וויקטאָריאַ").

די אָפּגעריסנקייט פון דער באַהעמע פון אַ פעסטן סאָציאַלן באָדן מאַכט גענויגט אירע פאָרשטייער צו טרוימערישקייט, צו חלומות און פאַנטאַזיעס. זייענדיק „גרים אין לעבן", ווי עס רופט זיך אָן נילסען נאַגעל אין האַמסונס „מיסטעריעס", גייען זיי אַוועק פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט אין אַ וועלט פון שאָטנגייסטער און לעגענדעס. דער אינטעליגענטער פּראָלעטאַריער געהערט צו יענעם שבט „ווילדע אין שמאַטעס", וועגן וועלכע נילסען נאַגעל דערציילט אַזוי אויספירלעך, פּונקט ווי אַזאַ שבט וואָלט ווירקלעך עקזיסטירט ערגעץ אויפן ערדקוגל, מחוץ פון אים אַליין. דידאָזיקע משונהדיקע מענטשן לעבן „פון קינדווייז אָן" אין אַ „לעגענדאַרישער וועלט" און זיי האָבן ליב אַלדאָס „מיסטישע" און „ניסימדיקע". זיי טרוימען וועגן „פאַנטאַסטישע פּאַלאַצן, וואָס זענען פאַרבאָרגן הינטער בערג", וועגן „שטומע הערשער, וואָס געוועלטיקן אין די וואָלקנס", וועגן „דער גרויסער קראַפט, וואָס שמידט די שטערן אין דעם אומענדלעכן לופט־חלל". פּונקט ווי איוואַר קאַרענאָ אין האַמסונס פּיעסע „די לעבנסדראַמע", געפינען זיך דידאָזיקע מענטשן תמיד

אין אַזאַ צושטאַנד, אַז זיי זעען די ווירקלעכקייט אין אַ „פאַרענדערטער געשטאַלט". פונקט ווי איוואַר קאַרענאַ זעצן זיי „מיט גרויס פאַרגעניגן" אַרויף אויפן טראָן די כימערע, „זיי באַפעלן איר, זי זאָל עקזיסטירן, ווי אַ פאַקט", זיי פאַרוואַנדלען זי אין אַ „רעאַליטעט" און „זיי טוען איר אָן די קרוין". ווי דער קעניג אין פשיבישעווסקיס פיעסע „די אייביקע לעגענדע", גייען זיי אַוועק פון דער היינטיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וואָס פאַר איר זענען „ליבע, גוטס און שיינקייט — אומפאַרשטענדלעכע זאַכן", אין „צויבער־שלעסער, אויפגעשטעלטע פון פאַרבאָרגענע סודות פון הימל און ערד". אָדער זיי אַנטלויפן, ווי דער לייטענאַנט גלאַן, פון מענטשן, צווישן וועלכע זיי פילן זיך פרעמד, צו דער נאַטור, וואָס איז פאַר זיי ליב, ווי אַ פאַטערלאַנד. די איינציקע פריינט פונעם לייטענאַנט זענען „די איינזאַמקייט" און „דער וואַלד". ווען אָוונט צו צירט זיך אויס דער ווייטער האָריזאָנט אין פורפור און גאָלד, דאַכט זיך אים, אַז אויפן הימל קומט פאָר אַ יום־טוב, עס קלאַפּט אָן אָרקעסטער פון שטערן און איבער די גן־עדנדיקע טייכן שווימען אַרום שיפלעך מיט אויסגעפּוצטע געסט. ווען ער וואָגלט אַרום מיט דער ביקס אויף דער פּלייצע איבערן וואַלד, זעט ער ווי צווישן די שטרויכן שוועבט אַרום די פעיע איזע־לין, ער הערט ווי זי שעפּטשעט צו אים כישוף־מעשהלעך, און אירע לופט־קושן ברענען אויף זיינע ליפּן און באַקן. און ווען אויף דער ערד לאָזט זיך אַראָפּ די נאַכט, און אויפן הימל שיינט די לבנה, ווי „אַ ווייסע שאָל", זעט עס ביי אים אויס, פונקט ווי עמיצער וואָלט מיט צערטלעכע הענט „אים אַרויסגעריסן פון דער ווירקלעכער וועלט", און ער גיסט זיך צונויף מיט דער גאָטהייט, וועלכע דריקט אים צו צו איר ברוסט.

זייענדיק „אַ גר אין לעבן" — גייט דער אינטעליגענטער פּראָלע־טאַריער אַוועק נישט בלויז פון מענטשן צו דער נאַטור, נאָר אויך פון דער קעגנוואַרט צו דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. זיינע סימפּאַטיעס גע־הערן דעם מיטלאַלטער.

דידאָזיקע רעאַקציאָנערע טענדענץ אין דער וועלטאַנשויאונג פון דער באָהעמע איז צומבעסטן אויסגעדריקט אינעם בוך פונעם פראַנצויזישן שרייבער ש. מ אָ ר י ס „די היינטיקע ליטעראַטור", וואָס שטאַמט פון אַ קרייזל אינטעליגענטן, וועלכע פלעגן זיך צונויפקומען אינעם קאַפע־הויז „פראַנציסק דער ערשטער" אויף דעם בולוואַר סען־מישעל. דאָס

איז געווען דער מאַניפעסט פון די „דעקאַדענטן". דאָס גאַנצע בוך איז
אַדורכגעזאַפּט מיט פאַראַכטונג צו דער מאָדערנער בורזשואַזער ציווי־
ליזאַציע, צו די „צייטונגען, וואַלן, מיניסטאָרן־ענדערונגען", צו דער
„שרייבערישער ממשלה פונעם האַנדל און פון דער אינדוסטריע". וועל־
כע האָבן אַוועקגעהאַרגעט ביי די פאָלקסמאַסן „די ליבע צו דער שיינקייט,
גוטס און אמת". פון דערדאָזיקער מלוכה פון אינדוסטריעלע און פאָ־
ליטישע אינטערעסן האָט מאָריסעס בוך גערופן צוריק צום מיטלאַלטער,
ווען מענטשן האָבן זיך נאָך אינטערעסירט מיט געהיימנישפולע זאַכן
און מיט פּאָעזיע, ווען עס האָבן געבליט כישופמאַכעריי און מאַגיע,
אַלכעמיע און אַסטראָלאָגיע, ווען די דענקער און די קינסטלער האָבן
געשטרעבט „אויסצודריקן דאָס אומאויסדריקבאַרע", „צו באַנעמען דאָס
אומבאַנעמבאַרע". „אין אונזערע צייטן, — רופט אויס מאָריס, — שעפּ־
טשעט אונז אין אויער אַריין עפּעס עמיצנס אַ געהיימנישפולע שטימע
וועגן דער נויטווענדיקייט זיך צו דערמאָנען אָן דער חכמה
פון די אַלטע מאַגיקער און צו שעפּן פונעם קוואַל פון „פאַרגעסענע
רעליגיעס".

אַוואַרום שטרעקט־אויס די באָהעמע, וועלכע באַשטייט פון „גרים
אין לעבן", איר האַנט צום אינטעליגענט־אַריסטאָקראַט, וועלכער שטייט
אויך, פונקט אַזוי ווי זי, אויף יענער זייט בורזשואַזער וועלט.

דער אינטעליגענטער פראָלעטאַריאַט האָט, בכן, אַריינגעבראַכט
אין דער נייער ליטעראַטור צוזאַמען מיט אַן אָפענער סימפּאַטיע צום
אַנאַרכישן אינדיווידואַליזם און אַנאַרכישן טעראָריזם אויך אַ געהעכער־
טע נערוועזיטעט, ווילנלאָזיקייט און פּאַטאַליזם. אַלס פּסיכאָלאָגישע
אייגנטימלעכקייטן, און אין דער הינזיכט פון פּאָליטישע אידעאַלן האָט
ער אַריינגעבראַכט דעם קולט פון וואַגאַבונדישקייט און אַרומוואָגלעריש־
קייט, די שטרעבונג אַוועקצוגיין פון מענטשן צו דער נאַטור אָדער צו
דער קונסט, און צומלעצט, דאָס בוקן זיך פאַר די אָפּגעשטאָרבענע
און דורך דער געשיכטע פאַראורטיילטע לעבנספאָרמען און לעבנס־
שטייגער.

X.

אויף דער נייער מערב-אייראָפּעאישער ליטעראַטור האָט אַרויפ-געלייגט דעם חותם פון איר גייסט אויך די פּראָגרעסיווע אָדער די „נייע" בורזשואַזע פרוי.

אין דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט האָט זיך באַ-דייטנדיק געענדערט די לאַגע פון די מיידלעך פונעם מיטל-קלאַס. דער מיט יעדן יאָר פאַרשאַרפטער קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, די שוועריקייט צו דערגרייכן אַ מאַטעריעלן וואוילשטאַנד, באַוועגט אַלץ אָפטער דעם מאַנסביל זיך אָפּצוהאַלטן פון אַ פאַמיליענלעבן, אין די שטאַרק אַנטוויקלטע מאַשינאַלע טעכניק, וועלכע האָט אַרויסגעריסן פון דער פרויס הענט איינע נאָך דער אַנדערער אַלע צווייגן פון דער הויז-אַרבעט, האָט ביליק געמאַכט די הייראַט אַלס אַ געוויסע ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציע. פאַר טויזנטער מיידלעך שטעלט זיך אַוועק אַזוי אַרום די אכזריות-דיקע פראַגע וועגן אייגענעם פאַרדינסט, וועגן אַ זעלבשטענדיק אַר-בעט-לעבן. אַזוי האָט זיך אין די בורזשואַזע שיכטן פון דער געזעל-שאַפט אָנגעהויבן אַ „פעמיניסטישע" באַוועגונג, וועלכע איז לכתחילה געווען אויסן צו דערגרייכן עקאָנאָמישע גלייכבאַרעכטיקונג, און דער-נאָך האָט זי זיך אויסגעברייטערט און פאַרכאַפּט אויך דעם געביט פון פאַמיליע-פאַרהעלטנישן און פון פּאָליטישן קאַמף. אין דער ליטעראַטור פון דער צווייטער העלפט ניינצעטן יאָרהונדערט האָבן אַלץ אָפטער גע-נומען אויפטויכן געשטאַלטן פון ענערגישע און קעמפערישע מיידלעך, וועלכע קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פון זייערע שוועסטער, ווי אַננאַ מאַר אין הויפּטמאַנס פּיעסע „די איינזאַמע", אָדער געשטאַלטן פון פרויען, וואָס פּראָטעסטירן אַקעגן דעם באַליידיקנדיקן יאָך פון די מענער, ווי נאָראַ, איבסענס, אָדער אויך געשטאַלטן פון שטרענגע אַסקעטקעס, וועל-כע פּראָקלאַמירן אַ מלחמה אַלע מענער, ווי די דורך פּרעוואָ געשיל-דערטע „מיידלעך-קעמפערינס".

דער בורזשואַזער כאַראַקטער פון דער פרויען-באַוועגונג קומט באַזונדערס בולט צום אויסדרוק דערין, וואָס אין אויפמערקזאַמקייט-צענטער פון די „נייע" פרויען געפינען זיך בעיקר די זאָרגן וועגן דער רעפאָרם פון די פאַמיליע-פאַרהעלטנישן, וועלכע איז, לויט זייער

מיינונג, מעגלעך אָן אַ גרינטלעכער רעפאָרם פון דער עקאָנאָמישער באַזע.

אין די ניינציקער יאָרן פון ניינצעטן יאָרהונדערט איז אין ענגלאַנד אַנטשטאַנען אַ באַוועגונג, וועלכע איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „נייע פּראָבלעמען“, — וואָס אירע אָנהענגערינס האָבן געקעמפט אויסשליסלעך פאַר דער אַנטוויקלונג אין פאַרפעסטיקונג פון דער פּרוויאַטער אינדיווידואַליטעט, כּדי צו דערמעגלעכן, אַז די פרויען זאָלן אויף אַ מער-בּכבודיקן אופן דערפילן זייערע פליכטן לגבי די מענער, באַזונדערס, זייערע מוטערלעכע פליכטן. די שרייבערינס פון דעמדאָזיקן לאַגער, ד ז ש אָ ר ד ז ש ע ד ז ש ע ר ט אָ ן (מיס גאָלרינג בראַיט) מ אָ נ אַ ק אַ י ר ד און ס אַ ר אַ ג ר אַ נ ד (מיס מפאַלי) האָבן געשילדערט אין זייערע פילצאָליקע און שטאַרק-פּאָפּולערע ראָמאַנען דעם קאַמף פון די פאָרטגעשריטענע פרויען פאַר דער איינהאַלטונג פון זייער אייגענער פערזענלעכקייט, פאַר אַ פאַרשטאַנדיקער און פרייער דערציִונג פון זייער פאַראַנטוואָרטלעכער ראָל אַלס פאַמיליענמענטשן. קליינבירגערינס זעגען אין תּוך אויך אַזעלכע שרייבערינס, ווי ו ו ע ר אַ („איינע פאַר אַלע“) און אַזעלכע פיגורן, ווי ב י ע ר נ ס אָ נ ס סוואַוואַ („די הענטשקע“), וועלכע זעען-איין דעם צענטראַל-פּונקט פון דער פּראַגע אין דער נויטווענדיקייט פון דער ביז-חתונהדיקער בתולהדיקייט נישט בלויז פאַר דער פרוי, נאָר אויך פאַרן מאַן. זיי מיינען נאַאיוו, אַז אַזאַ אוטאָפּיע איז ביי היינטיקע סאָציאַלע באַדינגונגען או ספּ רבאַר.

צוגלייך מיט דערדאָזיקער ריין-בורזשואַזער באַוועגונג לאָזט זיך אויך באַמערקן אַ מער-ראַדיקאַלערע ריכטונג, וועלכע שטאַמט פון די קרייזן פון די אַרבעטנדיקע אינטעליגענטקעס, פון אומאָפּהענגיקע אינטעלעקטועלע אַרבעטערינס, וועלכע טרוימען אוועקצושטעלן די הייראַט אויף יסודות פון פרייער ליבע. אין ד ז ש. ה ע נ ר י מ אַ ק אַ י ' ס דערציילונג „די הייראַט“ באַגעגנט אַ שרייבער אין אַ קליינער פּראָווינץ-שטאָט אַ לערערין, וועלכע ער האָט פריער אין דער הויפּטשטאָט געקענט אַלס ענערגישע טוערן אין דער פרויען-באַוועגונג. היות ווי דידאָזיקע יונגע מענטשן פילן איינער צום אַנדערן אַן אויפריכטיק געפיל און היות ווי ביידע פאַרדינען זיך אויף לעבן, באַשליסן זיי זיך צו פאַרבונדן אויף יסודות פון קעגנזייטיקער אומאָפּהענגיקייט. „מער פאַר אַלץ האָב איך ליב מיין פרייהייט, — זאָגט די לערערין, — פּונקט ווי איר שטעלט העכער פון אַלץ אייער פרייהייט. מיר ווילן, בכן, זיין אין אַלע הינזיכטן

אומאָפּהענגיק, און אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז ס'איז אוממעגלעך צוזאַמענצולעבן, זאָל יעדערער גיין אין זיין וועג". און ווען ער הויבט אויף זיין בעכער און שרייט־אויס: „פאַר אונזער ליבע", פאַריכט זי אים: „ניין, פאַר אונזער פרייהייט, ווייל די פרייהייט וועט באַגייסטערן און פאַרפעסטיקן אונזער ליבע".

דידאַזיקע שטרעבונג פון דער פּראָגרעסיווער בורזשואַזער אינטע־ליגענטקע צו מאַטעריעלער אומאָפּהענגיקייט שטויסט זיך אָן, פאַרשטענד־לעך, אָפט אויף אומפאַרשטענדעניש און קעגנווירקונג מצד דעם מאַן אינעם ראָמאַן פון דער דענישער שריפטשטעלערין מאַדאַם האַנזען, „טע־רעזאַ קערולף", איז אַ יונג מיידל, אַ קינסטלערין, גרייט חתונה צו האָבן מיט אַ פאַבריקאַנט, נאָר מיט אַ באַדינג, אַז זי וועט אויך נאָך דער חתונה זיך אַליין פאַרדינען איר חיונה אַלס לערערין פון צייכענען אָדער אַלס צייכנערין. דער חתן זאָגט זיך קאַטעגאָריש אָפּ דערפון, ווייל „אַ מאַנסביל איז שוין אַזוי דערצויגן, אַז ער מוז זיין דער אויס־האַלטער און באַלעבאָס פון דער „פאַמיליע", און ווען ער וואָלט גע־דאַרפט נעמען ביי איר געלט אויף דער באַלעבאַטישקייט, וואָלט ער זי געמוזט „פאַראַכטן און פיינט האָבן". „אויב אַזוי, — ענטפערט אים טע־רעזאַ, — פאַרשטיי איך נישט פאַרוואָס דו שטעלסט זיך נישט פאָר, אַז אויך איך וועל האָבן צו דיר אַזעלכע געפילן. מיר, פרויען, האָבן אַזוי לאַנג געמוזט לעבן מיט נדבות, פאַרוואָס־זשע ווילט איר אויך איצט ביי אונדז צונעמען דאָס רעכט אַריינצוטראָגן אונזער חלק אין דער ווירט־שאַפט, איצט, ווען מיר ווילן עס אַליין". היות ווי דער חתן האַלט זיך ביי דאָס זייניקע, רייסט זי מיט אים איבער מיט די פאָלגנדיקע ווער־טער: „וואָס פאַר־אַ רעאַקציאָנער דו ביסט אין דער פאַמיליע־פראַגע, דו, וואָס דו ביסט אַזאַ ליבעראַל אין דער פּאָליטיק. צי קענסטו דען נישט פאַרשטיין, אַז איך מוז מיך פילן אומאָפּהענגיק, כדי זיך צו פילן גליקלעך".

די שטרעבונג פון דער פּראָגרעסיווער אינטעליגענטקע אויסצו־מיידן די געפאַר פון דעם מאַנס דעספּאָטיע האָט אין די קרייזן פון די אַרבעטנדיקע פעמיניסטקעס אַרויסגערופן נאָך אַ ראַדיקאַלערע באַוועגונג, ווי דעם קולט פון ציטווייליקער פרייער ליבע, נעמלעך אַ פּרוּוו ווידער־אויפצולעבן דעם אַלטערטימלעכן מאַטריאַרכאַט, דאָס אַלטערטימלעכע מוטער־רעכט, ד. ה. אַ פאַמיליע, וואָס באַשטייט בלויז פון דער מוטער מיט די קינדער. באַזונדערס הייס האָט געקעמפט פאַר דעמדאָזיקן אי־

דעאַל די דייטשישע פעמיניסטקע ר. בּ ר ע אינעם בוך „רעכט אויף מוטערשאַפט”. די שיינע ליטעראַטור האָט אויך זייער אָפט אַרויסגע־בראַכט טיפּן פון אַזעלכע מיידלעך־מוטערס. אין בּ ר י ע ׳ ס פּיעסע „מוטערשאַפט” ווייזט־אויף דער אַדוואָקאַט, וואָס פאַרטיידיקט אַ נישט־פאַרהייראַט מיידל, וועלכע ווערט באַשולדיקט אין קינדערמאָרד, אין זיין רעדע, אַז ס׳איז שוין צייט צו פאַרענדיקן מיט די אַלטע פאָראורטיילן און אַז מען מעג שוין אָנהייבן צו אַכטן די פרוי אַלס מוטער אומאָפּ־העניגיק דערפון ווער עס איז געווען דער פאָטער פון אירע קינדער, און צי זי איז דערביי פאַרהייראַט צי נישט. די שרייבער, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט דעמדאָזיקן פּראָבלעם, שטרייכן גערן אונטער די טראַגישע לאַגע פון אָט־די דרייסטע פּיאָנערינס, וועלכע איז אַ רע־זולטאַט אָדער פון דער נישט־צוגעפּאַסטקייט פון זייער פּסיכיק צו דער־דאָזיקער נייער לאַגע אָדער פון דער פיינטלעכער באַציאונג צו זיי מצד דער געזעלשאַפט.

אין דער פּיעסע פון דעם נאָרוועגישן שרייבער ב אָ י ע ר „טעאָ־דאָראַ” ווערט געשילדערט אַ מיידל, וואָס וויל זיך אָפּגעבן דער וויסנ־שאַפט. זי קאָ זיך אָבער אויך נישט באַפרייען פון דעם מוטערשאַפט־אינסטינקט. צוזאַמענקומענדיק זיך געשלעכטלעך מיט אַ מענטש, וואָס איז איר סימפּאַטישער, ווי אַלע איבעריקע, פאַרלאַנגט זי פון אים, ער זאָל זי פאַרלאָזן תיכף ווי זי וועט נאָר ווערן אַ מוטער. דערנאָך איז זי אַזוי פאַרנומען מיט איר דיסערטאַציע, אַז זי באַמערקט נישט, ווי איר קינד גייט אויס, און ווען עס שטאַרבט, קאָן זי צו זיך נישט קומען פון דעם גרויסן אומגליק. פריער האָט זי געזען אין קינד אַ שטערונג אויף איר וועג צו אַן אומאָפּהענגיק אַרבעט־לעבן, און איצטער זעען ביי איר אויס רום און כבוד אַלס נישטיקייטן אין פאַרגלייך מיט די פריידן פון אַ מוטער. פון דערדאָזיקער פאַרפלאָנטערטער לאַגע זוכט טעאָדאָראַ אַן אויסוועג אין פרייוויליקן טויט.

אויב טעאָדאָראַס ליידן זענען אַ פועל־יוצא פון איר נישט־צוגע־פּאַסטקייט צו דער נייער לאַגע, איז די סיבה פון הערמיניאַ באַרטאָנס טראַגיזם — אין ג ר אַ נ ט ־ אַ ל ע נ ס ראָמאַן „די פרוי, וואָס האָט געוואַגט” — אין איר קאָנפליקט מיט די פאָראורטיילן פון דער גע־זעלשאַפט.

הערמיניאַ, אַ לערערין אין איינעם פון די פּריוואַטע לאָנדאָנער פּענסיאָנס, האָט באַשלאָסן איר הייראַט־לעבן אויפצובויען אויף נייע

יסודות. זי וועט לעבן באַזונדער פונעם מאַן, זי וועט זיך מיט אים זעען בלויז דאַן, ווען זי וועט עס אַליין וועלן, און זי וועט אַליין דערציען אירע קינדער. די גאַנצע געזעלשאַפט, ווי איין מענטש, שטעלט זיך איר אַנטקעגן: מ'באַגריסט זיך נישט מיט איר, מען מיידט זי אויס. צוועקנעמענדיק ביי איר דאָס רעכט צו זיין אַ לערערין, וויל מען ביי איר מיט גוואַלט אויך צונעמען דאָס קינד... זייענדיק אויסגעמאַטערט פון לאַנגיעריקן נישט־גלייכן קאַמף, איז שוין הערמיניאַ גרייט אָפיציעל חתונה צו האָבן, כדי שלום צו מאַכן מיט דער געזעלשאַפט. אָבער נאָך אַ געוויסן ישוב־הדעת באַשליסט זי צו פאַרבלייבן געטריי אירע אָנשויאונגען. „צי דען וועל איך קאָנען זאָגן מיין טאָכטער: אין דער יוגנט האָב איך נישט געוואָלט חתונה־האָבן מיט דיין פאָטער צוליב אַ פּרינציפּ, און שפּעטער בין איך איינגעגאַנגען אויף אַ קאָמפּראָמיס מיט דער געזעלשאַפט צוליב דער אָנגענומענער בכבודיקייט". און די טאָכטער, צוליב וועלכער זי האָט העלדיש געבראַכט אַזוי פיל קרבנות, דערלאַנגט איר אַ טויט־קלאַפּ. זי רייסט איבער מיט דער מוטער, וועלכע האָט איר צוגענומען דעם גוטן נאָמען אין די אויגן פון דער וועלט, און זי האָט חתונה ווי אַ פּראָסט־פּשוטע קליינבירגערין מיט אַ רייכן סקוואַיר. הערמיניאַ, אַ באַזיגטע און אַ פאַרשטויסענע, ענדיקט איר לעבן מיט זעלבסטמאָרד.

היות ווי די פרויען־באַוועגונג האָט אין געוויסע פאַלן געקאָנט ברענגען צו פּאַטאָלאָגישע אַנאָמאַליעס, צוליב דעם, וואָס די פּסיכיק פון דער פרוי האָט געמוזט דורכמאַכן אַ גרינטלעכן איבערברוך אונטערן דרוק פון די נייע סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען, האָבן די שרייבער־רעאַקציאָנערן, וועלכע האָבן געחלומט צו האַלטן די פרוי ווי פריער אין אומבאַדינגטער פאַרשקלאַפונג, זיך באַנוצט מיט דערדאָזיקער נאַטירלעכער קרענק פון דער איבערגאַנג־צייט, כדי צו שילדערן די „נייע" פרויען בכלל אַלס אומנאָ מאַלע פאַרשווינלעכקייטן מיט אַבסאָלוט ווילדע געשלעכטלעכע באַדערפעענישן. אין אַזאַ גייסט זענען אָנגעשריבן די עסייען פון דעם שוועדישן שרייבער אָל האַנסאָן „די געוויינלעכע פרויען". באַזירנדיק אויפן געדאַנק, אַז אין יסוד פון דער פרויען־פּסיכיק ליגט דער געשלעכטלעכער אינסטינקט, באַמיט זיך דער מחבר צו דערווייזן, אַז אָט־דער אינסטינקט איז אין אונזער תקופה פון „אויסגלייכנדיקע" טענדענצן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קרענקלעכער ליידנשאַפט, וואָס האָט געמאַכט די פרוי טויגבאַר בלויז פאַר דער קליניק, אָדער דער

דערמאָנטער אינסטינקט איז לגמרי אַטראָפירט געוואָרן, אָפּטויטנדיק צוזאַמען דערמיט אין דער פרוי יעטוועדעס פסיכישע לעבן.

היות ווי די פרויען־באַוועגונג האָט אין געוויסע פאַלן געקאָנט אַרויסרופן ביי אירע אָנהענגער אַ ביסל אַ פרייערן בליק אויף די געשלעכטלעכע פאַרהעלטנישן, האָבן די שרייבער־רעאַקציאָנערן אויסגענוצט דידאָזיקע איינצלנע פאַקטן, כדי דורך זיי אַרויפצוואַרפן אַ שאָטן אויפן פעמיניזם בכלל.

דער שוועדישער שרייבער סטרינדבערג, וועלכער איז אַליין אין דער יוגנט געווען אַן אָנהענגער פון דער פרויען־עמאַנציפּאַציע, שילדערט אין זיין ראָמאַן „דער ווידוי פון אַ נאַר" אַ פרוי, וועלכע גייט איבער פון איין מאַנספּאַרשוין צום אַנדערן, און זי האָט נישט דאַקעגן צו מאַכן אַ כוסה נישט ערגער פונעם ערשטן־בעסטן סטודענט, און דער מחבר דערקלערט אירע „אוממאָראַלישע" אינסטינקטן דערמיט, וואָס זי האָט זיך אַדורכגעדרונגען מיט די באַפרייאונג־אידעען פון דער דעמאָקראַטישער און סאָציאַליסטישער עפּאָכע. איבערצייגנדיק זיך, אַז די עמאַנציפּאַציע פון די פרויען זאָל כלומרשט זיין אַן אויסטראַכטעניש פון זיי גופא, כדי צו קאָנען באַרעכטיקן זייער אויסגעלאַסנקייט, קומט סטרינדבערג צום אויספיר, אַז דער פעמיניזם איז אומבאַדינגט אַ שלעכטע זאַך, און אַז מען מוז מיט אַלע כוחות אונטערהאַלטן די אַלטע אויטאָריטעטישע אָרדנונג, ווען דער מאַן איז געווען דער „האַר" פון דער פרוי, און די פרוי האָט געפונען איר באַרוף און גליק אין דער פריינוויליקער אונטערטעניקייט צום מאַן און אין דער שטילער דערפילונג פון אירע היימישע און פאַמיליע־פליכטן.

XI.

אויב אין דער שאַפונג פון דער נייער מערב־אייראָפּעאישער ליטעראַטור האָבן זיך באַטייליקט די אַריסטאָקראַטישע און די קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ, דער אינטעליגענטער פּראָלעטאַריאַט און די פּראָגרעסיווע בורזשואַזע פרוי, — איז אָבער דידאָזיקע ליטעראַטור צומווייניקסטן דורכגעדרונגען מיטן גייסט פונעם אַרבעטער־קלאַס.

ביי די איצטיקע סאָציאַלע באַדינגונגען האָט דער פּראָלעטאַריאַט

נאַטירלעך נישט געקאָנט אויסאיבן אַ באַזונדערע השפעה אויפן קינסטלערישן שאַפן.

און פונדעסטוועגן קאָנען מיר זיך אין אַ געוויסער מאָס פאָרשטעלן, וואָס ער וואָלט געקאָנט אַריינברענגען אין דער קונסט אין זין פון אידעען, בילדער און שטימונגען, ווען ער וואָלט נישט געוועסט געהאַט געפּענטעט די הענט מיט די פיס דורך דעם אייזערנעם יאָך פון קאַפּיטאַל.

די לירישע גערדיכטן פון דער איטאַליענישער דיכטערין אַ ד אַ נ ע ג ר י, אַ טאָכטער פון אַ פויער און פון אַ פאַבריק־אַרבעטערין, אַנטהאַלטן אַ מין סקיץ פון דער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע.

אין דידאָזיקע לידער („דער גורל”, „שטורעמס”) זענען קריסטאַליזירט די טרערן און דער צאָרן פון מיליאָנען פאַרשקלאַפטע האָרעפּאַשניקעס.

פון אומעטום, „פון די לעכער, אַוואו עס וואוינט דאָס אַרבעטער־פאָלק, פון אונטער די טונקעלע פאַבריק־געוועלבונגען, אַוואו עס פייפן די שטאָלענע מאַשינען, פון די בלאָטיקע, זומפּיקע פעלדער מיט זייערע גיפטיקע אויסהויכונגען”, דערטראָגט זיך צו די אויערן פון דער דיכטערין אַ געוויין, „אַן אומאויפהערלעכער, אַ צעצויגענער”: ווי אַ וואָלקן פאַרטונקלט ער די זון, און דערדאָזיקער וואָלקן דערלאָזט נישט צו איר קיין „פרייד, שיינקייט און פרימאָרגן־ליכט”.

און פונדעסטוועגן איז אַדאַ נעגרי נישט קיין פּעסימיסטין.

ווען אפילו איר האַרץ ווערט אַמאָל פאַרמרהשחורהט דורכן געדאַנק, אַז „זי איז געוואַקסן תמיד אין נעפּל”, דערנערנדיק זיך „מיט טרערן און צער”. ווען אפילו עס טרעפט אַמאָל, אַז עס אַווייזט זיך פּלוצלינג, ווי אַ צופעליקער שאָטן, וואָס קומט־אַרויף אויפן קלאָרן הימל אין אַ זומערדיקן טאָג, אַ גיכפאַרשווינדנדיקער געדאַנק וועגן נירוואַנאַ. פריידיק און דרייסט שליידערט זי אַראָפּ פון זיך דאָס שפּינוועבס פון קליינלעכקייט און צעקראָכענעם אומעט.

איך קום פון פאָלק, און אָט:
כ׳לאָז דעם אומעט זיך נישט שפּינען,
כ׳גיי־אַנטקעגן דעם באַגינען.
איך דורשט נאָך אַרבעט, די אַרבעט זי איז הייליק,
זי דערהויבט אונז און מאַכט אונז גלייך;

כ׳דורשט נאָך שטורעמס, וואָס קומען איילּיק,
נאָך ליבע רוישיקער, מיט צאַרטקייט רייך.

זי האָט אַזוי ליידנשאַפטלעך ליב דאָס לעבן, אַז זי וואָלט געוואָלט אייביק יונג זיין, אויף פליגלען אַרומפליען איבער אַלע שטחים, דורכלעבן אַלע ליידן און אַלע פריידן פון דער וועלט.

„דיך בלויז, טויט, איך פאַרלייקן".

זי האָט גרעניצלאָז ליב „די טיפקייט פון די הימלען, דאָס בלישטשענדיקע פייער, די ערד די הייליקע, וואָס די זון באַפרוכפערט זי, אָט־דעמדאָזיקן גיגאַנטישן קעסל, אין וועלכן עס קאָכט זיך אומאויפהערלעך, און ס׳הערט זיך אַן אייביקער גערויש און האַמער־געקלאַפ".

„לשם אַלץ, וואָס ווערט אויף דער ערד געבוירן, לשם אַלץ, וואָס לעבט מיט האָפענונג אויף דער וועלט, לשם אַלץ, וואָס קעמפט, וויל איך, וויל איך אומשטערבלעך זיין".

אַזוי גייט אַריבער אַדאַ נעגריס פּאָעזיע פון „געוויין" אויפן ביטערן גורל פון פּראָלעטאַריאַט אין יובלענדיקע אַקאָרדן לכבוד דעם וואונדערבאַרן לעבן אויף דער וועלט און זיין סימבאָל — די שיינענדיקע זון.

„פון שמעקנדיקן וואַלד גיי איך, איך, די טאָכטער פון אַ פּויער, און זינג דרייסט אַ הימן צו דער אייביקער זון!"

אין וואונדערלעכער וויט באַווייזט זיך פאַר איר דאָס בילד פון דער צוקונפטיקער מענטשהייט.

דאָס וועט זיין אַ וועלט פון אַ ל ג ע מ יי נ ע ר אַ ר ב ע ט.

אַלע מענטשן זענען געוואָרן אַרבעטער אויף די פעלדער און אין די פאַבריקן. „פאַרנעמט־זשע דעם אויבנאָן, איר, מיט די לאָפּאַטעס, רידלס, העק און מאַשינען, פּאָרויס, איר ריטערס פון דער אָנקומענדיקער ערע! אַלע זענען מיר קינדער פון דער נאַטור. אַלע זענען מיר אַרבעטער".

דאָס וועט אויך זיין אַ וועלט פון אַבסאָלוטער ג ע ר ע כ ט י ק יי ט.

„ס׳קומט אָן אַ נייער טאָג. ער וועט געבן אַ מעגלעכקייט פון מענטשלעכער עקזיסטענץ פאַר די אַלע, וואָס האָבן זיך געמאַטערט אונ־

טערן יאָר פון דער אומגערעכטיקייט. די גערעכטיקייט וועט פאַרנעמען דאָס אָרט פון רחמנות. ס'וועט שוין מער נישט זיין נישט קיין זיגער, נישט קיין באַזיגטע, נישט קיין האַרן, נישט קיין קנעכט".

דאָס וועט אויך זיין אַ וועלט פון אַ ל פ ע ר ק ע ר ל ע כ ן ש ל ו ם.

מען הערט שוין מער נישט, נישט די שיסעריי פון געווער, נישט דעם זיפץ פון פאַרוואונדעטע, נישט קיין מלחמהדיקע געזאַנגען.

די גאַנצע וועלט איין משפחה. אַ הייליקע שטרעבונג
צינדט-אָן די הערצער און וועקט.
עס שאַלט יום-טובדיק אַ המן פון פאַרגעבונג
איבער דער וועלט פון עק ביז עק.

דאָס וועט, צומלעצט, זיין אַ וועלט פון אַלגעמיינעם ג ע ז ו נ ט און ג ל י ק.

„זע, ווי ברייט ס'איז די ברוסט ביי די אַרבעטער, ווי זיי בליען פון געזונטער קרעפטיקייט. אין זייערע מוחות קומען-אויף גרויסע געדאַנקען. נישטאָ שוין מער נישט קיין טרויער, נישט קיין אומעט. דאָס לעבן איז געוואָרן אַן אייביקער פרילינג, אַ מאַי-יום-טוב פון קושן און לידער".

פון אומעטום טראָגט זיך פריידיק דער אָטעם
פון אַ ניי לעבן, פון גליק און קראַפט.

אַזוי שליסט זיך אָפּ אַדאַ נעגריס פּאָעזיע — די פּאָעזיע פון ליידנדיקן און קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט — מיט אַ מעכטיקער סימפאָניע לכבוד דעם אָנקומענדיקן „דריטן קעניגרייך" — דאָס קעניגרייך פון דער ב אַ פ ר ײ ט ע ר אַ ר ב ע ט.

פון פעט-באַמיסטיקטע פעלדער און שטחים
שלאָגט אַ רויכל אַרויס,
ס'גייען די אַקערס, די קעסלען זיי קאָכן,
ס'קלאַפּן מאַשינען מיט גערויש.

אַדאַ נעגרי

עמיל זאָלאַ

און איבער דעם טומל פון אַרבעט און פרייד,
אַרבעט, וואָס ערד טוט אינפלייסן,
האָט זיך די פרייהייט ליכטיק צעשפּרייט
און פּאָכעט מיט פליגלען מיט ווייסע.

XII.

די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ באַדן, וואָס איז ווייניק גינציק פאַרן קינסטלערישן שאַפן און באַזונדערס פאַר דער ליטעראַטור.

די גרויס-בורזשואַזיע, וועלכע איז אינגאַנצן פאַרנומען מיט האַנדל-אינדוסטריעלע אינטערעסן, מיטן געיעג נאָך גרויסע פאַרדינסטן, און דער גאַנצער קאָלאָסאַלער שטאַב פון אינטעליגענץ, וואָס באַדינט זי, וועלכע איז געצוואונגען צו זיין אַריינגעטון פון אינדערפרי ביז ביי-נאַכט אין הכנסה-און הוצאה-ביכער, אין געשעפטלעכער קאָרעספּאָנ-דענץ און אין דער דערפילונג פון טעכנישע פונקציעס, — דידאָזיקע עלעמענטן זענען געשטימט צו-פּראָזאַאיש און צו-פּראַקטיש, אַז זיי זאָלן זיך אינטערעסירן מיט קינסטלערישע אויסטראַכטענישן און מיט שיינע עסטעטישע פאָרמען. צוליב איר עקסטרעמען אוטיליטאַריזם און עפּיקו-רעאיזם איז די גרויס-בורזשואַזיע גענויגט צו האַלטן קינסטלערישע פאַר-געניגנס פאַר עפּעס אַ מין גאַסטראָנאָמישער הנאה. קאַרלייל נאָך איז שאַרף אָנגעפאַלן אויף דער בורזשואַזיע פאַר אַזאַ גראָב-מאַטעריאַליס-טישער אָפּשאַצונג פון דער קונסט. בשעת ביי די אַנטיקע פעלקער האָט די פּאָעזיע געשילדערט די טואונגען פון די געטער און די טריאומפן פון די העלדן, איז זי, לויט זיינע ווערטער, אין דער היינטיקער געזעל-שאַפט געוואָרן אַ פּשוטע „נאָכמיטאָג-פאַרווייַלונג", אַ צוגאָב צו דער „גו-טער דירה און געשמאַקער קיך". די מוזעס, די ליכטיקע טעכטער פון אָלימפּ, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „אָנבושהדיקע באַיאַדערקעס" און זיי זענען געוואָרן קעבסווייבער ביי די „פוסטע מאַגנאַטן פון קאַפּיטאַל, זיי העלפן זיי צו פאַרדייען דאָס עסן". פון אַזאַ גאַסטראָנאָמישן שטאַנדפּונקט קוקן אויף דער קונסט אין א בסענס פּיעסע „דאָס ווילדע ענטל" די געסט פונעם קאַפּיטאַליסט ווערלע, וועלכע נעמען זיך נאָך אַ זאַט מיטאָג באַטראַכטן די רעפּראָדוקציעס פון באַרימטע קינסטלערישע

שאַפונגען דערפאַר, ווייל זיי האַלטן, אַז ס'איז נישטאָ קיין בעסער מיטל צו פאַרלייכטערן די שפּייז־פאַרדייאונג. אין בעסטן פאַל נעמט־אָן די בורזשואַזיע די קונסט, לויט דעם אויסדרוק פון איינעם פון אירע גרעס־טע פילאָזאָפן — ספּענסערן, בלויז אַלס אַ ציללאָזן און נישט־ערנסט „שפּיל".

אין דער ירידה פונעם קינסטלערישן שאַפן אין דער צווייטער העלפט נײַינצנטן יאָרהונדערט איז געווען שולדיק נישט בלויז די אויבנ־אויפיקע און גאַסטראָנאָמישע באַציאונג פון דער גרויס־בורזשואַזיע צו דער קונסט, נאָר אויך די נישט־פאַרזיכערטע און אומפּרייע לאַגע פון די קינסטלער גופא. די גרעסטע מערהייט שרייבער הויבן אָן זייער קאַריערע, און אָפט ענדיקן זיי אויך זייער לעבן, אַלס אומפאַרמעגלעכע פּראָלעטאַריער, ווי זאָלאַ, למשל, וועלכער פלעגט אָפט נישט אַרויסגיין פון שטוב, ווייל זיין בגד איז געווען פאַרמשכּונט און וועלכער פלעגט זיך גאַנצע וואָכן נאָכאַנאַנד דערנערן בלויז מיט ברויט און קעז; ווי ווערלען, וועלכער איז געשטאָרבן אין אויסערגעוויינלעכער דחקות; ווי שלאַף און האַלץ, וועלכע האָבן געוואוינט אין עפּעס אַ פינצטער לאָך, וואו ס'פלעגט כּסדר בלאָזן דער ווינט און וועלכע פלעגן נישט־האָבנדיק קיין טאַבאַק רויכערן שטיקלעך פון אַ פאַרטרוקנטער בלומען־גירלאַנדע. די נויט און דער הונגער, וואָס ס'קומט אויס צו ליידן דער גרעסטער מערהייט שרייבער, ספּעציעל ביים אָנהויב פון זייער ליטעראַרישער קאַריערע, דערפירן צו אַ שנעלער אויסשעפּונג פונעם גאַנצן אָרגאַניזם און מאַכן זייער שאַפונג אויסערגעוויינלעך פּאַטאַלאָגיש. אין האַמסונס ראָמאַן „הונגער" ווערט געשילדערט אַן אָרימער שרייבער, וועלכער דערנערט זיך מיט גאַסן־אָפּפאַל און נעכטיקט אין וואַלד — און אין זיין פון כראָנישן נישט־דערעסן אויסגעשעפּטן מוח ווערן געבוירן די סאַמע־עקלהאַפטסטע בילדער און די סאַמע אומנאַטירלעכסטע סוזשעטן.

די נישט־פאַרזיכערטע מאַטעריעלע לאַגע צווינגט אויך די שרייבער צו פאַרקויפן זייער טאַלאַנט אונטערנעמערס, אַנטרעפּרענערן, אַרויס־געבערס, רעדאַקטאָרן, און ממילא מוזן זיי שאַפן נישט אַזוי, ווי זייער אינספּיראַציע הייסט זיי, נאָר ווי עס באַפעלט דער קאַפּיטאַליסט. אין פּשיבישעווסקיס ראָמאַן „די זין פון דער ערד" זעען מיר פאַר זיך אַ גאַנצע גרופּע אינטעליגענטע פּראָלעטאַריער, קינסטלער, קאָמפּאָזיטאָרן און שרייבער, וועלכע זענען געצוואונגען צו שאַפן, לויטן אונטערנע־מערס באַשטעלונג, פאַרן מאַרק. „דער גאַנצער גרויל פון זייער לאַגע

איז באַשטאַנען דערין, וואָס זיי האָבן פאַרפּאַטשקעט זייער נשמה מיט פאַלשקייט, אָפט פלעגן זיי קריצן מיט די ציין און זיי האָבן דאָך געשריבן, ווייל מ׳קאָן דאָך נישט נעכטיקן אונטערן פרייען הימל — און ווענען ווילט זיך עס שטאַרבן אַ הונגער-טויט".

פאַר די אויגן פון דידאַזיקע קבצנישע קינסטלער באַווייזט זיך פון צייט-צו-צייט אַ שרעקלעך פאַרזעעניש, וואָס לייגט אַרויף זיינע אייזערנע הענט אויף זייערע נשמות און אויף זייער שאַפן. „מיין נאָמען איז מיליאָנען, — זאָגט דאָס פאַרזעעניש צו זיי, — בוקט זיך פאַר מיר". אַמאָל רייסט זיך אַרויס פון זייער ברוסט אַ קרענקלעכער געשריי וועגן באַפרייען זיך פון דער ממשלה פון מאַרק און קאַפּיטאַל. „מיר זענען נישטיקע ליליפּוטן, — קלאָגט זיך דער אַרכיטעקט, — מיר בויען פאַר די רייכע בורזשואַזן סעצעסיאָנען, בירפּאַלאַצן, אָ, ווען מ׳קאָן עס האָבן די מיליאָנען, ווען מ׳קאָן האָבן די מעגלעכקייט פריי צו שאַפן, אויפצוקלערן אין יעדן ווינקעלע פונעם היימישן לאַנד די ריינע שיינקייט פון אַלטערטום". „איך פאַרמאָג טאַלאַנט און איך וואָלט געקאָנט שאַפן עפּעס גרויסעס, — העלפט-צו דער שרייבער, — אָבער איך בין אָרים און איך מוז אַרויסוואַרפן אויפן מאַרק קיינעם נישט-נויטיק ברוכוואַרג". „גיט מיר עפּעס אַ קעניג, וואָס זאָל ליב האָבן מוזיק, — שרייט דער קאָמפּאָזיטאָר, — און געלט, גיט מיר געלט". און איינער נאָכן אַנדערן פאַרקויפן זיי זיך, די אומגליקלעכע, אָדער זיי נעמען שיכורן, אָדער זיי שיסן זיך אַריין אַ קויל אין שטערן.

ווי פאַרדאַרבנדיק עס ווירקט די אָפּהענגיקייט פון מאַרק אויף דעם שאַפן פון די שריפטשטעלער, קאָן מען אויך זען פון פאָלגנדיקן ביישפּיל. ווען ז ו ד ע ר מ אַ ן האָט געבראַכט צום דירעקטאָר פון בערלינער טעאַטער זיין ערשטע דראַמע „ערע", וואָס אין איר לכתחילהדיקער רעדאַקציע האָט זיך דער סאָציאַלער קאָנפליקט פאַרענדיקט מיט אַ טראַגישער קאַטאַסטראָפע (דער זון פונעם פּראָלעטאַריער ראָבערט הייניקע דערהאַרגעט דעם פאַבריקאַנטס זון, וואָס האָט פאַרפירט זיין שוועסטער), האָט אים דער דירעקטאָר געעצהט איבערצומאַכן דעם סוף, ווייל דאָס בורזשואַזע פּובליקום האָט נישט ליב קיין צו-שטאַרקע צעטרייסלונגען, און דער יונגער מחבר האָט געמוזט אים-צוליב קאַליעמאַכן דעם פינאַל פון זיין פּיעסע.

אין דער הייַנטיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וואו די קינסטלערישע ווערק ווערן אַ סחורה, וואו איינע פון די באַדינגונגען

פאַר דער גאַנגבאַרקייט פון דערדאָזיקער סחורה איז איר נייקייט, זע־
נען די שרייבער געצוואונגען כסדר צו טוישן די ריכטונג און די
פאָרמען פון זייער שאַפן, אויב זיי ווילן נישט פאַרלירן די סימפּאַטיעס
פונעם פּובליקום. דער פראַנצויזישער געלערנטער פ ע ל י ס י ע האָט
געשאַפן אויפן גרונט פון די אין די ראָמאַנען פון די נייע פראַנצויזישע
אויטאָרן געשילדערטע שריפטשטעלער, אַזוי צו זאָגן, אַ דורכשניט־טיפּ
פון אַ בעלעטריסט, און איינער פון די הויפּט־שטריכן זיינע, וואָס וואַרפט
זיך צומערסטן אין די אויגן, איז טאַקע אָט די אויסערגעוויינלעכע
פאַרענדערלעכקייט, דער באַגער נאָכצויאָגן פאַר יעדן פּרייז די שנעל
זיך־טוישנדיקע מאָדע, אַזוי אַז היינט איז ער אַ נאַטוראַליסט, מאָרגן אַ
סימבאָליסט, דערנאָך ווערט ער אַ מאַראַליסט, און פּלוצלינג פאַלט ער
אַריין אין סאָציאַליזם. אַז אין דערדאָזיקער כאַראַקטעריסטיק איז גאָר־
נישט איבערגעטריבן, קאָן מען זען פונעם ביישפּיל מיט הויפּטמאַנען,
וועלכער האָט זיך מיט אַ פיבערהאַפטער אומרואיקייט גענומען סיי צו
דער פאַמיליע־דראַמע, סיי צו דער היסטאָרישער טראַגעדיע, סיי צום
ראָמאַנטישן מעשהלע, און אויך צו דער סאָציאַלער טעמע. די נויטווענ־
דיקייט צוצופּאַסן זיך צו די שנעל זיך־ענדערנדיקע געשמאַקן פון פּוב־
ליקום האָט געמאַכט די שרייבער פאַר אויבנאויפיקע און נישט־טיפע,
זי האָט זיי אַראָפּגעגענידעריקט צו דער מדרגה פון ליטעראַרישע באַלמע־
לאָכעס, וואָס אַרבעטן פאַרן מאָמענטאַלן דערפאָלג, און נישט צוליב דעם
פּראָגרעס פון דער קונסט.

נישט וועלנדיק אַרבעטן פאַרן מאַרק און פאַרן ברייטן פּובליקום,
האָבן די מער־ערנסטערע שרייבער זיך אָפּגעשלאָסן דעריבער אין ענגע
קרייזלעך, שאַפנדיק פאַר געציילטע, פאַר אויסדערוויילטע קעפּ. זייענדיק
אָפּגעגרעניצט אין זייער קליין קעניגרייך פון דעם אַרומיקן ברויזנדיקן
לעבן, זענען דידאָזיקע קינסטלער באַלקאָרכעדיק פאַרוואַנדלט געוואָרן
אין שמאָלע פּראָפעסיאָנאַליסטן. אַ נאַוואַטאָר איז ביי זיי געווען יענער,
וואָס האָט דערפונדן אַן אויסטערליש בילד אָדער אַ נישט־געוויינלעכן
גראַם. אין דער אַטמאָספער פון קרייזלדיקייט איז די פּאָעזיע געוואָרן אַ
ריין־פאָרמעלע, און וואָס ווייניקער זי איז געווען פאַרשטענדלעך פאַר
דער מאַסע, אַלץ ווערטפולער האָט זי אויסגעזען ביי די קינסט־
לער גופא.

און בעת אויבן האָט זיך די קונסט פאַרוואַנדלט, לויט ר י כ אַ ר ד
וו אַ ג נ ע ר ס אויסדרוק, אין „אַ מיטל געלט צו פאַרדינען, ווילנדיק די

זאַטע און פּוסטע גבירים", אָדער, אין בעסטן פאַל, לויט וויליאַם מאָריסעס ווערטער, אין „אַ מיסטעריע, וואָס ווערט געשאַפן דורך ווייניק מענטשן פאַר ווייניק מענטשן", איז אונטן די פילמיליאָניקע מאַסע פונעם פּראָלעטאַריאַט אויך געווען פאַר דער קונסט אַן אומזיכערער אַנלען. דער אויסערגעווייִנלעך לאַנגער אַרבעטס-טאָג, דער נישטיקער לוין, די נויטווענדיקייט צו קאָנצענטרירן די אויפמערקזאַמקייט און די ענערגיע אויפן וואָכעדיקן, עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף, אָט דאָס אַלץ האָט צוגענומען ביים פּראָלעטאַריאַט די מעגלעכקייט זיך צו אינטערעסירן מיט קינסטלערישן שאַפן.

נישט-ווילנדיק איז אויפגעשוואומען די פראַגע, וויאַזוי ווידעראויפצולעבן די אונטערגייענדיקע קונסט?

דאָסדאָזיקע פּראָבלעם איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דורך די צוויי קלאַסן, וועלכע שטייען ביידע אויף יענער זייט בורזשואַזער וועלט, דורך די אידעאָלאָגן פון דער אַריסטאָקראַטיע און די אידעאָלאָגן פון פּראָלעטאַריאַט.

דער ענגלישער קונסט-היסטאָריקער און סאָציאַל-פילאָזאָף דזשאָן ריעסקין איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ שאַרפע קריטיק איבער דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט פון אַן עסטעטישן שטאַנדפּונקט. ריעסקין האָט אויפגעוויזן, אַז ביי די באַדינגונגען פון מאַשינאַלער פּראָדוקציע, וואָס איז אויסגערעכנט אויפן וועלט-מאַרק, איז די קונסט פאַרמשפּט אויף אונטערגאַנג. דער צענטער פונעם לעבן ווערן די אינדוסטריעלע גרויסשטעט, וועלכע זענען שמוציק, פאַררויכערט און נישט-שיין, וואָס זייער באַפעלקערונג „איז באַשעפטיקט מיט דער דערנידעריקנדיקער אַרבעט פון אָנזאַמלען רייכטום אויף פרעמדן חשבון אָדער פון קריגן אַ נישטיק שטיקל ברויט פאַר זיך". די מאַשינען פּראָדוצירן אין אַ מאַסן-צאָל מיאוסע קעגנשטאַנדן לויטן פּרינציפּ: ביליק און פּאַסקודנע. אונטערן דרוק פון די אייזנבאַנען פאַרשווינדן די שיינע לאַנדשאַפטן און די מאָלערישע פּייזאַזשן. קיין שום זאַך, נישט אין דער אַרומיקער נאַטור, נישט אין טאָגטעגלעכן לעבנשטייגער צערטלט נישט דאָס אויג מיט דער שיינקייט פון ליניעס, טענער און מיט דער פיינער אויסגעצירקלטקייט. די געזעלשאַפט האָט זיך שאַרף פונאַנדערגעשפּאָלטן אויף צוויי קעגנזעצלעכע לאַגערן. די בורזשואַזיע אָנערקענט איין גאָט, דעם ריווח, לכּבוד וועלכן זי שטעלט בלויז אויף פאַבריק-קוימענס, האַפן-דאַמבעס און בערזע-געביידעס. דער

אַרבעטער איז דעגראַדירט געוואָרן פֿון אַ מענטש אויף אַ מאַשין, ער איז געצוואונגען זיך צו באַשעפֿטיקן מיט באַלקאַרכעדיקער, אומגעהויער־שווערער, פֿאַרטעמפּנדיקער מעכאַנישער אַרבעט. „און דאָרט, — רופֿט אויס ריעסקין, — וואו מענטשן לעבן נישט אַ צופֿרידן לעבן אויף דער פֿרייער לופֿט, וואו אויף טריט און שריט רינגלען זיי אַרום מיאוסע קעגנשטאַנדן, וואו זיי זענען תּמיד פֿאַרזונקען אין איינטאָניקער, ריין־מעכאַנישער אַרבעט, דאָרט איז נישט מעגלעך קיין שום קונסט“.

וואו־זשע איז דער אויסוועג?

ריעסקין רופֿט צוריק צו דער מיטלאַלטערלעכער אָרגאַניזאַציע־פֿאָרם פֿון דער געזעלשאַפֿט. די גרויסע פֿאַבריק־שטעט דאַרפֿן פֿאַרניכטעט ווערן, און אויף זייער אָרט וועלן אויסוואַקסן פּרעכטיקע פּאַלאַצן און ציכטיקע דערפֿלעך. די לאַנדווירטשאַפֿט וועט ווידער ווערן דער דאָמינירנדיקער ווירטשאַפֿט־צווייג. דער באַלמעלאָכישער וואַרשטאַט וועט אַרויסשטויסן די ענגע פֿאַבריק, די האַנטווערקעריי וועט פֿאַרבייטן די מאַשין־פּראָדוקציע. דער הערשנדיקער קלאַס — די גוטבאַזיצערס, קאַפּיטאַליסטן און די אינטעליגענץ, וועלן לעבן נישט ליידיקגייעריש, נאָר זיי וועלן אויספֿירן אַפֿילו אַ טייל פֿון דער פּראָסטער אַרבעט. און דאָס האָרעפּאַשנע פֿאָלק, וואָס וועט זיך געפֿינען אונטער זייער פֿאָטערלעכער השגחה, וועט זיין באַפֿרייט פֿון אומגעהויער־שווערער, באַזונדערס פֿון מעכאַנישער אַרבעט.

אַזוי־אַרום וועלן די מענטשן, וואָס וועלן אויסוואַקסן אין אַ מאָלעריש־שיינער סביבה, — באַפֿרייט ווערנדיק סיי פֿון דער פֿאַרטעמפּנדיקער פֿוסטאונפּאַסנעקייט און סיי פֿון דער פֿאַרטעמפּנדיקער שווערער אַרבעט, עמאַנציפּירנדיק זיך פֿונעם יאָך פֿון דער מאַשין, וועלכע פּראָדוצירט בלויז נישט־שיינע זאַכן, — פֿונדאָסניי דערפֿילן, לויט ריעסקינס מיינונג, די באַדערפֿעניש אין עסטעטישע עמאָציעס, און ס'וועט זיך פֿונדאָסניי פֿונאַנדערבליען די קונסט, ווי אַ פּרעכטיקע בלום.

ריעסקינס לערע וועגן ראַטעווען די קונסט דורך דער רעסטאַוראַציע פֿון דער האַנטווערקעריי און דורך דער פֿעאָדאַלער אָרגאַניזאַציע פֿון דער געזעלשאַפֿט איז נישט מער, ווי אַן אומאויספֿירבאַרע אוטאָפּיע, דערפֿאַר ווייל די געשיכטע האָט נישט קיין טבע זיך אויסצודרייען מיט אירע רעדער צוריק, און זי לעבט נישט אויף דאָס, וואָס זי האָט אַליין חרוב־געמאַכט און פֿאַראורטיילט צום אונטערגיין.

אין קעגנזאַץ צו ריעסקינען, וועלכער קוקט זיך אום צוריק צו דער פאַרגאַנגענהייט, פאַרבונדן די סאָציאַליסטן, וואָס זייער בליק איז געווענדעט צו דער צוקונפט, דעם נייעם אויפבלי פונעם קינסטלערישן שאַפן מיט דעם קאָלעקטיוויסטישן איבערבוי פון דער געזעלשאַפט. מיט דער פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון די פּראָדוקציע־געצייג. וואַנדערוועלדע, דעסטרע, בעבעל און אַנדערע ווייזן־אויף, אַז ביי דער קאָלעקטיוויסטישער אָרדנונג וועט דער קינסטלער, קודם־כּל, זיין מאַטעריעל פאַרזיכערט, ווייל אַ טייל פון דעם מערוווערט, וואָס ביי היינטיקע באַדינגונגען האָבן זיך עס צוגענומען די קאַפּיטאַליסטן און גוטבאַזיצערס, וועט קאָנען אָפּגעגעבן ווערן די קינסטלער, און דערדאָזיקער טייל וועט קלעקן אויף צו ראַטעווען אָנספּקדיקע טאַלאַנטן פון כּלערליי מאַטערנישן. דער קינסטלער וועט פאַר זיך אויך האָבן אַסאַך אַ פאַרשיידנאַרטיקערע און גרעסערע אוידיטאָריע, ווייל זיי וועלן זיך קענען ווענדן שוין נישט בלויז צו אַ באַגרעניצטן הייפל גבירים, נאָר צו די מיליאָנען פּראָדוקטיווע מענטשן, וועלכע וועלן אַ דאַנק דער ווי געהעריק רעגולירטער אַרבעט און דעם העכערן אַנטוויקלונג־ניוואָ זייערן אַסאַך מער, ווי די היינטיקע אַרבעטער, שפּירן די באַדערפעניש אין עסטעטישע פאַרגעניגנס, און אַ דאַנק דעם געהעכערטן אַרבעט־לוין וועלן זיי האָבן די מעגלעכקייט דידאָזיקע באַדערפעניש צו באַפרידיקן.

אין דער קאָלעקטיוויסטישער געזעלשאַפט וועט דער קינסטלער זיין אָפּהענגיק שוין נישט פון די קאַפּריזן פונעם מעצענאַט, צי פון דער טיראַנישער מאָדע, נאָר פון דעם פאָלקס־ראַט, זיין הויפּטבאַשטעלער, וואָס ער אַליין איז אויך געווען צווישן זיינע וויילער, און צו וועלכן ער וועט תּמיד קאָנען אַפּעלירן אין פאַל פון עפּעס אַן אומגערעכטן באַשלוס. אויב אפילו די צענטראַלע אַדמיניסטראַציע וועט שטרענג רעגולירן די מאַטעריעלע פּראָדוקציע, כּדי אומפּאָרויסגעזעענע קריזיסן זאָלן נישט צעטרייסלען די ווירטשאַפט, וועט פונדעסטוועגן דאָס גייסטיקע שאַפן איר נישט זיין אונטערגעוואָרפן, עס וועט זיין פריי פון יעטוועדער רעגלאַמענטאַציע, דערפאַר ווייל אַן איבערפּראָדוקציע אויפן געביט פון דער לירִיק, למשל, אָדער אַ שוואַכע פאַראינטערעסירונג מיט באָטאַניק דראָען נישט דעם וואוילשטאַנד פון דער געזעלשאַפט מיט קיין קאָמפּליקאַציעס. „סאָציאַליזם אין דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע, אַנאַרכיזם אין דער אינטעלעקטועלער פּראָדוקציע, — באַמערקט

ק א ו ט ס ק י, — אָט אַזאַ איז יענער ווירטשאַפט־טיפּ, צו וועלכן עס גייט, געשטויסן פונעם היסטאָרישן פּראָצעס, די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט".

ס'איז שווער פאָראויסצוזאָגן אין דעטאַילן, אין וואָס פאַר אַ מצב עס וועט זיך געפינען די קונסט ביי דער קאָלעקטיוויסטישער אָרדנונג. אַלע אויטאָרן, וואָס האָבן געפרווט אָנצייכענען אַ בילד פונעם לעבן פון דער מענטשהייט, ווען זי וועט באַפרייט ווערן פונעם עקאָנאָמישן און קלאַסן־יאָך, וו. מ אָ ר י ס („נייעס פון ערגעצלאַנד"), זאָלאַ („די אַרבעט"), בעלעטשפאָרד („דאָס לאַנד פון ניסים"), קומען זיך צונויף צו דעם געדאַנק, אַז די ליטעראַטור וועט אין דער צוקונפט פאַרנעמען בלויז אַ גאַנץ צווייטראַנגיק אָרט. און דאָס איז פאַרשטענדלעך, וואָרום די ליטעראַטור האָט אַסאַך מער, ווי אַלע אַנדערע מינים קונסט, געדינט די אינטערעסן פון קלאַסנדיקן, נאַציאָנאַלן און געשלעכטלעכן קאַמף. און אַ מאַסע אינטערעסאַנטע סוזשעטן, וואָס שפּייזן די היינטצייטיקע שריפטשטעלער (דער קאָנטראַסט צווישן שטאָט און דאָרף, דער אַנטאַגאָניזם צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, די נאַציאָנאַלע מלחמה, די שטרעבונג צו פּאָליטישער פרייהייט, די שנאה פון די געשלעכטער), וועט אין דער צוקונפט פאַרלירן יעטוועדן ווערט. ס'איז פאַראַן אַן אַבסאָלוט־באַרעכטיקטער גרונט צו מיינען, אַז אין דער קומענדיקער אַרבעט־געזעלשאַפט, אַוואו דאָס לעבן וועט טראָגן אַ געזעלשאַפטלעכן און נישט קיין פּריוואַטן כאַראַקטער, וועלן אין פאָדערגרונט אַרויסגערוקט ווערן, ווי דאָס שטרייכן אונטער וו. מאָריס, קאַאוטסקי און אַנדערע, די אַרכיטעקטור און די מיט איר פאַרבונדענע מינים פון קינסטלערישן שאַפן, דעקאָראַטיווע מאָלעריי און די קינסטלערישע מלאכה.

צי וועלן דען בכלל די מענטשן נויטיקן זיך אין אַ ווערטערדיקער שילדערונג פון לעבן, וועלכע מוז באַלקאָרכעדיק תמיד זיין אומפּינקטלעך און סימבאָל־אַרטיק, בעת זייער אַרומיק לעבן, וואָס וועט נישט וויסן פון קיין אָרימקייט, אומגלייכהייט און קנעכטשאַפט, וועט אַליין זיין פול מיט שיינקייט, האַרמאָניע און ליכט. טאַקע בלויז די מאַיעסטעטישע און הערלעכע געביידעס, וועלכע וועלן זיין געבויט אין אַן אויג־צערטלענדיקן אַרכיטעקטאָנישן סטיל, באַפּוצטע מיט סקולפּטורן און פרעסקן, וועלן זיין בכוח צו רעדן צו זייער עסטעטיש געפיל, פאַרגרעסערנדיק אויף דער וועלט דעם אוצר פון פרעכטיק־שיינע קעגנשטאַנדן.

אין וו. מאָריסעס אוטאָפּישן ראָמאַן „נייעס פון ערגעצלאַנד" טרעפן

מיר אַ סצענע, אין וועלכער דערדאָזיקער געדאַנק איז אויסגעדריקט מיט גענויג קלאָרקייט.

דער מחבר זעט אין חלום די צוקונפט-געזעלשאַפט, וועלכע איז אויפגעבויט אויף די יסודות פון קאָלעקטיווער באַלעבאַטישקייט איבער די פּראָדוקציע-געצייג. אַרום און אַרום, וואוהין מ׳גיט נאָר אַ קוק, זעט מען אומעטום צעשפּרייט פּרעכטיקע אַרכיטעקטאָנישע בנינים, וואָס די וואַנט זייערע זענען באַצירט מיט פרעסקן-מאָלעריי; דאָס מעבל, דאָס געפעס, די בגדים, אַלץ גלאַנצט צוליב דער שיינער אויסאַרבעטונג און צוליב דער בונטער קלאָרקייט. דאָס גאַנצע לעבן איז געוואָרן אַ יום טוב פון פרייהייט, גליק און שיינקייט.

דער אויטאָר באַזוכט אויך, צווישן אַנדערע, אין דער באַגלייטונג פון צוויי שטאָטלייט — אַ פאַרליבט פּאָרל — אַן אַלטן ערדאַרבעטער, אַ גרויסן ליבהאָבער צום לייענען אונזערע היינטצייטיקע בעלעטריסטישע ווערק.

הויבט זיך אָן אַ שמועס וועגן ליטעראַטור.

לויט דעם אַלטנס מיינונג האָבן אַמאָל, ד. ה. אין אונזער איצטיקער צייט, מענטשן אינדערעמתן געקאָנט שרייבן, און ס׳איז אים אַ שאָד, וואָס ס׳איז שוין נישטאָ מער אַזאַ ליטעראַטור. „די דאָזיקע ביכער — ענטפערט אים אָפּ זיינס אַ יונג אייניקל, אַ מיידל, — האָבן געקאָנט געפעלן ווערן דעמאָלט, ווען מענטשן האָבן געמוזט זוכן פאַר זיך אַ רעטונג פון דער „נעבעכדיקער אָרימקייט פון זייער אייגן לעבן אין דעם אויספאַנטאַזירטן לעבן פון אַנדערע מענטשן“. דער אַלטער האַלט זיך ביי דאָס ווייניקע. „איר האָט אַלץ צו טון מיט ביכער און ביכער, — רייסט אים איבער דאָס מיידל, — ווען וועט איר שוין אַמאָל פאַרשטיין, אַז אונז אינטערעסירט פריער פאַר אַלץ די וועלט, אין וועלכער מיר לעבן, די וועלט, וואָס מיר בילדן אַ טייל פון איר, און וועלכע מ׳קאָן גאָרנישט ווי געהעריק ליבן“. דאָס מיידל האָט צעעפנט אַ פענצטער. אין סאָד האָט זיך צווישן שוואַרץ-פינצטערע שאָטנס אויסגעלייגט אַ ווייס לבנה-ליכט. דאָס דאָזיקע ליכט איז געפאַלן אויפן פאַרליבטן פּאָרל, וואָס האָט זיך שטאַרק געדריקט איינער צום אַנדערן, אויפן געזונטן פנים פון דעם אַלטן פויער, אויף דער גראַציעזער פיגור פון דעם מיידל — די אַרבעטערין. „גיב אַ קוק, — האָט זי געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף דעם באַצויבערטן סאָד, אויף די גליקלעכע פנימער פון די יונגע מענטשן און אויף דעם אַלטן, וואָס אין יענע „גוטע אַלטע צייטן“, וועלכע ער האָט שטאַרק געלויבט, וואָלט

ער מסתמא געמוזט שטאַרבן פון הונגער, — אָט דאָס זענען אונזערע ביכער, און אויב מיר וואָלטן געוואָלט שאַפן עפּעס הערלעכס, ווער־זשע שטערט אונז אָנטיילצונעמען אין דער בויאונג פון איינער פון יענע וואונדערבאַרע אַרכיטעקטאָנישע געביידעס, וואָס באַשיינען אונזער לאַנד".

מאָריס וויל דערמיט זאָגן: אויב דאָס לעבן וועט, באַפרייט ווערנדיק פון קנעכטשאַפט, אָרימקייט און שמוץ, אַליין ווערן אַזוי שיין, ווי אַ קינסטלעריש ווערק, וואָס־זשע קאָן מוסיף זיין צו דערדאָזיקער שיינקייט, וואָס איז אויסגעגאָסן און שיינט אַרום־און־אַרום, איר תמיד־שוואַכע און נישט־פינקטלעכע אָפּשפּיגלונג אין דער ליטעראַטור?

אינהאַלט-פאַרצייכניש:

זייט

אַריינפיר 5

1. די עפּאָכע פון נאַטוראַלער ווירטשאַפט

I די ווירקונג פון די עקאָנאָמישע באַדינגונגען אויף דער מענטש-לעכער פסיכיק אין אויף דעם ליטעראַרישן סטיל . 9

II די פּאָעזיע פון דער מלחמה-האַלטערישער אַריסטאָקראַטיע 13

III די פּאָעזיע פון דאָרף 20

IV די קירכלעכע ליטעראַטור 22

V דאַנטע 26

2. דער אויפקום פון דער שטאָטישער קולטור

I די ווירקונג פון דער שטאָט אויף דער מענטשלעכער פסיכיק און אויפן ליטעראַרישן סטיל 32

II באָ־אַטשיאָס „דעקאַמעראָן” און טשאָסערס „קענטערבערער דערציילונגען” 34

3. די הערשאַפט פונעם האַנדלס-לעבן

I די ווירקונג פונעם האַנדל אויפן לעבנשטייגער און אויף די זיטן 40

II די אַנטשטייאונג פון דער אינטעליגענץ, איר כאַראַקטער און וועלטאַנשויאונג 44
III די עמאַנציפּאַציע פון דער פרוי פון די הערשנדיקע קלאַסן 50
IV דער צעפאַל פון ריטערטום 52
V די פאַראַרימונג פון דאָרף 56
VI די שטאָטישע אונטערוועלט. די „פּאָליטישע דערציילונג" . 59
VII שעקספּיר 61
VIII די הויפיש-וועלטלעכע קולטור און איר אָפּשפּיגלונג אין דער ליטעראַטור 68

4. די אַנטשטייאונג פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

I די פּסיכאָלאָגיע און די דיכטונג פון דעם ענגלישן פּוריטאַנערטום. מילטאָן 77
II די ווירקונג פון די בורזשואַזע זיטן אויף דער ענגלישער ליטעראַטור פון אַכצענטן יאָרהונדערט 82
III די אָפּשפּיגלונג פון די קלאַסן-פאַרהעלטנישן אין דער ענגלישער ליטעראַטור פון אַכצענטן יאָרהונדערט . . 86
IV מאָליער אַלס קעמפער פאַר דער באַפרייאונג פון דעם דריטן שטאַנד אין פראַנקרייך 94
V דאָס פראַנצויזישע טעאַטער אַלס אַרענע פון קלאַסנקאַמף 97
VI די קלאַסן-אידעאַלן פון די פראַנצויזישע פילאָזאָפן פון אַכצענטן יאָרהונדערט 101
VII לעסינג אַלס קעמפער פאַר דער באַפרייאונג פון דייטשישן בירגערטום 110
VIII די „שטורעם-און דראַנג"-פּאָעטן אין זייער קאַמף מיט דער אַלטער אָרדנונג 116
IX געטע 124

5. די פעאָדאַל־מאָנאַרכישע רעאַקציע.

I די טעאָרעטיקער און פּאָעטן פון דער רעאַקציע אין פראַנקרייך 131
II דער דייטשישער ראָמאַנטיזם 137

6. די עפּאָכע פון אינדוסטריעלער איבערקערעניש.

I די אינדוסטריעלע איבערקערעניש אין ענגלאַנד. די דיכטונג פון דער ראַדיקאַלער אַריסטאָקראַטיע. בייראָן און שעלי 144
II דער טריאומף פון דער בורזשואַזיע. די סאָציאַלע פראַגע אין דער ענגלישער ליטעראַטור פון די דרייסיקער און פערציקער יאָרן 155
III די סטאַביליזירונג פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט אין פראַנקרייך, אירע שטייגער־שרייבער, טעאָרעטיקער און קריטיקער 163
IV די סאָציאַלע פראַגע אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור פון די דרייסיקער און פערציקער יאָרן . . . 174
V די פאַרוואַנדלונג פון דייטשלאַנד אין אַן אינדוסטריעל לאַנד. די פּאָעטן פון „איבערברוך”: אימערמאַן, היינע, לענאַאו 185
VI די דייטשישע בורזשואַזיע און די אינטעליגענץ ערב דער מערץ־רעוואָלוציע 195
VII דער קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון איטאַליע 201
VIII דער טריאומף פון רעאַליזם 207

7. אויף צומאָרגנס נאָך דער רעוואָלוציע פון 48-טן יאָר.

I די אָפּשפּיגלונג פון דער רעאַקציע אין די שטימונגען פון דער אינטעליגענץ 210
II די רעאַקציאָנערע פּאָזיציע פון דער ליטעראַטור . . 215

8. דער פונאנדערגליי כונעם קאפיטאליזם.

I דער אונטערגאנג פון הארעפּאשנעם פויערטום און זיין אפשפיגלונג אין דער ליטעראטור 222
II די דיכטונג פון שטאט 227
III די סאציאלע פראגע אין דער נייער ליטעראטור. זאלא: די קוילנגרעבער 234
IV דאס געשלעכט־פּראבלעם אין דער ליטעראטור פון דער צווייטער העלפט נײנצענטן יארהונדערט . . . 241
V די אנטשטייאונג פון דעם אימפּרעסיאניסטישן סטיל . 247
VI דער קלאסן־אינהאלט פון דער נייער ליטעראטור. די אריסטאקראטן־ניטשעאנער. ניטשע, רענאן, סטרינדבערג, ד'אנונציא 255
VII די אריסטאקראטן־דעקאדענטן, היסמאנס, ראדענבאך . 266
VIII די אפשפיגלונג פון די קליינבירגערלעכע שטימונגען און אידעאלן אין דער נייער ליטעראטור. איבסען און הויפטמאן 274
IX די דיכטונג פון דער באהעמע. פשיבישעווסקי, האמסון א. א. וו. 285
X די אפשפיגלונג פון דער פעמיניסטישער באוועגונג אין דער ליטעראטור פון דער צווייטער העלפט נײנצענטן יארהונדערט 296
XI די אידעאלן פונעם פּראלעטאריאט. אדא נעגרי . . 301
XII די קונסט אין דער קאפּיטאליסטישער און אין דער צוקונפטיקער געזעלשאפט 305